STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08315

LEBENSBESHRAYBUNGEN FUN BERIHMTE MENER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעבענסבעשרייבונגען

פון

בעריהמטע מענער

א גרויסע זאמלונג ביאגראפיעס פון די גרעסטע מענער פון אלע פעלקער אין אלע צייטען.

באנד I

רעליגיאנסגרינדער און רעליגיאנספיהרער

ליטעראַרישער פערלאג

256 איסט בראדוויי, ניו־יארק.

1916

אינהאלט:

משה

דריי גרויסע אבהאנדלונגען וועגען דעם לעבען און די אויפ־טהואונגען און די היסטארישע בעדייטונג פון דעם גרינדער פון דער אידישער רעליגאן.

1) אדאלף געלבער. משה דער בעפרייער.

2) אחד העם. משה דער נביא.

3) הענרי דזשארדזש. משה דער געזעצגעבער.

א. ז. כהן

יעזוס כריסטוס לעבען (ישוע הנוצרי). נאך די בעסטע אידי־שע און קריסטליכע קוועלען.

פיליפ קראנץ. מאהאמעד.

זיין לעבען און קאמפף פאר א נייע רעליגיאן.

פיליפ קראנץ. שבתי צבי.

דער פאלשער משיח מיט זיינע נביאים און פערעהרערס.

א. פרומקין. ר׳ ישראל בעל שם טוב.

דער גרינדער פון חסידיזם, זיין לעבען, טהעטיגקייט און פי־לאזאפיע.

משה

זיין לעבען, זיין תורה, זיין ווירקונג אויף דער מענשהייט

אדאלף געלבער: משה, דער בעפרייער

אחד העם: משה, דער נביא

הענרי ושארזש: משה, דער געזעצגעבער

ליטעראַרישער פערלאג, 256 איסט בראדוויי, ניו יארק.

.1916

א. געלבער.

משה, דער בעפרייער.

עטליכע ווערטער אלס הקדמה:

איך בין נישט קיין היסטאריקער און נישט קיין ביבעל-געלעהרטער, און בנוגע צו דעם, אויף וויפיעל עס זענען ריכטיג און גלויבהאפטיג די פאקטען, וואס ווערען דערצעהלט אין תנ״ך, פערהאלט איך מיך נישט ריין-וויסענשאפטליך. דארט, וואו ס'איז בולט די דיכטונג, די מיטאלאגיע, די פרומע פאנטאזיע, האב איך נישט ליעב צו מעסטען דאס אונגעוויסע מיט דעם מאסשטאב פון דאס געוויסע, און נישט אריינלאזענדיג זיך אין קיין טיעפע הקירות, נעהם איך אן אין דער ביבעל דאס, וואס איז עהגליך אין איהר צו פאזיטיווער היסטאריע, האטש ס'איז קלאר, אז פאר דעם היסטאריקער הויבט זיך טאקע דא ערשט אן די פליכט פון קריטישער אונטערזוכינג. ווארום דאס וואלט דאך מוזען מיט בלויזע נסים צוגעהן, ווען דאס בילד פון די ערשטע געשעהענישען האלט זיך נישט ענדערן אין דעם פערלויף פון די אלע הונדערטער יאהרען, וואס עס האט געהאלטען אין איין איבערגעהן פון מויל צו מויל און פון דור צו דור; און עס איז דעריבער אויך נישט ריכטיג צו מעסטען אלע ערצעהלונגען פון דער תורה מיט איין און דערזעלביגער מאס, און צו אלע גלייך זיך צו בעציהען, ווי צו א געוויסען היסטארישען בעריכט, וואס איז געשריבען געווארען פון מענשען, וועלכע זענען דערביי געוועזען.

פון דעסטוועגען טהו איך אזוי; און פרעגט מען מיך: פארוואס? ווייס איך נאר דאס צו זאגען, אז די ביבעל אינטערעסירט מיך

אזוי, ווי זי איז, אויך נ י ש ט וויסענדיג פון די אַלע הקירות וועגען
דעם, אויף וויפיעל דער פאָלקסגייסט האָט כעמיש געענדערט דעם
פאַקטען-מאַטעריאַל אין דעם פערלויף פון די פערגאַנגענע הונדער-
טער יאָהרען; מיך אינטערעסירט די ביבעל, אַזוי ווי מיך אינטע-
רעסירט שעקספּיר'ס אָדער האָמער'ס אַ ווערק, ביי וועלכען איך
בענוגען מיך מיט דעם רעזולטאַט אַליין, און קלער גאָרנישט וועגען
דעם, זיך אַוועקצוזעצען וויסענשאַפטליך אויספאָרשען דעם וועג, אויף
וועלכען עס איז צוגעקומען צו זיין אינהאַלט.

קורץ: איך בין, ווי איך האָב שוין געזאָגט, נישט קיין היסטאָ-
ריקער און נישט קיין ביבעל-געלעהרטער, נאָר אַ פשוט'ער לעזער,
וועלכער פרעגט זיך אַליין, ווי צו פערשטעהן דעם בוך, וואָס ליעגט
גראָד פאַר איהם, אַלס היסטאָרישען מקור. געוועהנליך צווייפעל איך
נישט אין דעם, אַז מיינע אויספיהרונגען לאָזען זיך וויסענשאַפטליך
שטאַרק אָבוועגדען; דעם נאַאיווען אָבער, וועלכער האָט געליינט
די ביבעל אינגאַנצען אָהן אייגענע השערות און אָהן דעם בעוואוסט-
זיין פון וועלכען ס'איז אונטערשייד צווישען געשעהעניש און ער-
צעהלונג, דעם דאָזיגען תמים האָב איך אפשר נאָך עפּעס צו זאָגען.

נאָך דער הקדמה, וויל איך ערקלערען, פאַרוואָס די מאַרטירא-
לאָגיע פון משה'ס לעבען, ווי זי ווערט געשילדערט אין דער תורה,
מאַכט אויף מיר אַזאַ שטאַרקען איינדריק; אום צוצוקומען דערצו,
מוז מען זיך פריהער אָבער אַ קלאָרע פאָרשטעלונג מאַכען איבער
דער ענטשטעהונג פון דעם מאָנאָטעאיסטישען געדאַנק, ווי זי ווערט
איבערגעגעבען אין די ביבלישע ערצעהלונגען. אין אָנהויב איז עס
געווען דער מעסאָפּאָטאַמיער אברהם, וועלכער האָט דער ערשטער
עמפּפונדען דאָס בעדערפניש, אַלץ וואָס איז געווען אין פערהאַן
צוריקצופיהרען ביז איין איינציגער ווירקענדער אורזאַך. די פרומע
בעוואונדערונג פון די שפּעטערדיגע דורות האָט איהם געמאַכט פאַר אַ
העלד און איהם געלאָזען פאַר זיין געדאַנק אויך פערשיעדענע ליידען
איבערטראָגען; אַזוי, צום ביישפּיעל, האָט זי איהם צוגעשריבען די
נויטווענדיגקייט, צו אַנטלויפען פון דערהיים און זיך אַוועקצולאָזען
אין דער פאַר-זיין-צייט-נאָך-אונבעקאַנטער צפון-וועלט.

דאָ אָבער, מיין איך, איז נויטיג עטוואָס קריטיציזם. די גע-
וואָהנהייט, צו בעלויהנען העלדישע טהאַטען מיט שרייענדע עפּי-
זאָדען, האָט אַרויסגערופען די אַנדערע געוואָהנהייט, צו שליסען

אויף פאַראויסגעגאַנגענע העלדענשאַפטען, דאָרט, וואו ס'געפינען זיך מצבות מיט שרייענדע אויפשריפטען; און אַזוי ווי אברהם ווערט גערעכענט פאַר דעם אור־עלטער־זיידען פונ'ם ערשטען מאָנאָטעאיסטישען פאָלק, איז עס נאַטירליך, אַז מ'האָט איהם געלאָזען פאַר זיין אידעע זיך ענטשליעסען אויך אויף אויסערגעוועהנליכע זאַכען און איבערטראָגען שטאַרקע ליידען. אין דער אמת'ען אָבער גלויב איך, אַז דער העראָאיזם פאַסט זיך גאָרנישט צו דער מילדער שטאָלצקייט, מיט וועלכער ס'איז דורכגעדרונגען אַלץ, וואָס ס'ווערט אין דער ביבעל דערצעהלט וועגען איהם, און ווייטער, אַז די צייט, לויט איהר כאַראַקטער, האָט פון איהם איבערהויפט קיין איבערטריבענעם העלדענמוט נישט געקענט פערלאַנגען, ווייל זי איז נאָך אינגאַנצען פריי געווען פון דער ניגונג, צו פאָדערן אַ אויסשליסליכע אַנערקענונג פאַר וועלכען ס'איז גלויבען אָדער פאַר וועלכער ס'איז איבערצייגונג. עגיפט'ער, בבליים, אשוריים, פערסיאַנער — וואָס האָט זיי געקענט אָנגעהן דער איין צוגעקומענער גאָט דאָרט, וואו זייערע געטער זענען שוין אין די הונדערטער געווען?

אונז איז דאָ אינגאַנצען נישט נויטיג צו רעדען פון דעם הויכען און געלייטערטען אינדיפערענטיזם (גלייכגילטיגקייט אין אמונה־ענינים), וואָס האָט געהערשט אין רוים און גריכענלאַנד, וואו די פראַגע, וועמען ס'געהערט די ערד, איז אַ סך וויכטיגער געווען פון די הקירות וועגען דעם, וויפיעל געטער עס הערשען איבער איהר אין הימעל, און וואו מ'פלעגט אויסשטעלען טעמפלען פאַר פרעמדע געטער מיט דער זעלביגער לייכטקייט, מיט וועלכער מ'העגנט היינט אַרוים די פאַרבען פון אַ פרעמדען מאָנאַרך, אום איהם כבוד אָנצוטהון. דאָס איז געווען די שטימונג פון דער וועלט אין דעם פערלויף פון די אַלע הונדערטער יאָהרען נאָך דער געשעהעניש אין מעסאָפּאָטאַמיען, און דאָס, וואָס ס'האָט דאַן איבעראַל געהערשט איז נישט קיין סבלנות געווען, נאָר אַ זעלבסטפערשטענדליכע און נאַאיווע אַנערקענונג פון דעם רעכט, וואָס עס בעזיצט יעדער מענש, זיך אָנצופילען דעם רוים פון זיין הימעל מיט וועזענס פון זיין פאָרשטעלונג. און אויב ס'איז אַזוי געוועזען אַזאַ לאַנגע צייט דערנאָך, פאַרוואָס זאָל עס נישט האָבען געוועזען אַזוי אויך פריהער שוין ביי די טייכען פרת און חדקל? איך גלויב דעריבער, אַז אויך אין מעסאָפּאָטאַמיען איז די אַ פּרעגונג נישט אַזוי גרוים געווען, ווען איינער האָט זיך ערלויבט צו האָ־

בען זײן אײגענע מײנונג װעגען דער סבה פון אלע ערשײנונגען. און איז עס מיט איהם טאקע אזוי געװען, מוז מען אנערקענען פאר איבערטריבען אין דער לעגענדע די פארשטעלונג װעגען דעם, אז אברהם איז געװען א רעװאלוציאנער און איז אנטלאפען פון דערהײם צוליעב רעליגיעזע פערפאלגונגען; ער האט עס געטאן גלײך מיט הונדערטער אנדערע אין יענער אונרוהיגער צײט פון אלגעמײנע װאנדערונגען, אום אויסצוגעפינען א זיכערע הײם פאר װײב און קינדער, און א גוטען פאשע־ארט פאר זײנע שעפסען און רינדער.

קוים אבער נעהמען מיר אן, אז ער איז נישט געװען קײן אנטלאפענער צוליעב זײן אידעע, נאר א בעשײדענער אויסװאנדערער, װאס האט זיך געלאזען אין דער װעלט, װײל איהם האט זיך געדאכט, אז דארט װעט איהם בעסער זײן, און רעכנען נאך צו צו דעם אויך דאס, װאס מיר געפינען בײ איהם קײנמאל נישט דעם דראנג און די שטרעבונג, איבערצוגעבען זײן איבערצײגונג אויך אנ׳אנדערן, — קענען מיר דערפון לײכט שליעסען, אז די מאנאטעאיסטישע אנשויאונג איז בײ איהם איבערהויפט נישט צוגעפיהרט געװארען ביז דער גיפטיגקײט און ממשות׳דיגקײט פון א רעליגיעזען געדאנק און איז איינגאנצען בעשטאנען בלויז פון עטליכע אבסטראקטע פארשטעלונגען, װעלכע ער האט נאר פאר זיך געהאט און בלויז צו דעם אײגענעם געברויך איבערגעגעבען אויך זײן זוהן, גארנישט הלומענדיג װעגען דעם, אז אט די פארשטעלונגען האבען אין זיך עטװאס אונגעהויערעס און װעלען אמאל דער גאנצער װעלט בעהערשען. קורץ: יעדער מענש, יעדעס געשלעכט, יעדע פראײנגטע משפחה האט זיך געהאט דאמאלס איהרע הויז־געטער און שיצונגס־גײסטער, און אזוי האט ער אויך, פון קײנעם קײנע טענות נישט ארויסרופענדיג, געהאט זײן הויז־גאט, און האט גארנישט געקלערט װעגען דעם, צו זעהען אין איהם א װעלטבעװעגענדען פרינציפ.

און אויך נאך איהם האט די אידעע פאר זיך קײן גרויסע און לײדענשאפטליכע פראפאגאטארען נישט געהאט. יצחק מיט זײן װײכער און נישט־אקטיװער נאטור איז געװען דער טיפישער געשײטדען־פרומער יורש, אהן א שום דראנג צו שאפען עטװאס נײעס און דאס געירשה׳נטע צו פערמעהרען, און דער צװײטער איבערנעהמער פון דער אידעע, יעקב, האט אײגענטליך אויך גאנץ װעניג זיך געמיהט, איהר צו פ..רטיעסען און צו פערשפרײטען. ס׳איז אמת,

אַז די פרומע ליעבע פון די שפּעטערדיגע דורות האָט צוגעשריבען
דעם דאָזיגען דריטען מעהר פון די פריהערדיגע צוויי פערשיעדע-
נע בעגעגנונגען מיט הימלישע גייסטער און בכלל אַזעלכע שטימונגען,
וואָס רופען אַרויס אַ פרומע מורא פאַר גאָט. מיר שיינט אָבער, אַז
דאָס איז געשעהען נאָר צוליעב דער רחל-אידיליע אינ'ם אָנהויב
פון זיין לעבען און צוליעב זיין שפּעטערדיגען אונגליק; זיין כאַראַקטער
פאַר זיך איז געווען, פערקעהרט, אַזוי האַרט און שטאַרק, אַז עס
וואָלטען זיך אייגענטליך געפּאַסט צו איהם גאָר אַנדערע סענטי-
מענטען. ער האָט בעסער פון זיינע עלטערען פערשטאַנען, ווי זיך
דאָס לעבען אַנגענעמער צו מאַכען, ער האָט מעהר פון זיי פער-
גניגען געפונען אין דעם „שענעם געשלעכט", און קעלטער, שנ-
דענדער פון זיי האָט ער זיך בעצויגען צו זיינע פרויען, אַזוי אַז
אויסער דער דערמאָהנטער רחל'ען, האָבען זיי אַלע איבערגעטראָגען
דעם שמערצליכסטען גורל פון שקלאַפינען, אין דער צייט, ווען
זאָגאַר די פלגש פון אברהמ'ען, הגר, וואָלט פון קיין שלעכטס נישט
וויסען, ווען נישט די קנאה פון איהר האַרענטע, שרה. דאָס אַלץ איז
שטרענג-טרוקענע ווירקליכקייט, און ווי פּאַסט זיך עס דערצו, אַז
ער זאָל האָבען געלעבט אינגאַנצען נאָר מיט'ן גייסט פון דעם גע-
ירשה'נטען געדאַנק וועגען גאָט און וועלט? און נאָך ווייניגער איז
דערצו צוגעפּאַסט דאָס, וואָס ביי דעם גוט צוגעגרייטען אַנטלוי-
פען פון מעסאָפּאָטאַמיען, האָבען זיינע פרויען אונטער זייערע קאָ-
מעל-זאָטלען מיטגעבראַכט מיט זיך אויך די אַוועקגעגנב'עטע פאַ-
מיליענגעטער פון זייער פאָטער. אמת, יעקב האָט אפשר נישט גע-
וואוסט דערפון; קוים אָבער וואָלט ער ווירקליך זיין אַ מענש מיט
אַ געוויסער אייגענער אידעע ווי וואָלט ער עס נישט געפונען פאַר
נויטיג אינ'ם פערלויף פון זיין לאַנגער ליעבע צו רחל'ען זיך צו
בעמיהען, וועניגסטענס איהר פאַר זיך צו ערציהען און צו איבער-
צייגען, אַז זיין גאָט קען נישט לעבען צוזאַמען מיט אַנדערע געטער?
דער גאָט פון אברהם, איז אַלזאָ געווען אַ בלויזע פאָרשטע-
לונג אָהן וועלכער ס'איז וועלטליכער פאָדערונג, אַ בלויזע לאָ-
גישע אַנשויאונג, אַז עס איז קליגער צו צושרייבען אַלע ערשיינונגען
פון דער וועלט צו איין איינציגער סבה, ווי אָנצונעהמען פאַר זיי
הונדערטער זיך ווידערשפּרעכענדע סבות און דערנאָך ערשט האָבען
פאַר זיך אַ — רעטעניש. דערפאַר אָבער האָט שוין דער גאָט

פון יעקב׳ן געהאט בלוט און בערערפנישען ; דאס איז שוין געווען

[illegible] שוץ־און פאַמיליענגאָט, און אַלס אַזעלכער טאַקי איז ער יעקב׳ן
פון יעקב׳ן געהאַט בלוט און בערערפנישען ; דאָס איז שוין געווען נויטיג געווען. ביי דעם לינזען־געשעפט מיט עשו׳ן, ביי דער שאָס־קאָמבינאַציע מיט לבנ׳ען, ביי דעם צוריקקעהרען אין כנען, ווען ס׳האָט זיך געפיהלט די נויטיגקייט פון עפּעס א רעכטליכען אויטאָריטעט, אום צוריק אָבצונעהמען דאָס לאַנד פון זיינע איצטיגע איינוואָהנער, — ביי די אַלע פּעלען האָט זעהר גוט געלויהנט זיך צו בערופען אויף אַ גאָט, וועלכער האָט געהייסען, למשל, צוריק צונעהמען פאַר זיך די כנען־טעריטאָריע, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זי איז אַמאָל אינגאַנצען הפקר געווען און וואָס זי איז דערווייל בעזעצט געוואָרען פון אַנדערע.

דאָס איז די אמת׳ע בעציהונג, וואָס האָט געהערשט צווישען די „אבות” און זייער גאָט ; פון אַ גאָט אָבער אין דעם שרעקליכען, וועלטליכען און צוזאַמען דערמיט אויך ערהויבענעם זין, וואָס ער קריעגט ביי משה׳ן, — איז אין דעם אַלעמען נאָך קיין זכר נישט געווען.

און דאָ קומט פאַר אין דער ביבעל עטוואָס מערקווירדיגעס ; איך מיין דעם רמז, אויף דעם, אַז פון נישט האָבען, וואָס צו טאָן האָט דער גאָט פון די אָבות אָנגעהויבען אַזוי ווי איינצושלאָפען און אָבצושטאַרבען ביסלעכווייז. דאָס איז עס, וואָס שפּיעלט זיך אָב אין דער הפסקה צווישען דעם ערשטען און דעם צווייטען בוך פון דער תורה ; וואָרום וואָס אייגענטליך איז מיט דעם מאָנאָטעאיסטישען געדאַנק געוואָרען נאָכדעם ווי די פאַמיליע, וואָס איז שוין איצט בעשטאַנען פון זיעבציג נפשות אויסער דער בעדואינישער און סעניצישער דיענער־שאַפט, וועלכע האָט אויך מסתמא אָנגעהויבען דיענען דעם יודישען פאַמעליענגאָט, — נאָכדעם, ווי די דאָזיגע פאַמיליע האָט זיך בעזעצט אין גושן? אין דער תורה ווערט דערצעהלט, אַז פון די זיעבציג נפשות זענען אין אַ פערלויף פון אַ געוויסער צייט אויס געוואַקסען זעקס הונדערט טויזענד מענשען, דאָרט ווערט אָבער גאָרנישט דערמאָהנט וועגען דעם, אויף וויפיעל די עגיפּטישע לופט האָט אויף זיי געווירקט. אַז אַ גרופּע פון זיעבציג מענשען זאָל נישט שפּיעלען קיין ראָליע אין אַ פרעמדער, ווילדער וועלט — דאָס לאָזט זיך נאָך אין אַ געוויסער מאָס בעגרייפען ; קוים אָבער איז אַ פאָלק פון זעקס הונדערט טויזענד מאַן ענג צוזאַמענגעוואַקסען מיט אַ אידעע, וועל־

ניע איז לויט איהר עצם נאטור נישט אימשטאנד זיך רוהיג צוזאמענצולעבען מיט אנדערע אידעען, — לאָזט זיך שוין אין קיין פאל נישט פערשטעהן דאָס, אז די דאָזיגע אידעע זאָל אין א פערלויף פון גאנצע פיער הונדערט יאָהר נישט ארויסווייזען קיין איין סימן פון לעבען. די געשיכטע פון יעדער רעוואָלוציע, ווייסט צו דערצעהלען פון ליידענשאפטליכע אנהענגער, פראָפאגאנדיסטען און קעמפפער, און נאָר דאָ זעהט מען די מערקווירדיגע ערשיינונג, אז אזא בערעדעוודיגעס ווערק, ווי די תורה, וואָס ווייס צו רייהמען און צו פערצייכענען דעם מינדעסטען פערדיענסט, געפינט נישט אין דעם אונגעהויערען פערלויף פון איבער פיער הונדערט יאָהר קיין איין איינציגען מענשען, וועמעס אנדענקען עס זאָל לוידהגען איבערצוגעבען די קומענדיגע דורות; יא, אמת, אין דעם צווייטען ספר פון תורת משה רעדט זיך עטליכע מאָל וועגען געוויסע „זקני ישראל", און אויף דעם וואנדער-צוג דורכ'ן מדבר ווייזען זיך פירשטליכע מאגנאטען, וועלכע זענען מנדב גאָלד און זילבער פאר געזעלשאפטליכע צוועקען. די גאנצע מאסע פון זעקס הונדערט טויזענד מאן איז אלזאָ בעשטאנען נישט בלויז פון אָרעמע און אונטערדריקטע; עס זענען געווען דאָרט אויך רייכע, גליקליכע, און צווישען זיי מסתמא א גע[illegible]כע צאָהל אזעלכע, וועלכע זענען נישט פרעמד געווען אינגאנצען פון דענקען און האָבען געהאט געוויסע בעציהונגען מיט דער עגיפטישער קולטור; ד. ה. אלזאָ, אז עס האָבען זיך דאָרט בעשטימט געפונען אזעלכע פערזאָנען, וועלכע עס האָט אָן און פאר זיך נישט געפעהלט די פעהיגקייט, צו רעדען פאר א געוויסער אידעע און זי צו פערשפרייטען. און דאָך האָט עס קיינער נישט געטאָן; — דאָס דיענט, נאָך מיין מיינונג, אלס בעווייז אויף דעם, אז קיינער פון זיי האָט נישט בעגריפען דעם גלוטיגען פלאם, וואָס די אידעע שלאָגט ארויס פון זיך. און ווען זי איז פון דעסטוועגען נאָך אלעמען ביים לעבען געבליבען — א דאנק וועלכע אומשטענדען איז עס געשעהען? א דאנק איהר אייגענער קראפט? אונז זקנים מיט די גרויע האָר אויפ'ן קאָפּ האָט שוין די ערפאהרונג צו אָפט געוויזען, אז יעדע אידעע מוז האָבען איהר פראָפאגאנדען מעדיום, איהר לעבעדיגען מענשליכען פערמיטלער, און אז דער יוגענד-גלויבען אין די אייגענע קרעפטען פון דער אידעע איז אפשר פאר זיך א גאנץ שענער געדאנק, אָבער נישט קיין אויסגעהאלטענער. פאר איהר לעבען בלייבען האָט די מאָנאָטע-

איסטישע אידעע צו דאנקען בלויז נאָר דעם איינציגען אינדיפערענטיזם פון די עגיפטער, וועלכער האָט געהערשט ביי זיי, ווי ביי אַלע פעלקער פון אַלטערטום; פאַר זיי איז גענוג געווען צו אינטערדריקען די מענשליכע קערפּער, די מענשליכע לייבער, — די נשמות האָבען זיי צו-רוה געלאָזען. די יורשים אָבער פון דעם געדאַנק, די געבילדעטע, ווי די נישט געבילדעטע, זענען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פוילער מאַסע אָהן אַ שום שטוים-קראַפט און אָהן דער קראַפט פון וועלכע ס'איז זכרונות; אין אַ מאַסע, וואָס איז אימשטאַנד געווען צו מעסטען די בעדייטונג פון אַ אידעע, נאָר מעכאַניש, לויט דעם אויגענבליקליכען ערפאָלג אָדער שאָדען. זיך האָבען זיי געזעהען געדריקטע, געשלאָגענע, יענע ווידער, וועלכע האָבען געדינט דעם אַפּיס, זענען געזעסען אויבען אין דער הויך — און אַ ברייטער וועג פאַר נאָכגיעביגער פּשרה-מאַכעריי און צוזאַמענגיעסונגען האָט זיך פאַר זיי געעפענט; זיי האָבען נאָך כלומר'שט געערדט פון זייער שטאַמגאָט, זיי האָבען נאָך כלומר'שט געבעטען צו איהם — וואָס קען עס נאָך אַלעמען שאָדען? ווייטער אָבער פון דעם מינדעסטען צוטרוי צו זיין מאַכט איז אָט דער גלויבען נישט געגאַנגען. לאָמיר עס טאָן, ווייל אונזערע עלטערען האָבען עס אויך געטאָן; אָבער זעהט האָרט דאָס גאָלדענע קאַלב. — זעהט וואָס'רע נצחונות עס האָט! שקלאַפען זעגען מיר און וועלן עס שוין אייביג בלייבען, וואָרום ווען אונזער גאָט וואָלט אימשטאַנד זיין אונזער לאַגע צו ענדערן, — וויפיעל צייט האָט ער שוין געהאַט דאָס צו טאָן אין די פיער הונדערט יאָהר!

דאַן איז געקומען משה און האָט געוויזען: די טהעטיגע קראַפט פון דעם מענשען אַליין איז אימשטאַנד דאָס צו מאַכען, זי איז די בעסטע מעדיצין פאַר אַ קראַנק-געוואָרענעם און אָבגעשוואַכטען גאָט.

ווי שוין געזאָגט, האָט די תורה אין דעם פערלויף פון איבער פיער הונדערט יאָהר נישט געפונען פון קיין מענער, וואָס צו דערצעהלען. נאָר ערשט ביי דער געלעגענהייט פון משה'ס געבורט פערצייכענט זי ווידער אַ פאַקט פון מוט און מענשליכקייט; דאָס ווערט אָבער נישט פון קיין מענער דערצעהלט, נאָר פון פרויען, פון די ביידע הויבאַמען, וועלכע האָבען געהאַט דעם בעפעהל צו טויטען יעדען ערשט-געבוירענעם יונגעל פונ'ם יודישען שטאַם, און האָבען דאָס נישט געטאָן, ריזיקירענדיג דערביי מיט זייער לעבען. און נאָך אַ דריטע פרוי דאַרף דאָ דערמאָהנט ווערען, משה'ס מוטער,

וועלכע קען דינען אלס טהעמא פאר א גאנצער סעריע בילדער: ווי די בעהאלט דאס נייגעבוירענע קינד; ווי עס ווערט ביי איהר אין טוי־זענד שרעקען פערוואנדעלט דאס, וואס פערשאפט אנאנדער מוטער דעם גליקליכסטען פערגניגען, ווי זי ציטערט, אימיצער זאל נישט דערהערען, ווען דאס קינד הויבט אן צו וויינען, — און דאס אלץ גאנצע דריי שרעקליכע מאנאטען; ביז עס לאזט זיך שוין ענדליך ווייטער נישט געהן. דאס קינד איז שען און שטארק; וואס קרעפטיגער אבער דאס ווערט, אלץ מעהר און העכער שרייט עס, און אין דעם שכני׳שען געוועלט האט מען שוין געווים די קינדער־שטימע געהערט, און ביינדליכע בליקען טראגען אין זיך פערראט, מסירה.

וואס טהוט מען? וואו אין דער גאנצער וועלט געהט מען דא הילף זוכען?

אין אזא צייט ענדליך פאלט דער דאזיגער מוטער מיט די זיע־בען שווערדען אין הארצען אויך איין א אידעע. ווילהעלם טעלל האט געשאסען אינ׳ם עפעל, וואס איז געלעגען ביי זיין יונגעל אויפ׳ן קאפ — און אט די מוטער, וועלכע בעשליעסט זיך איהר טייערסטען וועזען דערמיט צו רעטען, וואס זי לאזט איהם איבער אין דער שרעק־ליכסטער געפאהר, די דאזיגע ארעמע פעלאכען־פרוי, וואס איז גע־פאלען אויף דעם געדאנק, דאס דריי־הדשים׳דיגע קינד אנצופעה־טרויען די וועללען פון טייך, — האט בעשטימט אויך געמוזט זיין א וועזען מיט אייגענער דרייסטקייט און ענטשלאסענקייט, און איז שוין געוועזן די ענערגישע מוטער פון דעם גרויסען משה.

און אט ליעגט דאס קינד אינ׳ם שווימקעסטעל, פעררוקט ער־גע׳ץ נאהענט פון ברעג, און דיכט דערביי, הינטער די צווייגען פון שלאנקע, געדיכטע טאמאריסקען אדער פון א דיקער סיקאמארע (פייגענבוים), ווערט איהם אוועקגעשטעלט אלס היטערין די פיערצעהנ־יעהריגע שוועסטער. זי זאל עס איהם העלפען; און זי ציטערט, ווי נאר דער ווינט הויבט אן עטוואס שטארקער צו וועהען צווישען די ביימער, און ציטערט, ווען וועלכע ס׳איז שווימענדע חיה ברויזט פי־נאנדער דעם וואסער, אין וועלכען עס הויבט זיך אן שטארקער צו שאק־לען דאס קעסטיל מיט דעם לעבעדיגען אינהאלט.

דאס בילד איז גאנץ אפט געמאלט געווארען פון פערשיע־דענע קינסטלער; איך געפין אבער, אז אין דעם פונקט זענען די דאזיגע קינסטלער מיט זייער בוכשטעבליכען גלויבען אביסעל צו

גײסטלאז. װארום נאך אײן פערזאן פעהלט אויף זייערע בילדער, א פערזאן, װעלכע מוז דא אונבעדינגט זיין, װייל די טויזענדער קרעפטען פון איהר צוריסענעם הארץ ציהען זי אהער, און פון װעלכער מ'שטעלט זיך פאר, װי די קניע ברעכען זיך איהר, װען זי איז נאך װייט, װייט אים הינטערגרונד, אין די װערבעס אדער אינ'ם שאטען פון די בוימער. מ'מוז דאך זיך איבערלעגען: די מוטער — װאו איז די מוטער געבליבען? איז עס דען מעגליך, אז עס האט זי גארנישט געטריבען אהער צו דעם פלאץ, אום װעניגסטענס מיט די אייגענע אויגען צוצוזעהען די ענטשיידונג: טוידט אדער לעבען? און אט אין אזא מין סיטואציע, דעם שיקזאל אנטקעגען װארטענדיג, איז די פרוי דארט ביים ניל געשטאנען און נאך מיט מעהר אנגסט פונ'ם פיערצעהניעהריגען מעדעל איינגעגראבען דעם בליק אין דער פינסטערער אונגעװיסהייט, װאס האט איינגעהילט אלץ ארום. און װירקליך איז אלץ נעהנטער צוגעקומען עטװאס אוינס, װאס ביי דעם אנבליק דערפון איז שוין דאס הארץ שיער נישט צושפרונגען געװארען פון שרעק. עס איז דעם קעניג'ס טאכטער, און מיר לעזען עס מיט א פערהאפטען אטעם, װייל מיר װייסען שוין פאראויס, װאס דא װעט פארקומען: די פרינצעסין, דאס איז די ישועה, און איצט װעט שוין אלץ גוט זיין. די ארעמע פעלאכין (פויערין) אבער דארט האט אנדערש געטראכט: זי האט נאך די ביבעל נישט געהאט געליינט און האט נישט געװאוסט, אז איצט װעט אלץ נעהמען אנ'אנדער װענדונג. אלס פרוי פון פאלק האט זי ביי דעם אנבליק פון א פרינצעסין געהאט, פערקעהרט, איהר אייגענעם געדאנק און זיך געטראכט: דאס זענען מענשען מיט אנדערע הערצער. דערזעהענדיג א פערפער-רויטען װאלקען קענען זיי זיך ביטער פונאנדערװיינען אין ביי דעם קאמפף צװישען װילד-צורייצטע חיות און מענשען אדער ביי דעם טוידט פון א גלאדיאטאר — שטעהן רוהיג און זיך צוקוקען. און דא גאר א ברוסט-קינד פון דעם פרעמדען בלוט, װעלכען די פאליטיק פון איהר פאטער זוכט אויסצוראטען און צו פערניכטען — פון װאנען זאל זיך צו איהר מיטלייד נעהמען? די ארעמע פרוי האט אלזא ביי דעם נעהנטער ציגעהן פון דער דאזיגער ביבלישער אאידא יעדענפאלס קיין גרונד נישט געהאט זיך צו פרעהען. די זאך האט אבער אנגענומען כמעט א ראמאנהאפטען כאראקטער און זיך אנדערש אויסגעלאזען. און דערביי איז אינטערעסאנט צו בעמערקען, אז די געװעהנליכע מינונג װעגען דער

פּרינצעסינ'ס גוטהערציגקייט איז נישט קיין נויטווענדיגקייט. מ'זאָגט: זי האָט גענומען דאָס קינד מיט זיך, אום עס צו ערציהען, ווי אַן אמת'ען פּרינצען-קינד. אין דער תורה ווערט אָבער גאָרנישט דערמאָהנט וועגען דעם; דאָ שטעהט, אַז זי האָט איינגעשטימט צו דעם פאָרשלאָג פון'ס פלינקע שוועסטער'ל, וואָס איז אַרויסגעלאָפען פון איהר בעהעלטעניש און זיך אָנגעבאָטען, „פאַר'ן קינד אַן אַם צו שאַפען", און אַז די מוטער האָט דאַן, אין דער ראָליע פון אַ זויגערין, איבערגליקליך ווידער גענומען דאָס קינד צו זיך אַהיים. עס איז אַלזאָ פעררעכענט געוואָרען פאַר אַ אָרעם יתומ'על, וואָס איז אַלס שיצלינג פון דער פּרינצעסין אַוועקגעגעבען געוואָרען אַ אָרעמער פויערין-פרוי פאַר וועניג קעסט-געלד, זי זאָל עס אויסהאָדעווען, אין דערצו איז גאָר קיין איבעריגע גוטהערציגקייט נישט נויטיג. אמת, מ'האָט איהם געשענקט דאָס לעבען; דער פעראורטהיילטער פערברעכער ווערט אָבער אויך בעגנעדיגט, ווען זיין מאַיעסטעט פאָהרט פערביי גראָד אין'ם מאָמענט, ווען עס ווערט אויסגעפיהרט דער טוידט-אורטהייל. אין דאָס איז אממעהרסטענטהייל אַ קאַלט-פּאָליטישער הנד, וואָס ווערט אויסגעאָבט אינגאַנצען אָהן דער בעטהייליגונג פון האַרצען, נישט אום טרערען אָפּ-צו-ווישען, נאָר אום צו ווייזען די אַרומיגע, אַז די אַנוועזענהייט אַליין פון דער מאַיעסטעטישער פערזאָן דאַרף שוין אויך בעטראַכט ווערן פאַר אַ גליק. ערשט שפּעטער, „ווען ער איז שוין גרויס געוואָרען", האָט די פירשטין איינמאָל ביי אַ פּאַסענדער געלעגענהייט אויסגעדריקט דעם פערלאַנג, זיך צו איבערצייגען אין די פאָרטשריט, וואָס ער האָט געמאַכט אין זיין ערציהונג.

דאַמאָלס איז משה צום ערשטען און צום לעצטען מאָל געבראַכט געוואָרען פון זיין מוטער אין הויף און נאָך אַ קורצען וויזיט, האָט ער זיך צוריקגעקעהרט צו דעם השכ'דיגען לעבען פון זיין פאָלק.

דערמיט ענדיגט זיך דער ערשטער טהייל פון זיין ראָמאַן. וואָס עס ווערט וועגען איהם ווייטער דערצעהלט, איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דער איינפאַכקייט און ערהליכקייט פון דעם ביבלישען טאָן.

ווער האָט דעם יונגעל געלעהרנט? וואָס האָט ער געלעהרנט? ווער האָט אין איהם איינגעפלאַנצט די נייגונג צו רעליגיעזע שפּעקולאַציעס און אַריינגעוואָרפען אין האַרצען דאָס גליהענדע פיהלען?

אין די לעבענסבעשרייבונגען פון בעריהמטע מענשען ווערען — צוליעב די פּאַנעגירישע טענדענצען, מיט וועלכע זיי וועגען הערכ-

געדרונגען — די תשובות אויף אזעלכע פראגען, אויב זיי זענען נישט פערהאן קיין גרייטע — איינפאך ערפונדען, און עס מוזען דערביי געשאפען ווערען פרומע אנעקדאטען און לעגענדען, אום דעם פערגעטערטען נאך העכער אויפצוהויבען און צו ווייזען, אז אין די ווינדעלעך נאך האט ער שוין געהאט דעם בעוואוסטזיין פון זיין מיסיע און איז פון גאט אליין אויסגעוועהלט געווארען צו ערפילען די הייליגע שליחות. מיט אזעלכע מאניערען איז אויך ביי משהן לייכט געווען צו פעלשען די נאטירליכע מעגליכקייט, און דאך זעהט זיך אין דער ביבעל גראד ביי דער שילדערונג פון משה'ס וואקסען און גרויס ווערען אפילו קיין זכר נישט פון דער דאזיגער סוגעסטיוו-ווירקענדער טענדענץ, און קלאר ווייזט זיך דארט ארויס פאר אלעמען, אז אויך די גרויסקייט איז ענטשטאנען פאמעליך און שטופענווייז און קיינע נסים, און קיינע אויסער אדער איבערנאטירליכע ערשיינונגען זענען דערביי נישט פארגעקומען. פאר דער ביבלישער שילדערונג איז דער הייליגער משה אין אנהויב נישט מעהר, ווי א איינפאכער יונגער מאן מיט א גלייכען פערשטאנד און א שטארקען געפיהל פון גערעכטיגקייט, וועלכער ווערט א אויפגעקאכטער ביי דעם אנבליק פון א אפענער עולה, פון א אפענעם פערברעך. אין זיינע יונגסטע יאהרען ווייזט משה נישט ארויס קיין צייכען פון פריהצייטיגער שפעקולאטיווער אדער געזעצגעבערישער גרויסקייט, און איז בכלל נישט אונגעוועהנליך און נישט „פון גאט געקושט". דאס אלץ, צו וואס עס פעהלען נאך די נויטווענדיגע אויסערליכע און אינערליכע פארבעדינגונגען, זעהט זיך אין איהם נישט, און ער איז דערווייל נאך אויף אזוי פיעל כאראקטעריסטיש, אויף וויפיעל ער איז נישט פעהיג פאסיוו צוצוזעהען, ווי די ארעמע פלייצעס בויגען זיך אונטער דער משא פון די הארטע קלעפ, און ווייזט ארויס א שטארקען דראנג צו העלפען, וואו נאר עס הערט זיך די שטימע פון נויט און פיין.

אזוי איבריגענס, איז דאך עס געווען אויך שוין נאך זיין ענטלויפען פון מצרים, ווען ער, דער נאר-וואס אנגעקומענער אין מדין האט צוגעזעהען די סצענע, ווי א הויפען פאסטוכער האט זיך ארויסגעווארפען אויף די טעכטער פון דעם כהן רעואל. אנאנדערער אויף זיין ארט, א בעשטימטער פון גאט אויסצופילען א גרויסע שליחות, וואלט זיך דאמאלס האלטען פון דערווייטען און זאגען: איך מוז מיך צוגרייטען צו וויכטיגערע זאכען און טאר נישט אוועקגעבען קיין

צייט אויף אזעלכע קליניגקייטען, — אדער ער וואלט זיך רעכנען
מיט זיין נאציאנאל-פראגראם פון דער צוקונפט און טראכטען דערביי:
האלטען דאס יודישע קינדער זיין, וואלט איך מיך אנגענומען פאר זיי.
משה מאכט נישט קיין אונטערשייד צווישען דער נויט פון
מענשען, וואס בעטען צו זייער גאט אזוי אדער אנדערש; די ברוטאלע
קראפט איז בעפאלען שוואכע, שוצלאזע מיידלעך — דאס זעהען
און צולויפען, איינער געגען א סך, זיי פערטיידיגען, איז ביי איהם
איינס, גאר אהן רעפלעקסען און אהן מעטאפיזישע געדאנקען, אין
דאס אייגענע איז פארגעקומען אויך פריהער שוין, ביי דער טויד-
טונג פון דעם מצרי. ער איז געקומען, האט געזעהען און מיט צו-
זאמענגעביסענע צייהנער אראבגעלאזען זיינע פויסטען — נישט פילא-
זאפיש שנעל, נישט-רעליגיעז אויפגעקאכט און נישט-הערטאריש
שטום.
אין דער קונסט-וועלט מאלט מען איהם געוועהנליך מיט ליכט
און העלדען-מוט בעגאסען, ווי א מין אפאלא פון בעלוועדער, וועל-
כער בעזיצט דעם בעוואוסטזיין, אז ער וועט אלץ, אלץ ארום זיך
צושמעטערן און צו שטורמען. איך פערזענליך מוז דא אבער ערקלערן,
אז דאס מאכט אויף מיר א אונבעשרייבליך קאמישען איינדריק און
אז מיר איז נישט בעקאנט נאך איין זאך, וואס זאל אזוי שטארק
בעליידיגען דאס מענשליכע וויסען און פיהלען, ווי אט די סטערע-
אטיפע פראזע אין דער קונסט. ווארום אין דער ווירקליכקייט זענען
יענע מאמענטען פאר איהם גארנישט אזעלכע ליכטיגע געוועזען: די
לאגע האט געהאט אין זיך עטוואס שרעקליכעס, און מיט טיעפער
אנגסט האט ער זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען, צי קיין פער-
רעטערישער בליק האט זיין טהאט נישט בעמערקט. דער מאמענט,
דאס געזעהענע האט איהם אינגאנצען איבערוועלטיגט, אינגאנצען
בעהערשט, און אלע זיינע העלדישע מעשים זענען געטאן געווארען
מיט אזא שטורמדיגען דראנג, אז איהם איז אפילו איין סעקונדע צייט
נישט געבליבען, אויף א טראכט צו טהון וועגען די פאלגען,
צו וועלכע זיי קאנען פיהרען.
איך פערשטעה: דאס זעהט אויס צו פראסט און צו איינ-
פאך און וועט נישט געפעלען ווערען; מיר געפעלען אבער, פערק-
קעהרט, נישט יענע היסטארישע הקירות, לויט וועלכע יעדע ער-
שיינונג מוז דורכאויס זיין אונגעהויער גרויס, אפילו אויך אין דעם פאל.

ווען זי האלט זיך נאך איצט אין וועבען און דארף נאך ערשט גרויס ווערען. און זעה איך דאס דאזיגע קניען פאר אלץ, וואס איז נישט אמת, און די דאזיגע פעראכטונג צו דעם לאנגזאמען און שטילען גאנג פון דער נאטור און פון דער אמת'ער נאאיווער גרויסקייט, — ווילט זיך מיר אבשטעלען די דאזיגע העלדענזינגער און זיי פרעגען: איז דען דאס נאאיווע געפיהל פון גערעכטיגקייט, די אונגעהויערע און אונער-שראקענע זעלבסטפערגעסונג און די פעהיגקייט, ווילד און בלינד און נישט קוקענדיג אויף קיין געפאהר אים קאמפף זיך אוועקצושטעלען פאר דער אונטערדריקטער גערעכטיגקייט, — איז דען דאס אלץ גאר-נישט? צי דריקט זיך דען נישט אויס אין אט די פאקטען, אזוי ווי זיי זענען, דאס שטארקע מיטפיהלען און די טיעפע מענשליכקייט, מיט וועלכער ס'איז דורכגעדרונגען געווען די גאנצע פערזענליכקייט פון דעם שפעטערדיגען העלד און בעפרייער, און האבען שוין עפעס א סך פון אייך בעוואונדערדיג וועלכען ס'איז שענדליכען טהאט, זיך מיט אזא מין פעראכטונג צו די פאלגען פון זייער האנדלונג ארויסגע-ווארפען אויף דעם פערברעכער? ווען נאפאלעאן איז געשטאנען פאר די טויערן פון טולאן, האט ער נאך פון זיך קיין זאך נישט געוואוסט און געוואלט אריינטרעטען דיענען אין דער טערקישער ארמעע, אום זיין לאגע צו פערבעסערן; ווען צעזאר האט זיך פעסט געהאלטען ביי דעם געליעבטען מעדעל, נישט קוקענדיג אויף סולא'ס דתראות, האט ער נאך נישט געוואוסט, אז דאס וועט זיין דער ווענדע-פונקט אויך פון זיין פאליטישער קאריערע, און אז א דאנק דעם טהאט וועט ער אנהויבען סוללא'ן צו האסען און זיך אליין און זיין סיסטעם צו קרי-טיקירען; און אויך משה האט ביי דער טוידטונג פון דעם מצרי גאר-נישט אנגעהויבען אפילו צו קלערען וועגען דעם, אז פון דעם פאקט אן וועט זיך אנהויבען א נייע עפאכע נישט נאר אין דער געשיכטע פון זיין צייט, נאר נאך פיעל מעהר: א נייע עפאכע אין דער גע-שיכטע פון דעם מענשליכען גייסט.

יא — ווער עס ווערט אויף א קעניגליכען טראן געבוירען, ווערט פון דער יוגענד אן גלייך ערצויגען מיט דער איינבילדונג, אז יעדער אטעם-צוג זיינער האט א בעדייטונג פאר דער וועלט. דו אבער, אים שטויב געבוירענער געניע, וואס ווילסטו? דו קענסט דיך נישט און מוזט בעשיידען זיין. קיין משרתים-שמייכלער, וואס זאלען דיר וועלן חנפענען און פאראויס זאגען, אז דו וועסט אמאל גרויס ווערן, וו

אַ גאָט — האָסטו ניט ; און מאַכסטו די ערשטע שריט אויף דעם וועג פון דיין לעבען, רינגלען דיך אַרום דיינע נאָהענטסטע, ברעכען מיט די הענד און שרייען : „משוגע"! און דער בעל-הבתי'שער אַפּאַרטוניזם זאָגט דיר נאָך הינטער די פּלייצעס, אַז דו האָסט דיין פאַמיליע אומגליקליך געמאַכט און בעשטימט אויך זיך אַליין אומגעבראַכט.

און וואָלט עס נאָר האָטש דערביי שוין געבליבען — ס'קען דאָך נאָך ערגער זיין ! לאָמיר זיך נאָר צוקוקען : גלייך נאָך דער מעשה מיט'ן מצרי — די עובדא אַליין איז געבליבען נישט ענטדעקט — קומט פאָר נאָך אַ סצענע, וואו די בלוט-דורשטיגע ברוטאַליטעט שפּילט די הויפּט-ראָליע, נאָר דאָס מאָל איז עס נישט קיין מצרי, נאָר אַ יוד, וועלכער שלאָגט און פּייניגט זיינעם אַ ברודער — אַ יודען. אין היטדער טרעט צו דער יונגער מאַן צו דעם פּייניגער : ווי קענסטו עס דיין אייגען פליישׁ און בלוט אַזוי אכזריות'דיג בעהאַנדלען ? דאָ אָבער הערט זיך אַ דונערשלאָג — : אַוועק פון דאַנען, איך האָב פאַר דיר קיין מורא נישט ! איך זאָג נאָר איין וואָרט אַרויס, און דו ביזט פאַרלוירען !... דו מיינסט, אַז דו וועסט מיך אויך אַזוי הרג'ענען, ווי דו האָסט געה'הרג'עט דעם מצרי ?..." אַזאַ תשובה בעקומט ער, און אין אַ קורצער, פערדעטערישער שירה פעראייביגט די ביבעל אַ שרעקליכען, וועלט-היסטאָרישען פאַקט, אַ פאַקט, וועלכער ווערט זעלטען דערמאָהנט און וועט דאָך בלייבען איבער אַלע צייטען : — פּרעה וועט זיך איצט פּלוצלונג דערוויסען פון משה'ס טהאַט, וואָס איז ביז אַהער געוועזען נישט בעוואוסט. און דאָס הייסט, אַז ער וועט איצט ווערען אַ מערדער, און וועט נישט קענען מעהר בלייבען אין לאַנד ; פייל אויס'ן בויגען מוז ער אַנטלויפען איבער דער גרענעץ — אין ווער איז'ס געוועזען יענער, וועלכער האָט אויסגעגעבען דעם יודען, וואָס האָט זיך פאַר אַ יודען אָנגענומען ?...

און איצט ערשט הויבט זיך אָן זיין לעבענס-אַרבייט ; דעם ערשטען שטויס האָט געגעבען דער צופאַל, דאָס ווייטערדיגע אָבער איז שוין געקומען פון זיין אייגענער קראַפט. פאַר דער ביבעל איז נישט וויכטיג דאָס, ווי אַזוי ער איז צוגעקומען צו דעם ענטשלוס פון אַנגקייוועו אַרויסטריט ; מיט דער נאַטור אָבער לאָזט זיך עס ערקלערן, און איך גלויב, אַז מ'קען זיך ערלויבען פאָרצושטעלען דעם פּראָצעס דערפון, ווי אַזוי דאָס איז צוגעגאַנגען. פון מצרים האָבען זיך צו איהם נאָך זיין אַנטלויפען דערטראָגען נאָר ביטערע קלאָגע-

רייען, ווייל די בעפעלקערונג האט דארט פאראויסגעזעהען שווערע רעפרעסיעס אלס ענטפער אויף זיין עבירה, און צו די דאזיגע טענות איז נאך צוגעקומען אויך זיין זעלבסט־בעשולדיגונג. דערנאך אבער האט אנגעהויבען צו ווירקען אין איהם און איהם צו בעהערשען אן אנדערעס צושמעטערנדעס געפיהל: זעקס הונדערט טויזענד מענשען זענען שקלאפען, זעקס הונדערט טויזענד מענשען געפינען עס פאר רעכט, אז מ'זאל אויף זייערע פליצעס ערגער, ווי אויף די רוקענס פון רייט־בהמות, מיט ריטער ארומשפאצירען, און אנשטאט מיטצופיהלען דעם מענשען, וועלכער האט זיך אנגענומען פאר איינעם פון זיי, שטעלענדיג זיין לעבען אין געפאהר, מסר'ן זיי איהם, און די גרויסע מאסע האט איהם שיער נישט מיט שטיינער פערווארפען! אלס זעלבסטשטענדיגען און זעלבסטבערעכטיגטען שטאם האט מען זיי אמאל געבעטען אהער אין דעם לאנד, און ווי פרייע מענשען זענען זיי געקומען, מיטברענגענדיג מיט זיך ריינערע און מעהר געלייטערטע בעגריפען, וועלכע האבען שוין גאר אליין געזאלט אימשטאנד זיין, אויפצוהויבען די דאזיגע מענשען צו א העכערער שטופע פון אינטעליגענץ און גליק; און אט די זעקס הונדערט טויזענד מענשען זענען איצט אזוי טיעף געזונקען — מוז עס אזוי זיין? ווען איין טייל נאר פון דער מאסע וואלט אין זיך האבען עטוואס בעוואוסטזיין, וואלט שוין די דאזיגע שמוציגע און נארעשע אונטערטעניגקייט נישט מעגליך זיין; ווען נאר איין גליעד פון דעם ארגאניזם וואלט פעהיג זיין צו טראכטען און א בשלום אנצונעהמען, וואלטען שוין די קעטען צובראכען געווען; — אנשטאט דעם אבער פערראטען זיי גאר דעם איינציגען, וואס האט א טראכט געטאן וועגען די זיידעס, און פערשילטען איהם!...

און דאן ווענדעט זיך אב דער צארן פון די אונטערדריקטע צו די אונטערדריקער'ס, און דער האס, — דער דאזיגער בייזער שופט — האט אנגעהויבען צו משפט'ען און צו קריטיקירען די מענשען, וועלכע זענען כמעט גאר קיין מענשען נישט געווען; די גרויסע, וועלכע זענען, ווי שווערע מצבות געלעגען אויף אלץ, האט איז בעגראבען געווען אונטער זיי; די קליינע, וועלכע האבען דאס אלץ איבערגעטראגען, ווי שעפסען טראגען איבער די שחיטה; דעם גאנצען געזעלשאפטליכען בנין, אין וועלכען צווישען אויבען און אונטען איז קיין שום צוזאמענהאנג נישט געווען, און די געטער־בילדער, וועל-

כע האָבען דאָס אַלץ רוהיג צוגעזעהען: די אַפּיסען, די געטער מיט די קאַצענקעפּ, מיט די איביס־קעפּ, מיט די שפּאַרבער־קעפּ און די אַלע אַנדערע נאַרעשע צוזאַמענשטעלונגען פון זאַכען, וואָס הויבען גאָרנישט אָן געהערען איינס צו דאָס אַנדערע...

דאָס, אַלזאָ, און נאָך אַזוינס איז פאָרגעקומען אין האַרצען פון דעם אַנטלאָפענעם, און דערצו נאָך האָט איהם זיין וועג איצט געבראַכט אין אַזאַ סביבה, וואָס האָט געמוזט אויף איהם ווירקען, ווי דער ליכטיגער שטורם. מיר ווייסען נישט גענוי, וואו דער מרינישער שטאַם האָט זיך גראָד אין יענער צייט איינגעפונען; געמוזט האָט עס אָבער זיין ערגעץ דערנעבען פון די גרויסע טראַקטען, וואָס האָבען געפיהרט קיין פּאַלעסטינאַ און אויף וועלכע די קולטורען האָבען זיך צוזאַמענגעשטויסען איינע מיט דער אַנדערער אין די מענשען, ווי די טראַדיציעס, האָבען אָהן אַ אויפהער אַרומגעוואַנדערט אַהין און צוריק צווישען צפון און דרום. דאָ האָט מען, ווי פון אַ פויגעל־פּערספּעקטיווע, געקענט אַראָבקוקען אויף דריי ריכטונגען, אויף דריי וועלט־אַנשויאונגען. דאָ זענען מענשען געווען, — נאָמאַדישע אַרומפאָהרער פון דעם אַראַבישען לאַנד — וועלכע האָבען, טראָגענדיג דאָס בילד פון זייער גרויסער היימאַט אים האַרצען, אויך עגיפּטען געזעהען און פּאַלעסטינאַ מיט זייערע פיס בעטרעטען; און מיט דער איראָניע פון מענשען, וועלכע זענען קיינמאָל קיינעם נישט אונטערוואָרפען געווען, האָבען זיי גערעדט פון דער וואונדערבאַרער ערשיינונג, אַז ס'איז פערהאַן אַזאַ שטאַם, וואָס אין די אַמאָליגע צייטען, ווען ער איז נאָך שוואַך געוועזען, האָט ער געהאַט גרויסע און פרייע מענער, און איצט, זיך פינאַנדערוואַקסענדיג אין אַ צאָהל פון הונדערטער טויזענדער, שמאַכטעט ער אין דער לעכערליכסטער אונטערטעניגקייט און קנעכטשאַפט.

און דער נישט לאַנג אָנגעקומענער פרעמדער פּאַסטוך האָט די דאָזיגע אַלע שמועסען פון דער לעבעדיגער געגענוואַרט און דער טויטער פערגאַנגענהייט איינגעזויגען אין זיך מיט דער ברענענדיגסטער אויפמערקזאַמקייט, און אַלץ, וואָס ער האָט געזעהען אַרום זיך, איז פון איהם מיט טיעפע, פאָרשענדע בליקען אָבסערווירט און דורכגענומען געוואָרען; אין עגיפּטען זענען פערהאַן שקלאַפען, דאָ איז מען פריי; אין עגיפּטען, זענען פערהאַן טיגער־הערצער, און די אָרעמע קנעכט זענען זייערע קרבנות — דאָ הערשט די פאָלשטענדיגע

בעדערפניש-לאָזיגקייט, וואָס מאַכט דעם רייכען און דעם אָרעמען גלייך, און דער ראש פונ'ם שבט איז דער פּאַטריאַרך און פאָטער פון יעדען איינציגען. ע׳ו, דיינט דאָס העכסטע, וואָס פאַר איהם איז געוועזען; דאָס, צו וואָס ער איז אין זיין עלענדקייט אַנטלאָפען און די פאָרשטעלונג דערפון שטענדיג אין הארצען געטראָגען — ווי האָט זיך עס געמאָלט אין די קעפּ דאָרט, און ווי אַנדערש זעהט עס אויס דאָ! אין מצרים האָט ער געזעהען אַזאַ רעליגיעזען דענקען און גלויבען, וואָס האָט כסדר געזוכט נייע משוגה'דיגע און ברוטאַלע מאַטעריעס, אויף צו פערקערפּערן אין זיי זיינע פאָרשטעלונגען; און דאָ איז ער דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען פּלוצלונג געשטאַנען נישט פאַר צעהן אָדער הונדערט אָדער עטליכע הונדערט גייסט־מענשען, נאָר פאַר אַ גאַנצען שטאַם, פון וועלכען אַלע אָהן אַ אויס־נאַהם האָבען פערשטאַנען צו זעהען מיט די אויגען פון גייסט; פאַר אַ גאַנצען שטאַם פון גייסטיגע, ריין ספּיריטואַליסטישע מענשען.

עס וואָלט וועניג זיין צו זאָגען אויף די דאָזיגע וואַנדערער, אַז זיי האָבען נישט געוואוסט פון דעם גראָבען פעטישיזם, וואָס האָט גע־הערשט אין מצרים; פאַר זיי איז דאָס געטליכע גלייך אונזיכטבאַר געווען און זיי האָבען גאָרנישט אָנגעהויבען צו פיהלען קיין בעדערפניש, זיך צו פערקערפּערן אָט די אונזיכטבאַרע געטליכקייט אין וועלכע ס'איז זיכטבאַרע געגענשטאַנדען אָדער בילדער.

און דער פרעמדער טרוימער, וועלכער איז געוואוינט געווען נאָך פון די פריהערדיגע צייטען, צו טראַכטען וועגען אַ אונקערפּערליכען גאָט און שטורמישער פון דער מאַסע, צוזאַמען מיט וועלכער ער האָט געלעבט, זיך איבערצוגעבען אַזעלכע געטליכע געדאַנקען, — דער דאָזיגער טרוימער האָט זיך איצט מיט דעם גאַנצען פייער און גליט פון זיין נשמה אַריינגעוואָרפען אין אָט דער וועלט פון אַלע וועלטען, אין דער וועלט פון פערגלייכונגען און פערטיעפונגען, אין וועלכער ער האָט כסדר געפונען נייע פערטיידיגונגען פאַר זיין טהאַט, פאַר זיך. און ווען דער פאַסטוך פון דעם מדינ'ישען הויפטמאַן יתרו האָט געבלאָנדזשעט אַליין ביינאַכט מיט זיינע שעפּסען איבער דעם שטילען מדבר, האָט זיך זיין בליק אָבגעשטעלט אויף די שטערען, װאָס האָבען דאָרט אים דורכגעגליהט און געפינקעלט, ריכטיג, ווי ווען זיי וואָלטען נאָר אַזוי העגנגען אין אַ געוויסער הייטקייט אַ בערן קיים, און די שטימע פון הארצען האָט גערעדט: ווען דו האָסט אפילו

אין דעם מאָמענט דיך נישט באַטראַכט, וואָס די טהוסט, פון דעסט־וועגען ביזטו פאָרט קיין מערדער נישט — דו האָסט גוט געטאָן, און האָסט עס געטאָן, געטריבען פון דיין גאָט און אַלס זוהן פון דיין פאָלק...

ס'איז מעגליך, אַז ער איז אַזוי אַליין צוגעקומען ביז פּאַלעסטינא אָדער נאָהנט נעבען איהרע גרענעצען; און אויף וויפיעל ס'איז אָנצונעהמען, האָט אויך יתרו געשפּיעלט אין דעם אַלעמען אַ געוויסע ראָליע, ווי דאָס איז געוועזען אויך שפּעטער, ווען משה האָט איינגעפיהרט אַ רעגעלמעסיגע און שנעל־פונקציאָנירענדע יוסטיץ און דער שווער האָט געדיענט דעם נאָך אונערפאַהרענעם און אונבעהאָלפענעם אידים אַלס פערשטענדיגער ראַטגעבער. און אַזוי איז געקומען דער טאָג, ווען די שטימע פון האַרצען האָט פערביטערט אויסגעשריען: איז עס שוין דען טאַקי אונמעגליך צו ענדערן? און נאָך אַ ריהע טעג פון שווערע אינערליכע ליידען, איז ענדליך דער ענטשלוס פעסט געוועזען: דאָס פיהלען איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין האַנדלען, אין מעשים.

נאָך אַ ריהע טעג פון שווערע אינערליכע ליידען — דאָס גיט אונז איבער די תורה אין זעהר אַ ריהרענדער שילדערונג. גענוי קען איך מיר די מעשה מיט דעם ברענענדען דאָרנבוים (סנה) נישט ערקלערען. רייטענדיג באַרג אַראָב פון יריחו צום טוידטען ים האָב איך געזעהען ריזיגע פעלדער אינגאַנצען באַוואַקסען מיט דאָרנבוימלעך, פון וועלכע אַנדערע האָבען דערלאַנגט ביז די לאָקען פונ׳ם פערד; קיין ברענענדען דאָרנבוים האָב איך אָבער נישט געזעהען, און דערביי, ווי עס האָט זיך געהערט פון איהם יענע וואונדערליכע שטימע, האָט דעם אָרעמען פאַסטוך צו זיין מיסיע גערופען — בין איך אויך נישט געוועזען. דאָס אָבער ווייס איך, אַז די דאָזיגע שילדערונג פון דער תורה, ווען מ'נעהמט אַראָב פון איהר די מיסטישע הילע, גיט איבער מיט אַ אונגעוועהנליכער און אונפערגלייכליכער פּינקטליכקייט די אַלע גייסטיגע מלחמות, וואָס מוזען זיך אָבשפּיעלען אינ׳ם האַרצען פון יענעם מענשען, ביי וועלכען עס הויבט זיך אָן צו וועבען אַ באַשלוס פון אונגעהויערער גרויסקייט און דרייסטקייט. איך וואָלט ראַטען יעדערן נישט איין מאָל איבערצולייענען דעם דאָזיגען געשפּרעך צווישען גאָט, וועלכער טרייבט אין גיט צו מוט צו דער אונטערנעהמונג, און דער מענשליכער נשמה, וועלכע ווערט שיער נישט צופּלאַצט פון

הרפה און אַנגסט, ווען זי פֿרעגט זיך אַליין: לעגט זיך עס דען אויפֿן שכל, אַז איך זאָל פּאַסען פֿאַר אַזאַ אויפֿגאַבע? ווער בין איך דען אַזוינער, אַז איך זאָל קענען פֿערלאַנגען פֿון אַ גאַנצען גרויסען פֿאָלק, וואָס האָט אַזוי פֿיעל זקנים און יועצים, עס זאָל מיין וואָרט הערען און זיך מיר אָנפֿערטרויען? וועלן זיי זיך דען מיה געבען אפֿילו נאָר צו דערגעהן, ווער איך בין, ווען איך וועל זיך אַוועקשטעלען פֿאַר זיי? וועלן זיי דען מיך נישט אויסלאַכען און מיט שטיינער פֿערוואַרפֿען? און זיי וועלען דאָך זיין גערעכט אויך. וואָרום וואָס וועל איך קענען ענטפֿערן, ווען זיי וועלען פֿרעגען: זאָג נאָר, וואָס האָסטו שוין ביז אַהער פֿאַר דיין פֿאָלק אויפֿגעטהון?...

מיר זעהען פֿערשידענע דראַמען אויף דער טעאַטער-בינע; איך וואָלט מיר ווינשען אַמאָל אַ דראַמאַ צו זעהן, וואו עס קומט פֿאָר דער דאָזיגער אַזוי-איינפֿאַכער מאָנאָלאָג, וועלכען עס האָבען אייגענטליך פֿאָרגעטראָגען אַלע גרויסע מענשען פֿון דער געשיכטע, ווען עס האָט זיך פֿאַר זיי, שוין שטעהענדיג ביים שוועל פֿון זייער אונגעהויערען לעבענס-ווערק, נאָך איין לעצטעס מאָל אַ געהויבען דער צושטאַנד פֿון זעלבסט-פּרובונג. טאָמער געפֿינט זיך איינער, וואָס ווייס דאָס אַלץ און האַפּט פֿון דעסטוועגען דורך די דאָזיגע שטעלען אין דער ביבעל מיט אַ שנעלען בליק, איז דער בעסטער בעווייז אויף דעם, אַז ער קען נישט די מענשליכע גרויסקייט דאָרט, וואו זי איז אַם-ריהרענדסטען, ווייל זי קען זיך אַליין נישט. איך האָב געלייענט די מאָנאָלאָגען פֿון ברוטוס און היינריך דעם 5-טען ביי שעקספּיר'ן; ביי מיר אין זכרון זענען נאָך לעבעדיג די איינפֿאַכע ווערטער, וואָס ביסמאַרק האָט גערעדט, ווען ער האָט זיך אָבגעזאָגט פֿון דער פֿעראַנטוואָרטליכער שליחות און דערנאָך זי פֿאָרט אָנגענומען, און איך דערמאָהן מיך די סצענע, ווי מאַסטאַי-פֿעראַטי האָט זיך מיט טרערען אין די אויגען געבעטען ביי די קאַרדינאַלען אים קאָנקלאַווע, זיי זאָלען מיטלייד האָבען און נישט אַרויפֿלעגען אויף איהם די אונגעהויערע בעשווערונג פֿון דער פּאַפּסטליכער קרוין. און דאָך עקזיסטירט נישט פֿאַר מיך ביים שטודירען די פּסיכאָלאָגיע פֿון דער נאַאיווער גרויסקייט קיין מעהר פֿערהאַפֿענדע שטעלע פֿון יענער, אין וועלכער דער דאָזיגער זוהן פֿונ'ם ניל, אָט דער ריעז פֿון גייסט און ענערגיע, אָט דער אינערליכער בעגריף פֿון עטישען בעוואוסטזיין און פֿעראַנטוואָרטליכקייטס-געפֿיהל, — ווען ער טענה'ט צו זיך: איך

קען דאָך גאָר צו זיי נישט רעדען — און בעשל עסט ביי זיך ענדלך סול מיט פערצווייפלונג: „אָבער עס מוז דאָך איינער זיך אַרויס־שטעלען, און אַזוי ווי איך בין צו־שוואַך, זאָל מיין ברודער אהרן עס זיין דער, וואָס וועט געהן רעדען צום פאָלק"...

און דערמיט שווימט אַריין די ערצעהלונג אין דעם אונגעהויערען ים פון דער געשיכטע; באַלד וועט די פוילע, טוידטע מאַסע, אין וועלכער עס זענען פערוואַנדעלט געוואָרען די מיט פיער הונדערט יאָהר צוריק איינגעוואַנדערטע, ווידער אַ נשמה בעקומען, און דער פערגעסע־נער גאָט, ער וועט אויך באַלד ווידער דערהויבען ווערען—משה קעהרט זיך אום צוריק קיין מצרים.

און איצט די הויפט־פראַגע: וואָס'רע פלאַן האָט איהם איי־גענטליך געשוועבט אין דער פאָרשטעלונג? קום אָבער שטעל איך אַוועק די פראַגע, מוז איך נאָכאַמאָל איבערחזר'ן, אַז איך בין נישט קיין היסטאָריקער און נישט קיין ביבעל־פאָרשער, און נישט זייענדיג בעקאַנט מיט די דערצו געהעריגע ליטעראַטורען, קען איך אַמאָל לאַנגווייַלען דעם לעזער מיט אַזעלכע זאַכען, וועלכע זענען שוין פאַר איהם לאַנג קלאָר און בעשטימט; אין דעם פאַל בעט איך נאָר, מיר דאָס וועניגסטענס צו גלויבען, אַז איך האָב מיך נישט לייכט גערעכענט מיט דער ערנסטקייט פון יענע זאַכען, וועלכע האָבען אַ וויכטיגע היסטאָרישע בעדייטונג, שוין נאָר צוליעב די פערשיע־דענע בעשלוסען, צו וועלכע זיי ברענגען. אַלזאָ, מיט וועלכע פלע־נער איז משה געגאַנגען צוריק קיין מצרים? וואָס האָט ער געזוכט, וואָס האָט ער געוואָלט און וואָס האָט ער גערעכענט צו ערדייכען. און דאָ וועט עס אפשר זיין אַמנוצבאַרסטען, צו דערצעהלען, ווי דאָס איז צוגעגאַנגען מיט מיר, ווען איך האָב מיך אַרויסגערוקט מיט די דאָזיגע פראַגען. איך האָב בעמערקט דערביי אַ אייגענאַרטיגע פער־ענדערונג אין די געזיכטער: מ'האָט זיך דערשראָקען, מ'האָט מיך פערגליווערט־קאַלט אָנגעקוקט, און גאַנץ אָפט האָט מען מיך פשוט נעפרעגט, צי איך מיין טאַקי ווירקליך אויף אַזאַ רעאַליסטישען אופן אָבצולייקענען דעם גרעסטען טייל פון משה'ס גרויסקייט? פון דעם אַלעמען האָב איך אַרויסגעזעהען, אַז מיין אויפפאַסונג פון גרויסקייט שיידעט זיך ווירקליך אונטער פון דער מיינונג, וואָס אַנ־דערע האָבען וועגען דעם, ווייל איך קען נישט און וויל נישט גלויבען, אַז משה איז געקומען צוריק קיין מצרים מיט אַ פאַרטיגען און פאַר־

אויסבעשטימטען פלאַן, ווי אַזוי צו בעפרייען דער וועלט פון פינסטערניש און שקלאַפערײַ, און נישט קוקענדיג אויף דעם בין איך פון דעסטוועגען פאָרט דורכגעדרונגען איינגאַנצען מיט דער אונגעהויערער קראַפט און גרויסקייט פון זיין וועזען. ווער, אַלזאָ, איז דאָ געווען, איך, אָדער יענע, וועלכע זענען פון מיין מיינונג אזוי טיעף איבערראַשט געוואָרען? איז עס דען ווירקליך אַ גרויסער קאָמפּלימענט, ווען מ'זאָגט נאָך אַ פערגעטערטען פיהרער, אַז ער האָט אַזאַ פּאָזיציע, ווי די עגיפּטישע, געגלויבט אַיינצונעהמען שפּיעלענדיג, זיך נישט רעכנענדיג מיט קיינע פאַקטישע בעדינגונגען, אָהן אַ שום איבערלעגונג, אָהן וועלכע ס'איז פאָרבערייטונגען, און נישט וויסענדיג אפילו, צי זיין פאָלק אַליין וועט צו איהם צושטעהן? אין לעגענדאַרישע מעשיות קען אַזאַ מין פאַנטאַסטישער העראָאיזם גלאָריפיצירט (פערשענערט) ווערען; פאַר לעגענדען, אין וועלכע די פאַלשע און געמאַכטע גרויסקייט מוז איבערטריבען ווערען אום אַרויסצורופען מעהר גלויבען אין איהר, פּאַסט עס, זיך נישט צו רעכנען מיט דער צייכנונג פון די אמת'ע פערהעלטנישען און מיט די נאַטירליכע געזעצען פון דער מעגליכקייט. מיר אָבער, וועלכע ווילען נישט אַרויסרופען קיין גלויבען אין אונזערע ווערטער, נאָר זוכען, דעם אָביעקטיווען אמת; מיר, וועלכע רעכנען זיך נישט מיט קיין פאַלשע, נאָר מיט אמת'ע, בערעכטיגטע שטימונגען, — וואָס קענען אונז אָנגעהן די לעגענדאַרישע מעשיות?

וואָס הייסט עס: גרויס זיין? אין דער בעציהונג צו עפענטליכע זאַכען הייסט עס, פריהער און שטאַרקער פון אַלעמען בעגרייפען און עמפּפינדען, וואָס ס'איז גוט און אויף וואָס עס דאַרפען אַלע קרעפטען אָנגעווענדעט ווערען; צוזאַמען דערמיט הייסט עס אָבער אויך, נישט פערלירען דעם רעכנונג בנוגע צו די גרענעצען פון דער מעגליכקייט, און מיט אַ געפיהל פון פעראַנטוואָרטליכקייט פאָראויסזעהען, וואָס עס קען אַרויסקומען אין דעם פאַל, אויב מ'וועט די קרעפטען אָהן אַ שום אויסזיכט פערשווענדען און אויסברענגען. מ'רעדט אינים נאָמען פון דער תורה: זי, הייסט עס, לאָזט משה'ן געהן צוריק קיין מצרים גלייך אין דער הקדמה צו דעם ספר שמות.

איז דאָס אָבער ריכטיג?

לייענענדיג די ביבעל עטוואָס אָביעקטיווער, און אַבזונדערנדיג אין איהר דעם פראַגמאַטישען, היסטאָריש-ווירקליכען תמצית פון די פאַנ-

טאַסטיש-הייסע פערשענערונגען און איבערטרייבונגען, געפינט מען אין איהר אויך גאָרנישט דערפון, וואָס זאָל עדות זאָגען אויף דעם, אַז ער איז גלייך אין אָנהויב געלאָפען קיין מצרים, אום אויף אַ רעוואָ-לוציאָנערען וועג אַרויסצופיהרען פון דאָרטען אַלע יודען. אמת, איינס קען מען נישט אָבלייקענען: משה האָט באַלד פון אָנהויב אָן געשטרעבט מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה דערצו, אַז דאָס יודישע פאָלק זאָל זיך צוריקקעהרען אין דעם גערשה׳נטען לאַנד פון זיינע אַמאָ-ליגע אור-עלטערן, און האָט דאַמאָלס נאָך שוין געזעהען אין דעם די איינציגע פאָרם פון דער דויערנדער בעפרייאונג און די איינציגע מעגליכע זיכערונג פאַר דער אינערליכער רעגענעראַציע פון פאָלק. פון דעם פערשטעהן און שטרעבען צו עטוואָס אידעאַלעס ביז דעם פערשטעהן און צוטרעטען צו עטוואָס מעגליכעס, איז נאָך אָבער אַ גרויסער מהלך פערהאַן; און די לענג פון אָט דעם מהלך טאַקי בעצייכענט דעם אונטערשייד צווישען דער בעגייסטערטער נשמה, וואָס איז פול מיט בענקשאַפט, און דער פּאָליטישער אינטעליגענץ פון אַ פיהרער, ביי וועלכען די שטרעבונג צום ציעל איז נאָך הייסער, שמערצ-ליכער און ליידענשאַפטליכער, ווי ביי אַנ׳אַנדערען, און ער האַלט אַיין דעם שטורם פון זיין האַרצען מיט אַנ׳אייזערנעם ווילען און זאָגט זיך אַליין: דאָ איז די גרענעץ צווישען טרוים און מעגליכקייט. און פראָבירט מען נאָך דעם אַלעמען, ווי געזאָגט, בעטראַכטען משה׳ס האַנדלונגען כסדר, איינע נאָך דער אַנדערער, ווייזט זיך גלייך אַרויס, צו וועלכער פון אָט די ביידע קאַטעגאָריעס ער האָט אָנ-געהערט. ער האָט מיטגענומען זיין מעוברת׳ע פרוי מיט זיך קיין מצרים; טהוט מען עס ווען מ׳קלייבט זיך אַ רעוואָלוציאָנערען פייער פו-נאַנדערצופלאַקערן? זיין שווער האָט ער ערקלערט, אַז ער געהט קיין מצרים נאָר צוליעב דעם, וואָס איהם בענקט זיך נאָך די זייניגע; בעהאַלט מען עס דען פון אַ טרייען, פריינדליכען און עהרליך-דענקענדען לעהרער, ווען מ׳טראָגט זיך אַרום מיט אַזעלכע געדאַנ-קען, וועלכע זענען איהם אַלס אַראַבער געווים סימפּאַטיש? און דאָס איז נאָך נישט אינגאַנצען; עס פרעגט זיך: וואָס איז נויטיג געוועזען פאַר דער בעפרייאונג פון די זעקס הונדערט טויזענד מענשען? דערצו האָט געמוזט פאָרקומען איינס פון די ביידע: אָדער די עגיפּטישע מאַכט זאָל פרייוויליג בעשטעהן אָפּצוגעבען אַזאַ געוואַלדיגע צאָהל פון איהרע לייב-אייגענע אָדער עס זאָלען געזיכערט זיין די נויטיגע

מיטלען, אום צו קענען ביישטעהן געגען דעם פּאַראויסגעזעהענעם ווידערשטאַנד פון די עגיפּטער; און איצט לאָמיר זיך אַליין פרעגען, צי די אַמעריקאַנישע דרום-שטאַאַטען, למשל, זענען אין דעם גרויסען שקלאַפען-קריעג מרוצה געווען צו בעפרייען זייערע שקלאַפען, און צי משה האָט זיך געפונען אין דער לאַגע פון אברהם לינקאָלן, וועלכער האָט זיך געקענט זאָגען: „מיינע אָנהענגער זענען גרייט צו געהן מיט מיר אפילו אין פייער — איך וועל זיי בעפרייען"?

דער ענטפער איז אַ קלאָרער: ניין. פון דער גאַנצער אַטמאָספערע אַרום זיך האָט משה געקענט אַרויסטראָגען נאָר איין געפיהל — האָפנונגסלאָזיגקייט. אין די שילדערונגען פון דער ביבעל זענען אפילו די פונדאַמענט-שטיינער ניט פערהאַן, אויף וועלכע עס זאָל זיך קענען אויסבויען עפּעס אַ ווירקליכער אַקט, און הערט מען זיך גוט צו צו די שטימען, וואָס הערען זיך פון דער זייט, אַלץ איינס חי צו יענע, וועלכע פעהלען אינגאַנצען, זעהט מען גלייך דייטליך אַרויס, אויף וויפיעל די שווערע, אַפּאַטישע און צופוילטע שקלאַפען-מאַסע איז אימשטאַנד געווען טיעף בעוועגט צו ווערן. וואָרום מיר זעהען דאָך, וואָס ס'איז געשעהען, ווען ער האָט זיך אַרויסגעוויזען אין זיין אַגיטאַטאָרישער טהעטיגקייט דאָרטין, וואו דאָס האָט געזאָלט זיין אַמפערשטענדליכסטען: ביי דעם אַקט פון מיטפיהלען די אונטערדריקטע. ער קלאָגט זיך פאַר די קעניגליכע בעאַמטע אין פּראָטעסטירט געגען דער אכזריות'דיגער בעהאַנדלונג פון די יודישע שקלאַפען; דער ענטפער אויף דעם איז נאָך אַ ווילדערער פרעם פון דעם אונטערדריקונגס-אַפּאַראַט, און צוליעב דעם פערפאָלגען איהם די זעלביגע שקלאַפען, פאַר וועלכע ער האָט זיך אָנגענומען, נאָך אויסער דעם מיט קללות און געשרייען, אָנשטאָט צו פיהלען, אַז ער ליידט צוזאַמען מיט זיי און זייערע צרות זענען אויך זיינע.

און אָט דער פערדומפּפטער לעהם זאָל עס דיענען אַלס קוואַל פון בעגייסטערונג פאַר דער אונטערנעהמונג פון אַ ספּאַרטאַקוס?

מ'זאָגט: אַ פּלאַן. ניין, ער האָט נאָך דאַן קיין זכר פון קיין פּלאַן ניט געהאַט. ער טרעט אויסערליך אַרויס גאַנץ לעבהאַפט, אינערליך אָבער פיהלט זיך אין זיין האַנדלען — יאוש און רעזיגנאַציע. דער ביוראָקראַטישער גייסט רופט עס אָן אַגיטרען, דער ליבעראַלער מיניסטער — קינדישע פאָלקסרעדנעריי און כלומרשטע פאָלקס-ערציהונג; וויטער אָבער פונ'ם רעדען געהט עס ניט און פונ'ם

יעדנער לאכט מען, — און מיט רעכט. ווארום אין דער אמת׳ן, איהם וואלט אויך ליעבער און אנגענעהמער זיין, ווען דאס וואלט אנדערש, ווען דאס וואלט שנעלער צוגעהן, — פאר זיין גייסטיגען בליק האט שוין דאן געשוועבט א בעסערע טהעטיגקייט, ווי דאס דאזיגע ארומשלעפען זיך אייביג און מיט שנעקענטריט, אום צוצו־ציהען עטליכע אנהענגער, וועלכע ווערען אזוי לאנגזאם און אזוי אונזיכער בעגייסטערט...

וואס זאל ער אבער טאן?

און אזוי טרייבט ער זיך ארום כסדר פון איינעם צום אנדערן, אומעטום, וואו נאר עס געפינען זיך מענשען פון זיין שטאם: צווישען די אנגעזעהענע גבירים, וועלכע קענען פערליערען זייערע פליש-טעפ און געפינען דעריבער, אז זיין אגיטאציע איז שעדליך און געפעהרליך, ווי צווישען די בהמות אין מענשענגעשטאלט, וואס שטעהען דארט אונטער דער ברענענדער זון און בויען די פיראמידען; אומעטום געפינט ער זיך און אומעטום רעדט ער — וועגען וואס? אה, וועגען דעם, אז ס׳איז נויטיג צו היטען די ערינערונגען פון די אבות; וועגען דער קראפט און דער עהרליכקייט, וואס ליעגט אין דעם ענטשליעסען זיך און פעסט אוועקשטעלען פאר עפעס; וועגען דעם גערירשהינטען גאט, וועלכער וואלט געקענט פארשטעלען מיט זיך א קוואל פאר דעם שטארקען געפיהל פון צוזאמענגעבונדענקייט, פאר דעם געפיהל, פון וועלכען עס וואלט ארויסשפראצען ביי דער מאסע וועניגסטענס דאס בעוואוסטזיין פון איהר דינאמישער מאכט...

און זעה, די רעדע אין דעם לעהם-געצעלט ווערט פלוצלונג איבערגעריסען, — פון דרויסען הערט זיך א געשריי. און די צוהערער מיט די אויסגעמאגערטע פויערען-לייבער לויפען נייגיעריג ארויס אין דרויסען, וואו אלע איבערציייגען זיך, אז מיט קיין דרשות אליין ווערט נאך די לאגע נישט געענדערט; ווארום וואס פאטשט׳ס דא אזוי? א קנוט איז׳ס, וואס טאנצט אויף דעם ענטבלויזטען שקלאפען-רוקען און לאזט איבער גאך זיך בלוטיגע שטרייפען. און וואס איז׳ס דארט׳ן פאר א טומעל? א ארעמער יונגעל מיט פערגאסענע אויגען און אינגאנ־צען א בלויזער סקעלעט האט געקריגען פונ׳ם אויפזעהער א זעץ מיט׳ן פויסט אין פנים, וויל ער האט נישט געקענט ווייטער געהן מיט די ציגעל; און אזעלכע צווישען-פארפאלען האבען מסתמא אלע מאל איבערגעריסען דעם צוזאמענהאנג פון די דרשות...

וואָס — איך בין צו פאַנטאַסטיש? די אַלע בילדער זענען נישט קיין נויטווענדיגקייטען פונ'ם סיסטעם?...

ניין, דאָס אַלץ איז נישט גענומען פון דער ווילדער איינבילדונגס־קראַפט, און דאָס, וואָס עס איז געשילדערט אין מאַקס האַוועלאַאַר און אין'ם „פעטער טאָמ'ס געצעלט", איז בלויז גאָר אמת, כאָטש אויך אין אַ ראָמאַנהאַפטער אַ[illegible]הלונג. דעם מענשענ'ס וואוט פון פערפאָלגען און אויסנוצען איז אויך אַזוי אונענדליך, ווי דעם מענשענ'ס עלענדקייט, ווי דעם מענשענ'ס ליידען. און פראָבירט איינער אַמאָל אַראָבשטייגען צו די אָרעמע און עלענדע מיט דער איינציגער אַבזיכט, צוקונפטס־חלומות און טעאָרעטישע אמת'ען צו פערשפרייטען, — געפינט ער פלוצלונג, אַז ער האָט זיך דערמיט אַליין אַוועקגעשטעלט פאַר דעם האַראַקטער־שפּיגעל. ווארום צוזעהענדיג די דאָזיגע בילדער און סיטואַציעס, דעם קרעכצען און זיפצען, דעם דאַמפּ און געטומעל פון דער איצטיגער לעבעדיגער מינוט, וואָס איז אַזוי הייס, אַזוי גיפטיג שטיקענד און אַזוי הערצרייסענד־שרעקליך און אַלמעכטיג — ווערט ביי איינעם אינגאַנצען פערגליווערט דאָס האַרץ, און די אַנדערע, די אַלע טריבונען־פּלאַנטראַפּען, מיט זייער לייכטער און אַנגענעהמער עסטעטישער אַבגעהיטקייט און טרויעריגקייט, — די דאָזיגע אַנדערע זאָגען: אַ שאָד, וואָס איך מוז נאָך בלייבען פאַסיוו — איך וואָלט מיך גליקליך שעצען, ווען איך וואָלט שוין מיט מיין ווינשענשאַפט אימשטאַנדע זיין די דאָזיגע עלענדע צו העלפען!

און אַזאַ מין זאַטע בעדויערונג אָדער אַזאַ מין פערברעכען מיט די הענד האָט זיך געהערט אין געוועהען אויך דאָ אונטען ביים ניל, און משה האָט געפיהלט, אַז דאָס איז אַ שלעכטע, זעהר אַ שלעכטע רעטונגס־טעטיגקייט, — אַט די טעטיגקייט פון קלערען בלויז וועגען דער צוקונפט, און היינט האַלטען אין איין צוזעהען און צוזעהען, ווי די אכזריות פּייניגט און קוועלט. זיצען בעקוועם ביי זיך אין קאַבינעט און רעכנען און פּלענער אויסשטעלען פאַר דער צוקונפט — איז אַ גאַנץ גוטע זאַך, אום זיך צו פערזאָרגען אויף שפּעטער מיט מאָנומענטען; איין טראָפּען רחמנות, איין טראָפּען מיטלייד אָבער מיט דעם אונגליקליכען, וואָס ווערט איצט געפּייניגט און געקוועלט — וויפיעל איז דאָס ווערט?

און זעה: אַט דער טראָפּען, אַט די טיעפע מענשליכקייט, דאָס דאָזיגע אונגעדויערע מיטפיהלען דעם ליידענדען און געפּיי-

ניגטען, וואס האט זיך אין זיין נשמה גאנץ גוט צוזאמענגעלעבט מיט זיינע גרויסע רעליגיעזע און פאליטישע אידעאלען, — אט דער איצט האט געשאפען מיט איין מאל דעם גרעסטען פון אלע וואונדער און מעגליך געמאכט דאס, וואס איז ביז אהער געווען בלויז א ווילדער חלום.

איך וויל אבער מיזאל מיך ריכטיג פערשטעהן.

איז איהם דען אין יענע מינוטען שוין דורכגעפלויגען אין קאפ זיין פלאן?

איך גלויב, אז נישט. ער האט נאך אליין נישט געהאט פאר זיך קיין גרויסע פערספעקטיווען. זיינע שטרעבונגען זענען איהם נאר איצט קלערער און זיכערער געווארען. ער האט געזעהען פאר זיך אין זיין ווייטערדיגער טעטיגקייט עטוואס קאנקרעטעס און בעשטימטעס, און דערביי האט זיך עס אזוי מערקווירדיג צוזאמענגעקניפט מיט זיין ערשטען אקט פון נקמה; ווארום דאס, וואס ער האט געטהון גאר אמאל אין דער פארם פון הרג'ענען דעם עגיפטישען תלין בליצ-שנעל, צוקאכט אין אהן א שום איבערלעגונג, ווייל ער האט נישט געקענט צוזעהען דעם פערברעך, — דאס מוז ער איצט אויך טאן, און נישט בלויז אין איין פאל, נאר כסדר און אומעטום וואו נאר עס זעהט זיך א פערברעך און א עולה, ד. ה. יעדען טאג, יעדע שעה, יעדע מינוט; און עס העלפט שוין איצט נארנישט דאס אבשאפען פון וועג דעם אונטערגעווארפענעם תלין-קנעכט; מ'מוז זיך צו יענע גרויסע נעהמען, וועלכע זענען איבער איהם און הייסען איהם דאס טהון, מ'מוז א קאמפף ערקלערען דעם גאנצען פרינציפ און דעם גאנצען סיסטעם פון מאכען מענשען פאר שקלאפען, פאר בהמות. קורץ: מ'טאר נישט זיצען מיט קיין פערלעגטע הענד, מען מוז דעם הילכיג-גיסטיגען געשריי פון די געמאטערטע און געפייניגטע פערוואנדלען אין א אקטיווען טהאט, אין א אייביגער אנקלאגע — און אזוי איז ער, — ווי דער אמעריקאנער לינקאלן, נאר נאך מיט מעהר מוט, ווייל מיט ווייניגער מאכט פון איהם, — צוגעטרעטען צו די פארשטעהער פון דעם אונטערדריקונגס-סיסטעם מיט דעם געשריי פון דער מענשליכקייט.

און דא ערשט איז דאס וואונדער געשעהען... ווארום דא הויבט ער אן ארויסצוטרעטען אלס פערטיידיגער און אנקלאגער פון די אונטערדריקטע, און אז דאס האט געהאט א ווירקונג, קאן מען

זעהן דערפון, וואס די גרויסע שרים זענען אזוי צוקאכט געווארען און האבען אלס ענטפער אויף זיינע טענות בעפעהלען נאך שטארקער צו דריקען די יודישע שקלאפען. קוים אבער איז דער כעס אויף איהם אזוי גרויס געווען, פרעגט זיך דאך, פאר וואס האט מען איהם נישט פער׳משפט גלייך צום טוידט, נאר מ׳איז נאר, פערקעהרט, אריינגעטרעטען מיט איהם אין אונטערהאנדלונגען? דארט, וואו א מענשענלעבען האט אזא קליינע ראליע געשפיעלט, האט מען דאך דאס מסתמא געטהון דערפאר, ווייל מ׳האט געמוזט אזוי טהון. פארוואס אבער האט מען עס געמוזט?

אפשר דערפאר, ווייל ער האט געהאט אין זיך די דרייסטקייט, אריינצודרינגען אים קעניגליכען פאלאץ? דאס גלויב איך דער ביבעל נישט; אזוי האנדעלט מען, ווען מ׳וויל דורכאוים אין קעטען געשלאפען ווערען... אדער זאל מען גלויבען, אז ער האט צוזאמען מיט זיין ברודער אבגעווארט דעם פרעה אים קעניגליכען פארק ביים ברעג פון ניל, אום איהם איבערצוגעבען זיין

דאס האלט נארעש זיין; אזא מין צושריט מאכט נישט הייכער, און יעדערער ווייס, אז אויב עס געלינגט אפילו אין אזא סיטואציע ארויסצוקריגען א שטיקעל הבטחה, איז עס אויך גארנישט ווערט, ווייל מ׳נעהמט זי צוריק אזוי לייכט, ווי מ׳האט זי געגעבען. דאס זענען אלזא נאר נאאיווע סימבאליזירונגס־פראבען, און נעהמענדיג אין בעטראכט דעם בולט׳ען און דורכזיכטיגען פאליטישען שפיעל, לויהנט גארנישט, ווי מיר שיינט, קיין סך צו רעדען וועגען דעם.

דא איז פארגעקומען דאס, אז מ׳האט אנגעהויבען צו בעקומען אין הויף שרעקליכע ידיעות. דער מענש מיט דעם מדינישען געדאנק איז געוועזן א יוד; די, פאר וועלכע ער האט גערעדט, זענען געווען יודען, און מיט דער יודישער געפאהר אליין האט מען געקאנט לייכט פערטיג ווערען. דאס אבער, וואס ער האט גערעדט, איז געווען ניי און שרעקליך, ווארום עס האט נישט געהאט פון קיין גלויבען און האט אנגעריהרט כמעט יעדען איינציגען אין מצרים, און נישט בלויז אין די יודישע הערצער אליין האט עס א פייער אנגעצונדען, נאר אויך אין די קעפ און הערצער פון אלע עגיפטישע פראלעטאריער, ווייל אלע, אלע אהן א אויסנאהם, אפילו אויך די איטאכטאנען, זענען פאריא׳ס)* געווען און האבען געקרעכצט אינ־

טער דעם דרוק פון דער געמיינזאמער דעספאטיע.

און דא ליעגט אפשר די ערקלערונג אויך דערפון, פארוואס משה האט שפעטער אין רעדען און אין געזעגענישע אקטען כסדר געהאלטען אין איין אנזאגען און איבער׳חזר׳ן, אז מ׳זאל יעדען פרעמדען, אפילו אויך דעם מצרי, יעדען שקלאף, אפילו אויך דעם מצרי׳שען מענשליך בעהאנדלען, און נישט בלויז נישט בערויבען זיינע רעכטע, נאר אויך שוינען זיינע געפיהלען און וויסען שטענדיג, זיך ווארעם אבצורופען אויף זיין געדריקטער לאגע אלס אבגעזונדערטער אדער אלס אונגליקליכער שקלאף. קורץ אויסגעדריקט הייסט עס: ליעב דיין חבר, ווי דיך אליין. און עס פרעגט זיך: פון וואנען האט זיך עס גענומען און צו וואס איז דאס אזוי נויטיג געווען דאס דאזיגע מיטפיהלען בנוגע צו יענע, וועלכע האבען דאס ביי יודען אין קיין פאל נישט פערדיענט? דאס איז עס אבער, וואס איך האב געזאגט: נישט געגען דעם מצרי׳שען פאלק האט משה דעם קאמפף פערפיהרט, נאר געגען זיינע אונטערדריקער׳ס, און אין די שפעטערדיגע צייטען האט משה׳ן שטענדיג פאר די אויגען געשוועבט דאס בילד, ווי צווישען די אונגליקליכע, וועלכע האבען איהם אין מצרים געבענשט און אנגערופען בעשיצער און בעפרייער, איז מיט א ווייט־געעפענטען הארצען אויך דער מצרי׳שער פאריא געווען.

א ווארעמע סאלידאריטעט צווישען אלע פערצווייפעלטע איז דאמאלס אויך אזוי מעגליך געווען, ווי היינט, און איין אויסגעשריי האט זיך דורכגעטראגען צווישען אלע רייהען: די פאדערונגען פון דעם מענשען פאר די יודען, זענען גאנץ גערעכטע, און קוים וועט ער עפעס פאר זיי אויספיהרען, וועט עס זיין א נצחון פאר אונז אלעמען, — און אט אויף אזא אופן איז שוין געשאפען געווען א פסיכאלאגישע נויטווענדיגקייט, זיך צו רעכנען מיט דעם מענשען, אנצוהויבען פיהרען מיט איהם געוויסע אונטערהאנדלונגען און איהם עפעס נאכצוגעבען, אום די אנשטעקונג פון די גייסטער זאל שפעטער נישט פאדערען נאך קיין גרעסערע קרבנות. עס וואלט כדאי זיין, א לעבען אבצוגעבען, און צו האבען דערביי געווען און דאס געזיכט פון פיהרער געזעהן אין יענעם מאמענט, ווען מ׳האט איהם צום ערשטען מאל געזאגט: רעד, זאג, וואס דו פאדערסט, מיר וועלען הערען.

דאס איז געווען דער ערשטער גרויסער ערפאלג.

די ביבעל גיט איהם שטענדיג צו דעם אויסדריק פון שטאַרקער אויפגערעגטקייט — אָדער פון טיעפער התלהבות, אָדער פון לייַדענשאַפטליכען צאָרן; דאָ אָבער, אין דעם מאָמענט, איז געווים אויף זיין געזיכט געלעגען אַ אויסדריק פון ווילדער שמחה, און די שטאָלצע ליפען האָבען זיך אין אַ שמייכעל אויסגעקרימט, — אין דעם שמייכעל, וואָס האָט זיך געשפּיעלט אויף טהעזום'ס ליפּען, ווען ער האָט ענדליך דעם קענטאַוור*) פעסט אין זיינע הענד געהאַלטען. וואָרום זעה: עס איז דאָך מעגליך, פרעה, אַז אַ אידעע זאָל זיעגען איבער דער מאַכט, און די זאָלסט הינטערשטעליג בלייבען!... און איצט איז דערגרייכט געוואָרען די גרענ'ץ, וואו עס האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסווייזען משה'ס גרויסקייט נישט בלויז אַלס פייערדיגער פרעדיגער און אַגיטאַטאָר.

משה האָט זיך נישט אָבגעשטעלט אין וועג און געזוכט אויסצוניצען זיין נצחון איננאַנצען. ער האָט געוואוסט, אַז פון דעם שוואַכערען, פון דעם ענטלויפענדען, דאַרף מען פאָדערן אויך קריעגסקאָסטען; צוזאַמען דערמיט אָבער האָט ער פערשטאַנען, אַז מ'מאַכט אַליין דער שוואַכקייט ווידער שטאַרק, ווען מ'פאָדערט פון איהר צופיעל. ביז אַהער האָט ער פערלאַנגט בלויז, צו פערלייכטערן די אונטערדריקונגען; איצט מוז מען מעהר, אַ סך מעהר פאָדערן, עס דאַרף אָבער פאָרט נישט אויסזעהן צופיעל. —

אָבער וואָס, נו יא, אין וואָס, אייגענטליך, זאָל די איצטיגע פאָדערונג בעשטעהן?

ער וועט פאָדערן שוין פון פרעה'ן, ער זאָל אַרויסלאָזען אַלע יודען פון מצרים! צי זענען שוין אָבער די בעדינגונגען גינסטיג דערצו? האָט דען מצרים קיין אַרמעע נישט, האָט ער דען, משה שוין יאָ אַן אַרמעע און קאָן ער זיך דען ערלויבען אָהן אַ שום קאָנקרעטער מאַכט און אָהן אַ קאַמפף, צו שטעלען דעם געגנער אַזאַ פאָדערונג, וואָס ווערט געוועהנליך ערפילט נאָר אין אַ מאָמענט פון שטאַרקער פערצווייפלונג און נאָך אַ סך פערלוירענע געפעכטען?

מיר זענען געוועהנט צו שמייכלען איבער דעם פרומען גלויבען, וואָס נעהמט אָן וואונדער-לעגענדען פאַר היסטאָרישע געשעהענישען, און מערקען גאָרנישט, ווי וויט מיר אַליין פערקלענערען די פערזענליכקייט פון דעם גרויסען משה, ווען מיר זאָגען נאָך די געשריבענע ווערטער, אַז ער איז געקומען פאַר פרעה'ן, און האָט

געפֿאָדערט: לאָז אונז אַרויס פֿריי. ניין, דאָס לעגט זיך נישט אויס'ן שכל און האָט אין קיין פֿאַל נישט געקאָנט אַזוי צוגעהן; נאָר אין דער בעשיידענהייט פֿון דעם פּראָגראַם זענען געלעגען זיינע שאַנסען, און נישט בלויז די סאָלדאַטען, נאָר אויך דעם גאַנצען המון פֿון די פֿאַריאַ'ס וואָלט מען דאָ דאַרפֿען בייקומען, ווען עס וואָלט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די יודען זאָרגען בלויז פֿאַר זיך, ווילען נאָר פֿאַר זיך אַליין עפּעס אויסקעמפֿען און האָבען בדעה, גלייך נאָך דער ערשטער געלונגענער פּאַרטיע זייערע הילפֿסבערייטע גוטע פֿריינד אים שטיך צו לאָזען און זיך אַליין אַרויסצורוקען. די געשיכטע פֿון הונדערטער פֿאָלקס־בעוועגונגען לעהרנט אונז, אַז אַלע מאָל, ווען אַ פֿיהרער האָט זיך נאָך דעם ערשטען נצחון אַוועקגערוקט מיט זיין מחנה און פֿערלאָזען די פֿריינד, מיט וועלכע ער האָט זיך פֿריהער פֿעראייניגט אים קאַמפֿף, — האָט זיך עס כּמעט כּל סוף געענדיגט מיט אַ מפּלה פֿאַר איהם, ווייל די פֿעררעטענע פֿריינד זענען איהם געוואָרען נאָך מעהר פֿערביטערטע שונאים, פֿון יענעם, געגען וועלכע זיי האָבען פֿריהער מיט איהם צוזאַמען געקעמפֿט.

און משה זאָל דאָס אַליין נישט האָבען פֿאָראויסגעזעהן?

אונזער מיינונג נויטיגט זיך אָבער אייגענטליך גאָרנישט אין אַזעלכע אַרגומענטען און ראיות; די תורה אַליין דערצעהלט און בעשטעטיגט, אין וואָס זיין נעהנטסטער שריט איז בעשטאַנען. ער האָט געפֿאָדערט, אַרויסצולאָזען די יודען, „אום צו ברענגען קרבנות פֿאַר גאָט"; מאָטיווירט די פֿאָדערונג האָט ער: „כּדי ער זאָל אונז נישט שטראָפֿען מיט אַ מגפֿה אָדער מיט'ן שווערד"; אַ גאַראַנטיע האָט ער געגעבען דערפֿאַר, אַז דאָ האַנדעלט זיך נישט וועגען קיין אויסוואַנדערונג — נאָר דריי טאָג גאַנג פֿון מצרים וויל מען זיך דערווייטערן; און ענדליך האָט ער אויך דאָס ערקלערט, פֿאַרוואָס ער וויל דורכאויס אַרויספֿיהרען דערצו די יודען אין דער מדבר: ווייל דאָס רעליגיעזע געפֿיהל פֿון די עגיפּטער וועט אָנגעגריפֿען ווערען דורכדעם, וואָס זיי וועלען מוזען מיט די אייגענע אויגען צוזעהן, ווי אַ פֿרעמדער גאָט ווערט אַוועקגעשטעלט העכער פֿון זייערע געטער. מיר האָבען דאָ אַלזאָ פֿאַר זיך אַ אָנגעגעבענעם צוועק, אַ אָנגעגעבענעם אָרט, אַ אָנגעגעבענע צייט, און כּסדר אַלץ מעהר גענויע צייכנונגען פֿון דער זאַך, ווי זי איז; אַלץ מעהר פֿעסטע מאָטיווען, אום צו זיכערן דעם איינפֿאַכען האַראַקטער פֿון דער אונטער־

געהמונג אין אַלץ פרײַ פון ווײַטע אידעאַלען און פון רידיקאַלישע פרײַהײַטס-געדאַנקען, און דערבײַ איז די גאַנצע זאַך אַזוי פּראַקטיש אויסגערעכענט, אַז נאָך אַלעמען מוז פרעה אין דעם זעהן נאָר אַ קלײניגקײַט, דער פּאַריאַ — אַ סימפּאַטישען פערלאַנג, און דער יוד, וועלכער האָט נאָך קײן מאַכט נישט און איז נאָך גאָרנישט אָרגאַניזירט — נישט קײן צו-געפעדהרליכען און קײן צו-העלדישען אַרויס-טריט. און דאָס זאָלען דאָס האָבען געווען, די עמיגראַציאָנס-פּלענער און די געדאַנקען וועגען אַ יודישען שטאַאַט?

און אויסער דעם אַלעמען וואָלטען דאָך פרעה'ס דרשות דערנאָך אויך קײן שום זין נישט האָבען, ווען עס וואָלט זיך ווירקליך האַנדלען וועגען אַ מאַסען-עמיגראַציע פון לאַנד און וועגען אַ פּעראײניגונג פון אַלע יודישע אונטערטהאַנען; דאַגעגען אָבער זענען זײ אײנפאַך, קלאָר און לאָגיש, ווען די גאַנצע פערהאַנדלונג ווערט געפיהרט בלויז וועגען אַ פּילגער-רײַזע.

און דערבײַ חזר איך איבער נאָכאַמאָל, אַז איך גיעב דאָ איצט נישט קײן עמפּפינדונגס-אורטײלען און קײן השערות, וואָרום דאָס, וואָס פ'איז אַרויסצודרינגען פון די ווײַטערדיגע שטעלען אין דער ביבעל, איז רײנע געוויסהײַט און היסטאָרישער אמת.

אין אָנהויב האָט פרעה דעם פּאָרשלאָג אָבגעוואָרפען; און ווי האָט עס געזאָלט אַנדערש זײַן? מוזען נאָכגעבען אַזוינס, וואָס פער-אַכטעטע היקסאָ'ס פאָדערן און וואָס ס'קאָן פונדעסטוועגען, האָטש דאָס זעהט אויס, ווי אַ געלעכטער — אין דער אמת'ען דיענען אַלס אָנהויב פון אַ אונגעהויערער איבערקעהרעניש, — איז דען דאָס נישט שרעקליך? וואָרום הײַנט פאָדערן עס די יודען און מאָרגען וועלען אַנדערע קומען; און דרײַ טאָג צו דעם מדבר, דרײַ טאָג פון דעם מדבר, און לאָמיר אָננעהמען נאָר אײן טאָג דאָרט פאַר דער פלומר'שט רעליגיעזער אַרבײַט פון ברענגען קרבנות פאַר זײער גאָט: הײסט עס דען נישט אַלע יאָהר אַוועקנעהמען בײַם בעל-הבית זיבען טעג פאַר דער טובה פונ'ם שקלאַפען-פאָלק?...

און עס לוידגט זיך אָבצושטעלען און אַ טראַכט צו טהון וועגען דעם, וואָס אָט די פלומר'שט-נישט-וועלטליכע פאָדערונג האָט אין זיך ענטהאַלטען! אָהן דעם גאַנצען פאַקט פון דער שפּעטערדיגער יודישער בעפרײַאונג, וואָלט שוין דאָס אַלײן גענוג זײַן, אויף צו קרוינען מיט דעם שטעמפּעל פון גרויסקײַט יענעם מוטיגען און מיט

ליבע דורכגעדרונגענעם גייסט, וועלכער האט דער ערשטער אין דער וועלט אריינגעגעבען אין דעם הערר, אין דעם קנעכט דאס בעוואוסטזיין פון די מינימאלע מענשליכע רעכטע, מיט וועלכע זיי דארפען זיך ביידע רעכנען, און מיט א וואונדערבארער מענשענקענטניש פערשטאנען אויסצוגעפינען דערביי יענעם פונקט, אויף וועלכען מ'מוז זיך אוועקשטעלען, ווען מ'וויל חיות אין מענשען אומוואנדלען און שקלאפען — אין איינגענבערעכטיגטע און זעלבסטבעוואוסטזיניגע געזעלשאפטס-מיטגליעדער.

און פרעה האט אין אנהויב די פאדערונג אבגעזאגט, און שפעטער אפילו; ווען ער איז שוין געצוואונגען געווען, איהר פרינציפיעל צו אנערקענען, האט זיך ערשט אנגעהויבען א סדרה פון אויפרעגענדע פערהאנדלונגען וועגען די בעדינגונגען און איינצעלהייטען — פערהאנדלונגען, ביי וועלכע די עגיפטישע פאליטיק האט נישט אויפגעהערט אויסצוטראכטען נייע פונקטען, אויף צו בעגרענצען וואס מעהר די שוין געגעבענע בעווילליגונג. און קוים צווייפעלט נאך אימיצער אין דעם, צי עס האט זיך אמאל ביים סוף פארט נישט גערעדט דא וועגען א פאלשטענדיגער אויסוואנדערונג, — זאל ער גוט שטודירען די דאזיגע עטאפען פון פרעה'ס נאכגיעביגקייט בנוגע צו משה'ס פאדערונג.

משה זאגט: קרבנות, פרעה ענטפערט: גוט, קרבנות! לאמיר אבער אננעהמען, אז ביי יעדעס מאל, ווען דא ווערט דערמאהנט דאס ווארט „קרבנות", האט עס די בעדייטונג: ארויסגעהן פון מצרים — פרעגט זיך דאך, וואס'רע זין האט דער ווייטערדיגער טייל פון פרעה'ס ענטפער: גוט, אבער נאר דא אים לאנד?! אזוי שטעהט עס דאך אין דער תורה, און אויך וויפיעל איך נעמין, רעקאמענדירט אזא מין תשובה נישט פון דער גוטער זייט דעם שכל פונ'ם גרויסען מצרי'ישען קעניג; ווארום עס הייסט דאך אזוי: איהר ווילט אויסוואנדערן פון לאנד? גוט, איהר קאנט זיך אויסוואנדערן; נאר אזוי, אז איהר זאלט בלייבען אים לאנד!...

און דאס זעלבע איז אויך מיט די אלע אנדערע טענות צווישען זיי; אלץ ווערט פערוואנדעלט אין לעכערליכע נארישקייטען, ווען מען נעהמט אן, אז משה האט געפאדערט פון פרעה'ן, ער זאל ארויסלאזען אלע יודען פון מצרים; אין דער צייט, ווען די גאנצע פערהאנדלונג לאזט זיך גלייך און קלאר פערשטעהן נאך דער הנחה.

אַז דאָ האַנדעלט זיך ווירקליך בלויז נאָר וועגען אַ פּילגער־רייזע אין נישט קיין צו־ווייטען מקום. וואָרום ווען פּרעה, למשל, וואָלט אײַן, אַרויסצופּטר'ן פון זײַן לאַנד נאָר אַ געוויסען טייל פון די יודישע מאַסען, הייסט עס דען מיט שכל געהאַנדעלט, ווען ער קלויבט אויס דערצו נאָר די זעקס הונדערט טויזענד אַרבייטספעהיגע שקלאַפען און גראָד די נישט אַרבייטספעהיגע אַלטע און קינדער וויל ער אין קיין פאַל נישט אַרויסלאָזען? די אינטערעסען־פּאָליטיק וואָלט, דאַכט זיך, געדאַרפט דאָ האַנדלען ריכטיג פערקעהרט. זי וואָלט געהייסען בעפרייען דעם אָנשיקעניש, די אומזיסטיגע אַלטע פרעסער, וואָס ברענגען דעם לאַנד קיינע נוצען נישט, און דאַגעגען אין קיין פאַל נישט אַרויסלאָזען די אַרבייטספעהיגע קרעפטען, וועלכע מ'קאָן אויסנוצען. אָדער שפּעטער, ווען פּרעה איז צוגעדריקט געוואָרען צום וואַנט און האָט געמוזט אויף אַזוי פיעל נאָכגעבען, אַז ער האָט שוין איינגעוויליגט אַלעמען אַרויסצולאָזען פון זײַן לאַנד, — איז עס דען זעהר קלוג פון זײַן זייט, ווען ער דריקט אויס דערבײַ זײַן פערלאַנג, אַז זיי זאָלען ווענינגסטענס זיך אָבשטעלען אין שכנות און נישט אַוועק זעהר ווייט פון זײַנע גרענעצען? איצט, נאָך דעם דערגרייכטען נצחון און אויסגעקעמפּטער פרייהייט זעגען זיי דאָך נאָך מעהר און דאָפּעלט געפעהרליך; און אויב שוין יאָ אַרויס, זאָל שוין זײַן אַנ'עק אינגאַנצען; אויב ער איז שוין נישט אימשטאַנד מעהר, זיי צו שטערן אין זייער אַוועקגעהן, וואָלט ער דאָך, פערקעהרט, געדאַרפט פערלאַנגען, זיי זאָלען זיך בעזעצען ערגעץ־וואו אין עק וועלט, נאָר נישט נאָהנט נעבען זײַנע גרענעצען...

און די דאָזיגע אַלע ערשטוינענדע נאַרישקייטען, וועלכע מען שרײַבט צו, אַליין גאָרנישט מערקענדיג דאָס, דעם עגיפּטישען הערשער, הערען אויף נאַרעשקייטען צו זײַן און ווערען ליכטיגע און דורכזיכטיגע פערשטענדליכקייטען, ווען מ'גלויבט די איינפאַכע ווערטער פון די האַנדלענדע פערזאָנען מעהר, ווי די השערות פון יענע, וועלכע זאָגען כלומר'שט, אַז זיי האַלטען זיך פעסט און שטרענג בײַ די ביבעל־ווערטער און ליינענען אָב דעם זין זייערן גראָד דאָרט, וואו דאָס איז אַמקלאָרסטען און אַמזיכערסטען.

וואָרום איז עס דען נישט איצט זונען־קלאָר, ווי אַלץ איז דאָרטען צוגעגאַנגען?

משה פאָדערט אים נאָמען פון דער רעליגיאָנספרייהייט אַלע

יאָדער אַ וואָך צייט פאַר די שקלאַפן — מזאָגט איהם אָב אין דעם, ווייל די אָבריכטונג פון אַ גאָטעס-דינסט קאָן אין איין שעה אָבפאָלזירט ווערען. משה ענטפערט: דאָס איז ווייניג, ווייל צו אונזער גאָטעסדינסט מוזען מיר אין דער מדבר געהן — ווידער אַ ענטפער פון הויף: אַהאַ, איהר ווילט אַנטלויפען פון דאַנען! דערויף ערקלערט משה: וועגען דעם קאָן קיין רעד נישט זיין, מיר האָבען דאָך קיין געוועהר און קיין פּראָוויאַנט נישט, אום צו קאָנען עטליכע וואָכען אין וועג זיין; אָט זעהט אונזערע אָרעמע, דין-געבאַקענע מצות, די וועלען גענוג זיין בלויז אויף אַ קורצע ריַיזע פון דריי טעג... און ווען מ'ענטפערט איהם, אַז מ'זעהט פאָרט נישט איין די נויטווענדיגקייט פון געהן דורכאויס אין דער מדבר, אום גאָט צו בעטען, — הער'ט ער איבער נאָכאַמאָל, אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען קרבנות ברענגען. אָבער קאָן מען דאָס דען אין די שטעדט נישט מאַכען? די עגיפּטער זענען דאָך טאָלעראַנט און שטערען קיינעם נישט אין זיין גלויבען... דאַן זאָגט ער ענדליך אַרויס, אַז זיין גאָט קאָן נישט פערטראָגען נעבען זיך קיין אַנדערע געטער און פערפליכטעט זיינע אָנהענגער, אָפּען אָבצולאַכען פון די אַנדערע געטער און זיי אָנצוערקענען פאַר מאוס'ע און נאַרעשע בילדער פון אַ שלעכטער פאַנטאַזיע — און ווען די יודען וועלען דאָס אַלץ טהון פאַר די עגיפּטער אין די אויגען, וועלען דען נישט אַרויסקומען דערפון קיין שלעכטע פאָלגען?

און איצט ערקלערט פרעה ענדליך דאָס, וואָס דער קאַפּיטאַליזם טהוט נאָך ביז היינטיגען טאָג: ווער עס אַרבייט, קאָן געהן און האָבען איין וואָך פריי; דער אָבער, וואָס אַרבייט נישט, דאַרף זיך נישט ערהאָלען און מוז בלייבען אין שטאָדט — מ'איז דאָך נישט מחויב צו בעלוינען פאַר'ן נישט אַרבייטען!

און אין דעם זין — דער געזונדטער מענשענפערשטאַנד לערנט. אַז דאָס איז אַזוי געווען און די ביבעל בעשטעטיגט עס — האָבען זיך געצויגען די פערהאַנדלונגען אויך ווייטער, ביז עס האָבען פּלוצלונג אויסגעבראָכען אין לאַנד אַלערליי נאַטור-קאַטאַסטראָפען, אונגליקספאַלען און אפשר אויך אינערליכע מלחמות, און דער שוין אַזוי אויך צו-וועהטאָגטע און אָנגעשטעקטער עגיפּטישער פּאַריאַ מיט זיין שרעקליכער מורא פאַר אַלץ, וואָס גאָט היסט, האָט אין דעם אַלעמען געזעהן אַ שטראָף פון דעם נייעם גאָט: אָדער פאָר

דער קיִעלערײַ פון די, וואָס גלויבען אין איהם, אָדער פאַר דעם ניט צולאָזען ברענגען די פון איהם געפאָדערטע קרבנות. מיט איין וואָרט: די פּאָליטיק פון הויף האָט געקריגען איין קלאַפּ נאָכ'ן אַנדערן און איהר לאַגע איז געוואָרען, וואָס ווייטער אַלץ ערגער, אַלץ מעהר געצוואונגען. נאָך איין מאָל האָט דער הויף צוזאַמענגענומען זיין רעשט ביסעל כחות, אום אַ לעצטע פּראָבע צו מאַכען, אום דעם המון עולה־רגל'ניקעס (פּילגערער) ווענינסטענס אויף אַ זיכערען אופן צוריקצוברענגען, — זייער איינענטום, זייערע שאָף און רינדער זאָלען די יודען דאָ אין די שטערט איבערלאָזען, אַלס אַ גאַראַנטיע דערפאַר, אַז זיי מיינען נישט קיין שלעכטס און וועלען זיך פונים מדבר רוהיג צוריקקעהרען אַהער אין לאַנד; און דעם עגיפּטישען פאָלק איז ערקלערט געוואָרען, אַז דער קאַמפּף האָט גאָרנישט צו טהון מיט דעם נייעם גאָט. דער הויף האָט איהם זאָגאַר זיין בעזונדערן רעוועראַנס געמאַכט און איינגעאָרדענט אַ עפענטליכע תפלה צו יה'ה פאַר פרעה'ס געזונד...

דאָס האָט שוין אָבער נישט געהאָלפען; אין דער וואָהל, צו וועמען מעהר צוטרוי צו האָבען: צו דער פּאָליטיק פון הויף אָדער צו יענעם פרעדיגער פון מענשליכע רעכטע פאַר אַלעמען גלייך, — האָט שוין דער פּאַריאַ לאַנג געהאַט בעשלאָסען, צו הערען בעסער דעם לעצטען, און האָט גוט געוואוסט, אַז יעדער מענש האָט דאָס רעכט, זיין גאָט צו דיענען, ווי ער פערשטעהט, און אַז ס'איז אַ פערברעכען אימיצען דאָס, אויף וועלכען וועג ס'זאָל נישט זיין, צו פערוועהרען; דער זעלביגער פּאַריאַ האָט דעריבער אויך גוט פערשטאַנען דעם דאָזיגען כלומר'שט־פּאָליטישען שווינדעל פון צוזאָגען פריהער מיט'ן מויל אַלץ און דערנאָך כסדר אָפּקניפּען און אָבצופּען דערפון מיט דער הילף פון פערשידענע הינטערפיסלעך...

די יודישע פּילגער־רייזע ערלויבען זיי; נאָר די געצעלטען, די קליידער און די כלים, וואָס זענען נויטיג דערצו — דאָס זאָלען די יודען איבערלאָזען אין לאַנד! די מענשען קענען זיך געהן אין דער מדבר און דאָרט מקריב זיין זייערע קרבנות, נאָר די רינדער, וואָס דאַרפען דערביי געקוילעט ווערען, זאָלען זיי מיט זיך נישט מיטנעהמען!

און אַ ווילד, שטורמיש געלעכטער האָט זיך דורכגעטראָגען דורך אַלע רייהען פון דעם גאַנצען שקלאַפענפאָלק, ווען דער קעניג האָט זיך צום לעצטען מאָל איינגע'עקשנ'ט און איז געבליבען ביי דער

עמפפינדונג, אז זיין סצעפטער וועט צושמעטערט ווערען אין דעם מאמענט, ווען די דאזיגע עלענדע מתנה מעסאפאטאמישע שקלאפען וועט ווירקליך ארויסגעהן פון לאנד אויף א געווימער צייט. און איצט איז געקומען די נאכט פון דער ענטשיידונג — די נאכט, וואס האט מיט דריי טויזענד יאהר פאר ווערסאל און ווערען צוגעזעהן די סצענע, ווי א געזאלבטער יאגט אוועק פון זיך מיט ציטערנדע קניע און פער־בראכענע הענד זיינע מיניסטארען און יועצים, אום זיי זאלען, אין וועלכען פאל דאס זאל נישט זיין, אויפזוכען משה'ן און איהם אלץ נאכגעבען, אבי נאר ער זאל אפטהון זיין כעס און זיך בערוהיגען!

די ווירקליכע איינצעלהייטען פון דער דאזיגער וועלט־היסטא־רישער נאכט זענען, צום בעדויערן אין דער ביבעל נישט גענוי, געשילדערט און איבערגעגעבען געווארען, און זי בעגעהט זיך מיט איהר אויך אזוי, ווי אלע היילעגע ספרים פון דעם סארט: זי זוכט מיט אלע מיטלען דעם פאקט צו פערשענערען אין גלויבט, אז דער איינדריק פון איהר שילדערונג וועט זיין שטארקער, ווען זי וועט די פאקטישע געשעהענישען אויך איינוויקלען אין א הילע פון בע־גייסטערונג, ווען אלץ וועט ביי איהר ארויסקומען אונגעהויער אין מוס־טערהאפט, קורץ — ווען דער אמת'ער היסטארישער קערפער צוזאמען מיט דער נשמה וועט פערוואנדעלט ווערען אין אנאבסטראקט, אין הוילע נסים.

אט זעהט, למשל, ווי דער „פינגער פון גאט“, וועלכע שיקט נאך אן ביז היינטיגען טאג אויף יעדערן אין עגיפטען, וואס איז נישט גענוג אפגעהיט, די פעסט אדער די כאלערא אדער די עגיפטישע אוי־גענקראנקהייט, — אט זעהט, אדרבא, ווי דענר זעלביגער פינגער האט געוואוסט אין יענער היילעגער נאכט, נישט אויסצומיידען ביי די פערשידענע פלאגען קיין איין איינציגען מצרי'שען הויז, און אין דער זעלביגער צייט אדורכלאזען איבערידהרט יעדער טהיר, וואס איז בעשפריצט מיט בלוט!

און נישט ווילענדיג שווימט ארויף אויפ'ן רעיון די פראגע: וויפיעל בעפרייענדער און לייכטער וואלט זיך די זאך ערקלערט אין די שפעטערדיגע דורות, ווען די ביבעל וואלט בלויז גאנץ איינפאך און פשוט דערצעהלט, — וואס'רע שרעקליכע און דרינגענדע גע־פאהר עס האט אין יענער נאכט געהערשט אין דער גאנצער שטאט און וואס'רער ביטערער פחד עס איז דאמאלס אנגעפאלען אויף דעם

עניגליכען פלאץ מיט אלע זיינע איינוואוינער אזוי, אז אום זיך און די זייניגע צו ראטעווען, האט דער קעניג, בלייך, ווי א טוידטעה און מיט טרערען אין די אויגען, געהאלטען אין איין שרייען: „געהט זיי און „גערהט!“... און זיינע שלוחים און משרתים האבען עס שוין אלע געהאט פאראויס געזאגט און געווארענט דערפאר... און זיינע "עצים זענען געלאפען צו משה'ן און מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס זיך געבעטען: האב רחמנות, הער אויף דערוויל צו פייניגען, מיר וועלען דאך דורכקומען! געהט אייך געזונטערהייד מיט אייערע אק- סען און ווייבער און שאף און קינדער! פאר פרעה'ן דארפט איהר קיין מורא נישט האבען: ער האט אויך גארנישט דאגעגען; אלץ וועט פערגעסען און פערגעבען ווערען — ער גיט אנאמנעסטיע אלע- מען, און קיינער וועט נישט בעשטראפט ווערען...“

און אזוי האבען זיי זיך אין דער זעלביגער נאכט נאך געלאזען אין וועג אריין אהן געוועהר, מיטנעהמענדיג מיט זיך לעבענס-מיטעל און די הארציגע ברכות פון זייערע מצריי'שע חברים-שקלאפען, וועל- כע האבען אין דעם דאזיגען ערפאלג געזעהן דעם אנהויב פון זייערע אייגענעם נצחון... יא, אמת, דאס דארף מען אויך נישט פער- געסען: זיי זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים מיט א דאפעלען בגאוש, ווארום אויסער דער בעגייסטערונג, האבען זיי געפיהרט מיט זיך אויך דעם ענטליהענעם גאלד און זילבער פון זייערע עגיפטישע שכנים, — דעם ענטליהענעם, וואס ביי אנדערע האט דער פאקט בעקומען גאר אנ'אנדער בעדייטונג. ביי זיי הייסט עס פשוט, אז יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים אלס א פאלק, וואס האט איצט, נאך א צייט פון אסך הונדערטער יאהרען, צוריק געטראגען זיין גאט אין הארצען און איז פון דעסטוועגען פארט בעשטאנען איינגאנצען פון בעטריגער און גנבים... און פראבירט איהר זיי, די דאזיגע חכמים, אבשלאגען, פערווארפען זיי אייך מיט שאלות: וואס, איז דען דער פאקט נישט אזוי געוועזען? האבען זיי דען נישט מיטגענומען די גאלדענע און זילבערנע כלים פון די עגיפטער מיט זיך? האבען זיי דען נישט אנגערעדט די עגיפטישע פאריא'ס צו מאכען א איבער- קעהרעניש אין לאנד? האבען זיי דען נישט צוגענומען ביי די זעל- ביגע חברים, בלומריש צו דעם צוועק פונ'ם גאסעדיענסט, זייער האב און גוטס, און נישט בלויז פערגעסען אבצוגעבען, נאר לכתחלה זאגאר פאלה גענומען דאס מיט דעם היסען פון זייער גאט און

זייער פיהרער, טראכטענדיג פאראויס, זיך ארויסצוגנבינען פון לאנד מיט די אלע אנגעזאמעלטע קאסטבארע חפצים?

איך צווייפעל שטארק אין דעם, צי אימיצער וועט זיך נאך ערנסט בעציהען צו די דאזיגע אלע שאלות, נאכדעם אלעם, וואס מיר האבען שוין פריהער גערעדט. נישט קוקענדיג אבער אויף דעם, געפין איך פונדעסטוועגען פאר נישט איבריג, פון דער זאך אליין ארויסצווייזען, אז די הנהה פון א געפלאנטע גנבה, האט איינפאך קיין שום זין נישט.

ווארום איינס פון די ביידע: גלייבט מען, אז דער פערזאסער פון דער ביבעל האט איבערגעגעבען די פאקטען טענדענציעז — דאן פאדערט די טענדענץ, אז דיזע שמוציגע פערברעכען פון א מאסען-גנבה זאל פערגלעטיגט ווערען, און דאן קאן אין זיינע ווערטער פון קיין אבגערעדטען ארויסגנבינען זיך — גאר קיין רעד נישט זיין. גלויבט מען ווידער, אז ער האט ליעב געהאט דעם אמת, דאן לעגט זיך נישט אויפ'ן שכל, אז ער זאל דעם גאט, וועלכען ער שילדערט שטענדיג אלס דעם מיסטער אדער אלס דעם אינערליכסטען בעגריף פון דערווירקליכער אין פעסטער עטיק, — אז ער זאל דעם זעלביגען גאט אריינגעבען אין מויל די ווערטער: גייט פערפיהר און גנב'עט! ווארום דאס, וואס עס ווערט פון גאט דערצעהלט, ווערט דערצעהלט אויך פון משה'ן.

משה און גנבה, משה און א מאראל מיט א דאפעלען בודען — וועלכער קאפ איז עס אימשטאנד געווען, די דאזיגע ביידע בעגריפען צוזאמענצובינדען? — בנוגע צו די געשטאלטען פון יעקב'ן און זיין זוהן יוסף וואלט דאס נאך אפשר מעגליך זיין; וואס עס געהערט אבער צו משה'ן האבען זיך די מיינונגען קיינמאל נישט צוטיילט, און ווי זיין ציווילע, אזוי שטעהט אויך זיין פאליטישע לויטערקייט איבער יעדען צווייפעל. און אט די לויטערקייט האט זיך בעצויגען נישט בלויז אויף גרויסע זאכען, נאר אויך אויף די קלענסטע. ער האט קיינמאל נישט געקלערט דערנאך וועגען ווערען א קעניג; ס'איז קיינמאל נישט פארגעקומען, ער זאל זיך אויך נעהמען א חלק פון דעם געטיילטען רויב, און קיינמאל איז איהם נישט איינגעפאלען, צו פערזארגען זיינע קינדער, אין דער צייט, ווען די קינדער פון זיין ברודער האט ער גאנץ גוט פערזארגט. און אט צו דעם בילד פון העכסטער זעלבסטאפפערונג קומט נאך צו אלס בעווייז די פון איהם איבער-

געלאָזענע עטיק: די ערשטע געזעצען, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען אויפ'ן וועג אינ'ם מדבר, זענען געווען געווידמעט דעם פערברעכען פון גנב'ענען, און אין די עשרת הדברות, ביי דער אויפשטעלונג פון די גרונד-פּרינציפּען, אויף וועלכע ס'מוז געבויט ווערען די געזעלשאַפט, חזר'ט ער איבער נאָכאַמאָל: פערשאָלטען זאָל זיין דער, וואָס וועט זיך בעשמוצען מיט דער שאַנדע.

און אפשר צווייפעלט אימיצער אין דעם, צי איהם איז אַלץ איינס געווען: גנב'ענען ביי אַ אייגענעם אָדער ביי אַ פרעמדען? דאָס האָט ער אונז געוויזען נאָך דאַמאָלס ביים ברונען אינ'ם לאַנד מדין, ווען ער האָט פערטיידיגט דער הילפלאָזער שוואַכקייט, און גאָרנישט געפרעגט דערביי: צי זענט אַ הר פון מיין שטאַם, צי נישט?

איך האָב דאָ אָנגערירט די פראַגע וועגען פרעמדע און אייגענע, און איך וויל מיך אָבשטעלען אויף דעם עטוואָס לענגער, זענענדיג איבערצייגט, אַז דאָס האָט אַ נאָהנטע שייכות צו דעם הויפּט-געגענשטאַנד פון אונזער אַרטיקעל: עס איז געווען נאָר איין איינציגער אומשטאַנד, וואָס האָט געדינט משה'ן אַלס סבה, אַרויסצוטרעטען מיט שאַרפע בעפעהלען געגען די פרעמדע, און דאָס איז געווען דאַן, ווען יענע האָבען אין רייהען געשלאָסען אָדער אַלס איינצעלנע, אַקטיוו אָדער פּאַסיוו פאָרגעשטעלט מיט זייער איינפלוס אַ געפאַהר פאַר דעם גלויבען, וועלכער האָט דאָ געדינט אַלס איינציגען באַזיס פאַר דער נאַציאָנאַלער פעראייניגונג; אין אַזעלכע פעלען איז ער געווען אייזען-האַרט און אָהן רחמנות'דיג-שטרענג — אַט ריכטיג, ווי די קירכע איז געווען געגען דעם אינדיפערענטיזם אָדער ווי יעדער פּאָליטיקער איז אין דער בעציהונג צו דעם אינערליכען אָדער אויסערליכען [illegible]ונא.

אין אַלע אַנד[illegible]ע פעלען אָבער האָט ער — כמעט אָהן אַ שום אויסנאַהם און נישט געצוואונגען פון קיינעם — יעדען פרעמדען אַנערקענט פאַר אַ בירגער פון לאַנד און איהם געזיכערט נישט בלויז זיינע רעכטע, נאָר אויך די בעשיצונג פון זיינע מענשליכע עמפּפינדונגען, און דורך זיין גאַנצען לעבען, רעדען און שאַפען ציהט זיך, ווי איין פערהאַפּענדעס גלאָקענקלאַנג, דער פּערזאָג: פערפינסטער נישט דעם פרעמדען זיינע טעג, קוועל איהם נישט און בענוגען דיך נישט דערמיט אַליין, וואָס דו נעהמסט ביי איהם זיין פערמעגען נישט צו; ער איז אַ מענש, ער פערמאָגט אויסער זיין מאַטעריעלען

אייגענטום אויך געפיהלען, און די זענען אָפט וויכטיגער און טייערער פון יעדער עשירות. דו טאָרסט איהם אַלזאָ נישט ברענגען דערצו, אַז ער זאָל זיך שפירען עלענד און דערוויטערט פון די זייניגע, און דאַרפסט געדענקען שטענדיג, ווי דיר איז געוועזען אין מצרים, ווען די אונמענשען האָבען דיך געפרעסט און געפייניגט, און די ברייטע פאָלקס-מאַסען, אָט די טויזענדער אַליין אָרעמע און מיטליידענדע, האָבען דיר זייער הילף אָנגעבאָטען אין געשטיצט.

בנוגע צו עטליכע פון מיינע הגהות און השערות קען עס פאָרקומען, מ'זאָל מיך בעשולדיגען אין אַריינלעגען אייגענע טענדענציעזע כוונות און סודות דאָרט, וואו זיי זענען אין דער אמת'ען גאָרנישט פאַראַן; וואָס עס געהערט אָבער צו דעם פונקט קען דער פּיל אַבסאָלוט נישט מעגליך זיין. דאָ קענען קיינע פעלשונגסטענדענצען נישט גילטען, ווייל די געזעצען וועגען דער בעציהונג צו פרעמדע — און בכלל די פערזאָנען, צו שיצען און צו שעצען דעם פרעמדענ'ס געפיהלען און מיינונגען, — ווערען אין דער תורה אַזוי פיעל מאָל איבערגעהור'ט, אַז אפילו יענע, וועלכע בעשולדיגען יודען אין שנאה צו פרעמדע פעלקער, איז'ם נאָך אויך קיינמאָל נישט איינגעפאַלען, פעראַנטוואָרטליך צו מאַכען דערפאַר די ספרים, וואָס ענטהאַלטען אין זיך משה'ס געזעצגעבונג און משה'ס מאָראַל.

און אויב דאָס אַלץ איז אמת, מוז מען דאָך זיך אַליין פרעגען, צי דאָס איז מעגליך, אַז דער מענש, וועלכער איז דורכגעדרונגען געוועזען מיט אַזאַ טיעפער פעראַכטונג צו אַלעס שמוציגעס און האָט, ביי אַלע זיינע קריגעריישען און פּאָליטישער ענטשלאָסענקייט, דאָך אינ'ם ציווילען לעבען קיינמאָל נישט געוואוסט פון דער בעל-הבתי'שער טריילאָזער פאַלשקייט, — צי איז'ם מעגליך, אַז דער זעלביגער מענש זאָל נישט קוקענדיג אויף דעם אַלעמען האָבען אויפגעפאָדערט די יודען צו אַ בעטרוג און זאָגאַר צו אַ מאַסענבעטרוג; און וואָלט ער עס ווירקליך האָבען געטהאָן, וואָלטען זיי איהם דען שפּעטער נישט אין פנים געלאַכט, ווען ער איז געקומען צו זיי מיט זיין מאָראַל? וואָלטען זיי דען נישט געזאָגט צו איהם: אָ דו פאַלשער נביא! אין מצרים, אינ'ם טיעפען טהאָל, האָסטו אונז בעפוילען צו גנב'ענען. און דאָ, אויף דעם באַרג הר'ב, שרייסטו פון פייער אַרויס: דו זאָלסט דיך נישט דערוועגען צו גנב'ענען!...

און אָהן אַלעמען — ווי שטעלט מען זיך עס אייגענטליך פאָר אַזאַ

מיין אָבגעערדטע מאַסענ-גנבה? דערצו איז, געוועהנליך, נויטיג, אַז איינער זאָל זיך קענען פערלאָזען אויפ'ן אַנדערן און אַז אַלע ציזאַמען זאָלען האַלטען די זאַך בסוד, און דעריבער ליעגט עס שוין אַזוי צו זאָגען אינ'ם כאַראַקטער פון יעדען שווינדעל, אַז זעלטען-ווען עס קענען זיך פערשווערען דערביי מעהר ווי פינף—זעקס—צעהן מאַן; ביי אַ פערשווערונג פון פופצעהן פערזאָן איז די אויספיהרונג פון דעם אונטערנעהמענעם אַקט שוין ביז דער העכסטער שטופע געפעהרליך — און דאָ זאָל עס האָבען געשעהען אַזאַ נס, אַז זעקס הונדערט טויזענד מענשען זאָלען אָבּרעדען צווישען זיך איין זאַך און קיינער פון זיי זאָל דעם סוד נישט אויסגעבען? און וואָלט עס טאַקי מעגליך זיין, אַז די אונטערנעהמונג זאָל פון דעסטוועגען פּאָרט דורכגעפיהרט ווערען, וואָלט דאָך זיין מאָדנע אויספאַלענד דאָס, וואָס די ביבעל דערצעהלט אונז בלויז וועגען צעהן מכות, פון וועלכע דאָס עגיפּטישע לאַנד איז געפּייניגט געוואָרען צוליעב יודען, און פערשוויינט אינגאַנצען דאָס גרעסטע וואונדער און די מערקווירדיגסטע מכה: דאָס אייזערנע שווייגען פון זעקס הינדערט טויזענד יודען אין די נויטיגע אויסטריקעניש פון דעם עגיפּטישען מאַרך, אַ דאַנק וועלכער עס האָט געקענט געשעהען, אַז די זעקס הונדערט טויזענד גנבים זאָלען זיך אַריינגנב'ענען אין נאָכאַמאָל אַזוי פיעל מצרי'שע טויערען, און יענע זאָלען דערנאָך אַליין נעהמען זייער האָב און גיטס און עס איבערטראָגען צו די גנבים אין שטוב אַריין. דערביי דאַרף מען בעמערקען אויך דאָס, אַז די ערצעהלונג פערפליכטעט צו גלויבען אין דער בעזונדער הויכקייט פון דעם נאַציאָנאַלען וואוילשטאַנד אין מצרים, וואָרום עס לעגט זיך דאָך נישט אויפ'ן שכל, אַז אָרעמע מענשען זאָלען אַזוי זאָרגלאָז געטריען זייערע שכנים, וועלכע קלייבען זיך אין וועג אַריין, אַזאַ עשירות פון גאָלדענע און זילבערנע כלים..

איינ'ם נאָמען פון דעם געזונדטען מענשענפערשטאַנד מוז מען דעריבער נאָך דעם אַלעמען אָפען ערקלערן: ניין! די דאָזיגע גאַנצע מעשה מיט דער מאַסענ-גנבה האָט נישט געקענט פּאַסירען און האָט נישט פּאַסירט! מיט זיין לויטערער און ריינער נשמה האָט משה, ערשטענס, קיינמאָל נישט געקענט צורעדען אַנדערע צום גנב'ענען; צווייטענס: שוין אָנגענעהמענדיג אפילו, אַז ער איז יאָ [illegible] געוועזען דאָס צו טהאָן, איז אָבער נאָך אַלץ נישט צו גלויבען אין דעם, ער

זאָל אַזוי נאַרעש זײַן, זיך צו פֿערגעבען מיט זעקס הונדערט טויזענד כּלומר'שט „פֿערשוואָרענע"; און ענדליך: ווען זיי וואָלטען טאַקי מיינען מיט דער רייזע אויסצו-וואַנדערן אינגאַנצען פֿון לאַנד און אַזויערנאָך זיכער צו געניעסען פֿון דעם גערויבטען פֿערמעגען, — וואָלט נאָך די אונטערנעהמונג האָבען אַ שטיקעל זין; קוים אָבער האָט זיך דאָ אינגאַנצען נישט געהאַנדעלט וועגען קיין אויסוואַנדערונג, האָט דאָך די גאַנצע „פֿערשווערונג" געמוזט זײַן לעכערליך און נאַרעש. וואָרום וואָס'רע זין האָט עס, אַרויסצוקריגען פֿון די שכנים פֿערשידענע טײַערע כּלים בײַ'ם אַרויספֿאָהרען, אין דער צײַט, ווען מ'ווייס זיכער, אַז זיי וועלען עס שפּעטער אויפֿמאָהנען און צוריקנעהמען? נו, אין האָבען דען די יודען געוואָלט אויסוואַנדערן פֿון לאַנד? האָט עס דען משה געוואָלט? איז דען דער בּלויזער געדאַנק וועגען דעם שוין נישט אַ משוגעת געוועזען?

און אַט הערט אויף דאָס גאַנצע רעטעניש אַ רעטעניש צו זײַן און עס ווערט קלאָר דער אמת'ער גאַנג פֿון דער גאַנצער האַנדלונג: דאָס, וועגען וואָס עס האָט זיך דאָ גערעדט, איז ווירקליך געוועזען נישט מעהר, ווי אַ יום-טוב מיט קרבּנות אין דער מדבּר, און ווירקליך נאָר צו דעם צוועק האָבען יודען געליהען בײַ זייערע שכנים פֿערשידענע כּלים. און אַזוי ווי קיינער האָט אין אָנהויב נישט געקלערט, און נישט געקענט קלערען, — ווי עס ליגט אינ'ם כאַראַקטער פֿון דער זאַך און ווי עס לעהרנט דער געזונדטער מענשענפֿערשטאַנד — אַוועקצונעהמען די דאָזיגע כּלים, און אַזוי ווי זיי זענען דערנאָך אויך נישט בּעאיינפֿלוסט געוואָרען אין אַזאַ ריכטונג נישט פֿונ'ם פֿיהרער און נישט פֿון קיין אַנדערן, הייסט שוין ממילא צוזאַמענבינדען דעם פֿאַקט פֿון יציאת מצרים מיט אַ שמוציגער גנבה אַלץ איינס, ווי פֿעראַנטוואָרטליך מאַכען, למשל, מאַרטין לוטהערן פֿאַר די גנבות וואָס זענען בּעגאַנגען געוואָרען אין דער צײַט פֿונ'ם פֿויערן-אויפֿשטאַנד.

אמת, די כּלים זענען נישט צוריקגעגעבען געוואָרען; דאָס איז אָבער געשעהען בּלויז נאָר דערפֿאַר, וואָס דער גאַנצער גאַנג פֿון די אומשטענדען האָט אָנגענומען אַזאַ ווענדונג, וואָס האָט פּשוט אוממעגליך געמאַכט דעם אַקט פֿון אומקעהרען די כּלים צוריק. פֿונ'ם יורידישען שטאַנדפּונקט אָבער ווערט יעדע האַנדלונג בּעטראַכט נאָר לויט דער ערשטער גוטער אָדער שלעכטער כּוונה, און עס קען נישט

געבען קיין שענדליכערעס פון יענעם סארט היסטארישע פארשונגען, לויט וועלכע מיראבא איז געווען א פאלשער יונג, אברהם לינקאלן — א חבר פון אינדוסטריעלער שפעקולאנטען און לאסאל — די פערקערפערטע צוזאמענשטעלונג פון שכור, גנב און פאבריקאנט פון פאלשע מטבעות.

נו, און וואס ווייטער?

מיך האט שוין נישט איין וויציגער חכם געפרעגט: דו האסט צוגעבראכט די יודען ביז ן ים — ווי ווערסטו זיי אבער אריבערפיהרען איבער איהם?... אויף דעם ענטפערן קען איך נאר דאס: דארט, וואו דער וויץ זיצט אלס שופט, איז קיין געדאנק און בכלל קיין אמת נישט אויף אזוי פיעל פעסט, אז ער זאל נישט קענען צוקלאפט ווערען אן דער וואנט פון דער שלעכטער און גיפטיגער הוזק-מאכעריי. קוים אבער בעגרייפט מען די גאנצע ערנסטקייט און וויכטיגקייט פון דער פראגע, און צוזאמען דערמיט אויך די נויטווענדיגקייט, קריטיש דורכצושטודירען די דאקומענטען פון יענער צייט, אום די צוריסענע ברעקלעך און גליעדער פון די געשעהענישען ווי ווייט מעגליך איז ווידער צוזאמענצוקניפען, קען מען שוין נישט מעהר שמייכלען איבער מיין פראגע, צוריקצושטעלען דעם גאנצען גאנג פון דער ווירקליכער האנדלונג. און זאגען מוז איך פאראויס: ביז אהער האט מיך די שילדערונג פון דער ביבעל געפיהרט; איצט אבער ענדיגט עס זיך, און אויב איך וויל ווייטער דערצעהלען, קען איך עס טהאן אהן א שום פאזיטיווער שטיצע, נאר בלויז ווייטערציהענדיג דעם פאדים פון מיינע אינערליכע פארשטעלונגען און בילדער. און אזעלכע פארשטעלונגען און בילדער האב איך ווירקליך! איך זעה, ווי די מחנות פון דעם נישט-ארגאניזירטען פאלק לאזען זיך לויפען איבער די וועגען פונ'ם מדבר; איך זעה, ווי דער סאמים הויבט אויף מיט יעדען פון זיינע ווינד-שטויסען אינגעהויערע, פייערראטע וואלקענס פון דערהיצטע זאמד-חוואליעס און זעה, ווי דער גאנצער צוג, וואס איז שוין ווייט פון ניל אבגעגאנגען, לאגערט ביינאכט נעבען וועלכען ס'איז טייכעל, און אלע זעטיגען זיך מיט די אונגעוועהנליך דינע און מאגערע מצות, וועלכע זענען ריכטיג צוגעפאסט צו דיענען אלס שפייז פאר ארעמע, עלענדע שקלאפען; אין צוזאמען מיט דער מארגען-דעמערינג וואנדערן זיי ווייטער, כסדר בעגלייטעט פון דעם ווינט, וואס טראגט אויף זיינע ריעזיגע אקסלען

געדיכטע, גליהענדע זאמד-ווײַלען. עס וואנדערט דאס פאלק און איהם אין דער שפיץ געהט דער פיהרער, אויף דעם געזיכט פון וועלכען עס ליעגט שטענדיג אויסגעגאסען א טיעפע, לײַדענשאפטליכע ערנכט-קײַט, און אויף וועלכען אלע קוקען, ווי אויף א וואונדער-מענשען, ווײַל איהם איז געלונגען, צו בעקעמפען נישט קיין עטליכע בעאמטע, נאר דעם פרעה אליין און אזא שטארקען קלאס צו געבען דעם מאנארכיש-קאפיטאליסטישען פרינציפ, אויף וועלכען מצרים איז געבויט געוועזען. און אויפ'ן דריטען טאג, שוין נישט ווײַט נעבען דעם ציעלפונקט פון זייער רײַזע, זענען זיי נאך אלץ פרעהליך און ערווארטען מיט א קלאפענדעם הארץ דעם מאמענט, ווען א העלע, לויטערע שטימע וועט נאך א צײַט פון הונדערטער יאהרען ווידער אויסקלינגען און אנזאגען אז דא ענדיגט זיך די שיידינג צווישען דעם פאלק און זײַן גאט, אין אז דאס דאזיגע פאלק פיהלט ווידער איז זיך — אדער איבער זיך — א צוזאמענבינדענדע קראפט. און פלוצלונג א ידיעה, וועלכע ערשטוינט אלעמען און לאזט זיי שטעהן מיט א פערהאפטען אטהעם — איז עס דען אמת? קען עס דען גאר מעגליך זײַן? א גאנצע ארמעע יאגט זיי נאך! וואס זאל עס בעדײַטען? דאכט זיך, מצרים האט קיין גרונד נישט, מורא צו האבען; אלע זעהען דאך, אז מיר מיינען נישט צו אנטלויפען. און וואלטען זיי וועלען פערהיטען די מעגליכע שטערונגען און זארגען פאר דער ארדנונג דא בײַ אונז, וואלטען זיי דאך קיין ארמעע נישט געשיקט — דערצו גענוגט דאך א קליינע וועכטער-אבטיילינג. איז וואס הייסט עס אלזא? הייסט עס, אז די ידיעה איז נישט קיין ריכטיגע, און דער שליח, וואס האט זי געבראכט, איז אדער א פערפיהרטער אדער א בעוואוסטזיניגער ליגנער... אבער ניין, עס זעהט פארט אויס, אז די ידיעה איז א ריכטיגע! אט דערצעהלט עס נאך א צווייטער, און א דריטער גיט צו: וואס רעדט איהר פון היטען די ארדנונג, פון קליינע וועכטער-אבטיילונגען? דא געהט אן ארמעע, און די קאמאנדאנטען האבען בעשטימטע בעפעהלען... עס האנדעלט זיך וועגען אריינרייטען אין פאלק...

און צוזאמען דערמיט, ווי די דאזיגע ידיעות האבען זיך פערשפרייט צווישען די וואנדערער, — דא האבען מיר שוין ווידער אונטער די פיס דעם פעסטען באדען פון די ביבלישע בעריכטען! — האט ערוואכט אין זיי די שרעק און די קליינמוטיגקײַט פון דער שקלאפענ-

סטאַדע, און אַ ביטערער געוויין פון הונדערטער טויזענדער האָט זיך געטראָגען אין דער לופטען: מ׳וויל אונז טוידטען, מ׳וויל אונזערע ווייבער און קינדער אויסהרג׳ענען — פאַרוואָס? פאַר וועלכע זינד? אָבער ניין, דאָס קומט אונז! מיר האָבען עס כשר פערדינט! — און די קליינמוטיגקייט האָט גאַנץ געשווינד געפונען מאָטיוועז, זיך אָנצוקלאָגען דערפאַר, וואָס זי איז איינמאָל נישט קליינמוטיג געווען: — אונזערע זיידעס און עלטער-זיידעס זענען שקלאַפען געווען, — וועלכער טייוועל האָט אונז געטריבען צו פערלייקענען אונזער געירשה׳נטע נאַטור? אינ׳ם נאָמען פון אונזער גאָט האָט ער אונז אויפגעבונטעוועט; און איצט זעהט, וואָס ער האָט אויפגעטהאָן! נידער מיט דעם פאַלשען נביא! מיט שטיינער דאַרף מען אידם פערוואַרפען! אויפהענגען דאַרף מען אידם! פיערהונדערט יאָהר האָט גאָט גלייכגילטיג צוגעזעהען אונזער צער און פיין, און פלוצלונג איז דער משוגע׳נער געקומען און האָט אונז איינגערעדט, אַז גאָט וועט אונז דערהויבען, אַז גאָט וועט אונז אויסלייזען און כסדר אויף אונז ישועות ברענגען! אַט וועלן מיר איצט איינציגווייז אויסגעהרג׳עט ווערען, און אַ מצוה וועט עס זיין אַן אונז, אַ מצוה! ווארום דאָס איז אַ פערברעך געווען געגען גאָט אַליין, זיך ענטקעגענצושטעלען זיין אמאָליגען ווילען און מורה צו זיין אין פרעה׳ן, אין וועמענס הענד ער האָט אונז איבערגעגעבען... וואו איז ער, דער מערדער, וועלכער האָט אונז אויפגעבונטעוועט און געטריבען??

אונ מיט אַ שטורם האָבען זיי זיך אַלע אַוועקגעלאָזען צו דעם געצעלט, אין וועלכען אַ מענש איז געלעגען אויסגעצויגען אין זיין גאַנצער לענג אויף דר׳ערד, און זיך אַרויפגעוואָרפען אויף אידם מיט קולות, געשרייען, געוויינען, און דונער-געוואַלדען: אַט איז ער, דער מערדער, וואָס האָט דעם מצרי געהרג׳עט! אַט איז ער, דער רוצח, וואָס האָט אונז אַלעמען צו דער שחיטה געפיהרט! זאָל ער אַרויסגעהן, דער וואונדער-טהוער און נסים-מענש, זאָל ער איצט וויזען, צי ער קען עפּעס אויפטהאָן, — זאָל ער געגען די עגיפּטישע סאָלדאַטען אַרויסטרעטען! זאָל ער געהן צו זיי, זאָל ער פאַלען פאַר זיי אויף די קניע און זאָגען, ווער דער שולדיגער איז, און זאָלען זיי טהאָן מיט אידם, וואָס זיי ווילען! מיר וועלען אידם אַליין אַרויספיהרען צו זיי; וואָס דען: טויזענדער נפשות זאָלען אומקומען צוליעב זיין שולד? לאָמיר אידם נעהמען, לאָמיר אידם אַוועקפיהרען

צו זיי. אפשר וועט עס ווייכער מאַכען זייער כעס, און אויב זיי וועלען איהם נישט הרג'ענען — וועלען מיר איהם אַליין מיט די פנים צוטרעטען...

און ער — ער ליעגט אויסגעצויגען אין זיין גאַנצער לענג אויף דר'ערד און פערברעכט די הענד! אָט שטעהט דאָ איצט פאַר זיינע אויגען די גאַנצע פעראַנטוואָרטליכקייט, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען און די גאַנצע שרעקליכקייט פון דער לאַגע. ער איז אַ נאַר געווען און האָט געגלויבט, אַז אַזוי לייכט וועט זיך איהם איינגעבען צו בעזיעגען די אַלע פאַלשקייטען און איינפאַלען פון אַ אַלטער און דורכגעמאַכטער פאָליטיק; ער איז אַ נאַר און אַ דרייפאַכיגער נאַר געווען. וואָרום זעה, אָט האָבען זיי דיך אַריינגענאַרט! אמת טאַקע, ווען זיי האָבען דיר פאַר'ן אַוועקגעהן צוגעזאָגט, אַז אַלין וועט פערגעסען זיין און קיינער וועט זיך פאַר דער מפלה נישט נוקם זיין, — האָבען זיי עס גאַנץ ערהליך געמיינט. ווען די זון אָבער איז ווידער אויפגעגאַנגען און האָט אַראָבגעקוקט אויף די פוסטע שקלאַפען-געצעלטען, האָט זיך אין דער נידערגעשלאָגענער מאַכט וויעדער ערוואַכט דער מוט, און דער בייזער שטן האָט געטענה'ט: דו גולם איינער, דו מיינסט, אַז דאָס, וואָס אַ מלוכה זאָגט צו מוז זי מקים זיין; עס הויבט זיך גאָרנישט אָן. זיי ווייסען, אַז דעם, וואָס לאָזט פריי זיין געשלאָגענעם פיינד און נעהמט נישט קיין פעסטע גאַראַנטיעס, אום זיכער צו זיין מיט זיין ערפאָלג, — אַז יענעם פאַקט מען פון הינטען ביי דער ערשטער געלעגענהייט און מ'קוועטשט איהם אַזוי צו צו דער וואַנט, אַז ער זאָל שוין דערנאָך קיין תחית-המתים נישט אויפשטעהן, אָט וואָס אַנ'אַנדערער, נישט אַזאַ נאַרעשער דיפלאָמאַט, ווי דו ביזט, וואָלט געטהאָן!... און די קאָמאַנדירען ווערען צוזאַמענגערופען, און בעפעהלען ווערען אָבגעגעבען צו מאַרשירען; דאָ אין די שטעדט, הייסט עס, פערמישט מיט אונזער היימישען פראָלעטאַריאַט זענען פאַר אונז די מעסאָפּאָטאַמישע חיות געפעהרליך געווען — איצט אָבער האָבען זיי זיך אַליין אָבגעזונדערט, און מיר וועלען זיך מיט זיי לייכט אַנ'עצה געבען. זייער גאַנצע מאַכט האָט איצט נאָר איין קאָפּ און מיט איין קלאַפּ וועלען מיר איהם אַראָבנעהמען, און אַראָבנעהמען אין דעם גינסטיגסטען פּלאַץ, וואָס מ'קען זיך נאָר פאָרשטעלען, אין דעם פּלאַץ, אויף וועלכען דו אַליין האָסט אָנגעוויזען, — דאָרט אין דעם ווילדען מדבר, וואו ס'זענען נישטאָ קיין פאַריאַס, וואָס זאָלען קומען צו הילף... און די סאָלדאַ-

טען-מתנות לאָזען זיך שנעל אין וועג אריין, און אין דער זעלביגער צייט, ווען דער ריעזען-דויפען וואנדערט זיך לאנגזאם, פערזונקען אין זיינע קינדישע לידער און און יום-טוב-געזאנגען, — געדט איהם נאָך פון הינטען דער טויט.

וואָס'רע אונגעוועהנליכע סיטואציע פאר א פיהרער!

איצט אָבער ווייזט זיך ארויס, וועלכער משה ס'איז גרעסער געווען: יענער פון דער ביבעל, וועלכער שטעקט מיט'ן קאָפּ אין הימעל און קען זיך רוהיג געהן זיין וועג, ווימענדיג פאָראויס,, אז גאָט וועט איהם העלפען און דער אויסגאנג וועט זיכער גיט זיין, — אָדער אונזער משה פון דאנען, וועלכער ווייסט נישט היינט, וואָס דער מאָרגען וועט מיט זיך ברענגען, וועלכער שטעהט אליין אין מיטען דער לעבעדיגער ענטוויקלונג פין דער גאנצער האנדלונג און מוז פון איין סיטואציע ביז דער אנדערער נייע פראָבלעמען לעזען, נייעם מוט אין זיך אריינברענגען און בליץ-שנעלע נייע פלענער אין זיין ערפינדערישען קאָפּ אויסארבייטען; וועלכער ווערט הונדערט מאָל צוריקגעוואָרפען און זעהט פון דעסטוועגען נאָך נייע מיטעל און נייע פעדים צו ציהען דאָרט, וואו עס דאכט זיך, אז ס'איז שוין גאָר קיין אויסוועג נישט מעגליך.

איך ווייס נישט, וואָס עס קרענקט מעהר: פערראטען צו ווערען אינים אָנהויב, צי ביי דער ענדע פון א אונטערנעהמונג. משה האָט פערזוכט דעם טעם דערפון אין אלע צייטען פון זיין לעבען: ווען ער האָט דעם מצרי געהרג'עט; דערנאָך, ווען עס האָט אין דער מדבר וואסער אויסגעפעהלט אָדער גלייך נאָכדעם, ווען ס'האָט זיך געענדיגט דער פלייש-פאָרראט; און דערנאָך ווידער נאָכאמאָל — ביי דער אויפשטעלונג פונ'ם עגל, ביי דעם אויפשטאנד פון קרח מיט זיין באנדע און ענדליך צום סוף, ווען די קליינמוטיגע מאסע האָט מורא געהאט אין ארץ-ישראל אריינצוגעהן און ער האָט געמוזט שטארבען, נישט האָבענדיג בעטרעטען מיט זיינע פיס דעם באָדען, צו וועלכען איהם האָט זיין גאנץ לעבען דאָס הארץ געצויגען.

און ווי ביי די גרויסע, אזוי האָט ער אויך ביי די קליינע זאכען געהאט זיין פעקיל צו טראָגען. דאָס שיקזאל האָט איהם פערראטען און געגעבען איין זוהן אזעלכען, וואָס איז גאָר-נישט געצעהלט געוואָרען צווישען אלע; דערנאָך האָט עס איהם ווידער פערראטען און געלאָזען זיין ברודער, זיך צורי[illegible]

אומקערען צו דעם גאָלדענעם קאַלב. און ווען ער האָט נאָך דעם טוידט פון זיין ערשטער פרוי, וועלכער ער האָט אַמאָל אין מדין ביים ברונען געראַטעוועט און וועלכע איז איהם געווען געטריי און איבערגעגעבען, — ווען ער האָט נאָך איהר טוידט גענומען אַנ׳אַנדערע „, אַ שטיל און רוהיג בעשעפעניש, וואָס טהוט קיינעם קיין שלעכטעס נישט, האָבען זיך דער ברודער מיט דער שוועסטער אַוועקגעזעצט צוזאַמען און גערעדט — געלעסטערט!

ער האָט אַלזאָ קיינמאָל קיין גוטע צייטען נישט געהאַט און איז אין זיין טיעפסטער אינערליכקייט שטענדיג איינזאַם געווען. די סצענע מיט דעם געדונגענעם שקלאַף, וואָס איז געקומען איהם הרג׳ענען, האָט זיך ביי איהם נישט איין מאָל איבערגעחזר׳ט! וואָרום עס לאָזען זיך כמעט מיט די פינגער איבערצעהלען די יאָהרען, אין וועלכע איהם איז נישט בעשערט געווען ווענינגסטענס האָטש איינמאָל די מענשען אָדער דעם שיקזאַל מיט זיינע פייערדיגע בליקען דורכצושטעכען און אויסצושרייען: איהר הרג׳עט מיך אין מיינע ווערק אָדער איהר הרג׳עט מיך פשוט פיזיש, מיין לייב הערשטיקענדיג — עלענדע! וואַגט איהר עס צו טהון?

און אָט אַזאַ מין מאָמענט פון פערליערען אינגאַנצען זיך אַליין און דאָס אָנגעהויבענע ווערק, האָט ער איבערגעלעבט אין יענעם טאָג ביי פי-ההחירות, ווען די מאַסע אין דרויסען האָט געשריען און אַ אונגעהויערע ערבּיטערונג האָט איהם אינגאַנצען דורכגענומען; ער האָט גוט געוואוסט, אַז אָט באַלד וועלען זיך נעהמען וואַרפען די שטיינער, די בעשערטע יודישע שטיינער, און וועלען איהם אויף שטיקלעך צושמעטערן, און ער האָט אַ בלייכער ווי קרייד און צוזאַמענפרעסענדיג די צייהנער אָנגעהויבען רעדען. וואָס רעדען? ניין — אַוועק מיט די אַלע פאָרזיכטיגקייטען און צוריקהאַלטונגען! איהר פערשילט מיך? איך וועל אייך פערשילטען!... און וואָס ער האָט ביז אַהער געהאַט אין זיך פערשוויגענעס, און די אַלע הלומות, וואָס ער האָט געהאַלטען ביז אַהער פערבאָרגען. אין זיך — אַליין, אַלץ איז איצט אַרויסגעשלייدערט און אַרויסגעשפריצט געוואָרען פון די אינערליכסטע שיכטען פון זיין נשמה אין אַ פאָרמלאָזער צוזאַמענמישונג פון צוקונפטס־אידעען, פלענער און פילאָזאָפישע אַנשויאונגען — אָהן אַ שום צוזאַמענבינדונג און אָרדנונג און מיט אַ אונגעהויערער ווילדקייט און האַסטיגקייט אין דער שפּראַך פון פערצווייפלונג און וואוט. קיין זכה

זאָל נישט בלײַבען פון דעם פריהערדיגען זיך צוריקהאַלטען — איך בין סײַ ווי סײַ אַ פערלוירענער און האָב נישט, וואָס מורא צו האָבען; אַרויסגעזאָגט מוז איצט ווערען אַלץ, וועגען וואָס איך האָב נישט געוואַגט ביז אַהער אפילו איין וואָרט פאַר די ליפּען צו ברענגען. זעקס הונדערט טויזענד זענט איהר און ציטערט פאַר די עגיפּטער? מיט זעקס הונדערט טויזענד מענשען בויט מען און מ׳מאַכט הרוב די גרעסטע קעניגרײַכען, זעקס הונדערט טויזענד מאַן טאָרען קיין שקלאַפען נישט זײַן, — אַזאַ מאַסע קען זיך זאָגאַר אינ׳ם מדבר בעפעסטיגען און שטעלט פאָר מיט זיך אַ גרויס, מעכטיג פאָלק, — אויב איהר דאַרפט שוין יאָ האָבען אימיצען, דאָס אײַך צו זאָגען: דאָס איז די ווירקליכקײַט און איך וואָלט עס אײַך שוין לאַנג געזאָגט, נאָר דאָס איז די צרה, וואָס איהר זענט נישט קיין מענשען, וואָס איהר זענט בלויז קלײַנמוטיגע בעשעפעניש׳ען. דאָס פערד זאָגאַר רײַסט זיך פון געשפּאַן, אום פרײַ צו ווערען און צושינדט זיך דעם מויל ביז צו בלוט, וועלענדיג צורײַסען דעם אײַזען, וואָס האַלט איהם געפאַנגען; איהר אָבער — ווען איך וואָלט צו אײַך אַזוי גערעדט, וואָלט איהר זיך צולויפען אין אײַערע לעהמענע געצעלטען אין זיך די אויערן פערשטאָפּט, אום דאָס גרוילּיכע אין שוידערהאַפטע, וואָס געדט אַרויס פון מײַן מויל, גאָרנישט צו הערען. דאָס וואָלטען שוין טהאָן די גוטע, וואָרים די אַנדערע, די אייביג־קלוגע, אייביג־פערנינפטיגע, וואָס קלעפען זיך שטענדיג און אומעטום צו, — זיי וואָלטען געווים גלײַך אַרויסגעפונען, אַז עס טויג נישט, אָבצוואַרטען, ביז די עגיפּטישע שפּיזען וועלען זיך בעווײַזען, און אַז ס׳איז נאָך פיעל בעסער, קליגער און פּאָליטישער, אָט שוין און פרײַוויליג האָטש פרעה׳ס אַרמעע ענטקעגען צו לויפען און — מיך איבערצוגעבען, יאָ, מיך צו פערראַטען... קורצער זכרון און פערראַט — דאָס איז פון אייביג אָן געוועזען אײַער קונסט. ווען איך האָב מיך אָנגענומען פאַר אַ יודען און מײַן האַנד אויפגעהויבען, האָט איהר מיך פערראַטען; ווען איך האָב פאַר אײַך פערלײַכטערונגען געפאָדערט האָט איהר מיך אים שטיך געלאָזען און פערראַטען, און ווען איך האָב אָנגעהויבען צו רעדען מיט אײַך וועגען דעם גאָט פון אײַערע עלטערן און וועגען דער קראַפט, וואָס ליעגט אין דעם פעראייניגטען ווילען, — האָט איהר מיך אויסגעלאַכט פאַר אַ געפעהרליכען און משוגע׳דיגען מענשען געמאַכט, ... יענער — און יענער הכם

איז שוין גרייט געווען שלום צו מאכען מיטן פיינד און מיך צו פער־ראטען. ווארום די נשמה פון א אונטערגעהענדער מענשען־מאסע איז דורכזיכטיג און אויף איין צעהנטעל פאסיווער קליינמוטיגקייט מאכען אויס ניין צעהנטעל אקטיווע שלעכטסיגקייטען; שקלאפיש געשטימט זענען יענע פון אייך, וועלכע זענען שקלאפען, און די אונאבהענגיגע רייכע אייערע זענען אויך שקלאפיש און דערצו: פער־רעטעריש און געפיהל־לאז פאר דאם גאנצע, פאר אלץ, וואס ריהרט אן נישט בלויז זייער אייגענעם איך.

איך האב דעריבער נישט געוואלט רעדען מיט אייך וועגען פרייהייט און וועגען דעם לאנד, וואסווארט נאך איצט אויף אייך, ווארום איך שטעל מיך פאר, וואס עס וואלט ארויסקימען דערפון, ווען איך וואלט אויף אייך ארויפלעגען צו ערפילען נישט בלויז קיין קליינעם טייל פון אייערע פליכטען, נאר טאקי אלע אין איינגאנצען? און נאך איצט אויך, וואס העלפט מיר מיין רעדען? אייער רעכנונג איז קלאר: מסתמא האט פרעה ארויסגעגעבען א בעפעהל געגען אונז און מיר זענען פערלוירען. אט פרעג איך אייך אבער: וואס וואלט זיין, ווען איהר וואלט זיך איצט ענטשליסען, אבצולויזען אט דאס שטיקעל וועג און דערנאך זיך אוועקצולאזען אין דעם מדבר, וואס אויף יענער זייט ים, — וואס וואלט דאן געשעהען? וואס האט איהר איצט מורא צו האבען: איהר וועט דארט שטארבען אדער אויסגעהרג'עט ווערען? ס'הויבט זיך נישט אן! דארט איז נאך דערוויל קיין שונא נישטא, און עס וועט אלזא א סך לייכטער אנקומען זיך צו ראטעווען, ווי דא, וואו מיר האבען געגען זיך א פערביטערטען אונטערדריקער, וועלכער ווייס, אז מ'איז פערלארען, ווען מ'קען דעם גייסט פון דער רעוואלוציע נישט אויסראטען, חאטש מ'איז נישט אימשטאנד צו דערשטיקען די שטימע פון די גע־פאדערטע רעכטע פאר שקלאפען, ווען מ'מוז נאכגעבען און עהרליך ווערען. און געדענקט! אהן עשאפאט איז נאך קיינמאל קיין שלום נישט געשלאסען געווארען צווישען דעם קעניג, וואס וויל זיין גנע־דיג, און דאם פאלק, וואס זאגט צו ווידער אונטערטעניג און גע־הארכזאם צו ווערען. ווארום שטעקענ'ס און שטריק און עשאפאט, עשא־פאט און געפענגעניש און קייטען — דאס זענען די בעסטע רוהע־גרינדער און ארדנונגס־ברענגער...

אזוי האט ער גערעדט — אזוי האט ער געמוזט האבען גערעדט.

אפשר נישט מיט די ווערטער, אָבער זיכער מיט דעם רעכנונג, אין די פֿערזענליכע עמפּפינדונג, דער פֿערזענליכער גליטיגער צאָרן, האָט אין זיין ברעגען כסדר נייע פלאַמען אַריינגעוואָרפען, וועלכע האָבען העל בעלויכטען דאָס בילד, וואָס ער האָט פֿאַר זיי אויפגעוויקעלט. חאָרוּם זעהט: דאָ זענט איהר בעשטימט פערלוירען, דאָרט אָבער, פֿון יענער זייט ים, שטעהט אפשר גאָר קיין געפֿאַהר נישט פֿאַר, און ס'איז דאָך אַלוּאָ קלאָר, וואָס צו טהון! נאָר איהר זענט ווילדע חיות, איהר זוכט צו פֿערראַטען אפילו אויך דאָרט, וואו דאָס איז גאָרנישט נויטיג, און זענט אויף אַזוי פיעל נאַרעש, אויף אַזוי פיעל איינזיניג, אויף אַזוי פיעל לעכערליך-איבערגעשפּיצט אין אייער גאַנצען דענקען און האַנדלען, אַז איהר זענט גאָרנישט אימשטאַנד קלאָר צו אורטיילען און מענשליך צו פיהלען. טהוט איצט מיט מיר, וואָס איהר ווילט, צורייסט מיך אויף שטיקער, נעהמט מיר דעם קאָפּ אַראָב און טראָגט איהם, אויף אַ שפּיז אַרויפגעזעצט, פרעהליך אַנטקעגען — איהר וועט גערעכט זיין! עס מוז מיט שאַנדע צו גרונד געהן יעניגער, וועלכער נעהמט זיך אונטער פֿון אַ באַנדע חיות — אַ פֿאָלק צו מאַכען!...

און איך חזר איבער נאָכאַמאָל: דאָס, אַז ער האָט אַזוי גערעדט און אַז די האַלטונג פֿון פֿאָלק האָט איהם געבראַכט דערצו, ער זאָל אינגאַנצען אַנטדעקען פֿאַר איהם זיינע פֿערבאָרגענסטע הלומות, — דאָס ווערט קלאָר און בעשטימט און אונצווייפֿעלבאַר אין דער ביבעל געשילדערט. און וויל אַמיצער שמייכלען דעריבער, וואָס איך בענעה זיך, ווי יאָזעפֿוס פלאַוויוס, און גיעב אַריין מיינע האַנדעלנדע פּערזאָנען גאַנצע דרשות אין מויל — קימערט עס מיר גאַנץ ווייניג... דער פֿאַקט בלייבט זיכער, אַז אינים פֿיהרערס רייד, האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפֿען די גינסטיגע געלעגענהייט, די ברענענדיגע נויטווענדיגקייט און דער אונגעהויערער כעס, וואָס האָט געברויזט אין זיין הייסער נשמה, צוזעהענדיג דעם פֿערראַט פֿון אַ גאַנצען פֿאָלק.

און דאָ ערשט איז דאָס וואונדער געשעהען. וואָרום איין מעלדונג נאָך דער אַנדערער האָט אָנגעזאָגט, אַז די מצריישע סאָלדאַטען זענען נאָך איין, און שפּעטער נאָך איין האַלבען טאָג ווייט פֿונים לאַגער — און דאָס, וואָס ער האָט דאָ גערעדט, איז דאָך אייגענטליך ריכטיג... דאָ זענען מיר דאָך זיכער פֿערלוירענע.... און אָט איז דער וועג צום ים, דאָס וואַסער איז אָבגעפֿאַלען און די צייט איז גינסטיג —

ווער ווייס, ווי עס וועט זיך דערנאך אלץ אויסוויקלען, ווען מ׳וועט מאכען די פראגע?...

און אין דעם בעשטעהט דאס גרויסע וואונדער, — אין דעם, וואס די פייערדיגע נשמה פון איין מענשען האט בעוויזען פלוצלונג ארויסצורופען די קראפט און דעם מוט צו א געפעהרליכען שריט אין א גאנצען דעגענערירטען געשלעכט — עס האט זיך דאס פאלק אין וועלט-מעער געווארפען!

אין א טאג ארום איז די וועלביגע מאסע שכור געווען פון פרייד, פון עקסטאז, ווייל די חואליעס האבען אויס׳ן ברעג ארויסגעשליי־דערט גאנצע הונדערטער דערטרונקענע סאלדאטען. דער פיהרער אבער האט געשוויגען — איך גלויב נישט, אז ער זאל האבען מיטגע־זונגען צוזאמען מיט׳ן עולם, ווארום דארט, וואו די מאסע גלויבט שוין צו האבען ערדייכט דעם ציעל, ווערט דעם געניע ערשט קלאר, אז ער שטעהט נאך ביי דעם אנהויב פון זיין אויפגאבע. די קליינליכע, פיטעלמעסיגקייט, קען, אמת, אין אזעלכע מינוטען פאר׳ן שפיגעל שטעהן און זיך אליין בעטראכטען און בעוואונדערן; דאס קען אבער דער פאל נישט זיין מיט דער ווירקליכער גרויסקייט. זי זעהט נאר דאס, וואס ס׳איז נאך געבליעבען צו טהאן, און ביי דעם געפיהל פון דער אונגעהויערער פעראנטווארטליכקייט נעהמט א שוידער דורך איהר לייב. שטיל, גאנץ שטיל נאר וועבט זיך א ערינערונג: ווי מאדנע דאס גרויסע בילד איז באלד אין די ערשטע טעג פון זיין לעבען פראַקטיש סימבאליזירט געווארען. ווען די ארעמע פרוי האט אמאל דארט ביים ניל געמוזט זיך מיאש זיין פונ׳ם קינד, וואס האט גע־ליארעמט און געשריען, — האט זי געוואגט דאס אונערהערטע צו פראבירען און עס איבערגעבען דעם ניל. אין משה׳ן האבען זיך פערגרע־סערט די ליניען פונ׳ם כאראקטער, פונ׳ם ציעל און פון דער האנד־לונג; ווארום ווען די עגיפטער זענען איהם שוין הינטער די פלייצעס געשטאנען און ער אליין האט שוין געפיהלט אויף זיך דעם אטעם פון טוידט, — האט ער צוזאמענגענומען די לעצטע קראפט פון אמת און טיטרייסענדיג דאס פאלק מיט זיך, האט ער עס איבערגעגעבען דעם רעטענדען ים.

אחד העם.

משה.

ווען איך הער ווי די חוקרים פּשטל'ען זיך וועגען דעם איינפלוס פון די „היסטארישע העלדען“ אויף דעם לעבענסגאנג פון דעם מענשליכען געשעלעכט; ווי טייל זאגען: די „העלדען“, די איינצעלנע גרויסע פערזענליכקייטען זיי בעשאפען די היסטאריע, און דאס פאלק איז ניט מעהר ווי דאס מאטעריאל פאר זייער שאפונג; און טהייל זאגען: ניין. די אריגינעלע קראפט איז דאס פאלק, און זיינע „העלדען“ אין יעדער דור זענען נאר נויטווענדיגע פאלגען פון דעם צושטאנד, אין וועלכען דער דור געפינט זיך, — ווען איך הער די ויכוחים, טראכט איך ביי זיך: ווי מארנע די פילאזאפען זעהען אמאל נישט, וואס עס ליגט נעבען זיי און פערקריכען ערגעץ ווייט, אום צו געפינען דאס, וואס ס'ליגט פאר זייערע אויגען! די זאך איז דאך קלאר, אז די אמת'ע היסטארישע העלדען, ד. ה. די, וועלכע זענען געווארען ווירקענדע קרעפטען פאר גאנצע דורות אינ'ם לעבען פון דעם מענשענגעשעלעכט, זענען איבערהויפט נישט קיין פאקטישע בעשעפענישען, וואס האבען עקזיסטירט ווען ס'איז. ווארום דו האסט נישט איין היסטארישען העלד, וואס זיין גייסטיגע פיזיאנאמיע האט זיך נישט פארגעשטעלט אין פאלק אינגאנצען אנדערש, ווי זי איז געווען אין דער ווירקליכקייט, און די דאזיגע פאנטאסטישע פארשטעלונג, וואס דאס פאלק האט זיך בעשאפען לויט זיינע בעדערפנישע און גייסטיגע נייגונגען, זי איז עס דער אמת'ער

העלד, וואָס זיין איינפלוס ציהט זיך און ציהט זיך, אַפּטער טויזענד יאָהר, — זי, און נישט דער פּאַקטישער אָריגינאַל, וואָס האָט עקזיסטירט אַ קורצע צייט, און דאָס פּאָלק האָט איהם גאָרנישט געזעהען ווי ער איז געווען...

און ווען איך זעה, ווי די געלעהרטע זיצען איינגעגראָבען אין דעם שטויב פון אַלטע ספרים און כתבים, אום אַרויפצוּבּרענגען די „היסטאָרישע העלדען" פון זייערע קברים און זייער ריכטיגער געשטאַלט, און גלויבען דערביי, אַז זיי פערדאַרבען זיך די ראיה צוליעב דעם „היסטאָרישען אמת", — טראַכט איך ביי זיך: ווי מאָדנע די געלעהרטע זענען שמענדיג מגזם דעם ווערט פון זייערע אויפטועכצען און ווילען נישט איינזעהען דעם פּשוט'ען שכל, אַז נישט יעדער אַרכעאָלאָגישער אמת איז אויך אַ היסטאָרישער אמת. אַ היסטאָרישער אמת איז נאָר יענער, וואָס ענטדעקט די ווירקענדע קרעפטען אין'ם לעבען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. יעדע זאַך, וואָס זיין ווירקונג אין לעבען איז קאָנטיג, האָטש אַליין פאַר זיך איז עס נאָר אַ פאַנטאַסטישעם בילד, הייסט אַ פאַקטישע היסטאָרישע קראַפט און זיין עקזיסטענץ איז אַ היסטאָרישער אמת; און יעדע זאַך, דאַגעגען, וואָס ס'איז נישט געבליבען קיין שום רושם דערפון אין דעם אַלגעמיינעם לעבענסגאַנג, האָטש ס'איז קיין צווייפעל נישטאָ אין דעם, אַז דאָס האָט ווען ס'איז פאַקטיש עקזיסטירט, איז מעהר ניט ווי איינס פון די טויזענדער און צעהנדליגער טויזענדער וועזענס, וואָס די מציאות פון יעדערן פון זיי אַן און פאַר זיך איז געוויס אַ „אמת" אין דעם פיזישען זין, אָבער — אַ אמת, וואָס גיט פאַקטיש גאָרנישט צו און נעהמט גאָרנישט אָפּ, און איז דעריבער, אין דעם היסטאָרישען זין, ווי גאָרנישט געווען.

געטהע'ס „ווערטהער", למשל, איז נישט געווען מעהר ווי אַ פאַנטאַסטישעם בילד; ווייל אָבער זיין איינפלוס אויף יענעם דור איז געווען אַזוי גרוים, אַז צוליעב איהם האָט זיך פערגרעסערט די צאָהל זעלבסטמערדער, — איז זיין עקזיסטענץ, אין דעם היסטאָרישען זין, פיעל אמת'ער, ווי די עקזיסטענץ פון וועלכען ס'איז קאָנקרעטען דייטש, וואָס האָט געלעבט אין יענעם דור נישט אין דער פאַנטאַזיע, נאָר אין דער ווירקליכקייט און איז געשטאָרבען און פערגעסען געוואָרען, ווי ווען ער וואָלט גאָר קיינמאָל

נישט זיין. דעריבער ווער איך גארנישט נתפעל, ווען די געלעהרטע געפינען אויס עפעס א נייעם „אמת" וועגען א בעוואוסטען היסטארישען העלד; ווען זיי ווייזען אויף מיט „אותות ומופתים", אז יענער נאציאנאלער העלד, וואס לעבט אינ׳ם הארץ פון פאלק און ווירקט אויף זיין גייסטיגער ענטוויקלונג, האט גאר קיינמאל נישט עקזיסטירט, אדער אז זיין קערפערליכע עקזיסטענץ איז גארנישט גלייך געוועזען צו דעם בילד, וואס דאס פאלק האט זיך פון איהם בעשאפען; איך זאג צו זיך דאן: דאס איז אלץ גאנץ גוט, און דער נייער „אמת" וועט מאקע אויסמעקען אדער איבערמאכען איין פונקט אדער איין קאפיטעל אין די ארכעאלאגישע ביכער, די היסטאריע אבער וועט נישט אויסמעקען איהר העלד צוליעב דעם און וועט נישט ענדערן איהר בעציהונג צו איהם, ווייל פאר דער אמת׳ער היסטאריע איז נישט וויכטיג דער פלוני־בן־פלוני — דעם געשטארבענעם מענשען, וואס נאר איינצעלנע געלעהרטע האבען איהם געקאנט און נישט דאס גאנצע פאלק; זי קאן נאר דעם לעבעדיגען העלד, וואס איז אויסגעקריצט אין די הערצער און איז געווארען א ווירקענדע קראפט אין לעבען. איז וואס ארט איהר, צי די דאזיגע ווירקענדע קראפט איז געוועזען ווען ס׳איז א לעבעדיגער מענש, אדער דאס איז אין גאנצען נישט געוועזען מעהר ווי א גייסטיגע פארשטעלונג, וואס מ׳האט עס גערופען מיט דעם נאמען פון עפעס א לעבעדיגען מענשען? אזוי צי אזוי איז דאך די עקזיסטענץ פון דער קראפט פאר איהר זיכער, ווייל זי פיהלט איהר ווירקונג.

ווען איך לייען דעריבער פסח ביינאכט די הגדה און דער גייסט פון משה בן עמרם — דער העלד איבער אלע העלדען, וואס שטעהט ווי א ליכטזייל אויף דעם שוועל פון אונזער היסטאריע — שוועבט פאר מיר און טראגט מיר איבער אין דער „העכסטער וועלט", — קלער איך גארנישט וועגען יענע שאלות און ספקות, וואס די חכמי אומות־העולם ווארפען אונז פאר: צי האט מאקע דער מענש משה ווירקליך עקזיסטירט אמאל; צי האט ער אין דער אמת׳ן אזוי געלעבט און אזוי געווירקט, ווי עס איז אנגענומען אין אונזער פאלק; צי איז ער מאקע באמת געוועזען דער יורישער אויסלעזער און דער געבער פון דער תורה אין דער צורה, ווי זי איז געבליבען ביי אונז, און נאך אזעלכע שאלות; — נאר

איך בין מבטל בײַ זיך אין הארצען די אַלע שאלות פאַר־אַ־מאָל מיט אײן קורצע און אײנפאַכע תשובה: משה דער אַמאָליגער מענש, וואָס איהר זוכט צו דערגעהן זײַן עקזיסטענץ און זײַן וועזען, איז נאָר אַ געשעפט פאַר אַזעלכע געלעהרטע ווי איהר זײַט; מיר אָבער האָבען אַן־אַנדער משה׳ן, אונזער׳ן אַ משה, דער וואָס זײַן געשטאַלט איז אויסגעקריצט אין׳ם הארץ פון אונזער פאָלק פון דור־דורות און זײַן אײַנפלוס אויף אונזער נאַציאָנאַלען לעבען האָט נישט אויפגעהערט פון אַמאָליגע צײַטען ביז הײַנטיגען טאָג. און די היסטאָרישע עקזיסטענץ פון דעם משה הענגט נאָרנישט אָב פון אײַערע חקירות; וואָרום ווען אפילו אײַך זאָל געלינגען אונז קלאָר צו דערווײַזען, אַז דער מענש משה האָט נאָרנישט עקזיסטירט, אָדער אַז ער איז נישט אַזוי געווען, ווי מיר שטעלען איהם זיך פאָר, וועט דורך דעם נאָרנישט לײַדען די היסטאָרישע עקזיסטענץ פון משה דעם אידעאַל, דער וואָס איז געגאַנגען פאַר אונז נישט נאָר פערציג יאָהר אין מדבר־סיני, נאָר טויזענדער יאָהר אין די אַלע מדבריות׳ן, וואָס מיר זענען געגאַנגען אין זײַ פון מצרים ביז הײַנט.

און אַזוי ווי די מציאות פון דעם משה איז בײַ מיר נישט אונטערוואָרפען קײן צווײַפעל, אַזוי איז מיר אויך זײַן מהות פאָלשטענדיג קלאָר און איז נישט עלול געענדערט צו ווע־ען דורך קײן שום אַרכעאָלאָגישע ענרעקונגען און נײַעסען. איך זאָג אַזוי: דאָס דאָזיגע אידעאַל איז דאָך געשאַפען אין דעם גײַסט פון אונזער פאָלק, און דער שעפער בעשאַפט שטענדיג — אין זײַן געשטאַלט. אַזעלכע בילדער, אין וועלכע דער גײַסט פון פאָלק פערקערפערט זײַנע אינערליכע שטרעבונגען, וועבען זיך אין איהם שטענדיג ווי פון זיך אַלײן, אָהן בעוואוסטזײַן און אָהן אַ בעשטימטער כונה, און דעריבער קאָנען זײַ, געוועהנליך, נישט פרײַ בלײַבען פון איבריגע און פרעמדע „בעפוצונגען״. מ׳דאַרף דעריבער בײַ אַזעלכע בילדער נישט מדקדק זײַן אין די אײנצעלהײטען, זײַ זאָלען זיך אַלע ציהען צו דעם גרונד־געדאַנק, וואָס צוליעב איהם איז ער בעשאַפען געוואָרען, צו יענעם קערענדל, וואָס פון איהם האָט אַרויסגעשפּראָצט דער גאַנצער בוים.

איך געה דורך דעריבער בײַ מיר אין הארצען פאַר־אַ־מאָל די גאַנצע טראַדיציע וועגען משה׳ן און פרעג קודם־כל זיך אַלײן:

וואָס איז געווען משה? ד. ה. פון וועלכער אַרט איז דאָס נאַציאָנאַלע אידעאַל. וואָס איז פערקערפערט אין משה'ן? וואָרום ס'איז דאָך נישט גלייך דאָס בילד פון אַ קריעגסהעלד צו דעם פון אַ גייסטיגען א. א. וו., און ווען מיר ווילען בעטראַכטען דאָס בילד, דאַרפען מיר פאַר אַלעמען זיך אַליין קלאָר מאַכען, פון וואָס'רן כאַראַקטער ס'איז דאָס אידעאַל, וואָס דער מאַלער האָט געזעהען אין זיין גייסט און געוואָלט עס געבען אַ בילד.

און אַזוי קוק איך זיך גוט איין אין משה'ס בילד און פרעג ווייטער: איז ער אַ קריעגסהעלד?

ניין! וואָרום אינ'ם גאַנצען בילד איז דאָך קיין שום רמז נישטאָ אויף קריעגערישע העלדישקייטען און מיר זעהען נישט משה'ן אפילו איין מאָל ער זאָל שטעהן בראש פון אַנ'אַרמעע און זאָל ווייזען וואונדער אינ'ם קאַמפף מיט'ן שונא. נאָר אין דער מלחמה מיט עמלק'ן זעהען מיר איהם אויפ'ן שלאַכטפעלד; ער שטעהט אָבער נאָר אָן אַ זייט, קוקט זיך צו צום קריעגסגאַנג און ווירקט אויף די יודישע העלדען מיט זיין גייסטיגער קראַפט, נישט בעטייליגענדיג זיך אין דעם עצם קאַמפף.

איז ער אפשר אַ פאָליטיקער?

ניין! וואָרום ווען ער האָט געדאַרפט שטעהן פאַר פרעה'ן און אונטערהאַנדלען מיט איהם וועגען פאָליטישע ענינים, האָט ער נישט געוואוסט ווי זיך אַ קעהר צו טהון אָהן דער הילף פון זיין ברודער אהרן, וועלכער האָט איהם געדיענט פאַר אַ „מויל“.

אַלזאָ — איז ער אַ „געזעצגעבער“?

דאָס אויך נישט! וואָרום יעדער געזעצגעבער גיט זיין תורה די מענשען פון זיין דור, אין איינשטימונג מיט זייערע בעדערפ־נישע אין דער צייט און אין דעם אָרט, אין וועלכען ער און זיי לעבען. משה אָבער פערפאַסט געזעצען פאַר דער צוקונפט; פאַר אַ דור, וואָס איז נאָך גאָר נישטאָ און פאַר אַ לאַנד, וואָס איז נאָך נישט איינגענומען, און די טראַדיציע (מסורה) האָט נישט בעהאַלטען פון אונז, אַז צווישען די געזעצען, וועלכע ווערען צו־געשריבען משה'ן, זענען דאָ אַזעלכע, וואָס האָבען אָנגעהויבען אויסגעאיבט צו ווערען ערשט אין אַ סך דורות אַרום און אַזעלכע, וואָס זענען קיינמאָל נישט פערווירקליכט געוואָרען אין לעבען.

וואָס דען אַלזאָ איז משה?

דאָס האָט געוואוסט די טראַדיציע און האָט עס אונז איבערגעגעבען אין קלאָרע ווערטער: „און עס איז ביי יודען נישט געווען נאָך אזא נביא, ווי משה". הייסט עס, אז משה איז א נביא. און נישט קיין נביא ווי אַלע נביאים, וואָס זייער קערפּערליכע עקזיסטענץ איז ענטפּלעקט געוואָרען אין איהר אמת'ר געשטאַלט ערשט אין דער צייט פון די מלכים, נאָר — ווי מ'האָט משה'ן אָנגערופען אין די שפּעטערדיגע דורות — „דער גרעסטער פון די נביאים" (אדון הנביאים), ד. ה. דער אידעאַלער טיפּ פון דער יודישער נבואה אין איהר ערעלסטען און העכסטען זין.

און איך בעטראַכט נאָכאַמאָל ביי מיר אין הארצען דאָס אלץ, וואָס איך בין שוין דערגאַנגען, לעזענדיג און קלערענדיג, וועגען דעם מהות פון דער יודישער נבואה און שטעל אלץ אוועק אויף די פאָלגענדע עיקרים:

1) דער נביא איז א מענש פון אמת. ער זעהט דאָס לעבען ווי עס איז, און נעמט אַריין אין זיך די איינדריקע פון לעבען אָהן פּערזענליכע נטיות, און וואָס ער זעהט גיט ער איבער ווי ער זעהט, אָהן זייטיגע חשבונות. און ער זאָגט דעם אמת נישט ווייל ער וויל עס; ווייל ער האָט נאָכגעזוכט און געפונען, אז ער איז מחויב אזוי צו טהון, נאָר ווייל ער מוז אזוי טהון, ווייל דאָס איז זיינע אַנ'אייגענטימליכע איינענשאַפט, אַנ'איינגענשאַפט, וואָס ער קאָן זיך פון איהר נישט בעפרייען, אפילו ווען ער וויל דאָס. ריכטיג האָט געזאָגט קארלייל: יעדער מענש קאָן ערדייכען די מעלה פון א נביא אין זוכען דעם אמת; דער אונטערשיעד איז נאָר, וואָס יעדער מענש קאָן אזוי ווערען דורך א שטאַרקען ווילען און אַסך אָנשטרענגונג, און דער נביא קאָן נישט נישט אזוי זיין, ווייל דאָס איז זיין עצם נאַטור.

2) דער נביא איז א מענש פון עקסטרעמען. ער קאָנצענטרירט זיין גאַנצען וויסען און פיהלען אין זיין אידעאל: אין איהם געפינט ער דעם ציעל פון זיין לעבען און איהם וויל ער אונטערטעניג מאַכען דאָס גאַנצע לעבען ביז צום סוף, אָהן א שום אויסשלוס. טיעף ביי זיך אין דער נשמה טראָגט ער א גאַנצע וועלט, א אידעאַלע וועלט, און לויט איהר מיהט ער זיך מתקן צו זיין אויך דער אויסערליכער, קערפּערליכער וועלט. ער איז פעסט איבערצייגט אין דעם, אז אזוי דאַרף זיין, און דאָס איז פאַר

איהם געגוג אום צו פאָדערן מיט דער גאַנצער קראַפט, אַז אַזוי זאָל זיין; ער קאָן נישט אָנגעהמען קיין שום פערענטפערונג, ער קאָן נישט מסכים זיין אויף קיין פשרה, און בערוהיגט זיך נישט פון זיין צאָרן און הערט נישט אויף צו שטראָפען, אפילו ווען די גאַנצע וועלט שטעלט זיך איהם אַנטקעגען.

און פון די בײדע גרונד־איינגעשאַפטען וואַקסט אוים אַ דריטע, וואָס בילדעט זיך אוים פון די בײדע צוזאַמען: די הערשאַפט פון דער אַבסאָלוטער געֶרעכטיגקייט אין דער נשמה פון דעם נביא, אין זיין רעדען און אין זיינע מעשים. זענענדיג אַ מענש פון אמת, איז אונמעגליך ער זאָל נישט זיין אויך אַ מענש פון גערעכטיגקייט. וואָרום וואָס איז די גערעכטיגקייט, אויב נישט דער אמת אין פראַקסים (טאַט)? און זייענדיג אַ מענש פון עקסטרעמען, קאָן ער נישט אונטערטעניג מאַכען די גערעכטיגקייט — אַזוי ווי ער קאָן נישט אונטערטעניג מאַכען דעם אמת — אונטער וועלכען ס'איז זייטיגען ציעל. נאָכגעבען פון איהר ווען די צייט פאָדערט עס אָדער אפילו דאַן, ווען דער ליעבעס־אָדער דער מיטלייַדס־געפיהל פראָטעסטירען געגען איהר. די גערעכטיגקייט פון דעם נביא איז דעריבער אַן אַבסאָלוטע גערעכטיגקייט, וואָס איז נישט בעגרענעצט פון קיין זייט, נישט פון די געזעלשאַפטליכע בעדערפנישע און נישט פון די פערזענליכע נייגונגען.

און ווייל די לאַגע פון דעם נביא איז אַזאַ, אַז פון איין זייט קאָן ער דאָס לעבען נישט רעפאָרמירען אַבסאָלוט נאָך זיין גייסט, און פון דער צווייטער זייט קאָן ער זיך נישט נארען און נישט זעהן די פעהלערן פון לעבען, — קאָן ער דעריבער קיינמאָל נישט שלום מאַכען מיט דער געגענוואַרטס־וועלט, אין וועלכער ער לעבט. אין ס'איז דאָ אַ קערנדל אמת אין דער פאָרשטעלונג פונ'ם המון, וואָס זעהט אין דעם נביא קודם־כל אַ „וואָהרזאָגער פון דער צוקונפט". וואָרום דער נביא האָט טאַקע נישט אין זיין וועלט מעהר ווי זיין אידעאַל פון דער צוקונפט, פון די „לעצטע טעג", און אין דעם אידעאַל געפינט ער פון צייט צו צייט אַ טרייסט, ווען דער „טרויער־בעכער" ווערט שוין פול און ער האָט שוין נישט מעהר קיין כח צו שרייען און צו פראָטעסטירען געגען דאָס שלעכטס, וואָס ער זעהט אַרום זיך אין דעם געגענוואַרטס־לעבען.

אַזוי גוט אָבער ווי דער נביא רעכענט זיך נישט מיט דעם

געגענווארטס-לעבען, אזוי רעכענט זיך דאס געגענווארטיגע לעבען אויך ניט מיט א י ה ם, און ווערט ניט בעאיינפלוסט פון איהם דירעקט, אונמיטעלבאר. נאר דורך געוויסע „רעהרען“, אין וועלכע דער דאזיגער איינפלוס ווערט צוגעפאסט צו די אויסערליכע לע־בענסבעדינגונגען, אום מענשען זאלען איהם קאנען בעגרייפען. און אט די „רעהרען“ זענען אויך מענשען, וועלכע גרייכען אפילו נישט צו דער מעלה פון נביא און ווייסען נישט פון זיינע עקסטרע־מען, וועלכע זענען אבער נעהנטער צו איהם אין גייסט מעהר פון המון און זענען מסוגל בעאיינפלוסט צו ווערען פון איהם ביז א געוויסע גרענעץ. זיי זענען עס די „כהנים“ פון דעם נביא'ישען אי־דעאל, וועלכע שטעהען צווישען איהם און צווישען לעבען און פיהרען זיין השפעה אין פערשידענע צודרעהטע וועגען, אין יע־דער צייט ווי עס פאסט, נישט רעכענענדיג זיך מיט איהר ריינקייט און נישט זארגענדיג דערפאר, זי זאל נישט פערליערען איהר איינגענטימליכע נאטור אראבלאזענדיג זיך אין פראקטישען לעבען

אזוי שטעל איך זיך פאר דעם נביא אין זיין ריינער גע־שטאלט. די גרונדשטריכען פון דעם בילד געפינען מיר ביי די אלע אמת'ע נביאים, וואס זענען געווען ביי יודען פון הושע און עמוס ביז ירמיהו און יחזקאל; מעהר ווי ביי אלע זענען אבער די שטרי־כען בולט אין זייער גאנצען גלאנץ אין דאס אידעאלבילד פון דעם „אדון הנביאים“.

ווען משה נעהט ארויס פון זיין ערציהונגס-הויז אין דעם לעבענס-מארק, בעגעגענט ער גלייך א פערברעך געגען דער גע־רעכטיגקייט, און נישט קלערענדיג לאנג רעכענט ער זיך באלד אב פאר דעם פערברעך און אזוי ברעכט שוין אויס די אייביגע מלחמה צווישען דעם נביא און דאס לעבען.

„א מצרי שלאגט א יודען“, דער שטארקער טרעט מיט א שטאלצער פוס דעם שוואכען. דאס איז די ערשטע ערשיינונג, א אלטעגליכער פאקט — און ס'ברעכט אויס דעם נביא'ס שטורם און ער נעהמט זיך אן פאר'ן שוואכען. ביסלעכווייז דערקאנט ער אלץ מעהר און מעהר דאס לעבען און זעהט נאך א טרויערי־גערע ערשיינונג: „צוויי יודען קריגען זיך“, ביידע זענען ברידער,

ביידע זענען שוואכע, ביידע זענען פרעה'ס שקלאפען — און זיי קריגען זיך און שלאגען איינער דעם אנדערן!... און די גערעכטיגקייט פראטעסטירט נאכאמאל אינ'ם נביא'ס הארץ און ער מישט זיך אריין אין א פרעמדען קריג. און דאס מאל ווערט ער געוואהר, אז ס'איז נישט גרינג מלחמה צו האלטען פאר דער ערעכטיגקייט, אז דאס לעבען איז שטארקער פון איהם און ווער עס וויל זיך עס נעגענשטעלען שטעלט זיך אליין אין געפאהר; די ערפאהרונג אבער האט איהם נישט געבראכט דערצו ער זאל שוין ווערען פון איצט אן „א קלוגער“ און זאל זיך שוין היטען. דאס אננעהמען זיך פאר דער גערעכטיגקייט האט איהם פערטריבען פון זיין היימאטלאנד, און גלייך ווי ער קומט אין א פרישען ישוב ער זיצט נאך ביים ברונען אויסערן שטאדט, ער האט נאך נישט קיין בעקאנטען, וועלכער זאל איהם אין שטוב אריינלאזען, — און ער הערט שוין דעם קול פון דער בעליידיגטער גערעכטיגקייט, און ער לויפט איהר צו הילף. דא קריגען זיך נישט קיין יודען, נאר מענשען פון א פרעמדען פאלק, וועלכען ער קאן גארנישט. וואס אבער מאכט'ס אויס? דער נביא מאכט נישט קיין אונטערשיעד צווישען מענשען און מענשען, נאר צווישען גערעכטען און אונגערעכטען. ער זעהט ווי שטארקע פאסטוכער בערויבען דאס רעכט פון שוואכע פרויען — „איז משה אויפגעשטאנען און האט זיי נעהאלפען“.

דאס איז אלץ, וואס מיר ווייסען פון משה'ס לעבען ביז ער איז געשטאנען פאר פרעה'ן — און ער איז שוין דאן אלט „אכציג יאהר“! פאר דער טראדיציע זענען נישט וויכטיג געווען די אלע יאהרען אום זיך אבצוגעבען מיט זייערע געשעהענישען, ווייל זיי זענען געווען נאר א הקדמה און א הכנה צו דעם גרונדווערק. און אויב זי האט דאך ארויסגענומען פון כלל די דריי צופעלן, וואס האבען זיך געטראפען מיט'ן נביא ביי זיינע ערשטע טריט אויף דעם לעבענסוועג, און מיר זעהען, אז די אלע דריי צופעלן האבען איין כאראקטער: דער צוזאמענשטויס צווישען דעם נביא און דאס לעבען אינ'ם נאמען פון דער גערעכטיגקייט, — האבען מיר דאך דאס רעכט אנצונעהמען, אז אט דעם צוזאמענשטויס טאקע האט די טראדיציע געוואלט בעטאנען, אום אונז צו ווייזען דעם נביא געקרוינט מיט זיינע נביא'ישע אייגענשאפטען אין זיינע

ערשטע יאָהרען, און דערפון קאָנען מיר שליסען אויף די איבע־ריגע יאָהרען, אז אויך דערנאָך, אין די אלע צייטען פון זיין וואנ־דער־לעבען, האָט ער נישט אויפגעהערט אונערמידליך צו קעמפ־פען פאַר דער גערעכטיגקייט, ביז ס'איז געקומען זיין צייט צו ווערען דער אויסלייזער פון זיין פאָלק און דער גערעכטיגקייטס־לעהרער פון דער מענשהייט נישט בלויז פאַר זיין צייט, נאָר אויף דור דורות.

און די ענטפלעקונג פון דער גרויסער שעה איז פארגעקו־מען אין דער מדבר, ווייט פון לעבענסטומעל. די נשמה פון דעם נביא איז שוין מיעד געוואָרען פון דעם שטענדיגען קאמפף און ער וויל זיצען רוהיג. ער פערלאָזט די מענשען און ווערט א פאסטוך פון שעפסען. ער געהט מיט זיינע שעפסען אין דער מדבר „און ער איז געקומען ביי גאָטס בארג חורב". ער איז אָבער דאָרטען אויך נישט רוהיג. ער פיהלט ביי זיך, אז ער האָט נאָך זיין שליחות נישט אויסגעפיהרט, און אין הארצען שטויסט איהם א געהיימע קראפט און זאָגט צו איהם: וואָס טהוסטו דאָ? געה ארבייט, געה קעמפף, דערצו ביזטו בעשאפען געוואָרען! ער וויל פערטרייבען פון זיך די שטימע — און קאָן נישט. דער נביא הערט „גאָטס שטימע" ביי זיך אין הארצען, צי ער וויל צי ער וויל נישט:

„און איך האָב געזאָגט איך וועל דאָס פערגעסען... איז עס געוועזען ביי מיר אין הארצען ווי א ב ר ע נ ע נ ד ע ס פ י ע ר, איינגעגעסען אין דעם מארך פון מיינע ביינער, איך בין מיעד געוואָרען און קאָן עס נישט דערטראָגען".

און דער נביא דערמאהנט זיך, אז נאָך אין זיין יוגענד, ווען ער האָט זיך דאָס ערשטע מאָל געטראָפען מיט'ן לעבען, האָט דאָס „פייער" איהם געברענט אין הארצען און נישט געלאָזען רו־הען. פון דאמאָלס אָן האָט ער געטהון אלץ וואָס ער האָט געקאָנט, אום צו מאַכען הערשען די גערעכטיגקייט אין דער וועלט — און דאָס פייער האָט זיך נישט איינגעלאָשען. זיינע בעסטע יאָהרען און זיינע בעסטע קרעפטען האָט די מלחמה איינגעשלונגען — און ער האָט נישט געזיעגט. איצט איז ער שוין אויף דער עלטער, אָט באלד וועט ער פערליערען זיין גאנצע קראפט און ווערען ווי אנ'איינגעטריקענטער בוים, וואָס גיט קיין פרוכט נישט, ווי דער ס נ ה. וואָס שטעהט דאָ אנטקעגען. איז עס דען מעגליך, ער

זאָל נאָך איצט געפינען נייע וועגען צו זיין ציעל און עררייכען אויף דער עלטער, וואָס ער האָט נישט עררייכט אין דער יוגענד? וואָס קאָן ער נאָך טהון אזעלכעס וואָס ער האָט נאָך נישט געטהון, און פאַרוואָס ברענט נאָך אַלץ דאָס פייער ביי איהם אין האַרצען און שטערט איהם זיין מנוחה?

און פּלוצלונג הערט דער נביא אין זיך ווי „גאָטס שטימע“, — די שטימע, וואָס איז איהם אַזוי גוט בעקאַנט! — רופט צו איהם פון אַ בעהאַלטענעם ווינקעל טיעף אין האַרצען.

„איך בין דער גאָט פון דיין פאָטער... איך האָב צוגעזעהען די ליידען פון מיין פאָלק אין מצרים... קום, איך וועל דיך שיקען צו פרעה׳ן און פיהר אַרויס מיין פאָלק יודען פון מצרים.“

„דער גאָט פון זיין פאָטער“... „די ליידען פון זיין פאָלק“... ווי האָט ער עס געקאָנט אַלץ פערגעסען ביז אהער? דעם גאָט פון דער וועלט האָט ער טריי געדיענט, פאַר דער אַלגעמיינער גערעכטיגקייט האָט ער געקעמפּפט ווי אַ העלד; אין מדין און אין מעטום, וואו ער איז נאָר געוועזען האָט ער זיך שטענדיג בעמיהט צו שיצען דעם אונטערדריקטען פון זיין דריקער און געפּרעדיגט אמת, שלום און גערעכטיגקייט, — און דעם גאָט פון זיין פאָטער האָט ער פערגעסען, און אָן זיין פאָלק האָט ער זיך נישט דערמאָהנט. און די דריקונגען, אין וועלכע זיי געפינען זיך אין מצרים, האָבען איהם גאָרנישט אַ ריהר געטהון! — — —

און ביי דעם נביא אין האַרצען שפּראָצט אַרויס אַ נייע האָפנונג, און פון מינוט צו מינוט ווערט זי שטאַרקער, און ער פיהלט, אַז צוזאַמען מיט איהר וואַקסט אויך זיין קראַפט און זיין יוגענד ווערט אָבגעפרישט. ער ווייס איצט דעם וועג צו יענעם ציעל, צו וועלכען ער האָט געשטרעבט זיין גאַנצען לעבען. ביז איצט האָט ער זיין קראַפט פערוועןנדעט צווישען פרעמדע מענשען, וועלכע האָבען איהם געהאַלטען פאַר אַ פרעמדען אפילו נאָכדעם ווי ער האָט אָבגעלעבט מיט זיי טעג און יאָהרען, און ווען ער האָט צו זיי גערעדט אין׳ם נאָמען פון זייער גאָט — האָבען זיי איהם נישט געגלויבט... איצט אָבער געהט ער צו די קינדער פון זיין איי-נען פאָלק, און ער וועט רעדען צו זיי אין׳ם נאָמען פון זיינע עלטערנס און זייערע עלטערנס גאָט. זיי וועלען איהם פערשטעהן און אנערקענען, זיי וועלען הערען, וואָס ער וועט זיי זאָגען, וועלען

הערען און פאָלגען, — און די קעניגרייך פון גערעכטיגקייט, וואָס ער האָט ביז אהער געטראָגען ביי זיך אין הארצען, וועט געגרינ־דעט ווערען דורך דעם פאָלק זיינעם, וואָס ער וועט אויסלייזען פון שקלאפעריי.

און דער געדאַנק איז אַזוי גרויס און שען, אַז דער נביא פערגעסט אין דער מינוט אָן די אַלע שטערונגען, וואָס ליגען אויף זיין וועג, און מיט זיינע גייסטיגע אויגען זעהט ער זיך שוין אליין אין מצרים צווישען זיין פאָלק. צו פרעה'ן וועט ער נישט געהן אליין. ער ווייס פאראויס, אַז אַזאַ מענשען ווי ער, וואָס קאָן נישט חנפ'נען און אַבנארען, וועט נישט געלינגען צו פועל'ן עפּעס ביי מלכים. ער וועט אָבער פריהער פאַר אַלץ קומען צו זיין פאָלק, וועט צוזאַמענגעהמען די „זקני ישראל". די נעמען, פון וועלכע ס'זענען בעקאַנט אין קעניגליכען הויף; זיי וועט ער פריהער אָנזאָגען די גרויסע בשורה, אַז גאָט האָט זיי אויפגעריכט, און אָט די בעסטע פון פאָלק וועלען איהם פערשטעהן „און פאָלגען", און זיי וועלען געהן מיט איהם צו פרעה'ן, איהם איבערצוגעבען גאָטס וואָרט אין דער שפּראַך, וואָס ער פערשטעהט...

און וואָס וועט זיין אויב אויך זיי, די זקני ישראל „וועלען איהם נישט פאָלגען", ווייל זיי „וועלען נישט גלויבען" אין זיין אויפ־גאַבע"?

דאַמאָלס — ווייס ער וואָס צו טהון. נישט אומזיסט איז ער ערצויגען געוואָרען ביי פּרעה'ן אין שטוב אויף די אָרעמס פון כשוף־מאַכערס... ער האָט אפילו פיינד די אַלע „פערבלענדעניש", וואָס זאָל ער אָבער טהון, ווען די זקני ישראל גלויבען נאָר אין דעם און קיין אַנדער וועג צו זייער הארץ איז נישטאָ?...

„גאָטס קינדער" פאַלען אויך אַמאָל אַראָב פון הימעל אויף דר'ערד, און דער נביא האָט אויך אין זיין לעבען אַזעלכע נידריגע מאָמענטען, אין וועלכע די „נבואה" ווערט אָבגעטהון פון איהם און דער „בשר ודם" זיינער שלעפּט איהם אַראָב צו דער בלאָטע פון לעבען. דער נביא אָבער הערט אויף נאָר איין רגע צו זיין דאָס, וואָס ער דאַרף זיין, דאָס וואָס ער מוז זיין: דער מענש פון אמת. משה'ן איז נאָר וואָס אַרויסגעשוואומען דער געדאַנק, צו־צוציהען צו זיך דאָס פאָלק מיט דער הילף פון פערבלענדעניש און כשוף, — און דער „נביא" אין איהם האָט זיך שוין אוועקגע־

שטעלט מיט דער גאנצער קראפט געגען אזא אנגעהר[illegible]ען געדאנק: דאס וועט נישט זיין!

זינט ער האט אנגעהויבען הערען „גאטס שטימע", איז ביי איהם די שפראך געווארען א ווערקצייג פאר הייליגעס, אנ'אויסערליבע קלייד פאר יענער געטליכער שטימע, וואס לעבט טיעף אינעוועניג ביי איהם אין הארצען; קיין „ווערטער־מענש" — א מענש, וואס זיינע ווערטער זענען ביי איהם מעהר נישט ווי א כלי־זין אויף צו ערגייכען זיינע פערלאנגען, אהן א אמת'ן בונד דערמיט וואס ביי איהם אינוועניג אין הארצען — אזא „ווערטער־מענש" איז ער נישט געווען „נישט נעכטען און נישט עהערנעכטען", און ער וועט עס אויך נישט ווערען נישט היינט און נישט מארגען. אזא פרייז וועט ער נישט געבען אפילו פאר דער אויסלעזונג פון זיין פאלק, און אויב די אויסלעזונג קאן נישט קומען אנדערש ווי דורך אזעלכע „צויבער־שטיק", זאל זי קומען דורך אנדערע און ער זאל בלייבען ביי זיין אמת, אנ'איינזאמער אין דער מדבר:

„איך בעט דיך, גאט, שיק עמיצען אנ אנדערן"!

נישט אזוי לייכט אבער איז דעם נביא צו בלייבען אין דער מדבר. דאס פייער, וואס איז „איינגעגעסען אין דעם מארך פון זיינע ביינער", וואס האט זיך איצט צופלאקערט און אויפגעוועקט אין איהם אלע קרעפטען פון זיין נשמה, — דאס דאזיגע פייער וועט זיך שוין נישט איינלעשען און וועט איהם נישט לאזען רוהען ביז ער וועט נישט געפינען א וועג צו פערווירקליכען זיין געדאנק.

און ענדליך געפינט דער נביא דאס, וואס ער דארף; ער געפינט די „רעהר", דורך וועלכער זיין איינפלוס זאל קאנען איבערגעהן צום פאלק. א ברודער האט ער אין מצרים, אנ'אנגעזעהענעם מענשען פון שבט לוי, וועלכער קאן צופאסען זיינע ווערטער צו דער צייט און צום ארט. ער וועט איהם גלויבען אויך אהן „פערבלענדענישען" און וועט געהן מיט איהם אי צו די „זקנים" אי צום קעניג; ער — דער צוקינפטיגער „כהן" — וועט שוין געפינען דעם ריכטיגען שליסעל צו אלעמענס הערצער:

„דו וועסט רעדען צו איהם... און ער וועט רעדען פאר דיר צום פאלק; ער וועט דיר דיענען פאר א מויל און דו וועסט פאר איהם א גאט זיין".

און דאָס ע ר ש ט ע ציִעל איז ערראַיכט געוואָרען. פּרעה און זײַן גאַנץ חיל זענען דערטרונקען געוואָרען אין ים־סוף, און משה שטעהט אָן דער שפּיץ פֿון זײַן פֿרײַען פֿאָלק, איהם צו פֿיהרען אין דעם לאַנד פֿון זײַנע עלטערן.

„ראַמאָלס זינגט משה.“ זײַנע געפֿיהלען שטראָמען איבער זײַן הארץ און גיסען זיך אויס אין אַ ליעד — און ער איז גליקליך.

און נישט געוואוסט האָט דער נביא דאַן, אַז ער שטעהט נאָך אין׳ם אָנהויב פֿון זײַן וועג; אַז די וויכטיגסטע אַרבײַט, די שווערסטע האָט זיך נאָך גאָרנישט אָנגעהויבען: פּרעה איז פֿערניכטעט, זײַנע מעשים אָבער זענען געבליבען; דער הערר האָט אויפגעהערט אַ הערר צו זײַן, דער שקלאַף האָט אָבער נישט אויפגעהערט אַ שקלאַף־צו זײַן. אַ פֿאָלק, וואָס האָט זיך איין דור נאָכ׳ן אַנדערן ערצויגען אין אַ שקלאַפֿענהויז, קאָן נישט מיט איין מאָל אויסרײַסען פֿון זײַן האַרץ די איינדריקע פֿון דער ערציהונג און ווערען אַן אמת׳ער פֿרײַער מענש, אפֿילו ווען מ׳האָט איהם שוין אַראָבגענומען די קײַטען פֿון די הענד.

דער נביא אָבער גלויבט אין דער קראַפֿט פֿון אידעאַל. ער איז זיכער, אַז דער גרויסער אידעאַל. וועלכען ער וויל געבען זײַן פֿאָלק, וועט אימשטאַנד זײַן אויסצורײַסען מיט׳ן וואָרצעל די גאַנצע ירושה פֿון דער שקלאַפֿערײַ און איהם, דעם דאָזיגען שקלאַפֿענפֿאָלק. אַ נײַע האַרץ צו באַשאַפֿען, אַ האַרץ פֿול מיט שטאַרקײַט און שטרעבונגען צו געהן אַלעמאָל העכער, העכער, ווי עס וועט פֿאָדערן פֿון איהם זײַן גרויסע מיסיאָן.

און עס זאַמעלט צונויף דער נביא דאָס גאַנצע פֿאָלק זײַנם „אונטער׳ן באַרג“, עפֿענט אויף פֿאַר איהם די העכסטע הימלען און ווײַזט איהם דעם „גאָט פֿון זײַנע עלטערן“ אין אַ נײַער געשטאַלט, אין זײַן גאַנצער אוניווערסעלער גרויסקײַט.

„וואָרום מיר געהערט די גאַנצע וועלט“ — שרײַט דער יודישער גאָט „פֿון פֿײַער אַרויס“. נישט ווי איהר האָט גערעכענט ביז אַהער, איהר און אַלע פֿעלקער, אַז יעדעם פֿאָלק און יעדעם לאַנד האָט זיך זײַן אײַגענעם גאָט, וואָס איז שטאַרק אין זײַן גרענעץ, און זיי האַלטען מלחמה אײַנער מיט׳ן אַנדערן און זענען מנצח אײַנער דעם אַנדערן, ווי די פֿעלקער וואָס זענען זיי אונטערטעניג.

נײן! ס'איז נישטאָ אויף דער וועלט קײן יודישער גאָט בעזונדער און קײן עגיפּטישער גאָט בעזונדער, נאָר אײן אײנציגער גאָט. וואָס איז געווען, איז און וועט זײן, — ער איז דער הערר פון דער גאַנצער וועלט און הערשט איבער אַלע פעלקער. און דער אײביגער וועלט-גאָט איז דער גאָט פון אַלע עלטערן. די גאַנצע וועלט איז זײן ווערק און אַלע מענשען זענען געשאַפען אין זײן געשטאַלט; נאָר אײך, די קינדער פון זײן אויסערוועהלטען אברהם, האָט ער אויסגעקליבען פאַר אַ „עם סגולה", „פאַר אַ קעניגרײך פון כהנים און אַ הײליגעס פאָלק", איהר זאָלט הײליגען זײן נאָמען אין דער וועלט און דינען אַלס מוסטער פאַר דער גאַנצער מענשהײט מיט אײער פערזענליכען און געזעלשאַפטליכען לעבען, וואָס וועט אויפגעבויט ווערען אויף נײע יסודות, אינ'ם גײסט פון אמת און גערעכטיגקײט.

„גערעכטיגקײט, נאָר גערעכטיגקײט זאָלסטו זוכען!" — „פון פאַלשע רײד זאָלסטו זיך ערווײטערן!" — איהר זאָלט נישט נושא-פנים זײן דעם שטאַרקען, „און אַ גר, אַ יתום און אַ אלמנה זאָלט איהר נישט פײניגען". אויף דעם שוואַכען זײט זאָלט איהר אָבער אויך נישט אַראָבבויגען די געוויכט, „דעם אָרעמען זאָלסטו נישט שוינען אין זײן קריעג". נישט קנאה און שנאה, און אויך נישט ליעבע און באַרמהערציגקײט זאָלען אײך דינען אַלס מאָסשטאַב אין אײער לעבען, וואָרום בײדע געהען איבער די מאָס און פערקרימען דאָס גלײכע, נאָר — גערעכטיגקײט און גערעכטיגקײט!

„האָט דען געהערט אַ פאָלק גאָטס שטימע רעדענדיג פון פײער" אזעלכע ערהאַבענע, הויכע ווערטער? און דאָס פאָלק, וואָס האָט עס יאָ געהערט, ווען עס איז אפילו הונדערטער יאָהרען געווען פערזונקען אין שקלאַפערײ און נידריגקײט — ווי איז'ס מעגליך, עס זאָל זיך נישט ערהויבען פון זײן נידריגקײט און זאָל נישט פיהלען אין אַלע ווינקעלעך פון הארצען — די ליבטיגקײט, וואָס פליעסט אויף איהם אַבצושײניגען איהם פון זײן שמוץ?

אזוי דענקט דער נביא; און דאָ[ו] פאָלק שטיצט אונטער דעם געדאַנק, אויסשרײענדיג ווי אײן מענש מיט התלהבות: „אַלץ, וואָס גאָט האָט געהײסען, וועלען מיר טאָן".

און דער נביא פֿערלאָזט מיט אַ רוהיג האַרץ די אַרמע און געהט זיך מתבודד זײַן אויפֿ'ן שפּיץ באַרג, אום צו ענדיגען און צו פֿערפֿאָלקאָמען די גערעכטיגקײטס-תורה. עס דויערט אָבער נישט לאַנג פֿון דער צײַט, וואָס ער איז נעלם געוואָרען פֿון פֿאָלק, און דער מצרי'שער שקלאַף האָט זיך אַרויסגעריסען פֿון זײַן בעהעלטעניש און אין אײן רגע צו-וואָרפֿען די אַלע „גײַסטעס-טורעמ'ס", וואָס דער נביא האָט געבויט אויף דעם פֿונדאַמענט פֿון זײַן גלויבען אין דער קראַפֿט פֿון אידעאַל. „גאָטס שטימע" בעהאַלט זיך פֿאַר דער „שטימע פֿון פֿאָלק, וואָס גוואַלדעוועט", און דער כּהן, וואָס אויף איהם האָט דער נביא אַזוי פֿיעל האָפֿנונגען געלײגט, גלויבענדיג, אַז ער וועט איהם דיענען אַלס „מויל" פֿאַר'ן פֿאָלק און פֿאַר פּרעה'ן, — אָט דער כּהן אַלײן האָט זיך נאָכגעצויגען נאָכ'ן המון און האָט איהם געמאַכט „אַ גאָט" ווי ער האָט געוואָלט „און האָט אויפֿגעבויט פֿאַר איהם אַ מזבח"... ער האָט געזעהען, אַז די צײַט פֿאָדערט עס, און דער כּהן איז דאָך אַ צײַט-מענש...

און דעם נביא'ס צרות זענען גאָר אָהן אַ ברעג. זײַן גאַנצע מאַטערניש, די גאַנצע גרויסע מיסיאָן, וואָס ער האָט אין זײַן אידעאַל בעשטימט פֿאַר זײַן פֿאָלק, זײַן גאַנצע האָפֿנונג, וואָס האָט איהם געטרײַסט אויף זײַן שווערען וועג — אַלץ איז צו-נישט געוואָרען. די פֿערצווייפֿלונג האָט איהם אַרומגענומען און ער איז אָבגעשוואַכט געוואָרען. „די פֿערבינדונגס-לוחות" זענען איהם אַרויסגעפֿאַלען פֿון די הענד און צובראָכען געוואָרען, און זײַן גלויבען אין זיך אַלײן און אין זײַן ווערק האָט זיך אָנגעהויבען וואַקלען. איצט ערשט איז ער דערגאַנגען, ווי שווער דאָס איז צו בעשאַפֿען אַ „עם-סגולה" פֿון אַזאַ שמוציגער מאַטעריע, און עס פּרובט אין איהם אַרויפֿשווימען אַ געדאַנק, אַ ועקצולאָזען אין גאַנצען דעם דאָזיגען „עם קשה עורף" און איבערצוגעבען זײַנע „לוחות" יענע אײנצעלנע געצעהלטע מענשען, וועלכע זענען איהם טרײַ געבליבען, אום זיי זאָלען היטען זײַן תורה און ביסלעכווײַז געווינען פֿאַר איהר די הערצער פֿון די בעסטע צווישען מענשען, ביז זיי וועלען ווערען „אַ גרויסעס פֿאָלק" — און ער וועט זיך אומקעהרען אין דער מדבר, צו זײַנע שעפּסען.

דער נביא אָבער איז קײן כּהן נישט, ער זאָל זיך אַזוי לײַכט

אונטערגעבען דעם לעבען און ענדערן זײַנע אידעען צוליעב איהם.
ס'איז נאָר אריבער דער ערשטער איינדריק — און דער נביא קעהרט זיך צוריק אום צו זײַן מיסיאָן און בעשליעסט צו געהן ווײַטער, ווען עס זאָל זיך מאַכען, יואס עס וויל זיך. איצט ווײס ער, ווי שווער ס'איז די ארבײט, וואס שטעהט איהם פאָר אין דער צוקונפט; ער גלויבט שוין נישט מעהר אין קײן „פלוצלונגע איבערקעהרענישען" און ווײס, אז מיט „אותות ומופתים" און מיט „געטליבע בילדער" קאָן מען ארויסרופען א התלהבות אויף א קורצע צײַט, אָבער נישט בעשאַפען א נײַע הארץ, נישט אויסראָטען מיט'ן וואָרצעל און פעסט איינפלאַנצען געפיהלען און נײַגונגען... און דעריבער בעוואָפענט ער זיך מיט דער גאַנצער קראַפט פון זײַן געדולד, צו טראָגען אויף זיך די דריקענדע משא פון דעם המון און איהם צו ערציהען פאַמעליך, ביסלעכווײַז, ביז ער זאָל זײַן פעהיג זײַן מיסיאָן אויסצופיהרען.

און אַזוי געהט אריבער די ערשטע צײַט. דער נביא לערנט און ערציהט, פערגיט און לײַדט, און טיעף אין הארצען טרײַסט איהם די האָפנונג, אז ס'וועט נישט דויערן לאַנג און זײַן ערציהונג וועט געבען פרוכט און ער וועט נאָך מיט זײַנע אויגען זעהען זײַן פאָלק בײַ דער ענדע פון דער מיסיאָן אין זײַן צוגעזאָגט לאַנד.

פלוצלונג — די מעשה מיט די „מרגלים"!

א פאָלק געהט מיט זײַן קראַפט איינצונעהמען זיך א נאַציאָנאַלעס לאַנד און זיך בעשאַפען מיט זײַן גײַסט א נאַציאָנאַלעס לעבען, — א לעבען, וואס זאָל דינען אלס מוסטער פאַר אלע פעלקער, — און איין שלעכטע נאַכריכט שוואַכט עס אָב ביז צו פערצווייפלונג און ברענגט עס דערצו, עס זאָל זיך אינגאַנצען אָבזאָגען פון דער גרויסער צוקונפט!...

געגען אַזאַ ניעדריגקײַט, וואס איז טיעפער ווי דער תהום, קאָן שוין אפילו דאָס הארץ פון א נביא נישט רוהיג בלײַבען.

משה האָט איצט געזעהען, אז אויך זײַן לעצטע האָפנונג האָט קײן גרונד נישט, אז אויך די ערציהונג וועט נישט העלפען דעם ניעדריגען המון, איהם צו מאַכען פאַר דעם טרעגער פון א גרויסער מיסיאָן, — און דער נביא בעשליעסט צו פערניכטען זײַן גאַנצען דור און הײסט בלײַבען אין דער מדבר פיערציג יאָהר, „ביז עס וועט זיך ענדיגען דער גאַנצער דור", און אָנשטאָט איהם וועט

אויפֿוואַקסען אַ נײַער דור, וואָס איז געבוירען געוואָרען און געוואַקסען אין פֿרײַהייט און איז ערצויגען געוואָרען אויף דער גרויסער תורה. וואָס ער וועט איהר דאַרפֿען היטען אין זײַן צוקינפֿטיגעם לאַנד.

צו געהן מוטיג פֿאָרווערטס אין אַ געפֿאַהר, אָנצופֿאַלען אַלײַן אויף אַ שונא, וואָס איז זיבען מאָל שטאַרקער, אַרײַנצושפּרינגען אין ים בשעת אַ שטורם-ווינד — דאָס אַלץ פֿאָדערט אָהן אַ שום צווײַפֿעל אַן׳אונגעוועהנליכען מוט. נאָך אַ שטאַרקערען מוט אָבער דאַרף מען האָבען דערצו, אויסצורײַסען פֿון האַרצען, בעוואוסטזיניג און מיט אַ קלאָרער איבערצײַגונג, אַן׳ערהאַבענע האָפֿנונג, וואָס איז געוועזען פֿריהער דער תמצית פֿון לעבען; צו בלײַבען שטעהן אין מיטען וועג דאָן, ווען אַלע געפֿיהלען ברענגען און שטויסען צום ציעל, וואָס האָט זיך געזעהען אַזוי נאָהענט. און אַזאַ ס׳אָרט גבורה האָט די יודישע טראַדיציע געוואָלט זעהען און ווײַזען אין איהר „איבער-מענשען", אין דעם „אַדון הנביאים"... אומזיסט יאָגען איהם דערנאָך די מענשען פֿון יענעם דור, אַנערקענענדיג זײַער פֿערברעכען, ער זאָל אָנהויבען צוריק די אַרבײַט און זאָל זיי פֿיהרען אין זײַער צוגעזאָגטלאַנד; אומזיסט רעדען זיי צו איהם מיט תחנונים: „אָט זענען מיר, מיר געהען!" — דער נביא האָט איינמאָל אַרויסגעגעבען זײַן בעשלוס און איהם וועט ער נישט צוריקנעהמען, ער קאָן איהם נישט צוריקנעהמען. ער איז געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז „אָט די שלעכטע עדה" טויג פֿאַר איהם נישט, — און עס וועלען נישט העלפֿען קיינע תחנונים צו ברענגען דעם נביא צו אַזעלכע מעשים, וואָס זענען נעגען זײַן איבערצײַגונג. ער טרויערט צוזאַמען מיט זיי און לײַדט מיט זיי, אויף זייערע אַלע תחנונים ענטפֿערט ער אָבער צאָרנדיג:

„געהט נישט, גאָט איז צווישען אײַך נישטאָ!"

און אַזוי זיצט דער נביא אין דער מדבר, בעגראָבט דעם אַלטען און ערציהט אַ נײַען דור. עס געהט אַריבער אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר, און ער ווערט נישט מיעד און שוואַך לערנענדיג דעם יונגען דור, וואָס שפּראָצט פֿאַר איהם, די גערעכטיגקייטס-געזעצען, וועלכע ער דאַרף אײַנפֿיהרען אין זײַן צוקונפֿטס-לאַנד, און דערמאָהנענדיג איהם אונאויפֿהערליך די גרויסע פֿערגאַנגענהייט.

אין וועלכער די דאָזיגע געזעצען זענען בעשאַפען געוואָרען. די פֿערגאַנגענהײַט מיט דער צוקונפֿט ערפֿילען דעם נביא'ס נשמה און מאַכען גאַנץ אײנע דער אַנדערער. אין דער געגענוואַרט זעהט ער נאָר אַ „מדבר" אַרום זיך, וואָרום דאָס לעבען איז ווײַט פֿון זײַן אידעאַל, און דעריבער זענען זײַנע אויגען געווענדעט נאָר פֿאָרווערטס און ריקווערטס: ער לעבט אין דער צוקונפֿטס־וועלט, וואָס ער זעהט מיט זײַנע גײַסטיגע אויגען, און זוכט אַ שטאַרקונג אין די מעשים פֿון דער פֿערגאַנגענהײַט, וואָס פֿון זיי איז בעגרינדעט געוואָרען די דאָזיגע וועלט...

און ווען ס'ענדיגען זיך די פֿיערציג יאָהר, און דער נײַער דור האָט זיך שוין געקליבען צו מאַכען אַן עַנדע מיט דעם בטלני־שען לעבען אין דער מדבר און אָנצוהויבען צוריק די נאַציאָנאַלע אַרבײַט, וואָס האָט זיך איבערגעריסען, — איז דער נביא געשטאָרבען און אַן אַנדער מענש האָט זיך אַוועקגעשטעלט אָן דער שפּיץ פֿון פֿאָלק און האָט איהם אַרײַנגעבראַכט אין זײַן לאַנד!

פֿאַרוואָס איז דער נביא געשטאָרבען און האָט נישט זוכה געווען אַלײן צו ענדיגען זײַן ווערק? די טראַדיציע, ווי בעוואוסט, גיט נישט אויף דעם קײן בעשטימטען טעם; מיט איהר ריכטיגען אינסטינקט האָט זי געפֿיהלט, אַז ס'דאַרף אַזוי זײַן. ווען ס'איז געקומען די צײַט צו פֿערקערפּערן דעם אידעאַל אין לעבען, קאָן שוין דער נביא נישט שטעהן מעהר אָן דער שפּיץ פֿון פֿאָלק און מוז אָבטרעטען זײַן פּלאַץ אַ צווײטען. ווײַל דאַן הויבט זיך אָן אַ פּריז־שער פּעריאָד, אַ פּעריאָד, אין וועלכען ס'ענדיגט זיך די נבואה און ס'הויבען זיך אָן די נאָכגעבונגען און פּשרות, וועלכע ליגען אין דער נאַטור פֿון דעם לעבענס־קאַמפּף, און ענדליך נעהמט אָן די ווירקליכקײַט אַ געשטאַלט, וועלכע איז אינגאַנצען אַנדערש פֿון דער, וואָס דער נביא האָט געזעהען אין זײַן אידעאַל, און ס'איז דעריבער בעסער פֿאַר איהם ער זאָל שטאַרבען אין דער מדבר, אײדער ער זאָל דאָס אַלץ זעהן מיט די אויגען. „זיך געגענאיבער וועט ער זעהן דאָס לאַנד און דאָרטען וועט ער נישט קומען". ער האָט צו־געפֿיהרט זײַן פֿאָלק ביז'ן „גרענעץ", האָט איהם פֿאַרבערײַטעט צו דער צוקונפֿט און איהם נעגעבען אַן ערהאַבענעם אידעאַל, וואָס אין אַן ענגער צײַט וועט ער צו איהם קאָנען די אויגען אויפֿהויבען און געפֿינען אין איהם טרײַסט און הילף, — און איצט זאָלען אַנ־

דערע קומען, וואס קאנען גיכער פשרות מאכען מיט'ן לעבען, און זאלען טהון וואס זיי וועלען טהון און ערדרייכען וואס זיי וועלען ערדרייכען, א סך צו ווייניג. יעדענפאלס אבער נישט אלץ, וואס דער נביא האט געוואלט ערדרייכען און נישט ווי ער האט געוואלט ערדרייכען.

און ער, דער נביא, האט געלעבט אין זיין גלויבען און איז אין זיין גלויבען געשטארבען. דאס גאנצע שלעכטס פון לעבען, וואס ער האט זיך אנגעזעהען, איז נישט אימשטאנד געווען ארויסצורייסען ביי איהם פון הארצען די האפנונג אויף דער צוקונפט און צו פער'מאוס'ען איהם די שענקייט פון דעם אידעאל, וואס לייכט איהם פון דערווייטענס. און אזוי איז ער געשטארבען מיט א ליכטיגען פנים און מיט טרייסט-ווערטער אויף די ליפען פאר די קומענדיגע צייטען. ער איז געשטארבען — ווי די טראדיציע זאגט — „געקושטערהייד": אין זיין פעסטען צוזאמענבונד מיט דעם אידעאל, וועלכען ער האט געווידמעט זיין לעבען און צוליעב וועלכען ער האט געארבייט און געליטען ביז זיין לעצטען אטעמצוג.

ווען היינע האט געוואלט שילדערן די גרויסקייט פון דעם גרעסטען יודישען דיכטער, פון ר' יהודא הלוי, — האט ער געזאגט אויף איהם, אז ער איז געבוירען געווארען א „געקושטער". דער בעגריף איז אבער וויט דעם יודישען גייסט, און די נאציאנאלע טראדיציע, ווען זי האט געוואלט שילדערן די גרויסקייט פון דעם אדון הנביאים, האט זי נישט גערעדט וועגען געבוירען ווערען א געקושטער, נאר וועגען שטארבען א געקושטער: ער איז געשטארבען געקושטערהייד נאכדעם ווי ער האט געענדיגט זיין ארבייט און האט ערפילט, וואס ער האט געהאט צו ערפילען; נאכדעם ווי ער האט געטראגען אויף זיך די גאנצע לאסט פון לעבען און איז געשטאנען זיינע אלע יאהרען ווי א שטארקער פעלזען אין מיטען ים, נישט אבווענדענדיג זיך אן א זייט און נישט איינבויגענדיג דעם קאפ פאר די וועלען, וואס האבען זיך אויפגעהויבען גענגען איהם, איהם אבצורוקען פון זיין ארט ...

איך האב געזאגט, אז „דער שעפער — בעשאפט אין זיין

געשטאַלט". און ריכטיג טאַקע, אין דעם בילד פון משה'ן האָט דער גײַסט פון אונזער פאָלק פערקערפּערט דאָס בעסטע פון זײַן װעזען. גוט האָבען זיך אויסגעדריקט די מקובלים: „דער פונק פון משה'ן לײַכט אין יעדער דור", און אין דער װירקליכקײַט הערט טאַקע נישט אויף דער פונק פון „משה'ן" אַרויסצולײַכטען פון דער שטענדיגער פינסטערניש אינ'ם לעבען פון אונזער פאָלק. דאָס דאַרף קײַן סך ראיות נישט האָבען, װאָרום ס'איז גענוג פאַר אונז נאָר צו עפענען דעם „סדור" אונזערן, אום צו זעהן אויף יעדער זײַט, אַז די אינערליכע שטרעבונג צו דער פערקערפּערונג פון דעם נביאישען אידעאַל אין זײַן גאַנצער אוניװערסעלער אומפאַסונג האָט נישט אָבגעטרעטען פון אונזער פאָלק אפילו אין די שרעקליכסטע פעריאָדען פון זײַן לעבען, אפילו אויך דאַן, װען ער אַלײַן איז געװעזען אין געפאַהר און האָט געװאַנדערט פון לאַנד צו לאַנד, אַנטלויפענדיג פון זײַנע פערפאָלגער. קײַן געגענװאַרטס-לעבען האָט דער יוד קײנמאָל נישט געהאַט; שטענדיג איז ער געװעזען בעטריבט און פול מיט כעס און ביטערקײַט אויף דער רשעות און שלעכטיגקײַט פון דער געגענװאַרט. צוזאַמען דערמיט אָבער איז ער שטענדיג פול געװעזען מיט גלענצענדע האָפנונגען און אַ טיעפען גלויבען אין דעם נצחון פון דאָס גוטע און גערעכטע אין דער צוקונפט. און פאַקטען אויף צו אונטערהאַלטען זײַן גלויבען און זײַן האָפנונג פלעגט ער שטענדיג זוכען און געפינען אין די ערשײַנונגען פון דער פערגאַנגענהײַט, אין װעלכע ער פלעגט זעהען אַן אָבשפּיעגלונג פון זײַנע געדאַנקען און װעלכע ער פלעגט בעפּוצען מיט פערשידענע פערציערונגען, אום זיי צו מאַכען פאַר אַ מין „שפּיעגעל-בילד פון דער צוקונפט". די העבראַעישע שפּראַך אפילו, די קלײד פון דעם יודישען גײַסט, האָט אויך אין זיך נישט קײַן „געגענװאַרט", נאָר אַ „פערגאַנגענהײַט" מיט אַ „צוקונפט" אַלײן. און אומזיסט האָבען זיך אַזוי װײַט און שאַרף צוטײלט די מײנונגען װעגען דעם גרונד-כאַראַקטער פון אונזער פאָלקסגײַסט: צי ער איז אָפּטימיסטיש צי פּעסימיסטיש; װאָרום אין דער אמת'ן האָט ער אין זיך בײדע, נאָר דער פּעסימיזם זײַנער בעציהט זיך אויף דער געגענװאַרט, און דער אָפּטימיזם — אויף דער צוקונפט. אַזוי זענען געװעזען די נביאים, און אַזוי איז אויך דאָס נביאים-פאָלק.

נאָר אַיין קורצע תקופה האָט דער יוד איבערגעלעבט אין דער נייער צייט, וואָס אין איהר איז ער מיער געוואָרען פון זיין שטענדיגען ליידען און פלאָגען זיך. און האָט אָנגעהויבען זוכען א נ ע ג ע נ וו א ר ט: געניעסען פון דער מינוט אזוי ווי אלע פעל־קער, און נישט פאָדערן פון לעבען מעהר וויפיעל עס קאָן געבען. און ווייל עס איז אין איהם ערוועקט געוואָרען דאָס דאָזיגע לוסט און איז געוואָרען פאר איהם א אידעאל, האָט זיך אין איהם אויך באלד ארויסגעוויזען — נישט־קוקענדיג אויף דעם, וואָס עס איז אינגאנצען דאנגעגען דעם נביא'ישען גייסט — דער נביא'ישער כא־ראקטער: צו ערדייכען דעם אידעאל ביז'ן סוף און זיך נישט צו רעכנען מיט קיין זאך וואָס שטערט זיין פערווירקליכונג. די יודען פון יענער תקופה האָבען זיך נישט גערעכענט אויך מיט דעם אי־דעאל פון דער גרויסער צוקונפט — וועגען וועלכער זייערע זיידעס האָבען נישט אויפגעהערט צו חלום'ען דורות לאנג — און האָבען איהם אויסגעריסען פון זייער הארצען מיט איין מאל. ווען ס'האָט זיך זיי געדאכט, אז זיי דארפען איהם אויסראָטען אום צו ערדייכען דעם אידעאל פון דער נעגענוואָרט. נאָך דער צוקונפט איז ממילא אויסגעריסען געוואָרען אויך די פ ע ר ג א נ ג ע נ ה ײ ט, וואָס איז אינגאנצען געווען נאָר א „שפיעגעלבילד פון דער צוקונפט"... און דער סוף איז געווען, ווי ס'איז בעוואוסט, אז די געגענוואָרט איז אויך נישט ערדייכט געוואָרען, און פון דער גאנצער אָנשטרענגונג פון יענער צייט. וואָס האָט געוואָלט צושטערען אַן'אלטע וועלט און אויפבויען א נייע, איז נישט געבליבען מעהר ווי די צושטערונג אליין און דאָס ביטערע געפיהל פון פערלירען קרעפטען אום־זיסט...

דאָס איז אָבער אלץ געווען נאָר א פערביילויפענדער צופאל, א סאָרט „חלשות" און בעוואוסטלאָזיגקייט אויף א קורצע ווייל. די „נבואה" פערלאָזט נישט מעהר ווי אויף א צייט, און דערנאָך קומט זי צוריק, שטארקט איהר טרעגער און הערשט איבער איהם געגען זיין ווילען. דאָס נביא'ישע פאלק האָט זיך אויך צוריק אָנ־געהויבען צו דערקאָנען געגען זיין ווילען, און מיר זעהען היינט דעם „פונק פון משה'ן" וויעדער בלישטשענדיג; און יענער גייסט, וואָס האָט געראָפען משה'ן מיט טויזענדער יאָהרען צוריק און האָט איהם געשיקט אויספיהרען זיין מיסיאָן געגען זיין ווילען, — דער

זעלביגער נײַסט רופֿט הײַנט װידער דעם לעצטען דור און שרײַט צו איהם:

„דאס װאס איהר מײנט װעט נישט זײַן. איהר זאגט דאך:
מיר װעלען װערען װי אלע פֿעלקער. איך שװער בײַ מײַן לעבען,
אז מיט א שטארקער האנד װעל איך הערשען איבער אייך..."
(נים הענבראאישען איבערזעצט דורך

ב. ק—ן

העגרי זשארזש.

משה, דער געזעצגעבער.

עס האט זיך ביי אונז מאדערנע אויסגעבילדעט די נייגונג, צו זעהן אין די גרויסע כאראקטערען פון דער געשיכטע מעהר דאס רעזולטאט, ווי די סבה פון די דאמאלסדיגע צייטשטרעמונגען, און אויב מ'פלעגט אין די פריהערדיגע צייטען די גרויסע היסטארישע געשעהענישען שטענדיג צוריקפיהרען ביז געוויסע פערזאנען, טהיען מיר היינט ריכטיג פערקעהרט, און זוכען צו בעלייכטען די לעגענדארישע העלדען פון גרויען אלטערטום מיט דער הילף פון מיטהאלאגישע געשעהענישען.

און דאך — ווען מיר פראבירען געפינען דעם אנהויב פון יענע בעוועגונגען, וואס זייער איבינגע סבה ווירקט נאך ביז היינטיגען טאג,— מוזען מיר זיך ספארט אנשטויסען אן דאס אינדיווידיאום, אן דער פערזאן. עס איז אמת, אז די פערהעלטענישען און די אומשטענדען בעשטימען דעם מענשען און מאכען איהם פאר דאס, וואס ער איז; עס איז אבער צוזאמען דערמיט אויך דאס אמת, אז אינים אנהויב פון אלע זאכען האבען מענשען די פערהעלטענישען געשאפען..

אין איינעם פון זיינע גוט-בעקאנטע ווערק בעשרייבט מעקולייי, וואס'רע איינדריק עס האט געמאכט אויף זיין גייסט די אלטקייט פון יענער קירכע, וועלכע האט איבערגעלעבט דינאסטיעס און וועלט-מלוכות, און דערגרייכט צוריק אין דער פערגאנגענהייט ביז יענע צייטען, ווען דער דאמפף פון קטרת און קרבנות האט אנגעפילט דעם רוים פון פאנטעאן און לעמפערט און טיגער האבען זיך איינע בי אנדערע אויף שטיקער צוריסען אינים רוימישען אמפיטעאטער.

און אין דער זעלביגער צייט עקסיסטירען נאך היינט אויך ביי אינז און צווישען אינז מנהגים און זיטען, וועלכע זענען אהן א שום אונטערברעכינג איבערגעגעבען געוואָרען כסדר פון דור צו דור, און קאָנען צוריקגעפירט ווערען ביז נאך א סך ווייטערער פערגאַנגענהייט. אין יעדען יאָהר, אין יעדען לאַנד און אין א בעשטימטער צייט זיצען צעהנדליגער טויזענדער פאמיליעס ביי א יום־טוב׳דיג־געגרייטען טיש און עסען א מאָלצייט, וואָס בעשטעהט כמעט אינגאַנצען פון שנעל־געבאַקענע מצות. איידער נאך רוֹם איז געגרינדעט געוואָרען און איידער האָמער האָט זיינע לידער געזונגען, איז שוין דער דאָזיגער יום־טוב געפייערט געוואָרען, און דאָס געשעהעניש, צום אָנדענקען פון וועלכען דער יום־טוב איז ענטשטאַנען, — איז שוין דאַמאָלס הונדערטער יאָהרען אַלט געוועזען.

אין דעם טאָג איז א מערקווירדיג פאָלק אריינגעטרעטען אין דער וועלט־געשיכטע — א פאָלק, וואָס האָט קיינמאָל קיין גרויסע מלוכה נישט געגרינדעט, קיין וועלט־שטאָדט נישט געבויט און דאָך אויסגעאיבט אויף א גרויסען טייל פון דער מענשהייט א ווייט־פערשפרייטען, מאַכטפולען און דויערענדען איינפלוס; א פאָלק, וואָס לעבט שוין צוויי טויזענד יאָהר אָהן א לאַנד און אָהן א אָרגאַניזירטער נאַציאָנאַליטעט, און האָט פון דעסטוועגען איינגעהיט און דערהאַלטען זיינע האַראַקטעריסטישע אייגענשאַפטען און זיין גלויבען, נישט קוקענדיג אויף זיינע ליידען און געברענטע צרות. דאָס דאָזיגע פאָלק איז בעזיעגט, צוריבען און צופאַלען געוואָרען; אויף שטויב האָט מען עס צומאָהלען און אויף אַלע שבעה ימים צושאָטען, און דאָך — זענען טראָגען צושמעטערט און גרויסע מלוכות אונטערגעגאַנגען געוואָרען, האָבען זיך רעליגיאָנען געביטען און לעבעדיגע שפראַכען זענען אויסגעשטאָרבען, און דאָס פאָלק עקסיסטירט נאך ביז היינטיגען טאָג מיט נישט קיין פערמינדערטער לעבענס־קראַפט.

דאָס אויפטרעטען פון אַזאַ פאָלק איז איינע פון די עפּאָכע־מאַכענדע געשעהענישען אין דער וועלט־געשיכטע.

דאָ אָבער מיין איך נישט צו רעדען וועגען דאָס געשעהעניש, נאָר וועגען דער הויפּט־פיגור פון פּיהרער, וועלכע טרעט אונז אַרויס אַנטקעגען אין איהר געוואַלטיגער גרויסקייט.

דריי גרויסע רעליגיאָנען שטעלען אַוועק דעם פיהרער פון דער

ייִדישער בעפרייאונג אויף דער העכסטער שטופע, צו וועלכער אַ שטערבליכער מענש קאָן נאָר דערלאַנגען. פאַר דעם קריסטענטום, ווי פאַר'ן איסלאַם, און פאַר זיי ביידע, ווי פאַר'ן ייִדענטום, איז משה דער געזעצגעבער און דער אויסדריק פון דאָס העכסטע; ער שטעלט פאַר מיט זיך דעם פערמיטלער, וועלכער איז בעגאַבט מיט אַ איבערנאַטירליכער מאַכט און דורך וועלכען עס ווערט נתגלה דער געטליכער ווילען. גראָדע אָבער אַט די אויפהויבונג, וועלכע מאַכט אונמעגליך דעם פערגלייך מיט אַנדערע מענשען, שטערט אונז, אַרויסצוזעהען די אמת'ע גרויסקייט פון דעם ריעזיגען גייסט פון צווישען זיינע ברידער, פון צווישען פאָלק האָט זיך שאול אויפגעהויבען מיט אַ קאָפּ העכער; דאָ האָט אָבער קיינער גאָרנישט געפּרובט צוזאַמענשטעלען משה'ן מיט'ן פאָלק.

און אַפילו די קריטישע וויסענשאַפט, וועלכע אָנערקענט, אַז די אַלע ביכער און געזעצען, וואָס ווערען צוגעשריבען צו משה'ן געהערען גאָר אין דער אמת'ן צו דער צייט פון די נביאים, — אַפילו יענע קריטישע וויסענשאַפט מוז אויך צוגעבען, אַז די ערשטע אָנרעגונג צו דעם מענשענפריינדליכען גייסט פונ'ם יודישען געזעץ און צו דער הויכער אויפפאַסונג פון דעם איינציגען מאָנאָטעאיזם, שטעהט אין אַ ענגען צוזאַמענהאַנג מיט דער פּערזאָן אַליין פון דעם ערשטען פאָלקס-פירער, פון וועלכער די ווייס אונז גאַנץ ווייניג צו דערצעהלען.

ווי אָבער מיר זאָלען משה'ס פּערזענליכקייט נישט אויפפאַסען, אַזוי צי אַנדערש — יעדענפאַלס לוינט, זיך די מיה צו נעהמען, און זיך אָפּצושטעלען אויף דעם פּונקט, וואו אַלע שאַטירונגען פון גלויבען און אונגלויבען געפינען פאַר זיך אַ געמיינזאַמען באָדען; מיר דאַרפען אַקצעפּטירען די גרונד-שטריכען פון די יודישע קוועלען און טראַדיציעס און זיי בעטראַכטען ביים ליכט פון דער געשיכטע, ווי מיר קענען זי און פון דער מענשליכער נאַטור, ווי זי ווייזט זיך נאָך היינט אויף אַרויס. מיר האָבען דאָ אַזאַ פאַל פאַר זיך, ביי וועלכען די ביבלישע געשיכטע קאָן בעהאַנדעלט ווערען אַלץ איינס, ווי די וועלטליכע, נישט פערלעצענדיג קיינעמס רעליגיעזע געפיהלען: די שאַרפסטע קריטיק זאָגאַר איז נישט אימשטאַנד משה'ן פאַר אַ לעגענדע צו מאַכען — די טהאַט-זאַך פון דער בעפרייאונג צייגט אונז, אַז מען האָט די פּערזאָן פון אַזאַ פירער.

א לאנג אונטערדריקטען פאלק אין דער פרייהייט צו פיהרען; אזא גרויסע מאסע אים צוים צו האלטען; זי אין א קאמפפס־ארמעע צו פערוואנדלען, וועלכע האט קריעגערישע שבטים אין שטויב צומאהלען אין די מויערען פון די בעפעסטיגטע שטעדט — צושמעטערט; אונצופריעדענהייט, אייפערזוכט אין נאך אלערליי ווילדקייטען צו אונטערדריקען; אנפאלען צו בעקעמפפען; די שנעלע, שטאלצע פלאם פון דער בעגייסטערונג אינים שטענדיגען דיענסט פון דעם ציעל צו האלטען, — דאס אלץ פאדערט א טורם־הויכען כאראקטער, א כאראקטער, וואס ווייזט ארויס ביי דער העלסטער ליכטיגקייט די אייגענשאפטען פון א פאליטיקער, פון א פאטריאט, פון א פילאזאף און פון א שטאאטס־מאן.

און אזא מין כאראקטער אין גראבע, אבער שטארקע קאנטורען ווייזט אונז די טראדיציע — א פעראייניגונג פון עגיפטישער קלוגהייט מיט דער אידעאלסטער זעלבסט־אפפערונג. אין אלץ, וואס מיר זעהען פון איהם, פונים אנהויב ביז צו דער ענדע, געפינט זיך אט דער כאראקטער אין פולער איינשטימונג מיט זיך אליין און מיט דעם ווערק, וואס בילדעט זיין אייביגען מאנומענט.

דאס איז דער כאראקטער פון א ערהויבענעם גייסט, וועלכער איז געענגט פון פערשיעדענע בעדינגונגען און בעגרענצונגען, און מיז זיך בענוגענען מיט די קרעפטען, וואס ער געפינט פאר זיך, און מיט דעם מאטעריאל, וואס ווי גרויס עס זאלען נישט זיין די אויסארבייטונגען פון איהם, בלייבען זיי פארט נישט מעהר, ווי א שוואכער אבגלאנץ פון דעם גרויסארטיגען געדאנק.

עגיפטען איז געוועזן די גוס־פארם פון דער יודישער נאציאן — אזוי צו זאגען די מאטריצע, אין וועלכער איין אייניצעלנע פאמיליע אדער אים בעסטען פאל א גאנץ קליינער שטאם איז זיך פונאנדערגעוואקסען און ענדליך אזוי גרויס אין צאהל־רייך געווארען,, ווי דאס אמעריקאנישע פאלק, למשל, איז געוועזן אין דער צייט פון דער אינאבהענגיגקייטס־ערקלערונג.

פיער הונדערט יאהר — אויב מיר זאלען זיך האלטען ביי די דאטומס פון דער ביבעל — האט זיך דאס דאזיגע וואקסענדע פאלק, וואס האט געשטאמט פון א פאטריארכאלער פאסטיכער־פאמיליע, געפונען אינטער דער הערשאפט פון א הויך־ענטוויקעלטער, אור־אלטער קולטור, די מאנומענטען פון וועלכער עס קאנקורירען מיט

די איבּינגע בערג, — א קולטור, אזא אַלטע, אַז די פּיראַמידען זענען שוין (ווי מיר ווייסען היינט) הונדערטער יאָהרען אַלט געווען, נאָך איידער אברהמ׳ס אויג האָט אויף זיי גערוהט.

די ווייטערדיגע דורות פון די ערשטע, איינוואַנדערער, וועלכע זענען איינגעלאַדען געוואָרען, צו קומען קיין מצרים, דורך דעם דאָרטיגען אויפגעקומענעם יודישען פּרעמיער-מיניסטער, האָבען נאָך אפשר געקאָנט בעזיצען דעם בעוואוסטזיין פון זייער ראַסענפערשידענהייט און די טראַדיציעס פון א פרייען לעבען; זיי האָבען אָבער נאָך אַלעמען דאָך געמוזט אַרונטערפאַלען אונטער דעם מעכטיגען איינפלוס פון אזא קולטור.

עס איז דורכאויס גאָר קיין וואונדער נישט, וואָס אין די אַלטע יודישע איינריכטונגען בעמערקט זיך אַזוי אָפט דער איינפלוס פון עגיפּטישע אידעען און מנהגים. פערקעהרט: מערקווירדיג דערביי זענען די *פערשיעדענהייטען*.

דעם איבערפלעכליכען גייסט זעהט עס אויס גאַנץ נאַטירליך, אַז א פאָלק, וואָס אַנטלויפט פון זיין אונטערדריקונגס-לאַנד, זאָל זיך דערווייטערען אויך פון די אידעען און די איינריכטונגען פון דעם לאַנד. יענע אָבער, וועלכע האָבען גוט דורכגעפאָרשט די געשיכטע פון דער מענשהייט און דעם גאַנג פון דער פּאָליטיק, ווייסען, אַז אזא ערשיינונג איז פשוט אונגאַטירליך און אונמעגליך. די געוואָהנהייטען פונ׳ם גייסט זענען א סך מעהר טיראַניש, ווי די געוואָהנהייטען פונ׳ם קערפּער. זיי נעהמען אַריין דער מאַסע אין דעם קרייז פון אזא גייסטיגער אַטמאָספערע, פון וועלכער איהר איז פיעל שווערער זיך אַרויסצורייסען, ווי פון דער פיזישער אומגעבונג.

א פאָלק, וואָס האָט זיך צוגעוואוינט צו א דעספּאָטישער הערשאַפט, קאָן אין א שענעם פריה-מאָרגען אויפשטעהן געגען איין טיראַן; קאָן זיינע בעשטימונגען אין געזעצען פערניכטען; קאָן האַסען, וואָס ער ליעבט, און אַכטען, וואָס ער האַסט — גאַנץ שנעל אָבער וועט עס אַן אַנדער טיראַן אויף זיין אָרט, אַוועקזעצען.

אַן׳אַבערגלויביש פאָלק קאָן א ריינערען גלויבען אָננעהמען, עס וועט איהם אָבער באַלד אַראָבשלעפּען אונטען און מיט זיינע אַלטע אידעען צוזאַמענגיעסען; א פאָלק, וואָס איז א לאַנגע צייט אינטערדריקט געווען, קאָן רעוואָלטירען און זיך בעפרייען, אָבער נאָר אים דערנאָך אַליין צו אינטערדריקען ווערען, ווי נאָר עס וועט בעקומען די מעגליכקייט דערצו.

וואָרום די פֿערהעלטעניסען בעשטימען דעם מענשען. אין ווען מיר געפֿינען ביי זיך אַ פֿאָלק, וואָס האָט זיך צוגעוועהנט צו אייגריכטונגען פֿון אַ בעשטימטער אַרט, איינריכטונגען מיט אַ פּונקט־ענטגעגענגעזעצטען כאַראַקטער, ווייסען מיר, אַז מיר האָבען דאָ צו זוכען יענע לעבעדיגע, אור־ערשטע קראַפֿט: — די פֿערזענליכקייטען, וועלכע האָבען גלייך אין אָנהויב אַוועקגעשטעלט די זאַך אַזוי און נישט אַנדערש.

דאָס זעהען מיר ביי דער יודישער בעפֿרייאונג.

דער אויפֿפֿאַלענדער אונטערשיעד צווישען די עגיפּטישע און יודישע פֿאָרמען איז נישט קיין אויסערליכער, נאָר אַ פּרינציפּיעלער. די טענדענץ פֿון די ערשטע איז: איינטערדריקונג און פֿערשקלאַפֿונג, און פֿון די אַנדערע: די פֿערזענליכע פֿרייהייט. דאָס איז דאָך אַ מערקווירדיגע ענטשטעהונג! פֿון דעם שטאַרקסטען און גלענצענדסטען דעספּאָטיזם ווערט געבוירען די פֿרייסטע רעפּובליק. פֿון צווישען די קלאָהען פֿונ'ם פֿעלזען־ספֿינקס וואַקסט אויס דער געניוס פֿון מענשליכער פֿרייהייט און די טראָמפּייטען פֿון דער יודישער אויסלעזונג ווערען פֿערטויבט אין דער שטאָלצער ערקלערונג פֿון די מענשליכע רעכטע..

מ'דאַרף געדענקען, וואָס עגיפּטען איז געווען. טויזענדער יאָהרען שוין שטעהען זיינע מעכטיגע מאָנומענטען, וועלכע קיקען אויף אונז פֿון אויבען אַראָב און שיינען צו זאָגען: „איהר זענט קינדער!“ און גראָד די גרויסקייט פֿון אָט די מאָנומענטען דערמאָהנט אונז אָן דער פֿערשקלאַפֿונג פֿון אַ פֿאָלק און דינט אונז אַלס עדות פֿון אַ געזעלשאַפֿטס־אָרדנונג, וואָס האָט, ווי אַ שווערע לאַסט, זיך געלעגט אויף די פּלייצעס פֿון דער מאַסע.

דער דאָזיגער שמאָלער טהאָל פֿונ'ם ניל, דאָס וויגעל פֿון אַלע קונסטען און וויסענשאַפֿטען, דער שוי־פּלאַץ פֿון דעם גרעסטען טריאומף, וואָס עס האָט צו פֿערצייכנען דער מענשליכער גייסט, איז צוזאַמען דערמיט אויך דער שוי־פּלאַץ און דאָס וויגעל פֿון דער שרעקליכסטער שקלאַפֿעריי. זיכער אינ'ם בעזיץ פֿון דער גאַנצער וועלטליכער מאַכט און נאָך מעכטיגער דורך דער קראַפֿט און געוואַלט, וואָס די מיסטישע רעליגיאָן האָט איהם צוגעשריבען, — איז דער פּרעה געווען, ווי אַ גאָט אויף דר ערד, און אי'ם אויפֿצושטעלען אַ רייכע מצבה נעבען דעם קבר פֿון זיין אָרעמען טויטען קערפּער, האָבען הונדערטער טויזענדער מענשען געמוזט זייער לעבען אָפּפֿערען.

יענע קלאסען, וועלכע זענען געשטאנען נאהנט צום טראן, האבען געהאט אין זייערע הענד אלע קערפערליכע פערגעניגענס פון אראפינירטער קולטיר און די העכערע גייסטיגע תענוגים, וואס די מיסטעריען פונ'ם טעמפעל האבען בעהאלטען פאר דער עפענטליכקייט. פאר די מיליאנען אבער, וועלכע האבען געבילדעט מיט זיך דעם פונדאמענט פון דער געזעלשאפטליכער פיראמידע, האט עקסיסטירט נאר דער קנוט אויף טרייבען זיי צו דער ארבייט, און די פערעהרונג פון פערשיעדענע חיות, אויף צו שטילען די בענקעניש פון דער נשמה. פון אלטע, אלטע צייטען ביז דעם היינטיגען טאג איז דער גורל פון דעם עגיפטישען פויער געוועזען: ארבייטען אין הונגערען, אים יענע דארט אויבען, איבער איהם, זאלען קאנען לעבען הערליך און אין פריידען. ער האט קיינמאל נישט רעוואלטירט, קיינמאל נישט פראבירט אויפשטעהן געגען זיינע אונטערדריקער — די אינסטינקטען, וואס האבען געקאנט ארויספיהרען אויף אזא וועג, זענען שוין לאנג אין איהם דערשטיקט געוועזען א דאנק די פערשיעדענע איינריכטונגען, וועלכע האבען איהם געמאכט פאר דאס, וואס ער איז. ער האט געוואוסט נאר צו ליידען און צו שטארבען.

ווי גוט אין גינסטיג די אומשטענדען זאלען דעריבער נישט האבען דאן געוועזען, האט דאך דאס ארגאניזירען און דירכפיהרען די בעפרייאונג פון א גרויסען פאלק, און דאס אויסלעזען איהם פון אזא קערפערליכער און גייסטיגער טיראניע — געגען אנ'ארמעע פון האלבען מיליאן געלעהרנטע סאלדאטען — געפאדערט א געוואלטיג-גרויסען און געניאלען פיהרער. אט דער פאקט אבער, ווי איינגעוועהנליך גרויס ער איז נישט געוועזען, איז נאך פון דעסטוועגען נישט דער מאסשטאב פאר דער גרויסקייט פון יענעם, וואס האט אנגעפיהרט מיט דער בעוועגונג; ווארים נישט אין דער בעפרייאונג פונ'ם עגיפטישען יאך ווייזט זיך אונז ארויס די אינפערגלייכליכע גרויסקייט פון דעם דאזיגען פיהרער, נאר אין דעם קאנסטרוקטיווען, שטאאטס-מעגנישען געניע, וואס האט אוועקגעלעגט דעם גרונדשטיין צו דער ארגאניזירונג און אויפבויאונג פון דעם יודישען פאלק.

אזוי ווי מיר קאנען זיך נישט אנהויבען פארצושטעלען די יודישע אויסלעזונג פון מצרים אהן דעם גרויסען פיהרער, אזוי קאנען מיר זיך נישט ערקלערען די יודישע איינריכטונגען אהן דעם גרויסען שטאאטסמאן. זענענדיג נישט בלויז אינטעלעקטועל נאר אויך מאראליש

רוים, איז אַט דער שטאַאַטסמאַן דורכגעדרונגען מיט יענעם אידעאַלען פּאַטריאָטיזם, וועלכער וואַרפט מיט פעראַכטונג אָב די אַלע פּאַרשלאָגען, זיך אַ קרוין צו ערווערבען אָדער אַ דינאַסטיע צו גרינדען.

די ביישפּיעלען פון דער געשיכטע אין די פאַקטען פון דער מענשליכער נאַטור, ווי מיר זעהען זי טעגליך אַרום זיך, וואָלטען אונז שוין אויך לעהרנען, צו זעהען דעם איינפלוס פון אַ העכערשטענדען גייסט אין דעם גרינדליכען אונטערשיעד צווישען די עגיפּטישע און יודישע איינריכטונגען — אפילו אויך אין דעם פאַל, ווען די יודישע טראַדיציע וואָלט גאָרנישט גערעדט נישט וועגען דעם איינפלוס פון אַזאַ גייסט אין נישט וועגען דער שטענדיגער נייגונג פון פאָלק, זיך צוריק אומצוקעהרען צו די אַלטע, צוגעוועהנטע אידעען. אינצופרידענע שטימען האָבען שטענדיג געבּרימט, און האָט זיך נאָר משה אויף אַ ווײַלע אָבגעדרעהט, איז גלײַך דאָס עגיפּטישע גאָלדענע קאַלב אויפגעשטעלט געוואָרען און פון אַלע זײַטען האָבען זיך אויסרופען געהערט: „דאָס זענען דײַנע געטער, ישראל!" זאָגאַר די איינגעוואָרצעלטקייט פון דעם מאָנאַרכיסטישען פּרינציפּ ווײַזט זיך אויך גלײַך אַרוים אינ'ם אויסוועהלען זיך אַ קעניג, ווי נאָר דער איינפלוס פון דעם גרויסען פיהרער הויבט אָן שוואַ־ייר צו ווערען.

דאָ איז נישט וויכטיג, ווען איז דורך וועמען עס זענען געזאַמעלט געוואָרען די ווערק, וואָס טראָגען אויף זיך משה'ס נאָמען; דאָ איז נישט וויכטיג אויך דאָס, וויפיעל פון זײַנע געזעצען עס זענען איבערגענומען געוואָרען פון די פריהערדיגע צײַטען און וויפיעל פון זיי עס זענען צוגעזעצט געוואָרען שפּעטער — די ווערק טראָגען אויף זיך איינגאַנצען דעם שטעמפּעל פון אַ גייסט, וואָס איז געגאַנגען ווײַט פאָראויס פון זײַן פאָלק אין פון זײַן צײַט און האָט סבּות געזוכט פון פערשיעדענע ווירקונגען; זיי טראָגען אויף זיך דעם שטעמפּעל פון אַ גייסט, וואָס האָט זיך נישט געלאָזען טראָגען פון די אומשטענדען, נאָר איז אַליין געגאַנגען אין אַ בעשטימטער, איינענער ריכטונג, צו אַ בעשטימטען ענדגילטיגען ציעל.

די ווייניגע שטריכען, וואָס די טראַדיציע גיט אונז איבער פון משה'ס כאַראַקטער, און די עטליכע ביבּלישע נאָטיצען, וועלכע האָבען אָנגעפילט די קאַמערען פון דער פאַנטאַזיע מיט די לעבעדיגסטע בילדער — בעשטעטיגען דאָס אַלץ. וואָס מיר וויסען פון זײַן לעבען, ערקלערט אונז זײַנע אידעען, און וואָס מיר וויסען פון זײַן ווירקען,

וואַרפֿט אַ בעזונדער ליכט אויף זיין לעבען.

דאָס, וואָס משה האָט געוואָלט אַוועקלעגען אַלס יסוד פֿאַר דער געזעלשאַפֿטליכער אָרדנונג, איז געוועזען ניט קיין מאָנאַרכיע פֿון דעם מין, וואָס האָט אין עגיפּטען איהר העכסטע שטופֿע דערגרייכט אָדער אין דער אור-ערשטער פֿאָרם, ווי זי האָט עקסיסטירט ביי די אַרומיגע שבטים. דאָס איז אויך קיין רעפּובליק נישט געוועזען, וואו די פֿרייהייט פֿון די בירגער צאָהלט זיך אָב מיט דער קנעכטשאַפֿט פֿון די העלאָטען (מליכה-שקלאַפֿען) און וואו דאָס אינדיווידואום ווערט געאָפּפֿערט צוליעב די העכערע אינטערעסען פֿונ'ם שטאַאַט.

דאָס איז געוועזען אַ געזעלשאַפֿטליכער אָרגאַניזם, וואָס דאָס אינדיווידואום דיענט איהם אַלס באַזיס: אַ געזעלשאַפֿט, דאָס אידעאַל פֿון וועלכער ס'איז, אַז יעדער איינציגער זאָל זיך זיצען אונטער זיין אייגענעם וויינשטאָק אָדער פֿייגענבוים, און קיינער זאָל נישט וואַגען, איהם צו שטערען אָדער איהם צו בעאונרוהיגען — אַ געזעלשאַפֿט, אין וועלכער קיינער טאָר נישט פֿעראורטיילט ווערען צום אַרבייטען אָהן אַ גרונד, אין וועלכער דער שקלאַף אַפֿילו האָט אויך אַ האָפֿנונג, בעפֿרייט צו ווערען, און דאָס פֿערד און די בהמה האָט איהרע רוהע-טעג. דאָס איז אַ געזעלשאַפֿט געוועזען, פֿון וועלכער די אָרעמקייט איז אינגאַנצען פֿערטריבען געוואָרען, וואו די מענשליכע גוטע זיטען, וואָס האָבען זיך ענטוויקעלט פֿון דער פֿערזענליכער אונאָבהענגיגקייט, האָבען געזאָלט מיט דער צייט אויסבילדען אַ שטאַרקען נאַציאָנאַל-כאַראַקטער, און וואו יעדער מיטגליעד איז געוועזען אַרומגענומען מיט אַזעלכע פֿאַמיליענבאַנדען, מיט דער הילף פֿון וועלכע עס איז אַ סך לייכטער צו פֿעראייניגען פֿערשיעדענע איינצעלנע טיילען אין איין לעבעדיגען, גאַנצען אָרגאַניזם, ווי מיט דער הילף פֿון שטאָהל און אייזען.

נישט דער שוץ פֿונ'ם אייגענטום, נאָר דער שוץ פֿון דער מענשליכקייט — דאָס איז דער ענדע-צוועק פֿון משה'ס געזעצען. זיינע בעפֿעהלען און פֿערבאָטען ווילען נישט העלפֿען דעם שטאַרקען, זיך עשירות ערווערבען, נאָר שיצען דעם שוואַכען פֿון יעדער אונטערדריקונג, פֿון יעדער אונגערעכטיגקייט געגען איהם.

דורך די דאָזיגע אַלע געזעצען ציהט זיך דורך, ווי איין פֿאָדים, די שטרעבונג, איינציצאַמען די מענשליכע תאוות און אַ גרענעץ

צו שטעלען דעם מענשענס יאָגען זיך נאָך עשירות, וואָס מיז ברענ-גען דערצו, אַז די גאַנצע מענשהייט זאָל אײַנגעטיילט ווערען אין נוטבעזיצער און שקלאַפען, קאַפּיטאַלסטען און אַרבײַטער, מיליאָ-נערען און בעטלער, הערשער און אונטערדריקטע. זײַן שבת-טאָג און שבת-יאָהר (שמיטה) זיכערן אפילו דעם ניעדריגסטען אויך מנוחה און רוהע.

ווען די שופרות זאָגען אָן דאָס אָנקומען פונ'ם יובל-יאָהר, געהט דער שקלאַף אַרויס פרײַ; די חובות, וואָס האָבען נישט געקענט געצאָהלט ווערען, ווערען געשענקט און די ווידער-אײַנטיילונג פונ'ם לאַנד זיכערט אפילו דעם אָרעמסטען אויך זײַן טהייל און גאָט'ס ערד. דער, וואָס בינדט די גאַרבען, מוז עטוואָס איבערלאָזען פאַר די נאָכקלויבער, און דעם אָקס, וואָס אַרבײַט בײַ'ם דרעשען די תבואה, דאַרף מען דעם מויל נישט צובינדען. איבעראַל אין אין אַלץ איז בולט דער פּרינציפּ פון דעם גוט באַקאַנטען שפּריכוואָרט: „לעבען אַלײַן און לאָזען אַנדערע לעבען".

און די רעליגיאָן, מיט וועלכער די דאָזיגע לעבענס-רעגעלן זע-נען אַזוי ענג פערבונדען, טראָגט אויך אויף זיך דעם זעלביגען שטעמפּעל. פון דער אידעע, וועלכע אָנערקענט אַלע מענשען פאַר ברידער, איז ענטשטאַנען יענע, וועלכע ערקלערט, אַז גאָט איז דער פאָטער פון דער גאַנצער וועלט. און אויב די פאָרמען פון די יודישע רעליגיעזע מנהגים זענען אפילו ענליך צו די עגיפּטישע, — איז אָבער דער גײַסט זייערער גאַנץ אַנדערש און גאַנץ ווײַט פון דעם עגיפּטישען. די תורה זאָגט טאַקי, אַז די כהונה געהט איבער בירושה פון פאָטער צו קינד, דאָס געזעץ אָבער וועגען דעם — און דאָס גאַנ-צע געזעץ — ווערט אָנגעזאָגט דעם גאַנצען פאָלק. דער עגיפּטי-שער ריטוס פון מלה איז טאַקי געבליעבען אין דער תורה און עגיפּטישע סימבאָלען ווײַזען זיך אַרויס אין אַלע אויסערליכקייטען פון דעם יודישען גאָטעס-דיענט, — די טענדענץ אָבער, וועלכע פערגעטערט די פאָרם אָנשטאָט דעם אינהאַלט, ווערט אויף דעם שטרענגסטען אופן פערטריבען. די גאַנצע בעדײַטונג פון דעם שטרענ-גען פערבאָט: „דו זאָלסט דיר נישט מאַכען קיין אָבבילד!" ווערט אונז קלאָר און פערשטענדליך ערשט דאַן, ווען מיר דערמאָהנען זיך אָן די עגיפּטישע אַפּיסען און סאָהעם און הייליגע קעץ און איכנעימאָנס.

און ווען מיר לאזען זיך אראב טיעפער, אונטער די פארמען, סימבאלען און געבאטען, און זוכען דארט דעם אינערליכען געדאנק, פאר וועלכען די דאזיגע אלע זאכען דיענען נאר אלס אויסדריק, — געפינען מיר דעם גרונד־שטריך פון דער יודישער לעהרע, איהר הויפט־אונטערשיעד פון די רעליגיאנען, צווישען וועלכע זי האט זיך אויסגעבילדעט, — אין איהר נוצליכקייטס־פרינציפ, אין איהר בענוצען זיך מיט דעם געטליכען געזעץ, אויף צו פערשענערן דאס אלטעגליכע לעבען. דאס העכסטע וועזען ביי משה'ן איז נישט עפעס א גאטהייט פון דער גרויער פערגאנגענהייט און פון דער אונזיכט־בארער צוקינפט, וואס זיצט אויפ'ן טהראן ערגעץ־וואו ווייט פון אונז אויבען אין די וואלקענס — זיין העכסטעס וועזען איז אינזער גאט, דער גאט פון די, וואס לעבען היינט, איצט אויך אזוי גיט, ווי דער גאט פון אינזערע אור־אור־עלטערן, און זיינע אייביגע געבאטען ברענגען גליק, די וואס פאלגען זיי, און אונגליק יענע,, וואס טהוען פערגעסען אן זיי — אויף דער וועלט, אין דעם איצטיגען לעבען צווישען די טעגליכע ביישפיעלען פון גרויסע רעליגיאנען, וואס כע זענען פערגליווערט געווארען ביז צו פערשטיינערינג, און אין א געזעלשאפטס־ארדנונג, וואו די געטליכע גערעכטיגקייט איז אזוי ווי איינגעשלאפען, — איז משה'ן דאס ערשטע מאל איינגעפאלען דער גרויסער געדאנק, וואס ליעגט אין די ווערטער: „איך בין".

און אין דער צייט פון זיין וואנדערן אין דעם שווייגעדיגען מדבר, פערזונקען אין געדאנקען וועגען דאס אייביגע וועבען פון דער נאטור, וועגען דער גרענעץ פון לעבען, — דעם טוידט, און וועגען דעם טוידט אלס קוועלע פון נייע לעבענס, האט זיך איהם דער דאזיגער „איך בין" איינגעגעסען טיעף אין דער נשמה.

דער פאקט, וואס אין תורת משה געפינט זיך נישט קיין זכר פון א ציקונפטיגען לעבען אויף יענער וועלט, לאזט זיך אויך ער־קלערן נאר דערמיט, וואס די דאזיגע לעהרע לאזט זיך גאנץ לייכט אויסנוצען צו שלעכטע צוועקען; דעם יודען, וואס איז נאר־וואס ארויסגעגאנגען פון מצרים, איז אפשר קיין פאקט נישט אזוי זיכער געווען, ווי דער פאקט פון השארת הנפש, און קיין לעהרע נישט אזוי באקאנט, ווי די לעהרע וועגען דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה. שכר ועונש אויף יענער קימענדיגער וועלט, דער משפט איבער די טוידטע, דאס לעבען פון דער נשמה נאכ'ן אבשטארבען פון

טוף — די אַלע זאַכען האָבען פערנומען דעם וויכטיגסטען פּלאַץ אין דער עגיפּטישער וויסענשאַפט און קינסט. דער איין אמת קען אָבער פערדעקט און בעזייטיגט ווערען דורך דער אינטענסיוויטעט, מיט וועלכער עס ווערט אָנגענומען אַן־אַנדער אמת; אין די לעהרע וועגען דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה, אַט ווי שטאַרק די זאָל נישט זיין איינגעגראָבען אין דעם מענשליכען פיהלען, קען פון דעסטוועגען אַזוי פערזונקען ווערען אין אַ תהום פון נידריגע אַבערגלויבערייען און אַזוי אויסגענוצט ווערען פון שלעכטע מענשען צו זייערע אייגענע נוצען, אַז דער ערנסטער גייסט פון דעם גרויסען געזעצגעבער מוז אין איהר זעהן נאָר אַ מיטעל צו אונטערדריקונג, אַ קייט פאַר'ן פרייען מענשליכען גייסט, אַ שטערונג אויף דעם וועג פון יעדען אמת'ען פראָגרעס און בכלל — אַ נעץ פון ליגענס, אין וועלכען דער שלעכטער בעמיהט זיך אַריינצוציהען די לייכט־גלויביגע.

די אמונה אין השארת הנפש האָט אָהן אַ שום צווייפעל גע־הערשט צווישען די מאַסען פון דעם יודישען פאָלק. משה האָט אָבער אינים פאָדערגרונד אַנ'אַנדער לעהרע אַוועקגעשטעלט און אַרום איהר קאָנצענטרירט אַלע זיינע קרעפטען. ער האָט געלעהרנט, אַז די מעשים פון דעם מענשען בעקומען זייער לוין אויף דער וועלט און אַז ס'עקסיסטירט אַזאַ נעמעזיס, וואָס פערפאָלגט מיט קיין נישט מידווערנדער פוס און אונערבאַרמדיגער האַנד יעדען נאַציאָנאַלען פערברעך און איז זיך נוקם אָן די קינדער פאַר די זינד פון די עלטערן. ער האָט געלעהרנט, אַז עס איז פערהאַן אַ ענגער צוזאַמענהאַנג צווישען דעם איינצעלנעם מענשען און דער גאַנצער געזעלשאַפט, פון וועלכער ער בילדעט מיט זיך איין טייל; ער האָט געוויזען, ווי אַזוי אַלע ליידען צוליעב די זינד פון אַ איינצעלנעם און ווי אַזוי דאָס לעבען פון יעדען איינציגען איז אונטערגעוואָרפען די בעדינגונגען, אין וועלכע עס געפינט זיך די גאַנצע געזעלשאַפט.

און גראָד דאָס, וואָס ער האָט געבויט זיין גאַנצע געזעצגעבונג בלויז אויף דעם אמת און נישט אויף דער לעהרע פון השארת הנפש, גיט צו זיינע אַלע געזעצען אַזאַ אויסגעצייכענט פראַקטישען כאַראַקטער. ער האָט אינגאַנצען אָן אַ זייט געלאָזען די אַבסטראַקטע שפּעקולאַציעס, אין וועלכע דער געדאַנק פערליערט זיך אַזוי לייכט אָדער ער מוז פערקערפּערט ווערען אין געוויסע סימבאָלען, וועלכע ווערן ווידער אַ עלעמענט פון פרישע אַבערגלויבענס, און זיך בעגרע־

נעצט בלויז מיט דעם געזעץ, פון וועלכען עס איז אפהענגיג דאס מענשענס גליק און אונגליק אויף דער וועלט.

זיין לעהרע האט קיינמאל נישט געפיהרט צו יענעם זעלבסט-פיינדליכען אסקעטיזם, וועלכער שטעלט פאר מיט זיך אזא גרינד-ליכען שטריך אין די בראהמינישע און בודדהיסטישע רעליגיאנען און פון וועלכען עס זענען נישט פריי געבליעבען אויך דאס קריס-טום און דער איסלאם. פון איהם הערען מיר קיינמאל נישט דעם צורוף: „לאז דער וועלט זיך אליין, אום דיין נשמה זאל גערא-טעוועט ווערען", נאר דעם פערקעהרטען בעפעהל: ערפיל דיינע פליכטען אין דער וועלט, אום דו אליין זאלסט גליקליכער זיין און די וועלט — בעסער". און דער אינהאלט פון זיינע הבטחות אויף דער צוקונפט איז: מנוחה און איבערפלוס אין לאנגעס לעבען און געזונדטע זיהן און טעכטער.

עס קען זיין, אז משה'ס שטעלונג צו דעם קינפטיגען לעבען איז געוועזען עהנליך צו דער פון דעם סטאאיקער, וועלכער זאגט: „דאס איז יופיטערס עסק, נישט מיינער". עס קען אויך דאס זיין, אז ביי איהם האט זיך שוין דאמאלס געוויזען יענע רעאקציא, וואס מיר קענען נאך בעמערקען אין דער איצטיגער צייט, — די רעאקציע פון א טיעף רעליגיעזען גייסט געגען די פארמען פון דער רעליגיאן, וועלכע ווערן אויסגענוצט פון דער טיראניי אלס געוועהר אין די הענד, אויף צו אונטערדריקען און פערשקלאפען.

ווי דאס זאל אבער נישט זיין און פון וועלכע געדאנק משה זאל נישט האבען בעאיינפלוסט געוועזען, — קען איך דאך נישט גלויבען, אז א מענש פון זיין גייסטיגער טיעפקייט זאל נישט האבען אריבערגעגאנגען אין געדאנקען די גרענעצען פון דעם ערדישען לע-בען; אז ער זאל זיין פעסטקייט און זיין שטארקייט נישט האבען געשעפט פון דעם צוטרוי צו דער בעפרייאונג פון דער נשמה, וואס קומט צוזאמען מיט דעם קערפערליכען טוידט; אז ער זאל נישט האבען איבערצייגט געוועזען אין דער עקזיסטענץ פון א מאכט, וואס געדט ווייטער פון דער קערפערליכער צושטערונג און פונ'ם אונטערגאנג פון דער וועלט.

משה האט אבער זיין פליכט געזעהען אין דער אויפגאבע, וואס איז געלעגען קלאר פאר זיינע אויגען. ער האט געוואלט דעם גרונד-שטיין לעגען צו א געזעלשאפטס-ארדנונג, אין וועלכער עס

זאָל קיין זכר נישט זיין פון אָרעמקייט אין פון ערניעדריגענדען מאַנגעל, — וואו דער מענש בעפרייט פון די אַלע קליינליכע זאָרגען, וואָס נעהמען צו ביי איהם אַזוי פיעל ענערגיע אָהן אַ שום צוועק, זאָל האָבען די געלעגענהייט און די מעגליכקייט זיך איבערצוגעבען אינגאַנצען דער גייסטיגער אין זיטליכער פערפאָלקאָמנונג.

און דאָ ווייזט זיך אַרויס די גאַנצע גרויסקייט פון דעם מענשען.

וויפיעל קלוגהייט און וואָס'רע וויטזיכטיגקייט עס האָט זיך געפאָדערט דערצו, אין דער מדבר שוין צו קלערען וועגען פערהיטונגס-מיטלען געגען די קומענדיגע געפאַהרען פון דער פעראייניגטער מלוכה — דאָס קענען מיר פון דער געגענוואַרט דרינגען.

אין דער פולער פראַכט פון דעם נייַנצעהנטען יאָהר-הונדערט, ווען יעדען הדר-יונגעל זענען בעקאַנט אַזעלכע זאַכען, וואָס די עגיפּטישע חרטומים האָבען אפילו נישט געקענט חלומ'ען וועגען זיי; ווען די ערד איז גענוי דורכגעפאָרשט אין די שטערען אין הימעל ווערען געוואויגען; ווען דאַמפף און עלעקטריציטעט געפינען זיך אינגאַנצען אין אונזער דיענסט און די וויסענשאַפט רייסט אַרויס פון דער נאַטור איין געהיימניס נאָך דער אַנדערער, — הייַנט איז עס גאַנץ נאַטירליך צוריקצובליקען אויף דער קלוגהייט פון די פערגאַנגענע טויזענדער יאָהרען, ווי אַ מענש אין די עלטערע יאָהרען קוקט צוריק אויף דער צייט פון זיין קינדהייט.

און דאָך—ביי דעם גאַנצען פאָרטשריט פון דער וויסענשאַפט, ביי די אַלע אונגעהייערליכע פערטעהרונגען פון די פראָדוקציאָנס-מיטלען, וואו איז דאָס לאַנד אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, וואו עס הערשט נישט נאָך ביז הייַנטיגען טאָג מאַנגעל און אונטערדריקונג, וואו די מאַסען זאָלען נישט פעראורטיילט ווערען, צו אַרבייטען מיט'ן ביטערען שווייס אָהן אַ שום גרונד און וואו אַלע קלאַסען צוזאַמען זאָלען נישט פערפאָלגט ווערען פון דער תאוה רייך צו ווערען, וואָס פערוואַנדעלט דאָס לעבען אין אַ אייביגען קאַמפף, אום אַריינצוחאַפּען און פעסט צו האַלטען!? — דריי טויזענד יאָהר פאָרטשריט און נאָך טראָגט זיך דאָס געשריי אין הימעל אַריין: זיי האָבען אונזער לעבען ביטער געמאַכט מיט שווערער אַרבייט ביי לעהם און ציגעל און מיט אַלערהאַנד מאַטערנישען. דריי טויזענד יאָהר פאָרטשריט, און די קלאָגענדע שטימען פון די קליינע קינדער גיסט זיך נאָך אַלץ צוזאַמען מיט דעם ביטערען געשריי!

מיר געהען כסדר פאָרווערטס און פאָרווערטס, מיר נאַרטלען אַרום דעם גאַנצען ערד-קיגעל מיט אייזענבאַהנען און פערבינדען די שטעדט צווישען זיך מיט אַ נעץ פון טעלעגראַפען-דראָהטען. — יעדער טאָג ברענגט עפּיס אַ נייע ערפינדונג, יעדעס יאָהר — אַ ווייטערן פאָרטשריט, פערגרעסערטע פּראָדוקציאָנסקראַפט און ווייטערע געביטען, אָבצוזעצען די דאָזיגע קראַפט.

און דאָס קלאָגען זיך איבער די „ביטערע צייטען" הערט זיך אַלץ אָפטער און אָפטער, אין אומעטום ווענען מענשען בעטריבט פון זאָרג פערפאָלגט פון דער שרעק פאַר דעם מאָרגענדיגען טאָג.

מיט שנעלע, אייביגע טריט און וואונדערפולע אַ בערשפּרונגען וואַקסט די פעהיגקייט פון דער מענשליכער האַנד, די מענשליכע בעדערפענישען צו בעפריעדיגען.

און דאָך איז היינט דער קאַמפף פאַר דער בלויזער עקזיסטענץ שווערער, ווי אַמאָל, און די מענשליכע אַרבייטסקראַפט ווערט וואָס וויטער אַלץ ביליגער. געבען איבערפולטע מאַגאַזינען פון שפּייז-און קליידונגס-פּראָדוקטען פאַלען מענשען פון הונגער און ציטערן פון קעלט; און אינים שאָטען פון גאָטים הייזער דרעהט זיך די שאַנד אַרום, וואָס איז פון מאַנגעל געבוירען. עלענדקייט אינמיטען איבערפלוס, אונוויסענהייט אינמיטען קולטור, שוואַכקייט אינמיטען געוואַלטיגער קראַפט — — —

און זוכען מיר די ערשטע סבה פון דעם אַלעמען, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די ענטוויקלונג פון אונזער געזעלשאַפט זאָל אָנגעהמען אַזאַ נישט קיין גלייכע ווענדונג, געפינען מיר עטוואָס אַזוינס, וואָס דער יודישער שטאַאַטס-מאַן האָט שוין מיט דריי טויזענד יאָהר צוריק געזעהען און געזוכט אויסצומיידען.

משה האָט געזעהען, אַז די אמת'ע סבה פון דער מאַסען-פערשקלאַפונג אין מצרים איז געווען די זעלביגע, ווי די, וואָס ריפט אַרויס דעם זעלביגען צושטאַנד אומעטום: דאָס אייגענטומסרעכט פון עטליכע געצעהלטע מענשען אויף דעם לאַנד, אויף וועלכען און פון וועלכען עס מוז לעבען דאָס גאַנצע פאָלק. דאָרט, וואו דאָס אייגענטומס-אָדער בעזיצונגס-רעכט, — וואָס איז גאַנץ נאַטירליך ביי אַרבייטס-פּראָדוקטען — בעציהט זיך אויף אויס'ן לאַנד, דאָ ... מוז זיך דאָס פאָלק אונבעדינגט איינטיילען אין די צוויי קלאַסען פון זעהר רייכע און זעהר אָרעמע, דאָרט מוז די אַרבייט פערשקלאַפט זיין, דאָרט

מוזען די צעהנדליגער הערשען איבער די טויזענדער, — אלץ איינס, אונטער וועלכער פאליטישער פארם — אין דארט מוז ענטשטעהן שאנדע און געמיינהייט, — אלץ איינס, אינטער וועלכער רעליגיאן.

און מיט דער וויטזיכטיגקייט פון א פילאזאפישען שטאאטס־מאן, וואס שאפט געזעצען נישט פאר די בעדערפענישען פון דעם טאג, נאר פאר אלע דורות און פאר דער וויטער ציקונפט, — האט ער געזוכט דעם דאזיגען טעות צו פערהיטען, מיט די אלע מיטלען, וואס זענען געווען צוגעפאסט צו זיין צייט און צו אידרע בעדערפענישען. אומעטום אין משה׳ס געזעצען ווערט דאס לאנד בעהאנדעלט, ווי א מתנה פון גאט פאר אלע זיינע בעשעפענישען — קיינער האט קיין רעכט נישט, עס צו מאנאפאליזירען. אומעטום הייסט עס „נישט דיין אייגענטום, נישט דאס לאנד, וואס דו האסט געקויפט, אדער דאס לאנד, וואס דו האסט איינגענומען", נאר „דאס לאנד, וועלכעס דער הערר, דיין גאט, האט דיר געגעבען", — „דאס לאנד, וועלכעס דער הערר האט דיר געשענקט".

און מיט דער הילף פון א פראקטישער געזעצגעבונג, מיט דער הילף פון איינריכטונגען, וועלכע ער האט צוגעגעבען א הייליגען כאראקטער, האט ער געזוכט צו פערהיטען יענע אונגערעכטיגקייט, וואס האט די אלטע קולטורען פערוואנדעלט אין דעספאטיזם, וואס האט אין די שפעטערדיגע דורות רוים צום אונטערגאנג געבראכט, וואס איז שולדיג געווען אין דער פוילישער לייב־אייגענשאפט אין דעם אונגליק פון אירלאנד, — יענע אונגערעכטיגקייט, וואס האלט גאנצע פאמיליען צוזאמענגעקוועטשט אין איין צימער און פילט אן די גאסען פון יעדער גרויסער שטאדט מיט בעטלער און ארעמע לייט.

ער האט געזארגט נישט נאר פאר דער גלייכמעסיגער איינטיילונג פונ׳ם לאנד צווישען דעם פאלק און פאר דער שוינונג פונ׳ם לאנד דורך דעם שמיטה־יאהר, נאר אויך פאר דער ניי־איינטיילונג פון לאנד נאך דעם פופציגסטען יאהר (יובל), אום אויף אזא אופן צו פערהיטען די מעגליכקייט פון מאנאפאליזירען דאס לאנד.

איך וויל דא נישט זאגען, אז די דאזיגע איינריכטונגען אין בעשטימונגען זענען געווען דאס אינבעדינגט בעסטע, וואס מ׳האט דאמאלס געקאנט אויסטראכטען. מ׳דארף געדענקען, אז משה האט, ווי אלע גרויסע קאנסטרוקטיווע שטאאטס־מענער געמוזט ארבייטען מיט די ווערקצייג, וואס זענען אידם צו׳ם האנד געווען, און מיט דעם מא־

מעריאל, וואָס ער האָט געפונען פאַר זיך. נאָך ווייניגער מיין איך דאָ צוזאָגען דאָס, אַז די פאָרמען, וועלכע האָבען געפּאַסט פאַר יענעם פאָלק און פאַר יענער צייט, קאָנען אָנגעווענדעט ווערען אין יעדער צייט און בנוגע צו יעדען פאָלק, און בכלל וויל איך נישט די פאָרם פערהערען, נאָר דעם גייסט אַנערקענען.

און דאָך — ווי אַלטעגליך, ווי געוועהנליך איז עס די פאָרם צו פערעהרען און דעם גייסט צו פערלייקענען! עס זענען פערהאַן אַ סך, וועלכע גלויבען, אַז משה'ס געזעצען זענען בוכשטעבליך דיק־טירט געוועזען פון גאָט אַליין, און פון דעסטוועגען — זאָל אימיצער קומען אין אָנווענדען זייער גייסט אין דער בעציהונג צו היינטיגע בעדערפנישען און אומשטענדען, וועט ער איהם פער'מסר'ן אַלס אפיקורס און קאָמוניסט.

און בכלל: וויפיעל זענען מיר עס נאָך ביז היינטיגען טאָג שולדיג די דאָזיגע אינסטיטוציעס!

דאָס איינציגע, וואָס האָט זיך דערהאַלטען ביז איצט, איז דאָס געזעץ וועגען אַ רוהע־טאָג אין וואָך. אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע איז שוין לאַנג קלאָר, אַז אונטער די היינטיגע פערהעלטענישען וואָלט דער אַרבייטער־קלאַס פאַר זיבען טאָג אין וואָך נישט בעקומען קיין גרעסערען לויהן, ווי איצט פאַר זעקס, און אַז עס וואָלט דאַמאָלס אויך אַזוי שווער זיין, צו בעשטימען די צאָהל אַר־בייטס־שטונדען אין טאָג, ווי היינט.

אויב מיר האָבען אַלזאָ היינט איין טאָג אין וואָך, אויף וועלכען דער אַרבייטער האָט אויך אַ רעכט, — איין טאָג אין דער וואָך, אין וועלכען דער האַמער שווייגט און דער וועב־שטיהל שטעהט שטיל, — האָבען מיר עס פערדאַנקען נאָר דעם יודענטום, דעם געזעץ, וואָס איז ענטשטאַנען אינים מדבר אַרום דעם באַרג סיני.

און ווער פון די וואָס האָבען פּראָבירט אַ טראַכט טהון וועגען דער פערשווענדונג פון פּראָדוקציאָנס־קראַפט, ווער פון די איז'ס אימשטאַנד צו צווייפלען אין דעם, צי די מאָדערנע געזעלשאַפט וואָלט נישט בלויז גליקליכער, נאָר אויך רייכער געוועזען, ווען מיר האַלטען צוזאַמען מיט דעם שבת־טאָג איבערגענומען פון משה'ס תורה אויך די וואונדערבאַרע אידעע פון אַ שבת־יאָהר, אָדער מיר וואָלטען, צופּאַסענדיג דעם גייסט צו אונזערע פערענדערטע פער־העלטנישען, אויף אַנ'אַנדער אופן פערקירצט די דורכשניטליכע אַר־

בײַטסצײַט!

דאָס זענען די כאַראַקטעריסטישע שטריכען, פון װעלכע מיר בילדען זיך אויס די גרויסקײַט פון דעם גײַסט, דעם שטעמפעל פון װעלכען זיי טראָגען, — דעם איינעם פון יענע שטערען-גײַסטער, װאָס װערען נישט אונדײַטליך דורך דער ערװײַטערונג, נאָר בעהאַלטען זייער ליכטיגקײַט, גליהענדיג אין די שטראַהלען פונ׳ם איביגען אמת, װעהרענד געזעצען און שפּראַכען און רעליגיאָנען ענדערען זיך און געהען אונטער.

װער קאָן עס צװײַפלען אין דעם, צי דער געדאַנק איז נישט גרעסער געװעזען פון זײַן אויסדריק? און דאָך איז דער אויסדריק נאָך ביז הײַנטיגען טאָג אַ װעלט-מאַכט.

פון דעם פרײַהײַטליכען כאַראַקטער פון משה׳ס תורה איז ענטשטאַנען יענעם ענגצוזאַמענגעבונדענע פאַמיליען-לעבען, װאָס האָט דורך אַלע צערשטרייאונגען און פערפאָלגונגען אָבגעהיט די אינדיװידואַליטעט פון דער יודישער ראַסע; יענע פרײַהײַטס-ליעבע, װאָס כאַראַקטעריזירט דעם יודען אפילו אונטער די פערהיצײַפּעלטסטע אומשטענדען; יענע הײַסע פאָטערלאַנדס-ליעבע, װאָס האָט אויפגעפלאַמט דאָ אין די מכבים און דאָ אין די יודישע פויערען, װעלכע האָבען זיך געװאָרפען אויף די שפּיזענרײַהען פון די גריכישע פאַלאַנקס אָדער פון די רוימישע לעגיאָנען און, ענדליך אויך, יענע האַרטנעקיגע עקשנות, װאָס האָט די פערטריבענע יודען אין גלות נישט געלאָזען זיך אָבברײַסען פון זייער גלויבען. משה׳ס לעהרע האָט איהר פײַערדיגען װאָרט אַרײַנגעגעבען אויך אין מויל פון די גרעסטע יודישע נביאים און דיכטער, װעלכע האָבען אונז געגעבען דאָס העכסטע און שענסטע, װאָס דער מענשליכער גײַסט האָט װען ס׳איז ערריכט.

און װײַט אַריבערװאַקסענדיג די ענגע ראַהמען פון אַ קלײנער ראַסע, האָט זי אַרויסגעװיזען איהר געװאַלטיגען אײַנפלוס אימעטום, װאו נאָר די הייליגע שריפטען זענען געהערט און אָנגענומען. דער גײַסט פון דער תורה האָט טהראָנען צישמעטערט און היעראַרכיעס אומגעװאָרפען, אין דורך איהר לעהרע און דורך איהרע מעשים העלפען די גרויסע פערזענליכקײַטען געהן דער מענשהײַט פאָרװערטס.

דאָס לעבען פון משה׳ן, אַלץ איינס, װי זײַנע געזעצען, זע-

נאָך אַ פּראָטעסט געגען יענער שאַנד־לעהרע, לויט וועלכער די סבה פון אַלע מענשליכע צרות אין ליידען איז אַ געוויסע געהיימניס־פולע אינטהעטיגקייט פון דער השגחה, וועלכער מיר זענען נישט אומשטאַנד צו ענדערען, און געגען וועלכער מיר דאַרפען קיינע מיטלען נישט אָננעהמען.

ווער עס האַלט פון דער מיינונג; ווער עס גלויבט, אַז די אַלע קלאַגערייען און די גאַנצע ברוטאַליטעט, מיט וועלכע סיזענען פול די צענטערן פון אונזער ציוויליזאַציע, האָבען צו איהם גאָרנישט און פאָדערן פון איהם גאָרנישט — יענער זאָל זיך פון דאַנען אַ טובה אַראָבנעהמען.

פאַר דעם, וואָס וויל זעהען, ברענט נאָך היינט אויף דער דאָרנבוים, און פאַר דעם, וואָס וויל הערען, קלינגט נאָך אַלץ די שטימע: „דאָס פאָלק ליידט; ווער וועט עס העלפען?“

• •

•

אויסגענומען אַלם זוהן אין דער פאַמיליע פון דעם העכסטען מאָנאַרך און ערדישען גאָט; אָן דער שפּיץ פון דער קלאַסען־פּיראַמידע, דעם פונדאַמענט פון וועלכער עס האָבען געבילדעט די אַרבייטענדיגע מיליאָנען; גייסטליכער און פּרינץ אין אַ לאַנד, וואו מענשען פון די שטאַנדען באָרען זיך אין פערגניגענס —, איז פאַר איהם דאָס גאַנצע לעבען אָפען געשטאַנען, די תאוות צו בעפרידיגען אָדער דעם גייסט צו בעשעפטיגען.

וואָס איז פאַר איהם געווען דאָס וועה־געשריי פון יענע, וואָס האָבען אונטער דער ברענענדער זון געאַרבייט, געטריבען דורך די ביישען פון אכזריות'דיגע אויפזעהער? ביז די יאָמער־געשרייען האָבען זיך דערטראָגען צו די ווילען־רייהען אָדער צו די קיהלע לייווענד־געצעלטען האָט זיי די ווייטקייט אין אַ איינטעניגער מוזיק פערוואַנדעלט. צו וואָס האָט ער געזאָלט קעמפּפען געגען דער אָרדנונג, וואָס איז בעשטימט געוואָרען פון די הויכע געטער? אַזוי איז עס שטענדיג געוועזען אין אַלע צייטען, און אַזוי מוז עס אויך ווייטער בלייבען. די זשאַבע צורייסט דעם וואָרים און דער פויגעל קוקט אַראָב אויף דער זשאַבע — דאָס לעבען ענטשטעהט פון טויט

און פערטיילונג און די העכערע פערגניגענס פון נידעריגע שמערצען. פארוואס זאל דער מענש בעסער זיין פון דער נאטור? אט פליעסט זיך מילד און רוהיג דער ניל און אונטער זיין גלאטער איבערפלעכע פיהרען שוויגע געשלעכטער א שרעקליכען קריעג צווישען זיך און די שטארקערע פרעסען אויף די שוואכע. זאל דען דער דענקער, וועלכער ווייסט צו לייענען די געהיימניסע פון די שטערנס, אבטרעטען פון זיין ארט צוליעב דעם, וואס אונטער זיינע פיס ווערט א ווארים צוקוועטשט?

יענע האבען געדארפט ציעגעל מאכען אהן שטרוי — זיין פלאץ איז געווען אין דער שפיץ פון דער לאנגער פראצעסיע מיט די פארבען-פרעכטיגע פאהנען און גלענצענדע עמבלעמען, וואס האט זיך געצויגען אונטער דעם קלאנג פון מוזיק און מיט פייערליכע געזאנגען, אום איינצוהייליגען די אונפערגענגליכע, אייביגע מאנומענטען, וואס יענע האבען אויפגעשטעלט מיט זייער שווייס. צו וואס האט ער געזאלט נאך קלערען וועגען די צרות פון דער שווערער ארבייט — פאר איהם זענען געשטאנען די עקיפאזשען גרייט געשפאנט, און די ניל-שיפלעך האבען איהם געפיהרט, וואוהין ער האט געוואלט מיט רודערשלאגען, וואס האבען געקלאפט, ווי צום טאקט פון דער מוזיק. האט ער געפיהלט דאס בעדערפניש עפעס צו טהאן — אט איז די מדבר-יאגד מיט פערד, פלינקער פון אנטילאפען, און וואוטיגע, ווילדע לייבען. האט זיין הארץ געבענקט נאך רוהע און פערגניגען — אט האט זיך דערטראגען צו זיינע אויערן דער הייכער טאן פון לאנגעצויגענע מעלאדיען און אט האט געברויזט אין דער לוסטען דער ווילדער קארהאר פון די טענצערינס. האט עס איהם געטריעבען צו דער ערנסטקייט פון דעם גייסטיגען לעבען — אין די האלען פונ'ם טעמפעל איז פאר איהם אפען געשטאנען דאס שטודיום פון אלע וויסענשאפטען; ער האט א צוטריט געהאט צו די נעבילדעטסטע קרייזען, אין וועלכע עס זענען דורכגעפארשט געווארען די העכסטע פראבלעמען, און האט געקענט אן אנטייל נעהמען אין דעם גייסטיגען שטאלץ, וואס האט מיט הונדערטער יאהרען שפעטער פערגליכען די גריכישע פילאזאפיע מיט דער שטאמלעריי פון קינדער.

נישט קיין פלוצלונגער ליידענשאפטס-אויסברוך האט געטריעבען משה'ן זיך אבצוקעהרען פון די דאזיגע אלע גליקען און אויסצוניצען די שטארקייט און די קענטעניסען, וואס ער האט זיך ערווארבען

אין זיין העכערער לאגע — אויך צו דינען די פערשקלאפטע און גערייניגטע. די זעלבסט־פערגעסענהייט, וואס האט זיך ארויסגעוויזען אין זיין דערהרג'ענען דעם מצרי, שטראהלט דורך זיין גאנצעם לעבען. אין די געזעצען, וואס האבען דעם כאראקטער פון א פאלק בעשטימט, אין די געזעצען, וועלכע פערלייכטערן נאך ביז היינטיגען טאג דעם גורל פון די ארבייטענדע מיליאנען, — מערקען מיר די דאזיגע אייגענשאפט און דעם דאזיגען כאראקטער.

דורך אלץ, וואס די טראדיציע גיט אינז איבער פון זיין לעבען, ציהט זיך די איינציגע, גלייכע און גרויסע ליידענשאפט — דער מענשהייט בעסער, גליקליכער און אידעלער צי מאכען.. און צו דעם לעבען איז ריכטיג צוגעפאסט זיין טוידט. קימענדיג פון א לאנד, וואו דער צערעמאניאל פון דער קקבורה איז געוועזן אונגעהויער פייערליך און פערהייליגט און וואו מ'האט אין דער דערהאלטונג פונ'ם קערפער נאכ'ן טוידט געזעהען דעם איינציגען ציעל פון לעבען; לעבענדיג צווישען א פאלק, וואס האט דאמאלס גראד מיטגעפיהרט מיט זיך דעם טוידטען קערפער פון זיין פערעהרטען יוסף'ן, אום איהם צו בעגראבען אין די קברים פון זיינע עלטערן, — האט ער אונטערדריקט אין זיך אויך דעם לעצטען נאטירליכען פערלאנג אין זיך בעהאלטען פון מענשליכע בליקען, אום איינזאם און אליין צו שטארבען, אום נישט צו געבען קיין מעגליכקייט דאס געצענדיענערישע געפיהל, — וואס איז שטענדיג גרייט אויסצובערכען — נאכ'ן טוידט איהם ארויסצו־ווייזען די אבערגלויבישע פערגעטערונג, וואס ער האט פאר'ן לעבען פעראכטעט.

„און קיין מענש ווייס נישט פון זיין קבר ביז היינטיגען טאג".

אין דער צייט אבער, וואס די נעמען פון די פרעה'ס זענען פערגעסען און פערשוואונדען געווארען, איז דער נאמען פון דעם יודען, וואס האט זיך און זיין פאלק בעפרייט פון זייער טיראניי און געווירקט פאר דער גייסטיגער אויפהויבונג פון זיינע מיטמענשען, — נאך היינט אויך א לייכט־טהורם פאר דער וועלט.

פיהרער און דינער פון דער מענשהייט! געזעצגעבער און וואהלטהעטער! מיט וועמען, פון די אלע, וואס האבען גרויסע קעניגרייכען געגרינדעט, קענען מיר איהם פערגלייכען? מיט וועמען קען מען פערגלייכען אט דעם ארבייטער פאר א וייט־ווייטער צוקונפט, וואס האט געשוועבט פאר זיינע גייסטיגע בליקען: דעם טיפ פון יע-

נע גרויסע נשמות, וואס האבען אין אלע דורות דער וועלט העראָען און מערטירער געגעבען, דער אנדענקען פון וועלכע ס'איז די היי־ ליגסטע ירושה פון זייער פאָלק!?

עס וואלט נאַרעש זיין צו דיספוטירען וועגען דער אינספיראַציע פון אזא מענשען. פון דער אונענדליכער טיעפעניש מוזען אזעלכע כאַראַקטערען זייער שטאַרקייט שעפּען און נאָר פון אַ ריין האַרץ קען זייער קלוגהייט שטאַמען. זיי בעווייזען אונז די עקסיסטענץ פון עטוואס אזוינס, וואס איז מעהר ווירקליך פון דער מאַטעריע, פון עטוואס אזוינס, וואס איז העכער פון די שטערען און וועט לייכטען דאַן נאָך, ווען זונען וועלן טוידט און פערלאָשען זיין — א ענדע־צוועק, פאַר וועלכען דאס פיזישע וועלטאַל איז נישט מעהר, ווי א פערבייגעהענ־ דע עפּאָכע.

יֵשׁוּעַ הַנּוֹצְרִי

זיין לעבענס־געשיכטע

נאָך די בעסטע יודישע און קריסטליכע קוועלען בעארבעט.

פון

א. ז. כהן.

אַיינלייטונג.

די אַלטע קוועלען, וועלכע פֿערנעהמען זיך מיט יעזוס׳ס לעבען און מיט דער געשיכטע פֿון זיין צייט זענען: 1) די עוואַנגעליען און איבערהויפּט די שריפֿטען פֿון נייעם טעכטאַ־מענט; 2) די אַפּאָקריפֿען (כתובים אחרונים) פֿון אַלטען טעס־טאַמענט; 3) די ווערק פֿון יאָזעפֿוס פֿלאַוויוס און 4) דער תלמוד. אָבער בעת די עוואַנגעליען בעשעפֿטיגען זיך ספּעציעל מיט יעזוס׳ס לעבענס־געשיכטע, ענטהאַלטען די איבעריגע נאָר קנאַפּע און צוואָרפֿענע ידיעות וועגען איהם.

מען מוז אָבער וויסען, אַז די עוואַנגעליען און אויך פֿיעל שטעלען אין תלמוד זענען נישט היסטאָריש, ד. ה. זיי זענען נישט געשריבען מיט דעם צוועק, אַז מען זאָל וויסען פֿון זיי די אמת׳ע געשיכטע פֿון יעזוס, נאָר מיט נאָר איין צ[illegible]רער כּוונה, און דאַרום מוז מען זיין זעהר פֿאָרזיכטיג און נישט אין אַלעם זיי טרויען. למשל, די עוואַנגעליען האָבען געהאַט די כּונה אויפֿצוהויבען יעזוס׳ן ביז׳ן הימעל און איבער איהם און דאַרום האָבען זיי זיך בענוצט מיט פֿערשידענע מעשיות און לעגענדען וועגען איהם. געוויסע פֿאַקטען ווידער האָבען זיי צוגעפּאַסט צו פּסוקים פֿון תנ״ך, „כּדי עס זאָל מקוים ווערען וואָס אין פּסוק שטעהט״... ווען די עוואַנגעליען זענען אָבער נישט קיין ריין־היסטאָרישע ווערק, וואָס מיר זאָלען זיך קענען סומך זיין אויף זיי אין אַלעמען, ענטהאַלטען זיי דאָך אָהן שום ספק פֿיעל עכטע היסטאָרישע פֿאַקטען און דער שרייבער פֿון יעזוס לעבענס־געשיכטע, אויסקלויבענדיג די היסטאָרישע

קע עך פון לעגענדארישען פסולת, וועט געפינען אין זיי דאס וויכטיגסטע מאטעריאל פאר זיין ארבייט.

אז יעזוס איז געוועזען אגרויסער מאן, מיט אגרויסען כאראק־טער און גייסט — דארין איז נישטא קיין שום ספק. א מענש, וועלכער האט דורך זיין זכר אליין געקאנט ארויסברענגען אזא איבערקעהרעניש אין דער וועלט, האט נישט געקאנט זיין קליין. א מענש, וועלכער, נישט בעוויזענדיג קיין גבורות אויף'ן שלאכט־פעלד און נישט שאפענדיג קיין גרויסע געדאנקען און געזעצען, האט דאך ארויסגערופען אין די ווייטעסטע דורות אזא בעגייס־טערונג און ליעבע צו זיך, האט געמוזט בעזיצען אגרויס הארץ און אגרויסען גייסט. א גרויסער בוים ווארפט פון זיך א גרויסען שאטען.

ווען יעזוס איז נישט געוועזען קיין האלב־גאט און בעל־מופת, ווי עס שילדערן איהם די עוואנגעליסטען, איז ער אויך נישט געוועזען קיין שווינדלער אדער מכשף, ווי עס שטעלט איהם פאר דער מחבר פון ספר „תולדות ישו“, וועלכער שטאמט אוים דער צייט פון מיטעלאלטער. דער דאזיגער מחבר האט אויך געהאט א געוויסע כונה מיט זיין ווערק; ער האט זיך געוואלט אברעכענען מיט דעם גרינדער פון קריסטליכען גלויבען פאר די זינד פון זיינע אנהענגער, וועלכע האבען אזוי פיעל געפייניגט די יודען. ער האט פערגעסען אדער נישט געוואוסט, אז די קריסטען זענען אזוי ווייט געוועזען פון קריסטום לעהרען ווי ווייט עס איז הימעל פון דער ערד.

יעזוס איז — ווי עס בעווייזט זיין גאנץ לעבען און וויר־קען — געשטאנען אויף'ן באדען פון יודענטום. ער איז געוועזען מיט'ן גאנצען הארצען א יוד, און אלעס וואס ער האט געטהון האט ער געטהון בלויז פאר יודען. די תלמידים זיינע פאר'ן לעבען און אויך די קריסטליך־יודישע געמיינדען, וועלכע זענען ענטשטאנדען אין די ערשטע דורות נאך זיין טוידט — זענען

געוועזען עלט יודישע געמײנדען, וועלכע האבען זיך אבגעשײדט פון די איבעריגע יודען נאר אין געוויסע פרטים. פערשיעדענע היסטארישע סבות האבען געבראכט דאצו, אז דאס קריסטענטום האט זיך שפעטער דערווײטערט פון איהר קוועלע און גענומען זיך אויף איין אנדערען ענטגעגענגעזעצטען וועג, אבער דאס איז געשעהען נישט מיט דעם ווילען פון יעזוס.

ווען די קריסטען ווילען אונז עד היום נישט מוחל זײן דאפאר, וואס אונזערע אבות האבען כלומרשט געקרײציגט יעזוס'ן, וועלען מיר יודען מוחל זײן יעזוס'ן די זינד פון זײנע אנהענגער און שילדערן איהם, ווי ווײט מעגליך, אין זײן וואהרער געשטאלט.

I.

די פּאָליטישע לאַגע
פון אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל אין יעזוס׳ס צייט.

הורדוס צוואה. — די צוטיילונג פון ארץ ישראל צווישען זיינע דריי זיהן: ארכילעאס, העראָדעס־אנטיפּאַס און פיליפּ. — זייער רייזע קיין רוים. — די רציחות אין פּסח. — יהודה הגלילי. — וואָרוס׳ס מלחמה געגען איהם און די איבעריגע מורדים.

אין די 30 יאָהר, איידער יעזוס קריסטוס איז ארויסגעטרעטען אויף דער היסטאָרישער אַרענע, האָט ארץ־ישראל שוין געהאַט פערלוירען די לעצטע שפּורען פון זעלבסטשטענדיגקייט. זי האָט נאָך אפילו געהאַט אַ לענגערע צייט איהרע אייגענע מלכים, אָבער די דאָזיגע מלכים זענען נישט געווען די פיהרערס פון פאָלק, וואָס זאָרגען פאַר זיין טובה, נאָר אונטערהעלפערס ביי די רעמישע קיסרים, און כדי נ״שא חן צו זיין ביי זייערע בעשיצערס האָבען זיי געדריקט דאָס יודישע פאָלק און געטרעטען מיט די פיס זיין כבוד און גלויבען.

דער „גרויסער״ הורדוס האָט פאַר זיין טוידט נאָך אַמאָל בעוויזען, ווי אומגעטריי ער איז געווען זיין פאָלק. אין זיין צוואה האָט ער צעבראָקעלט די יודישע מלוכה אויף דריי טייל און איבערגעלאָזען יעדען טייל איין אַנדערען זוהן. אַרכילעאוס האָט בעקומען יהודה (Judäa) און שומרון (Samaria) מיט דעם קעניגס־טיטעל; הערָאדעס אַנטיפּאַס — די לאַנדטיילען גליל (Galilea) און פּערעאַ (Peräa); פיליפּ ווידער — די טיילען גאַלאָניטיס, באַטאַנעאַ, טראַכאָ־

ניטים און פאניאס. די צואה האָט נאָך געדאַרפט ווערען בעשטעטיגט פון דעם רעמישען קיסר, וועלכער איז געווען איינענטליך דער הערשער איבערן לאַנד. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבען אַ מחלוקת צווישען די ברידער; יעדער האָט געוואָלט בעקומען אַ גרעסערען חלק אין דער ירושה און אָבנעהמען בײ'ם אַנדערען אַ שטיק פון זײַן טײל. נישט ליעב האָבענדיג דאָס פאָלק און נישט טראַכטענדיג וועגען זײַן טובה, האָט יעדער בעזונדער אָנגעהויבען אונטערצוחנפ'ענען דעם פאָלק, כדי עס זאָל איהם בײַשטעהען פאַר'ן רעמישען קיסר אויגוס־טוס און איהם העלפען אויספיהרען זײַנע פלענער.

אַרכילעאוס איז אַרויסגעטרעטען אין בית־המקדש און האָט עפענטליך צוגעזאָגט דעם פאָלק, אַז ער וועט איהם בעפרײַען פון שווערען יאָך און איהם מאַכען פערגעסען אָן אַלע צרות. דער המון אָבער האָט זיך נישט בענוגענט מיט די בלויזע הבטחות: ער האָט פערלאַנגט, אַז דער קעניג זאָל באַלד ממלא זײַן זײַן בקשה, וועלכע איז בעשטאַנען פון עטליכע זאַכען: צו פערקלענערען די יעהרליכע אָבצאָהלען, צו בעפרײַען די תפוסים פון די געפענגענישען און אָבצוזאָגען דעם פערהאַסטען כהן־גדול יועזר. אַרכילעאוס, נישט האָבענדיג דאָס רעכט און דעם רצון נאָכצוגעבען דעם פאָלק, האָט פונדעסטוועגען צו־געזאָגט אַלעס צו טהון, נאָר אָבגעלעגט דאָס ערפילען פון זײַן צוזאָג ביז זײַן פאָטערס צואה וועט ווערען בעשטעטיגט פון אויגוסטוס'ן. דאָס פאָלק, וועלכעס איז בעשטאַנען פון פילע טויזענדער, וואָס האָבען זיך צוזאַמען געקליבען אין ירושלים, כדי צו פײַערען דעם פרײַהײַטס־יום־טוב — פסח, האָט זיך אײַנגעעקשנ'ט און נישט אָבגעטרעטען פון זײַן פערלאַנג. אַר־כילעאוס, מורא האָבענדיג עס זאָל נישט אויסברעכען אײַן אויפ־שטאַנד, האָט אַרויסגעשיקט חיל פונאַנדערצוטרײַבען דעם המון. דער המון האָט אָבער געוואָרפען שטײַנער אויף'ן חיל און איהם אוועקגעיאָגט. דערווײַל איז געקומען דער נאָכמיטאָג פון ערב־

פסח. דאס פאלק האט זיך געאיילט אין בית=המקדש מקריב צו זיין דעם פסח און אוועקגעלעגט אויף א צייט זיין כעס. דאמית האט זיך בענוצט ארכילעאוס און געהייסען דעם חיל בעפאלען דאס פאלק און צוהאקען זיי מיט די שווערטער. 3000 מאן זענען אומגעקומען אין דעם טאג, און דער רעשט איז זיך צולאפען. העראלדען האבען דאן אויסגערופען אין שטאדט, אז ,ויט דעם קעניג׳ס בעפעהל איז פערבאטען מקריב צו זיין דאס יאהר דעם קרבן פסח.

ארכילעאוסע׳ס ברידער און קרובים, וועלכע זענען איבעריגענס נישט געווען בעסער פאר איהם, האבען דא געפונען א גוטע געלעגענהייט אנצושווארצען ארכילעאוס׳ן פאר׳ן רעמישען קיסר. די גאנצע פאמיליע — האט זיך א לאז געטהון קיין רוים, כדי אויסצורעדען אלדעם בעז אויף׳ן ברודער און אויסצובעטען ביי׳ם קיסר א גרעסערען חלק ירושה. ארכילעאוס האט אבער אויך נישט געשוויגען און געפאהרען קיין רוים.

אין דער צייט, ווען די קעניגליכע פאמיליע איז געזעסען אין רוים און געמיהט זיך וועגען איהרע ענינים, זענען אין ארץ=ישראל פארגעקומען אזעלכע שרעקליכע געשעהנישען, וועלכע האבען געמאכט דאס גאנצע לאנד פאר איין גרויסען שלאכטפלאץ. דאס בלוט פון די דערשלאגענע קעמפפער, דאס קלאגגעשריי פון די אומשולדיג געשלאכטעטע און דער רויך פון די פערברענטע שטעדט האבען געווארפען אנ׳אימה אויף אלעמען און שיער נית איין עק געמאכט פון אויסגעמאטערטען לאנד.

דער סירישער שטאאט=האלטער קווינקטיליום ווארוס, וועלכער איז געבליבען אין ירושלים נאך דער אבריזע פון הורדוס פאמיליע, האט נישט געהאט פיעל מיה צו דערשטיקען דעם אויפשטאנד, ווייל די יודען האבען נישט געארבייט נאך א געוויסען אויסגעארבייטען פלאן און דאצו זענען זיי נישט געווען בעוואפענט. ער האט זיך דארום באלד צוריקגעצויגען קיין אנטיאכיען אויף זיין ארט. קוים איז ער אבגעטרעטען,

איז געקומען קיין ירושלים איין אַנדער צורר, סאַבינוס, דער שאַצמייסטער פון אויגוסטוס, כדי צו קאָנפיסקירען די אוצרות פון הורדוס און, ווי עס שיינט, אויך די אוצרות פון בית המקדש. כדי צו פערנעמען די אוצרות, וועלכע זענען געווען בעוואַכט פון אַרכילעאוס חיל, האָט סאַבינוס נישט געפונען קיין אַנדער מיטעל, ווי אויפצורייצען דאָס פאָלק צו אַן׳אויפשטאַנד און אין דער מהומה אָבצוטהון זיין שטיקעל אַרבייט.

עס איז אָנגעקומען דער יום־טוב שבועות, וועלכער האָט ווידער געבראַכט קיין ירושלים אַ גרויסען עולם פון אַלע עקען מדינה. דאָס פאָלק איז געווען שרעקליך אויפגעבראַכט אויף די רעמער און אויף הורדוס׳ס פאַמיליע און געזוכט אַ געלעגענהייט ווי אַרויסצוטרעטען אין אַן׳אָפענעם קאַמפף. דאָס געלעגענהייט האָט זיך באַלד געפונען. די יודען האָבען פערנומען דעם טעמפעל־בערג (הר הבית) און פון דאָרט געשאָסען און געוואָרפען שטיינער אויף׳ן רעמישען חיל, וועלכעס איז געשטאַנען אין הורדוס׳עס פאַלאַץ און אין דער אויבערשטאָדט. זיי וואָלטען געווען בייגעקומען די רעמער, ווען דעם פיינד וואָלט נישט געראָטען אונטערצוצינדען דעם דאַך פון דער טעמפעל־האַלען. דאָס פייער האָט זיך אַזוי געשווינד צעשפרייט, אַז די יודען האָבען קיין צייט ניט געהאַט זיך צו ראַטעווען און זענען אומגעקומען, טיילס אין פייער, טיילס דורך דער שווערט פון שונא און טיילס דורך זעלבסט־מאָרד. די רעמער האָבען זיך אַריינגעריסען אין בית־המקדש, צוראַבירט די אוצרות און מטמא געווען די הייליגע ערטער.

פון ירושלים האָבען זיך פונאַנדערגעטראָגען פונקען פון אויפשטאַנד איבער׳ן גאַנצען לאַנד. אין פערשיעדענע ערטער זענען אַרויסגעטרעטען אַ פיהרערס, וועלכע האָבען געזאַמעלט אַרום זיך שאַרען פון אונצופריעדענע און בעפאַלען די רעמער און דאָס העראָדיאַנישע חיל. צום אומגליק אָבער האָט אַלע אָנ־

פיהרער נישט פעראייניגט איין ציעל — די פרייהייט פון זייער פאלק; יעדער בעזונדער האט געארבייט פאר זיך אליין — ארייצוקריעגען די הערשאפט אין זיין האנד. נאר איין אנפיהרער איז געוועזן, יהודה הגלילי, וועלכער האט געהאט אין זינען נאר די טובה פון פאלק און אנגעמאכט טאקי גענוג מיה און מאטערניש די רעמער. ער איז בעפאלען מיט א גרויס חיל די ארסענאלען פון צפורי, זיך פערזארגט מיט געוועהר און געלד און בעוויזען זיין גבורה געגען די רעמער. דער סירישער שטאטהאלטער ווארום האט איינגעזעהען, אז ער מוז אנווענדען אלע כחות, כדי גובר צו זיין דעם שונא. ער האט צוזאמענגענומען זיין גאנץ חיל פון איבער 20,000 מאן, גערופען צו הילף נאך די קליינע קעניגע פון ארום ארץ־ישראל, און ארויסגעטרעטען געגען די מורדים. נאך א הייסען קאמפף האט ער איינגענומען צפורי, וואו יהודה הגלילי איז געוועזן, פערברענט די שטאדט און די איינוואהנער פערקויפט פאר שקלאפען. אזוי האט ער זיך אבגערעכענט מיט אנדערע שטעדט, וועלכע האבען זיך געשטעלט געגען איהם, און נאכהער זיך געווענדעט געגען ירושלים. דארט האט ווארום געהאט ווייניג ארבייט, ווייל די מורדים האבען זיך דערשראקען פאר׳ן אנקומענדען חיל און אבגעלאזט סאבינוס׳ן. פונדעסטוועגען האט ווארום זיך נוקם געווען אין פאלק און געהייסען אויפהענגען 2000 געפאנגענע. דער סוף פון דעם דאזיגען אויפשטאנד איז געווען, דאס די רעמער האבען נאך שווערער געמאכט דעם יאך פון די יודען. איין גאנצער לעגיאן חיל איז געבליעבען אין ירושלים כדי צו האלטען דאס פאלק אין דער מורא.

II.

יהודה געווארען א רעמישע פראווינץ.

ארכילאוס ארויסגעזעצט פון טראן. — יהודה — געווארען א רעמישע פראווינץ. — דער פראקוראטאר קאפיניוס. — דער צענזוס און דאס מהלוקת צוליעב איהם. — בית הלל, בית שמאי און די קנאים — טיבעריוס. — וואלעריוס גראטוס. די רדיפות אויף יודען אין רוים. — פאנטיוס פילאטוס.

דער רעמישער קיסר אויגוסט האט לסוף בעשטעטיגט די צואה פון הורדוס און בעשטימט ארכילאוס'ן פאר עטנארך, ד. ה. פאלקספירסט איבער יהודה. זיין רעגירונג האט אבער נישט געדויערט מעהר ווי צוויי יאהר. צוליעב דער אנקלאגע פון די יודען און די שומרונים האט אויגוסט צוגענומען ביי איהם די מלוכה און פערשיקט קיין גאלליען, און דאס לאנד יהודה פערערכענט פאר א רעמישע פראווינץ, אלס א טייל פון סירישען שטאטהאלטערשאפט.

פון דעם אן מאמענט האט אויפגעהערט די כלומר'שטע זעלבסטשטענדיגקייט פון יהודה; עס איז געווארען אריינגעזעצט אהין א קייזערליכער פערטרעטער אדער פראקוראטאר, וואס זיין וואהנארט איז געוועזן אין דער האפענשטאדט צעזאַרעא. די אויפגאבע פון רעמישען פראקוראטאר איז געוועזן אבצוהיטען די רוהע און ארדנונג אין לאנד און אויפצומאהנען די פער-שידענע אבצאהלען פון די איינוואהנער; ער האט אויך געהאט דאס רעכט ארויסצוגעבען טוידעסאורטהייל, אלטונג צו געבען אויף די דיני נפשות פון די סנהדרין און צו בעשטימען כהנים גדולים און אבצוזאגען זיי פון זייער שטעלע, לויט ווי עס האט

געפּאַסט פאַר די רעמישע עסקים. די קליידער (בגדי קדש), וועלכע דער כהן-גדול פלעגט אָנקליידען אין בית-המקדש, האָבען די רעמער געהאַלטען אונטערען שלאָס און אַרויסגעגעבען זיי נאָר אויף יום-טוב צייט, בעת מען האָט זיי געדאַרפט האָבען צו דער עבודה.

דער ערשטער פּראָקוראַטאָר אין יהודה איז געווען קאָפּיניוס. מיט איהם צוגלייך איז געקומען דער סירישער שטאַאַט-האַלטער קוויריניוס, כדי צו קאָנפיסקירען אַרכילעאוס פּריוואַט-פערמעגען און איינצופיהרען דעם רעמישען צענזוס, ד. ה. אויפצונעהמען די צאָהל פון דער בעפעלקערונג און אָבצושאַצען דעם ווערט פון די קרקעות (ערד), אום צו בעשטימען מיט דעם די גרויס פון די אָבצאָהלען. יעדער יוד, אָהן אויסנאַהם, אפילו פרויען און שקלאַפען, האָבען געדאַרפט צאָהלען אַגעוויסען קאָפּשטייער (מס לגלגלת). אויסער דעם איז בעשטימט געוואָרען איין אָבצאָהל פון דער הכנסה: פון די צשערעדעס און פון די תבואות. דער צענזוס האָט אָנגעמאַכט אַ רעש צווישען אַלע קלאַסען פון דער בעפעלקערונג, וועלכע האָט געזעהען אין דעם אַ בעווייז, אַז די רעמישע רעגירונג, אָבנעהמענדיג אַ חשבון פון אַלע זייערע הכנסות, וויל זיי מאַכען פאַר אמת'ע שקלאַפען. אַלע מחלוקה'ן וועגען כשר און טרף, טמא און טהור האָט מען אַוועקגעלעגט אָן אַ זייט און געקלערט וועגען אַ וויכטיגערע און האַרבערע שאלה: אויב מען זאָל ווייטער בויגען דעם קאָפּ אונטער דעם רעמישען יאָך אָדער שטעלען זיך ענטקעגען מיט דער שווערד. די פערשיעדענע פּאַרטייען, וועלכע זענען דאַמאָלס געווען צווישען יודען, האָבען יעדע געפּרובט אנדערש פערענטפערען די פראַגע.

די תלמידים פון הלל (בית-הלל), וועלכע זיינען געווען אין עפענטליכען לעבען אַזוי גוט, צוגעלאָזען און נאַכגיעביג ווי זייער לעהרער, האָבען געראַטהען נאַכצוגעבען די רעמער אויך וועגען צענזוס. די תלמידים פון שמאי, וועלכע זענען געווען

אין אלעמען דער היפך פון בית־הלל, האָבען געהאַלטען מיט די קנאָים (זעלאָטען), אַראָבצוּוואַרפען מיט געוואַלט דעם רעמישען יאָך, און צוזאַמען האָבען זיי געוועקט דאָס פאָלק צו איין אויפשטאַנד. אונטערגעבען זיך די רעמער האָט געהייסען—נאָך דער מיינונג פון די קנאים — עובר צו זיין אויף'ן יודישען דת, ווייל נאָר צו גאָט אַליין געהערט די הערשאַפט איבער'ן יודישען פאָלק, אָבער נישט קיין אַנדערער מאַכט. דאַרום איז יעדער יוד מחויב אויסצוקלעהרען זיין לעבען, כדי נישט צו דערלאָזען די רעמער צו פערנעהמען די שטעלע פון גאָט איבער די יודען. דער סוף איז געווען, אז די מעסיגע מיט דעם כהן־גדול יועזר איז דאָך געלונגען איינצורעדען דאָס פאָלק צו בלייבען אונטער־טהעניג די רעמער און אָנצונעהמען דעם צענזוס.

זייט יהודה איז פערוואַנדעלט געוואָרען פאַר א רעמישע פראָווינץ האָבען די יודען געמוזט שרייבען די דאַטע אין אלע עפענטליכע דאָקומענטען, ווי שטרות (וועכסלען), גיטין א. ז. וו. נאָך די רעגיערונגס־יאָהרען פון רעמישען קיסר, בעת פריהער האָט מען גערעכענט די דאַטע נאָך די יאָהרען פון די יודישע מלכים. די פרושים האָבען אויך די דאָזיגע בעליידיגונג אַראָב־געשלונגען, אָבער די קנאים האָבען זיי פאָרגעוואָרפען, אז, איינפיהרענדיג די נייע צייטרעכנונג, בעגעהען זיי א זינד. „ווי קאָנט איהר—האָבען זיי געפרעגט—איינשרייבען אין א גט נעבען די ווערטער „כדת משה וישראל" דעם נאָמען פון רעמישען קיסר, גלייך ער וואָלט געווען אויף איין מדרגה מיט משה?".

אונטער די רעגירונג פון טיבעריוס, וועלכער איז געוואָרען קיסר אויף'ן אָרט פון אויגוסטוס, האָט זיך כמעט נישט געענדערט די לאַגע פון יהודה. טיבעריוס האָט אפילו פער־קלענערט די אָבצאָהלען און אַריינגעזעצט א נייעם פראָקוראַטאָר וואַלעריוס גראַטוס, אָבער אין האַרצען איז ער געבליבען פיינדליך צו די יודען און בעזונדערס צום יודישען גלויבען. זיין שנאה צו די יודען האָט זיך געשטאַרקט, זייט פילע רעמער

און בעזונדערס רעמישע פרויען האָבען נוטה געוועזען צו יודישען גלויבען. די אויפפיהרונג פון די יודען פאַר זייער גלויבען און פאַר זייערע הייליגקייטען האָט שטאַרק געריהרט געוויסע רעמער, וועלכע זענען אַליין געוועזען גלייכגילטיג און קאַלט צו זייער רעליגיאָן און אייגעגעבען זיי אַכטונג צו דער יודישער אמונה, וועלכע בעזיצט אַזאַ קראַפט צוצובינדען צו זיך די הערצער. עס האָבען זיך דאַן געפונען פיעל רעמער, וועלכע, פיהלענדיג אַבערגלויבען צו גלויבען, האָבען אָנגענומען די יודישע אמונה און געשיקט מתנות אין בית המקדש. אַלס טיבעריוס איז דאַפון געוואָהר געוואָרען, האָט ער אַרויסגעגעבען אַבעפעהל, אַז מען זאָל אַרויסטרייבען אַלע יודען און פּראָזעליטען (רעמער, וועלכע האָבען אָנגענומען דעם יודישען גלויבען) פון רוים און פון איטאַליען, אויב זיי וועלען נישט אָבטרעטען פון יודישקייט. טויזענדער יודען זענען דאַן פערשיקט געוואָרען אויף'ן אינזעל סאַרדיניען פאַר זייער טריישאַפט צו זייער אמונה. אויסערדעם האָט מען געמויט די יודען, וועלכע האָבען געדיענט אין רעמישען חיל, אַז זיי זאָלען מחלל שבת זיין. דאָס זענען געוועזען די ערשטע יודישע רדיפות אין רוים, נאָך וועלכע עס האָבען געפאָלגט אַ סאַך גרעסערע.

נאָך גראַטוס איז געוואָרען פּראָקוראַטאָר איבער יהודה— פּאָנטיוס פּילאַטוס, וועלכער איז אַזוי בעריהמט געוואָרען דורך'ן פּסק=דין איבער יעזוס. גלייך ווי ער האָט איבערגענומען זיין פּאָסטען האָט זיך געעפענט אַנייע קוואַל פון צרות פאַר די יודען. פּילאַטוס האָט געפרובט טהון אַזאַלכעס, וואָס קיינער פון די פּראָקוראַטאָרען פאַר איהם האָט נישט געוואַגט צו טהון — צו נייטען די יודען אָבצוגעבען כבוד די רעמישע קייזער-בילדער. ביז דאַמאָלס האָבען די אָנפיהרער פון דעם רעמישען חיל, אַריינקומענדיג אין ירושלים, אַראָבגענומען די קייזער-בילדער פון די פלאַגען, ווייל די יודען האָבען געהאַלטען אַזאַלכע בילדער פאַר אַן עבודה זרה. פּילאַטוס אָבער האָט מיט אַ מאָל געהייסען

אריינטראָגען שטילערהייט קיין ירושלים די קייזער-בילדער און זיי דאָרט אויפשטעלען. דאָס האָט אַרויסגערופען אַ שטורם אין ירושלים און אין גאַנצען לאַנד. עס זענען געגאַנגען שליחים פון פאָלק צום פּראָקוראַטאָר, ער זאָל מבטל זיין זיין גזרה און הייסען צונעהמען די בילדער. פינף טעג זענען די שליחים געשטאַנען פאַר'ן פּאַלאַץ פון פּראָקוראַטאָר און גאָרנישט גע־פּועל'ט. אויף'ן זעכסטען טאָג האָט פּילאַטוס געסטראַשעט, אַז ער וועט זיי טוידטען, אויב זיי וועלען נישט אָבטרעטען. די שליחים זענען אָבער געבליבען ווייטער, נישט קוקענדיג אויף די סטראַשונקעס, ביז פּילאַטוס, וועלכער האָט מורא געהאַט, ער זאָל נישט ברענגען זיי צו אַ נייעם אויפשטאַנד, האָט ערפילט זייער בקשה.

אזוי איז געווען דער צושטאַנד פון ארץ ישראל אין דער צייט, איידער ישוע איז אַרויסגעטראָטען מיט זיין לעהרע. דאָס פאָלק האָט אָנגעוואָהרען דאָס לעצטע פּיצעל פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט און געזיפצט אונטער דעם שווערען יאָך פון די רעמער — זייערע אויסערוועהלטע פיינד. אינוועניג ווידער האָט געקאָכט דאָס מחלוקת פון די פּאַרטייען, וועלכע האָבען זיך געריסען צווישען זיך. אָבער אין דער צייט, ווען די יודישע מדינה איז געפאַלען און געוואָרען אַלץ שוואַכער און שוואַכער, איז דער יודישער גייסט געוואַכסען, צושפּרייטענדיג זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, און שטרעבענדיג צו אַ הערשאַפט איבער דער גאַנצער וועלט.

III.

די האפנונגען אויף משיח.

די מעסיאנישע ערווארטונגען. — די פערשידענע פארטייען און זייערע פארשטעלונגען וועגען משיח. — די אסיים. — דאס מלכות שמים איז נאהנט.

אין דער זעלבער צייט, ווען דאס לאנד יהודה איז געווען דערשלאגען און בעטריבט, ציטערענדיג, — אז דער רעמישער פראקוראטאר פילאטוס זאל נישט בעווייזען איינם פון זיינע שטיקלעך און אויפרייצען דאס פאלק צו א נייער מהומה און צו נייע צרות — אין דער זעלבער צייט האט זיך ארויסגעשלאגען אויף דער ליכטיגער וועלט איין היסטארישע ערשיינונג, וועלכע איז געווען קליין און שפל אין אנהויב, האט זיך אבער דורך פערשידענע גינסטיגע אומשטענדען צעשפרייט אין דער ברייט און אין דער לענג און בעקומען איין אונגעהייער שטארקע מאכט. עס איז נעמליך געקומען די צייט, אז די יסודות פון יודישקייט, וועלכע זענען ביז דאן געווען פערשטיקט אין א ווינקעלע און אפילו דארט געווען בעקאנט און זייער אמת'ן ווערט נאר די חכמים און גרויסע קעפ — זאלען ארויסטרעטען אויף דער גרויסער וועלט און דורכדרינגען די הערצער פון אלע פעלקער. די הויכע געדאנקען וועגען איין-און-איינציגען גאט און א הייליג לעבען — וואס איז דער תוך פון יודישקייט — האבען געדארפט זיך פערשפרייטען פון ארץ ישראל איבער דער גאנצער וועלט, און דאס יודישע פאלק — נעהמען אויף זיך די ראלע פון אלעהרער ביי די פעלקער. כדי אבער די אלטע יודישע תורה זאל ווערען אנגענומען ביי דער וועלט, וועלכע איז געווען פערשטאקט און פערזונקען אין געטצענדינעריי, האט די דאזיגע תורה געמוזט בעקומען א נייעם נאמען און נייע פארמען, ווייל

דער אַלטער נאָמען און די אַלטע פֿאָרמען זענען נישט געווען בעליעבט ביי די געטצענדינער.

די נייע ירשיינונג — מיט וועלכע עס איז געמיינט דאָס קריסטענטום — געבוירען און געהאָדעוועט אין ארץ ישראל אויף יודישע הענד, האָט געבראַכט ברענגען צו שלום און אחדות צווישען די גוים און יודישען פֿאָלק און צוגרייטען זייערע הערצער אָנצונעהמען די יודישע תורה. צום אומגליק איז אָבער נישט אַזוי געשעהן: די יודישע אמונה, וועלכע האָט געבראַכט אויף דער וועלט דאָס קריסטענטום, איז נישט בעשערט געווען צו האָבען נחת פֿון איהר קינד, ווייל דאָס קינד האָט זיך באַלד אָבגעווענדט מיט פֿיינדשאַפֿט פֿון איהר מוטער און גענומען זיך אויף אַ וועג, וואוהין די מוטער האָט איהר נישט געקאָנט נאָכ־געהן, אויב זי האָט נישט געוואָלט פֿערליערען איהר בעזונדערען כאראקטער און פֿערלייקענען איהרע אַלטע איבערצייגונגען.

וועלכע פּבות האָבען געבראַכט אויף דער וועלט די דאָזיגע ערשיינונג און איהר פֿערשפּרייטונג אזא גרויסע מאַכט — וועלען מיר באַלד זעהען.

אין יענער צייט האָט די מיטעל־קלאַסען פֿון יודישען פֿאָלק דורכגעדרונגען איין אינעוועניגסט געפֿיהל, אַז אָט אָט קומט משיח, וועלכער וועט מאַכען איין עק פֿון אַלע יודישע צרות. וואָס מעהר די לאַגע האָט זיך פֿערערגערט און די צרות האָבען זיך גענעבען צו פֿיהלען, אַלץ שטאַרקער און פֿעסטער איז געוואָרען דער דאָזיגער געפֿיהל. עס האָט זיך געוואָלט גלויבען, אַז דאָס מעסטעל פֿון צרות איז שוין פֿערפֿילט און אַז די ישועה איז נאָהנט. אויך אָהן דעם, אפילו אין די בעסערע פֿריהעריגע צייטען, איז דאָס פֿאָלק געוואָהנט געווען צו בעטראַכ־טען דעם דאַמאָליגען פּאָליטישען מַצָב, ווי ער האָט זיך ענטוויקעלט נאָך גלות בבל, פֿאַר איין דערוויילינגען, איבערגעהענדען, אָדער אַ בלויזע פֿאָרבערייטונג צו דער אמת'ר גאולה, בעת עס וועט קומען אליהו הנביא מְקָרֵב צו זיין

די הערצער פֿון די אָבות צו די קינדער און ווידער אויפֿצו־רילסען יעקב'ס שבטים (מלאכי ג' כ"ג—כ"ד). נאָך בשעת דאָס פֿאָלק האָט אויסגעקליבען שמעון החשמונאי צום קעניג, האָט עס בעשטימט זיין הערשאַפֿט און זיינע קינדערס הערשאַפֿט נאָר אויף אַ ציים, ביז עס וועט קומען דער נביא און צוריקגעבען די קרוין וועמען זי קומט, לויט רעכט און צוזאָג פֿון די נביאים, ד. ה. משיח בן דוד.

עס איז קיין וואונדער נישט, אַז אין אַ משך פֿון 30 יאָהר זענען טאַקי דאַמאָלס אויפֿגעטרעטען אַגאַנצע רייהע פֿון מענשען, טיילס שווינדלער און טיילס בעגייסטערטע טרוימער, וועלכע האָבען זיך אויסגעגעבען פֿאַר נביאים אָדער משיח'ס און געפֿונען פֿיעל אָנהענגער, וועלכע זענען זיי געבליבען טריי ביז'ן טוידט. אָבער, ווי לייכט עס איז געווען צו געפֿינען אָנהענגער צווישען לייכטגלויביגען פֿאָלק, וועלכעס האָט געלעכצט נאָך אַ משיח, איז געווען שווער אָנגענומען צו ווערען פֿאַר איין ערלעזער ביים גאַנצען פֿאָלק. דאָס פֿאָלק איז געווען צעשפּאָלטען אויף זעהר פֿיעל פּאַרטייען און כתות, וואָס יעדע בעזונדער האָט, אויסער די חלוקי־דעות וועגען אַנדערע רעליגיעזע ענינים, געהאַט פֿער־שידענע בעגריפֿען און פֿאָרשטעלונגען וועגען משיח.

די פּאַרטיי פֿון די קַנָאִים (זעלאָטען), ד. ה. די אָנהענגער פֿון יהודה הגלילי, וועלכער איז געשטאַנען אָן דער שפּיצע פֿון די מורדים, האָבען נאַטירליך געוואָלט, אַז דער משיח זאָל אויסלעזען די יודען פֿון זייערע אויסערנוועניגסטע פֿיינד — די רעמער — און אויפֿריכטען דאָס מלכות בית דוד. די תלמידים פֿון שמאי, וועלכע זענען געווען אין דער זאַך איינשטימיג מיט די קנאים, האָבען נאָך אויסערדעם געוואָלט, אַז דער משיח זאָל זיך אויסצייכענען מיט זיין פֿרומקייט און מקיים זיין אַלע מצוות אי מן התורה אי מדרבנן. די תלמידים פֿון הלל, וועלכע זענען געווען וועניגער פֿאַנאַטיש, האָבען זיך פֿאָר־געשטעלט, אַז דער משיח זאָל ברענגען שלום פֿון אינעווייניג

און פון אויסענווענינ. אין איין זאך האבען אלע פארטייען איינגעשטימט, אז דער משיח זאל שטאמען פון דוד המלך און אז אין זיין צייט זאל זיין קיבוץ גליות, ד. ה. אז אלע פערטריעבענע יודען זאלען צוריקקעהרען פון דער פרעמד קיין ארץ-ישראל. די אויפגעקלערטע אין פילאזאפיש דענקענדע יודען האבען וויעדער געהאפט אויף א משיח, וואס אין זיין צייט וועלען די יודען אלע זיין גוט און פרום און נישט מעהר אבקעהרען פון דרך הישר. דאמאלס וועלען זיך עפענען די קוואלען פון געטליכער גענאדע, די פערוויסטע שטעדט וועלען אויפגעריכט ווערען און די מדבר וועט בליהען ווי ארויז. דאן וועט קומען די גליקליכע צייט פון תחית המתים און עולם הבא.

די ערעלסטע פארשטעלונג וועגען משיח'ס צייט האבען געהאט די אסיים (Essäer), אפארטיי, וועלכע; געגרינדעט אין דער צייט פון די חשמונאים — האט געלעבט אין דער מדבר, אבגעזונדערט פון מענשען, אבגעבענדיג זיך נור מיט גאטדיענען. לויט זייער פארשטעלונג, האט דער משיח געמוזט זיין א הייליגער מאן, וועלכער זאל פערברענגען זיין לעבען אין צדקה און מעשים טובים, זיך אבזאגען פון דער וועלט און אלע הבלי עולם הזה, זיין בעשאנקען מיט רוח הקדש, האבען די קראפט ארויסצוטרייבען רוחות רעות און ברייננען אזא סדר-העולם. ביי וועלכער אלע מענשען זאלען לעבען צוזאמען פון איין בעל-הבתישקייט, צוטהיילענדיג צווישען זיך אלעס וואס זיי פערמאגען.

פון צווישען די אסיים איז טאקי ארויס דער ערשטער אויסרוף, אז אט אט קומט משיח, אדער דאס הימעלרייך (מלכות שמים) אויף דער ערד. דער, וואס האט אבער ארויסגעלאזען דעם דאזיגען אויסרוף, איז נישט איינגעפאלען, אז זיין שוואכע שטימע וועט הילכען ווייט איבער לענדער און ימים און צוזאמענרופען די פעלקער אונטער דער פאהן פון משיח. ער האט געמיינט בלויז צו רופען די זינדיגע פון זיין פאלק צו

תשובה און בעסערונג, גלויבענדיג, אז אויב זיי וועלען תשובה טהון, וועט גאָט רחמנות האָבען און שיקען דעם פֿאָלק זיין היישגעווינשטען משיח.

IV.

יוֹחָנָן הַמַּטְבִּיל. יֶעזוּס עֶרְצִיעהוּנְג.

יוחנן המטביל אלס אסיי. — זיין ארט לעבען. — זיינע דרשות. — די טבילה אין ירדן. — יוחנן'ס טויט. — יעזוס'ס יוגענד, ערציעהונג און קאראקטער.

דער עסעער, וועלכער האָט גרויסגעלאָזען זיין אויסרוף וועגען די נאָהענטקייט פֿון משיח'ס צייט, איז געוועזען יוחנן המטביל. יוסף פֿלאַוויוס, דער יודישער געשיכטשרייבער, דער־צעהלט וועגען איהם, אַז ער איז געוועזען אַהייליגער מאַן און האָט געמוסרט די יודען, זיי זאָלען זיין גוט און פֿרום, בעגניגען זיך מיט ווייניג און אויך זיך טובל זיין אין ירדן. זיין פֿיהרונג איז געוועזען ריכטיג ווי עס איז אָנגענומען געוועזען ביי די אסיים: ער האָט זיך גענעהרט מיט היישעריקען און ווילדען האָניג, געטראָגען אַ מלבוש פֿון קאַמעעל־האָאָר און אַ לעדערנעם גאַרטעל און זיך טובל געוועזען אין ירדן. אַגעוויסע צייט האָט ער געלעבט אין דער מדבר נעבען ים המלח, דערנאָך איז ער אַוועק פֿון דאָרט און געוואַנדערט איבער די שטעדט און דערפֿער, רופֿענדיג אומעטום: טהוט תשובה, דען דאָס מלכות שמים איז נאָהענט! זייט זיך טובל אין ירדן און גרייט זיך צו צום טאָג פֿון גרויסען משפט! די רייכע לייט האָט ער אָנגעזאָגט, זיי זאָלען טהיילען זייער פֿערמעגען מיט די אָרעמע, די מוכסים (צעלנער) — זיי זאָלען נישט נעהמען קיין אָבצאָהל מעהר ווי עס קומט און די סאָלדאַטען — זיי זאָלען נישט טהון קיין געוואַלד־טהאַטען. אלס

מען האט יוחנן געפרעגט, צי ער איז אליין ניט משיח, האט ער געענטפערט, אז ער וויל נאר צוגרייטען דאס פאלק צו משיח׳ס צייט, וועלכער וועט קומען, כדי אבצוריינינגען דאס קארן פון די פלעווען און צו פערברענען די פלעווען אין פייער פון גיהנום.

די דרשות און שטראפרייד פון יוחנן המטביל האבען שטארק אויסגענומען ביים המון, וועלכער איז געלאפען צו איהם פון אלע זייטען. יוחנן אליין ווי אויך זיינע אנהענגער זענען נישט אבגעטרעטען אויף איין האאר פון דרך התורה, און דארום האט די הערשענדע פארטיי — די פרושים — גאר נישט געקאנט האבען צו איהם. דאגעגען האט זיין בעליבטקייט ביי דעם פאלק אויפגעוועקט אויף איהם דעם חשד פון הורדוס אנטיפס, דער פירסט פון גליל; ער האט איהם געהייסען איינזעצען אין געפענגניש, וואו מען האט איהם נאכהער געטעדטעט. וועגען יוחנן׳ס טוידט איז פאראהאן אלענענדע, וועלכע ווערט געבראכט אין די עוואנגעליען: הערארדיאס, די פרוי פון הורדוס אנטיפאס, איז פריהער געווען פערהייראטעט מיט זיין ברודער אלעקסאנדער, וועלכער איז פער׳משפט געווארען צום טוידט דורך זיין פאטער. נאכהער האט זי געהייראטעט צום צווייטען מאל, זיך אבער געשיידען מיט׳ן צווייטען מאן און געהייראטהעט צום דריטען מאל מיט הורדוס אנטיפאס, איהר געוועזענעם שוואגער. דאס איז געווען געגען יודישען געזעץ, לויט וועלכען מען טאר נישט חתונה האבען מיט א שוואגער. יוחנן המטביל האט געמאכט פארווירפע הורדוס׳ן וועגען זיין הייראטה, און דאריבער האט הערארדיאס בעשלאסען זיך אן איהם נוקם צו זיין. אין טאג פון איהר מאנס געבורטס-טאג האט זי אנגערעדט די טאכטער סאלאמע צו פערלאנגען פון פאטער אלס געשענק דעם קאפ פון יוחנן המטביל. הורדוס האט געטהון איהר רצון, און די טאכטער האט דערלאנגט דער מוטער יוחנן׳ס קאפ אויף א שיסעל.

צווישען די מענשען, וועלכע זענען געקומען צו יוחנן, כדי זיך טובל זיין אין ירדן, איז געווען יעזוס פֿון נאַזאַרעט. דער תּלמיד איז באַלד איבערגעוואַקסען דעם לעהרער און געגעבען דעם ערשטען אַנשטאָס צו אַ בעוועגונג, וועלכע האָט אַרומגעחאַפּט די גאַנצע וועלט און געמאַכט איין איבערקעהרעניש אין אַלע צווייגען פֿון דער מענשליכער קולטור. נאָך קיינמאָל האָט אַ מענש ניט גענאָסען אַזאַ געטליכע פֿערעהרונג יאָהרטויזענדער לאַנג ווי יעזוס, ער האָט פֿערטונקעלט מיט זיין גלאַנץ די איינגעהמער און גרינדער פֿון גרויסע מלוכות; יאָ, איינגעהמער אין גרינדער פֿון גרויסע מלוכות, העלדען און גרויסע גייסטער האָבען דעמיטהיג געבויגען פֿאַר איהם דעם קאָפּ.

יעזוס, אָדער ישו, דער קיצור פֿון ישוע, איז געבוירען אין נאַזאַרעט (נצרת), אַ שטעדטעל און ניעדער־גאַליליאַ, בערך 2 יאָהר פֿאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג. ער איז געווען דער בכור פֿון זיין פֿאָטער יוסף אין מוטער מרים, אָדער מאַריאַ. ער האָט געהאַט 4 ברידער: יעקב, יוסי, שמעון און יהודה און עטליכע שוועסטער. ער איז געווען אַ בעל־מלאכה, אַ צעשלער, אַזוי ווי זיין פֿאָטער. איינער פֿון די עלטעסטע קירכענפֿעטער, יוסטין דער מערטירער, (געב. אין 120 יאָהר) דערצעהלט, אַז אין זיין צייט האָבען זיך נאָך געפֿונען אַקערן, וועלכע זענען אויסגעאַרבייט געוואָרען מיט יעזוס'עס הענד. וועגען זיין ערציעהונג ווייס מען כמעט ווי גאָרנישט. די שטופֿע פֿון זיין בילדונג קאָן מען זיך נאָר משער זיין פֿון דעם אַלגעמיינעם בילדונגס־צושטאַנד אין גאַליליאַ. די גאַליליער זענען געווען ווייט פֿון בית־המקדש און דאַצו געשטערט געווען עולה רגל צו זיין קיין ירושלים דורך די סאַמאַריטאַנער, וועלכע האָבען געוואָהנט אויף דעם לאַנדפּאַס צווישען גאַליליאַ און יודעאַ, און דאַרום געשטאַנען פֿיעל ניעדריגער אין בילדונג און ידיעת התורה ווי די איינוואָהנער פֿון יודעאַ. ירושלים איז געווען דעם מיטעלפּונקט פֿון דער יודישער תורה.

דארט איז געווען דער ביהמ"ק, די סנהדרין און די לעהר־הייזער פון די גרויסע יודישע חכמים און דארט, צוזאמענקומענדיג זיך מיט זייערע חכמים און סופרים, כהנים און לויים, האט דאס פאלק געצויגען זיין גייסטיגע חיונה, און אויף אזא אויפ'ן גע־ווארען עדעלער און געבילדעטער. די גאלילעער אבער, וועלכע זענען זעלטענער געקומען קיין ירושלים, האבען ווענינער געהאט די געלעגענהייט צו נאשען דברי תורה פון די חכמים. אויסער־דעם האבען די גאלילער געלעבט אין שכנות מיט די סירער, פון וועלכע זיי האבען געלערנט אלערהאנד אבערגלויבענס. אין גאלילעא זענען געווען א סך דבוקים און געפלאגטע פון בעזע גייסטער, ווייל דארט האט מען ערקלערט די סבה פון יעדער קראנקהייט דורך רוחות רעות. דורך די נאהנטקייט פון סיריען איז דאס לשון פון די גאלילעער געווען פערדארבען און פערמישט מיט אראמעישע ווערטער. זייער אויסשפראכע איז אויך נישט געווען ריין און די יודען האבען דארום געלאכט פון זייער לשון.

מען דארף אבער נישט מיינען, אז די גאלילעער זענען געווען גראב און פערווילדעט אזוי ווי איינער היינטיגע צייט, וועלכער האט נישט גענאסען קיין שום הייליגע און שול־בילדונג. דאמאלס, אין יענע גוטע אלטע צייטען, און אפילו אויך היינט, אין די מזרח־לענדער, האט מען בעקומען אמתע בילדונג, ד. ה. פיינע זיטען און פראקטישע לעבענסוויזהייט נישט אין שולע, נאר אין געצעלט; דען יעדעס געצעלט איז געווען איין ארט אפענע אקאדעמיע, וואו עס פלעגען זיך צו־זאמענקומען די איינוואהנער פון ארט. די קליגע און די וואהל־ערצויגענע פלעגען דערצעהלען דברי חכמה און מעשיות, וואס זיי האבען געהערט פון זייערע עלטערן אדער וואס מיט זיי אליין האט פאסירט, און אויף אזא אופן לערנען און בע־לעהרט ווערען פון אנדערע. אין אזא מין אקאדעמיע האט אויך ישוע גענאסען זיין ערציעהונג. ער האט ווארשיינליך

געקאָנט לייענען, איז געווען בעקאַנט מיט דער תּורה שבכתב און געהאַט אומגאַנג מיט די חכמים און סופרים, ווייל אין זיינע רעדען בענוצט ער דיזעלבע אויסדריקען און בעווייזען, וועלכע זענען אָנגענומען ביי די חכמי-התלמוד.

אָבער וואָס עס איז יעזוס'ן אָפּגעקומען אין קענטעניסען, האָט ער געהאַט אין פולער מאָס אין גוטע מדות און מעשים. זיין ענוות און גוטסקייט דערמאָהנען אונז אָן הלל, וואָס זיין שפּרוך: „מה דעלך סני לחברך לא תעביד" (וואָס דיר איז נישט ליעב זאָלסט דו דעם צווייטען נישט טהון), האָט ער זיך געמאַכט צום יסוד פון זיינע לעהרען. גלייך ווי הלל האָט ער אויך געהאַלטען שלום פאַר דער גרעסטער מדה. ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט יענער מין פרומקייט, וועלכע היילינגט צו גאָט נישט נאָר געוויסע שטונדען אין לעבען ווי זמן קריאת-שמע ותפלה, נאָר ענטפערט זיך איבער צו גאָט מיט לייב און לעבען, מיט'ן גאַנצען הארץ, מיט דער גאַנצער זעעלע און איז מכוון צו איהם יעדער מעשה, יעדען שריט אין לעבען. דער עיקר איז ביי איהם געווען די כונה, מיט וועלכער די מצוה ווערט געטהון און נישט די צערעמאָניע אַליין. נישט די אויסערע-ליכסטע זייט פון דער מעשה איז וויכטיג ביי איהם, נאָר די אינעווענינגסטע — דער תוך.

יעזוס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט יענער ליעבע צום נעכסטען, וועלכע צייכענט אויס די יודישע תורה אין אַלע געבאָטען. אין דער מדה צו פערשווייגען יעדע עולה, וואָס מען האָט איהם געטהון, האָט ער, ווי עס שיינט, דערגרייכט די גרעסטע מדרגה; אין זיינע בערג-רעדען געפינען מיר איין אָבקלאַנג פון יענע תלמודישע סענטענצען (שבת פ"ח ע"ב): „רעכנען זיך צו די אונטערדריקטע און ניט צו די אונטערדריקער, הערען אויס זידלערייע און ענטפערן נישט, טהוען אַלעס אויס ליעבע צו גאָט און פרעה זיך פון די ליידען". יעזוס האָט אויך, ווי עס שיינט, געהאַט איין סימפּאַטישעס אויס-

זעהען, וועלכעס האט צו איהם צוגעצויגען אַלע הערצער.

נאָך זיין גאַנצער נאטור האט עס יעזוס'ן געמוזט ציהען צו די אסיים, וועלכע האבען זיך אויך אָבגעזאָגט פון דער וועלט אין געווידמעט זייער גאַנץ לעבען צו דיענען גאָט. דאַרום אַלס יוחנן המטביל האט גערופען דאָס פאָלק צו טבילה אין ירדן, צו תשובה און צוגרייטונג צום מלכות שמים, איז יעזוס אויך צו איהם געקומען. אויפ'ן ברעג פון ירדן האט יעזוס דערזעהען אַ וואונדערבאַר בילד, ווי איין מענש בעהערשט הונדערטער, טויזענדער מענשען נישט דורך זיין שטאַרקייט אָדער רייכקייט, נאָר דורך זיין גייסט. דאָס האט געמאַכט איין אָנגעהויערען איינדרוק אויף יעזוס, און ער האט בעשלאָסען אַליין צו ווערען אַ פאָלקסרעדנער.

ז.

יעזוס לעהרען.

יעזוס אידעען און לעהרען. — דאָס מלכות שמים אַלס הערשאַפט פון די אָרעמע. — דאָס צוטיילען פון פערמעגען. — דער בטחון אויף גאָט. —

חאָטש עס איז נישטאָ קיין בעווייזען, אַז יעזוס איז איינגעטרעטען אין כת פון די אסיים, דאָך זעהט מען קלאָר פון זיינע רעדען און זיינע מעשים, אַז ער האט אָנגענומען די פּרינציפּען פון דער עססעיִשער לעהרע. אַזוי ווי די עססעער האט יעזוס געשטעלט זעהר הויך די פרייוויליגע אָרעמקייט, ד. ה. מען זאָל פערנאַנדערטהיילען זיין פערמעגען די אָרעמע און אַליין בלייבען אָרעם. ער האט געזאָגט: זעליג זענען די אָרעמע, דען זיי וועלען בעקומען דאָס הימעלרייך (מלכות שמים) (לוק' ו' כ'). לייכטער איז, אַז אַ קאַמעל זאָל דורכקריכען דורך איין נאָדעלאויער, אַדער איין רייכער זאָל קומען אין הימעלרייך ([illegible]

יט כג–כד). מען קאָן נישט דיענען צוויי העררען: גאָט און דעם מאַממאָן (דער גאָט פֿון רייכקייט) (מתי' ו' כד). זאַמעלט אייך נישט אוצרות אויף דער ערד, וואָס ווערעם און ראָסט צעפרעסען זיי, און גנבים קאָנען זיי אַוועקנעהמען, זאַמעלט אייך ליעבער אוצרות אין הימעל (מתי' ו' י"ט–כ"א). פֿערמאוסענדיג די הבלי העולם הזה, האָט יעזוס געוואָרנט זיינע אָנהענגער מיט די ווערטער: זאָרגט נישט פֿאַר אייער לעבען, וואָס איהר וועט עסען און טרינקען; אויך נישט פֿאַר אייער לייב, וואָס איהר וועט אָנקליידען. זעהט די פֿעגעל אונטער'ן הימעל: זיי זעען נישט, זיי שניידען נישט, זיי זאַמעלען נישט אין די שייערען און אייער הימלישער פֿאָטער שפּייזט זיי דאָך. זייד איהר דען נִיט פֿיעל מעהר ווי זיי? און וואַרום זאָרגט איהר פֿאַר די קליידונג? זעהט די ליליען אויפ'ן פֿעלד, ווי זיי וואַקסען, זיי אַרבייטען נישט און שפּינען נישט. איך זאָג אייך, אַז שלמה המלך מיט זיין גאַנצער פּראַכט איז נישט געווען אַזוי געקליידעט ווי איינע פֿון די בלומען. ווען גאָט בעקליידט אַזוי דאָס גראָז אויף דעם פֿעלד, וואָס היינט וואַקסט עס און מאָרגען ווערט עס אַריינגעוואָרפֿען אין אָווען, מכל־שכן אייך, איהר קליינגלויביגע! דאַרום זאָלט איהר נישט זאָרגען און זאָגען: וואָס ווערלען מיר עסען? וואָס ווערלען מיר טרינקען? וואָס ווערלען מיר אָנטהון? וועגען דעם אַלעם טראַכטען די געצענדיענער; דען אייער הימלישער פֿאָטער ווייס, אַז איהר בעדאַרפֿט דאָס אַלעם. טראַכט פֿאַר אַלעם וועגען מלכות שמים און וועגען גאָטס גערעכטיגקייט, וועט אייך שוין אַלעם אַריינקומען. דאַרום זאָרגט נישט פֿאַר דעם נעכסטען מאָרגען, דען דער מאָרגיגער טאָג וועט פֿאַר זיך אַליין זאָרגען! עס איז גענוג, דאָס יעדער טאָג האָט זיין צרה (מתי' ו' כ"ה–ל"ד. סוטה מ"ח, ע"ב). געלדגייץ איז געווען ביי יעזוס און זיין קליינע געזעלשאַפֿט איין הויפּטזינד (לוק' י"ב–ט"ו). אָבער מען מוז וויסען אַז „געלדגייץ" האָט ביי איהם געהייסען אפילו די ליעבשאַפֿט צום אייגענטום. די

ערשטע בעדינגונג צו ווערען יעזוס תלמיד איז געוועזען צו פער־קויפען דאס פערמעגען און אוועקצוגעבען דאס געלד ארעמע לייט. די דאזיגע, וועלכע האבען עס נישט געוואלט טהון, האבען נישט געהאט קיין צוטריט צו יעזוס געמיינדע (מתי׳ י״ט, כ״א).

דער בטחון אויף גאט, וועלכען מיר געפינען ביי יעזוס׳ן און זיין געמיינדע, איז נישט געוועזען יענער בטחון אוים פער־צווייפלונג, וועלכער, אבטהוענדיג אלעס וואס עס איז נאר מעגליך, פערלאזט זיך אויף גאט, אז ער וועט מסתמא ארוים־העלפען פון דער נויט. ניין, דאס איז געוועזען א קינדערשער בטחון פון רוהיגקייט און זארגלאזיגקייט, וואס איז מעגליך געוועזען נאר אין די אלטע גוטע צייטען און אין אזא געבענטשט לאנד ווי גאלילעא. אין דער צייט פון יעזוס איז גאלילעא געוועזען זעהר פרוכטבאר, רייך אן ביימער און גרינע פעלדער — דאס אמת׳ע היים פון שיר־השירים און ליעבעס־ליעדער. דאס לאנד, וואס איז היינט אין די הענד פון די מאחמעדאנער אזוי וויסט און פערוואהרלאזט, איז דאמאלס געוועזען פרעהליך און רייצענד. חאטש אויסער טבריה איז דארט נישט געוועזען מעהר קיין גרויסע שטעדט, איז עס דאך געוועזען שטארק בעזעצט און בעארבעט אין אלע טהיילען. פון די געבליבענע חורבות דערקענט מען, אז עס האט דא געוואהנט איין פלייסיג פאלק פון ערדארבייטער, וועלכעס האט נישט געזוכט קיין מותרות, נישט געוואוסט פון קונסט און אויסערע שענקייט, אבער דאפאר געוועזען איבערגעבען די געדאנקען וועגען גאט און א הייליג לעבען. אין אזא לאנד זענען נישט נייטיג קיין מותרות, ווייל מען האט הנאה פון לעבען אליין. די וואהנונגען האט מען נישט געדארפט פוצען און שען מעבליערען, ווייל מען האט געליעבט מעהרסטענטהיילס אויפ׳ן גאס און אויפ׳ן פעלד. די קרעפטיגע און רעגעלמעסיגע שפייזען, וועלכע מען עסט אין די קאלטע לענדער, וואלטען דארט געוועזען צו שווער און אונאנגענעהם. די ארבייט איז אויך נישט געוועזען שווער, ווייל די ערד האט אלעס ארויסגעבראכט אין איבערפלוס

אָהן מיה און מאַטערניש. אין אַזאַ לאַנד האָט מען טאַקי געקענט לעבען אָהן זאָרג, מיט בטחון און טראַכטען וועגען מלכות שמים אויף דער ערד.

VI.

יעזוס טהעטיגקייט.

יעזוס ארויסטרעטען אין זיין געבורטס'שטאדט. — אין כפר־נחום און דער אומגעגענד. — זיינע תלמידים און אנהענגער. — זיין ווירקונג אויף זיי.

צוריקקעהרענדיג פון דער טבילה אין ירדן, איז יעזוס צום ערשטען אַרויסגעטרעטען אין זיין געבורטס־שטאָדט נאַזאַרעט. אָבער דאָרט, וואו מען האָט איהם געקענט פון קינדוויים אויף, וואו מען האָט געקענט זיין גאַנצע פאַמיליע, האָבען זיינע דרשות ניט געהאַט קיין ווירקונג. אַלס ער האָט איינמאָל געדרשט וועגען תשובה, האָבען די צוהערער געפרעגט איינער דעם אַנדערען: איז דאָס ניט דער זוהן פון יוסף דעם צימערמאַן? מען האָט איהם געזאָגט שטעכווערטליך: דאָקטאָר, היילט דיך אַליין פריהער! זיינע קרובים האָבען גאָר געזאָגט, אַז ער איז אַראָפּ פון זינען (מאַרק' ג' כ"א). יעזוס איז געווען בעז דאַרויף און געזאָגט: דער נביא גילט ניט אין זיין פאָטערלאַנד (מתי' י"ג נ"ז). פון זיין פאָטער און זיינע קרובים האָט ער זיך אין גאַנצען דערווייטערט, האַלטענדיג אַז „גייסטיגע פערוואַנדשאַפט איז וויכטיגער ווי נאַטירליכע".

ניט קוקענדיג אויף דער שלעכטער בעהאַנדלונג פון זיינע קרובים און שטאָדטלייט, איז יעזוס ניט אַראָבגעפאַלען ביי זיך און ווייטער אַרויסגעטרעטען אין דעם שטעדטיל כפר־נחום (Kapernaum) ביי דעם מעריב־ברעג פון ים־טבריה.

אין כפר=נחום האט יעזוס געהאט א בעסערע אויפנאהמע ווי אין זיין געבורטס=שטאדט, און פון דאנען האט ער געמאכט אפטע רייזען אין די קליינע שטעדליך און דערפלעך ארום. די איינוואהנער פון כפר=נחום פלעגען זיך צונויפקומען נאר אים שבת אין שוהל. יעדעס שטעדטיל האט דאמאלס געהאט איהר שוהל (בית הכנסת), וועלכעס איז געווען צוגלייך דער פערזאמלונגס=ארט. דאס איז געווען איין פיערעקיגער בנין מיט א פארהאלע, פערציערט מיט גריכישע זיילען. אינעווענדיג זענען געווען איינפאכע בענק, א בימה און איין ארון קדש, ווי אין די היינטיגע שוהלען אהן שום פוץ און גרויסארטיגקייט. ווייל אויסער דעם בית המקדש איז נישט געווען קיין כהנים און קרבנות, איז דער גאנצער גאטעסדיענסט בעשטאנען אין דעם, וואס דער חזן=הכנסת האט נאך די קורצע תפלות פארגעלייענט די פרשה און הפטרה פון דער וואך און געהאלטען דערנאך א דרשה, וועלכע האט זיך בעצויגען אויף זיי. פארלייענען די תורה און האלטען דרשות, ד. ה. פערנעהמען די שטעלע פון חזן=הכנסת, האט געקאנט יעדער איינציגער פון דער געמיינדע, און יעזוס איז אויך ארויסגעטרעטען אין שוהל און געהאלטען זיינע דרשות וועגען מלכות=שמים און שותפ׳דיגען פערמעגען. אין כפר=נחום איז געווען א גרעסערער געגענזאץ צווישען די איינוואהנער לויט זייער פערמעגענס=צושטאנד. עס זענען געווען מעהר רייכע, אנגעשטאפט מיט גוטס, און מעהר ארעמע, וואס האבען נישט געהאט אגראשען ביי דער נשמה, און דארום זענען יעזוס ווערטער גיכער אריין אין אויער. פיעל מענשען פון דער נידריגער קלאסע זענען צוגעשטאנען צו איהם און איהם נאכגעגאנגען. פון זיינע ערשטע תלמידים אין כפר=נחום זענען בעקאנט: שמעון קעפאס אדער פעטרוס און זיין ברודער אנדרעאס, די זיהן פון יונה,ביידע פישער; אויסערדעם די צוויי זיהן פון זבדי, יעקב און יוחנן, אויך איין רייכער מוכסן מתתיה אדער לוי. אין דעם הויז פון מתתיה האט יעזוס אפט געווייּלט און פער=

קעהרט מיט פערשידענע מענשען פון נידעריגען קלאַס. צו זײַנע אָנהענגער האָבען אויך געהערט פרויענצימער מיט נישט קיין גוטען שם, פון וועלכע איז בעקאַנט: מאַריאַ מאַגדאַלענאַ (פון דער שטאָדט מאַגדאַלאַ בײַ טבריה). יעזוס האָט די דאָזיגע נפשות אַרויפגעפיהרט אויפ׳ן דרך הישר. אַלס מען האָט איהם געפרעגט, פאַר וואָס ער חבר׳ט זיך מיט אַזאָלכע לײַט, האָט ער געענטפערט, אַז נאָר קראַנקע ברויכען די הילף פון אַדאָקטאָר (מתי׳ ט׳, י״ב). יעדענפאַלס איז עס דאַמאָלס געווען איין אונערהערטע זאַך, אַז אַ יודישער חכם זאָל פערקעהרען מיט פרויען און נאָך מיט פרויען וואָס האָבען איין בעפלעקטען נאָמען.

און יעזוס האָט פערשטאַנען ווי צו ווירקען אויף די דאָזיגע זינדער, מוכסים און געפאַלענע פרויען דורך זײַן וואָרט און בײַשפּיעל, ווי אָנצופילען זײַער האַרץ מיט ליעבע צו גאָט און ווי צו פערבעסערען זײַער אויפפיהרונג דורך דעם צוזאָג אַרײַנצוקומען אין מלכות שמים. דאָס איז געווען דאָס גרעסטע וואונדער, וואָס יעזוס האָט בעוויזען, דאָס איז געווען די קראַנקע, וואָס ער האָט געהײַלט, די טוידטע וואָס ער האָט געמאַכט לעבעדיג, דען אַ זעעלען־אַרצט, וואָס הײַלט דעם נפש, שטעהט פיעל העכער ווי אַ בעל־מופת, וואָס הײַלט דעם גוף. יעזוס האָט פאָר אַלעם געלערנט די מדות פון עניוות, פערציהונג, באַרמהערציגקייט, פרײַנדליכקייט און זעלבסטפערלייגונג. הלל׳ס שפּרוך: „וואָס עס איז דיר אונליעב, זאָלסטו אויך אַנדערע נישט טהון״, איז איהם געווען צו וועניג; ער האָט פערלאַנגט מעהר: ווען איינער גיט דיר אַ פּאַטש אויף איין באַק, זאָלסטו איהם אויפשטעלען די צווייטע. ווען איינער וויל דיר נעהמען דעם ראָק, זאָלסטו איהם לאָזען אויך דעם מאַנטעל (מתי׳ ה׳ ל״ט; לוק׳ ו׳ כ״ט; איכה ג׳ ל׳). האָט ליעב אײַערע פײַנדע, בענשט די, וואָס פלוכען אײַך, טהוט גוטעס די, וואָס האַסען אײַך, בעטעט פאַר די, וואָס בעליידיגען און פערפאָל־

גען אייך (מתי׳ ה׳ מ״ד; לוק׳ ו׳ כ״ז; שבת פ״ח ע״ב; יומא כ״ג ע״א), ריכטעט ניכט, כדי איהר זא׳ט ניכט געריכטעט ווערען. פערגעבט און עס וועט אייך פערגעבען ווערען. זייד בארמהערציג, דען אייער פאטער איז אויך בארמהערציג (מתי׳ ז׳ א׳; ׳וק׳ ו׳ ל״ז; כתובות ק״ה ע״ב). די רייכע האט ער גע־לערנט, זיי זאלען טהון צדקה מיט אזא צניעות, אז די לינקע האנד זאל ניכט וויסען וואס די רעכטע טהוט (מתי׳ ו׳ ג׳). די צביעות פון געוויסע לייט, וועלכע דאוונען ניכט פון הארצען, נאר כדי אנדערע זאלען זעהען, האט איהם אויפגע־רעגט און ער האט געזאגט: זיי האבען שוין זייער לוין בעקומען; דו אבער, ווען די בעטעסט צו גאט, זאלסטו ניכט נאכטהון די צבועקעס, וועלכע שטעהען און בעטען אין די שולען און ביי די שטראסען־עקען, אז לייט זאלען זיי זעהען. ווען דו ווילסט בעטען, זאלסטו געהן אין דיין קאמער און צושליסען די טהיר; בעט צו דיין פאטער אין פערבארגענעם, און דער פאטער, וועל־כער זעהט דאס פערבארגענע, וועט דיך הערען. און ווען איהר בעטעט זאלט איהר ניכט פיעל רעדען, ווי די געצענ־דינער, וועלכע מיינען, אז אויב זיי זאגען פיעל ווערטער ווערען זיי גיכער געהערט; אייער פאטער ווייס וואס איהר בע־דארפט נאך איידער איהר בעט וועגען דעם (מתי׳, ו׳ ה–ח׳).

ע.

יעזוס׳ס פערהאלטען צו דער יודישער תורה.

יעזוס האט ניכט מבטל געווען נאר מקיים געווען די תורת. אין וואס איז ער געווען מחולק מיט די פרושים. — די הויפט־פונקטען פון זיין לעהרע.

אויפטהון עפעס נייעס אין דער יודישער תורה אדער גאר די מבטל זיין, האט יעזוס קיינמאל ניכט געקלערט, ער האט

נאָר געוואָלט ערלען די הערצער און אָנווייזען דעם וועג אין מלכות שמים. די איינהייט פֿון גאָט (יחוד השם) האָט ער אויס־דריקליך בעטאָנט און נישט געוואָלט משנה זיין אין דעם אפילו איין האָר. אלס עס האָט איהם אַמאָל איינער געפֿרעגט, וואָס איז דער סענס פֿון יודישקייט, האָט ער געענטפֿערט: שמע ישראל ד׳ אלהינו ה׳ אחד, ואהבת לרעך כמוך — דאָס זענען די הויפּט־געבאָטען (מארק י״ב, כח—לג). אלס איינער האָט זיך געווענדעט צו איהם מיט די ווערטער: „גיטיגער לעהרער״, האָט איהם יעזוס בעמערקט: רוף מיך נישט גוטיגער, נאָר איינער איז גיטיג, מיין פֿאָטער אין הימעל (מתי׳ י״ט ט״ז—י״ז). זיינע תלמידים, וועלכע זענען טריי געבליעבען דעם יודענטום, געבען איבער פֿון זיין נאָמען די ווערטער: איך בין נישט געקומען דאָס געזעץ צו פֿערמינדערען אָדער צו פֿערמעהרען, גיכער וועט הימעל און ערד פֿערגעהן, איידער איין אות פֿון געזעץ (מתי׳ ה׳ י״ז—י״ט; שבת קט״ז, ע״ב). שבת האָט ער געוויס אָבגעהיט, דען מיר געפֿינען, אַז זיינע תלמידים, וועלכע זענען נישט אוועק פֿון יודישקייט, האָבען שטרענג אָבגעהיט שבת — וואָס דער פֿאַל וואָלט נישט געווען, ווען זייער לעהרער וואָלט נישט האַלטען שבת. וועגען קרבנות האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט אין דעם זין, אַז איידער מען בעט איבער גאָט, דאַרף מען פֿריהער איבערבעטען דעם מענשען (מתי׳ ה׳ כ״ג). ער האָט געטראָגען ציצית אין זיין קלייד (מתי׳ ט״ז, ל״ו). זיין בעזונדערע תפלה „פֿאָטער אונזער״ איז בלויז אַ פֿערקירצטער נוסח פֿון דער 3־טער, 5, 6, 9 און 15־טער ברכה פֿון שמונה־עשרה. ער איז געווען אַזוי גאַנץ אַ יוד מיט אַלע פֿאַסטעמפּקעס, אַז ער האָט גלייך ווי די יודען פֿיינד געהאַט די געצענדיענער, ד. ה. די רעמער, די בעדריקער פֿון פֿאָלק, און די סיריער און גריכען, זייערע אונטער־העלפֿערס, — און נישט געוואָלט האָבען קיין שום מגע־ומשא מיט זיי. מען זאָל נישט וואַרפֿען דאָס הייליגע די הינד, די פּערלען — די שווינען, כדי זיי זאָלען עס נישט צוטרעטען מיט

די פים און פערניכטען. (מתי׳ י״א ב׳). זיינע תלמידים האט ער אנגעזאגט, צו ווענדען זייער אויפמערקזאמקייט נאר אויף די פערלוירענע קינדער פון ישראל (מתי׳ י׳ ה—ו), און פערבאטען זיי צו בעזוכען געצענדיענער אדער סאמאריטאנער. איבער דעם זעלבען טעם האט ער זיך אנפאנגס אבגעזאגט צו היילען די פעניציאנישע פרוי פון־צור (מתי׳ ט״ז כ״א—כ״ז; מארק ז׳ כ״ח). וועגען תחית המתים און עולם הבא האט יעזוס געלערנט גלייך מיט די פרושים, אז דער גוף וועט אויפשטעהן פון טוידט און לעבען אויפ׳ם ניי אין דער וועלט. דאן וועט געגרינדעט ווערען א נייע ארדנונג—די צוקינפטיגע וועלט (עולם הבא).

דאך אין איינצעלנע פונקטען האט יעזוס נישט מקיים געווען די מצוות לויט דער ערקלערונג פון די חכמי התלמוד. בעת יוחנן המטביל׳ס תלמידים האבען געפאסט, האט ער זיך אבגעזאגט צו פאסטען (מארק ב׳ י״ח). ער האט ערלויבט זיינע תלמידים צו רייסען זאנגען אים שבת (ב׳ כ״ג—כ״ח) און אליין געהיילט קראנקע אים שבת, בעת די פרושים האבען מתיר געווען צו היילען נאר, ווען עס איז פארהאן סכנת נפשות. אויף גרינגערע זאכען, ווי עסען אהן נטילת ידים האט ער נישט מקפיד געווען. ער האט געזאגט, אז הייראטען דארף מען אויף אייביג און נישט זיך גט׳ן (מארק י׳ ב׳—י״ב). אויסער אין די דאזיגע פונקטען האט יעזוס גאר נישט משנה געווען אין דער תורה. ער האט פערקעהרט בפירוש אנגעזאגט דעם פאלק, וועלכער האט זיך געווענדט צו איהם, אז זיי זאלען טהון אלעם וואס די פרושים און סופרים הייסען, חאטש אין דער אויפפיהרונג דארפען זיי נישט גלייך זיין צו זיי (מתי׳ כ״ג ג׳), אויסערדעם דארף מען נישט פערגעסען, אז אין יעזוס צייט איז די יודישע הלכה (דינים) נאך געווען אין צושטאנד פון ענטוויקעלונג; די דינים און מצוות האבען נאך נישט געהאט קיין אבגעשלאסענעם אונפערענדערליכען חאראקטער, ווי שבעטער נאכ׳ן אבשלוס פון תלמוד (חתימת התלמוד); פערקעהרט פערשידענע שולען ווי

בית=שמאי און בית=הלל זענען געווען מחולק אין א סך דינים, און דאס פאלק האט געהאלטען אין איינינע זאכען מיט בית=שמאי און אין אנדערע מיט בית=הלל, אזוי אז אויב יעזוס האט אפילו יא עובר געווען אויף א געוויסען דין, האט ער עס מעגליך געטהון, ווייל ער איז אין דער זאך געווען מחולק מיט די פרושים אדער מיט א געוויסער שולע.

שטעהענדיג פעסט אויפ'ן באדען פון יודענטהום, האט יעזוס באין אופן נישט געוואלט שליעסען א נייען בונד אדער גאר גרינדען א נייע רעליגיאן. די הויפט=פונקטען פון זיין לעהרע, וועלכע מיר געפינען אויך ביי יוחנן המטביל זענען: א) תשובה; ב) דאס באלדיגע אנקומען פון מלכות שמים. די קריסטליכע טהעאלאגען רעכנען נאך איין פונקט, נעמליך: די לעהרע וועגען גאט'ס פאטערשאפט. אבער דער נאמען גאט=פאטער קומט אזוי אפט פאר אין די יודישע תפלות און ליטעראטור, אז עס איז איבריג צו ברענגען ראיות, אז דער נאמען איז אריין יודישער אויסדרוק. וואס עס איז נוגע צו תשובה און מלכות שמים איז בעקאנט, אז דאס יודענטום לעגט פון אייביג אן מעהר געוויכט אויף תשובה ווי דאס קריסטענטום; דער אויסדרוק וויעדער „מלכות=שמים" איז אריין יודישער און קומט אפטמאל פאר אין תלמוד. ווי עס שיינט, האט יעזוס גלייך מיט זיינע ציישגענאסען געגלויבט, אז אין גיכען וועט די וועלט חרוב ווערען און אויף איהרע חורבות וועט אויפשטעהן דאס מלכות שמים, דאס הימעלרייך, וואו עס וועלען הערשען גערעכטיגקייט און ווארהייט.

VIII.

יעזוס'ס מופתים און משיח'שאפט.

דאס היילען פון קראנקע און ארויסטרייבען רוחות רעות. — יעזוס איז מגלה זיינע תלמידים, אז ער איז משיח. — יעזוס צונעמען: בן-אדם און בן-אלהים. — ווי האט ער זיך פארגעשטעלט די גאולה.

אבער דורך בעלעהרונג אליין וואלט יעזוס שווערליך בעקומען אזא גרויסע מאכט איבער'ן פאלק, ווען עס וואלט נישט צוגעקומען עטוואס אויסערגעוועהנליכעס, וואס האט ביי אלעמען ארויסגערופען בעוואונדערונג און בעגייסטערונג. באלד אין אנהויב פון זיין טהעטיגקייט האט יעזוס ארויסגעוויזען א וואונדערבארע קראפט צו היילען קראנקע. ער האט געזונד געמאכט איין פיבער-קראנקען, איין מצורע, איין פאראליטיקער און איין עפילעפטיקער, אבער בעזונדערס האט ער זיך אויסגעצייכענט דאמיט, וואס ער האט געהיילט נערווען- און גייסטעס-קראנקהייטען, אדער ווי מען פלעגט עס דאמאלס אנרופען: „ארויסטרייבען רוחות-רעות". מען האט אין יענער צייט געגלויבט נישט נאר אין יהודה, נאר אויך אין דער גאנצער וועלט, אז די רוחות-רעות (דעמאנען) חאפען זיך אריין אין מענשליכען גוף און נויטיגען איהם צו טהון זאכען געגען זיין ווילען. דער שר אשמדאי (ביי די פערסער — אשמא-דאעווא) איז גערעכענט געוועזען פאר די סבה פון אלע היסטערישע קראנקהייטען ביי פרויען. עפילעפסיע, ווידער און גייסטעס-קראנקהייטען, ביי וועלכע די קראנקע פערליערען דאס בעוואוסטזיין, זאלען ווערען ארויסגערופען דורך אנדערע מיני שדים. יעזוס האט נאטירליך, נישט ווייניגער ווי אנדערע, געגלויבט אין די אלע זאכען און אויך אין דעם, אז דורך גלויבען און געבעט קריגט דער מענש די מאכט

איבער דער נאַטור, און האָט טאַקי מיט די דאָזיגע מיטלען
גענומען היילען קראַנקע און אַרויסטרייבען רוחות=רעות. אויף
דעם המון האָבען נאַטירליך יעזוס וואונדער געמאַכט אַ טיפען
איינדרוק ווי זיינע הויכע לעהרען און דְרָשות.

עס איז שווער צו בעשטימען, וויעפיעל אמת עס איז
פאַרהאַן אין די מעשיות וועגען יעזוס היילונגען, אָבער דאָס
קאָן מען האַלטען פאַר ריכטיג, אַז די גייסטיגע אויפרעגונג, וואָס
יעזוס האָט מיט זיין פערזאָן אַרויסגערופען ביי די קראַנקע, האָט
פיעל מאָל געווירקט, אַז די גייסטעס=אָדער נערווען=קראַנק=
הייטען זענען טיילווייז אָדער אויף אַ צייט בעסער געוואָרען.
דאָס איז געווען גענוג צו בעפעסטיגען יעזוס'ס תלמידים און דאָס
פאָלק אין זייער גלויבען, אַז יעזוס בעזיצט איין איבערנאַטיר=
ליכע קראַפט. אין זייערע אויגען האָט אויסגעזעהען, אַז יעזוס
האָט די געוואַלט איבער רוחות=רעות, וועלכע שאַדען דעם
מענשען און אַז זיין וואָרט ווירקט ווי אַ געטליך וואָרט. דאָס
אַלעס האָט נאָך מעהר צוגעבונדען צו איהם דאָס פאָלק, און
די צאָהל פון זיינע אַנהענגער איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג.

איינמאָל האָט יעזוס בעשלאָסען צו ענטדעקען זיינע מקורבים
דעם ציעל פון אַלע זיינע געדאַנקען. ער האָט זיי אַרויסגעפיהרט
אין אַ פערוואָרפענע געגענד ביים פוס פון באַרג חֶרמון, נישט
ווייט פון צעזאַרעאַ פיליפפי, דאָרט וואו דער ירדן גיעסט זיך
אַרויס פון אונגעהויער גרויסע פעלזען. ער האָט עס אָבער
געמאַכט אויף אַזאַ אופן, אַז די תלמידים זאָלען איהם אַרויס=
זאָגען פון מויל דעם געדאַנק, אַז ער איז דער ערוואַרטעטער
משיח. ער האָט זיי געפרעגט, פאַר וועמען זיי האַלטען איהם.
איינינע האָבען געזאָגט, אַז ער איז אליהו הנביא, דער אַנקינ=
דיגער פון משיח; אַנדערע ווידער, אַז ער איז דער נביא,
וועלכען משה רבינו האָט צוגעזאָגט. דערנאָך האָט ער געפרעגט
די נאָהענטע תלמידים: פאַר וועמען האַלט איהר מיך? שמעון
פעטרוס האָט געענטפערט: דו ביסט עס דער משיח (קריסטוס

אויף גריכיש). יעזוס האט מודה געווען, אז ער איז עס טאקי משיח, נאר פערבאטען די תלמידים מגלה צו זיין די זאך און איבערהויפט צו רעדען דאפון (מתי' ט"ז, י"ג—כ). אלס מיט עטליכע טעג שפעטער האבען איהם איינינע בעמערקט, אז פאר משיח דארף דאך קומען אליהו הנביא און אנזאגען זיין בעוויזען זיך, האט ער זיי מרמז געווען, אז יוחנן המטביל איז געווען אליהו הנביא, חאטש ער האט זיך נישט אויסגעגעבען פאר איהם.

צו יעזוס האט שוין לאנג גענעהרט דער געדאנק טיעף ביי זיך אין הארצען אדער ער איז געקומען אויף איהם ערשט שפעטער, אלס ער האט געזעהען, אז ער איז מצליח אין זיין ארבייט? — דאס איז אפראגע, אויף וועלכע מען וועט קיינמאל נישט האבען קיין ריכטיגע אנטווארט. ריכטיג איז דאך, אז חאטש יעזוס האט שוין געהאט מגלה געווען זיינע תלמידים, אז ער איז משיח, האט ער זיך פונדעסטוועגען קיינמאל נישט אנגערופען מיט דעם נאמען. ער האט געברויכט אנשטאט איהם אנדערע אויסדריקען, וועלכע זענען וואהרשיינליך געווען אנגענומען ביי די אסיים, ווי בר=_ש (מענשענ=זאהן) אדער בן=אלהים (זאהן פון גאט), וועלכעס איז מרמז אויף תהלים ב', ז': —ה' אמר אלי בני אתה, אני היום ילדתיך — גאט האט געזאגט צו מיר: דו ביזט מיין זוהן, איך האב דיך היינט געבוירען. צי האט יעזוס בענוצט דעם אויסדרוק אין ווערטליכען זין אדער אנשטאט משיח, וועגען דעם האט ער זיך — וויעפיעל מיר וויסען — קיינמאל נישט דייטליך ערקלערט, אפילו שפעטער, בשעת מען האט איהם וועגען דעם גענומען צום פערהער און פעראורטיילט צום טוידט. זיינע אנהענגער אליין זענען געווען מחולק וועגען דעם זין פון דאזיגעןווארט, און דאפון איז טאקי שפעטער ארויסגעקומען א שפאלטונג אין פערשיעדענע פארטייען.

ווי אזוי האט יעזוס גערעכענט אויסצופיהרען זיין שליחות (מיססיאן) אלס משיח? וועגען דעם געפינען מיר נישט קיין שום ידיעות אדער רמזים. געוויס האט ער דאבי געהאט אין זין

נאר זיינע אייגענע ברידער און נאר זיי האט ער געוואלט אויס-לייזען, זיי פון זייערע זינד, זיי פון גוי'שקען יאך. וועגען דער וועלט פון די געצענדינער האט ער וועניג געטראכט. ווי עס שיינט, האט ער זיך פארגעשטעלט די גאולה אויף דעמזעלבען אופן, ווי אלע יודען האבען זי דאמאלס אויסגעמאלט: ווען דאס יודישע פאלק וועט דורך תשובה און מעשים טובים גערייניגט ווערען פון זיינע זינד און דערגרייכען א הויכע מדרגה, דאן וועט גאט שיקען זיין געזאלבטען, כדי צו בעפרייען זיי פון דעם רעמישען יאך, צוזאמענצוקלויבען די צוזייעטע און צושפרייטע פון אלע עקען וועלט און אויפצוריכטען דעם טראן פון מלכות בית דוד. דאס אנקומען פון משיח וועט אנגעקינדיגט ווערען דורך אותות ומופתים, דורך בליצען און דונערען, ווי אמאל אויפ'ן בארג סיני דאס געבען פון דער תורה. דאן וועלען די טוידטע אויפשטעהן פון זייערע קברים, און משיח וועט האלטען געריכט איבער די רשעים און צדיקים.

IX.

די רייזע קיין ירושלים.

יעזוס איז עולה-רגל קיין ירושלים. — ווי ער איז געוואָרען אויפגענומען אין ירושלים. — זיין פערהעלטניס צו די כהנים. — זיין צוזאמענשטויס מיט זיי. — די שאלות, וועלכע מען האט איהם פארגעלעגט און זיינע תשובות.

ווי מיר האבען דערצעהלט, האט יעזוס אנגעזאגט זיינע תלמידים, צו אויס ענִיוּת, צו אויס מורא פאר'ן לאנדפירסט פון גאלילעא (טעטראך), נישט מגלה צו זיין, אז ער איז משיח. אבער ווי עס שיינט, האבען די תלמידים נישט איינגעהאלטען דעם סוד. ווען דער עולם איז דאפון געוואהר געווארען, האבען זיי געהאפט אויף אותות ומופתים, וועלכע האבען זיך נישט

בעוויזען. יעזוס האט אויסגעמידען צו ענטפערען אויף די פראגען, וועלכע מען האט איהם פארגעלעגט וועגען זיין משיח׳שאפט. פיעלע פון זיינע אנהענגער זענען דארום פון איהם אבגעפאלען. אויב יעזוס האט געוואלט בלייבען ביי זיין כבוד און ביי דער ראלע, וועלכע ער האט זיך פארגענומען צו שפיעלען, האט ער געמוזט אויפטהון אזעלכעס, וואס זאל פערשטאפען די מיילער זיינע פיינד און בעווייזען קלאר פאר דער גאנצער וועלט, אז ער איז דער אמת׳ער משיח, בדאי אומצוקומען דאביי. מען האט גערעכענט, אז ער וועט באלד געהן קיין ירושלים, כדי דארט צו בעווייזען וואונדער און עפענטליך ארויסצוטרעטען אלס משיח.

עס איז געקומען דער פאר-פסח פון 29-טען יאהר און יעזוס האט בעשלאסען עולה רגל צו זיין קיין ירושלים צוזאמען מיט זיינע תלמידים. ווי עס איז געוועזן דאמאלס דער מנהג פון די עולי רגל, האט ער אויסגעמיעדען סאמאריא און געמאכט איין אומוועג איבערן עבר הירדן, כדי נישט צוזאמענצוקומען מיט די סאמאריטאנער — די שונאי ישראל. קומענדיג איבער יריחו קיין ירושלים, איז ער נישט אריין אין שטאדט, נאר בעזעצט זיך אין דארף בעטהאניען, אנדערטהאלבען שטונדען וויט פון ירושלים, אין הויז פון שמעון דעם מצורע.

אין ירושלים האט יעזוס אנקומען נישט געמאכט קיין גרויסען רושם. ירושלים האט פערמאגט אזוי פיעל אנפיהרער פון שולען, פארטייען און סעקטען, אז זעהען נאך איין סעקטען-אנפיהרער איז נישט געוועזן קיין נייעס. נאר די גאלילעער — די עולי-רגל, וועלכע האבען געקענט יעזוס׳ן פון דער היים און געהערט פון זיינע וואונדער, האבען איהם בעגעגענט מיט כבוד ביים שער-המים, וואו ער איז אריינגעקומען אין שטאדט, און געקוקט אויף איהם ווי אויף׳ן הייסגעווינשטען משיח. יעזוס אריינקומען אין ירושלים איז געשעהען דעם 10-טען ניסן, ווען לויט געזעץ איז מען מחויב צו קויפען דאס שעפסעלע אויפ׳ן קרבן-פסח, און עס איז מעגליך, אז יעזוס איז טאקע צוליעב

דעם אַרײַנגעקומען אין שטאָדט.

ירושלים מיט איהרע פאַנאַטיקער, פּרושים און כּהנים — האָט נישט געקאָנט געפעלען דעם אײַנפאַכען טרײַהערציגען גאַליליער, וועלכער איז געווען פערנומען מיט דעם געדאַנק וועגען גלײַכהײט און וואַהרהײט. גלײַכהײט און וואַהרהײט זענען גראַדע נישט געווען די מעלות פון די פּרושים און כּהנים גדולים אין זײַן צײַט. די כּהנים־גדולים זענען געוואָרען בע־שטימט אויף זײער שטעלע דורך די רעמישע לעגאַטען (נאַמיעס־טניקעס), און אַלס אַנגעשטעלטע פון די רעמער האָבען זיי געהאָלפ'ט די קנאים און סעקטען־אַנפיהרער; זיי האָבען מורא געהאַט, אַז די דאָזיגע מענשען זאָלען נישט אויפרײַצען דאָס פאָלק צו אַ נײַע מרידה און ברענגען צו אַ חורבן פון דער מדינה און פון בית־המקדש — די קוועלע פון זײער רײַכקײט און כּבוד. מען האָט געקאָנט דאַרום פאָראויסזעהען, אַז צווישען יעזוס און די כּהנים וועט באַלד אויסברעכען אַ קריג.

בשעת יעזוס מיט זײַנע תּלמידים האָבען געקויפט דאָס שעפּסעלע אויפ'ן קרבן־פּסח, איז אַרויסגעקומען אַ קריג צווי־שען זיי און די חלפנים, וועלכע זענען געשטאַנען מיט זײערע טישלעך אין הר־הבית, כּדי דאָס פאָלק זאָל קענען אײַנצאָהלען דעם שקל. דער סוף איז געווען, דאָס מען האָט די חלפנים אַראָבגעטריבען פון זײערע שטעלען, וועניגסטענס אויף דעם טאָג.

די דאָזיגע מעשה האָט געמאַכט אַ רושם אין ירושלים, אַלע האָבען גערעדט וועגען יעזוס'ן און אַגב געוואָלט מאַכען מיט איהם אַ שמועס און הערען זײַן מײנונג וועגען פערשידענע רעליגיעזע פראַגען און אויך וויסען זײַן פערהעלטניס צו די פּאַרטײען אין ירושלים. פון אַלע זײַטען האָבען זיך געשאָטען פראַגען, אויף וועלכע יעזוס האָט נישט געגעבען קײן קלאָרע תּשובות. אויף די פראַגען, וועלכע די צדיקים און די סופרים האָבען איהם פאָרגעלעגט, האָט ער געענטפערט דײַטליכער. אויף דער פראַגע פון אַ צדוקי, (וועלכע גלויבען נישט אין

תחית-המתים), פון וואנען איז געדרונגען תחית-המתים פון דער תורה, האט ער געענטפערט: אז גאט האט געזאגט משה'ן פון דארנשטרויך (שמות ג' ו'): „איך בין דער גאט פון אברהם יצחק ויעקב", און וויל גאט איז נאר א גאט פון לעבעדיגע און נישט פון טוידטע, מוז מען אננעהמען, אז אברהם יצחק ויעקב לעבען אויך נאך זייער טוידט — א ראיה, וועלכע איז גאנץ אין געשמאק פון די תלמודישע פשט'ליך (אמסכתא). אויף דער פראגע פון א סופר, וואס איז די וויכטיגסטע פון אלע מצות, האט ער געענטפערט: שמע ישראל און ואהבת לרעך כמוך. די שווערסטע פראגע אבער האט איהם געשטעלט איינער פון הורדוסלייט, אויב עס איז רעכט אז מען זאל געבען צינס דעם קיסר אדער נישט. זיי האבען געהאפט צו בעקומען פון איהם איין אנטווארט, וועלכע וואלט זיי געגעבען איין אויסרייד איבערצוגעבען איהם דעם רעמישען געריכט. יעזוס האט זיך געהייסען געבען א מטבע און, אנווייזענדיג אויפ'ן בילד פון קיסר און אויף דעם אויפשריפט, האט ער געזאגט: גיעבט דעם קיסר וואס דעם קיסר'ס איז און גאט — וואס גאט'ס איז. (מארק י"ב ב' ג', ירושלמי סנהדרין י"ג). די דאזיגע אנטווארט איז געוויס נישט געפעלען די קנאים, וועלכע האבען געהאפט, אז יעזוס וועט זיי ביי-הילפיג זיין אויסצופיהרען זייער פלאן געגען די רעמער; זיי האבען דייטליך ארויסגעזעהן, אז יעזוס איז נישט פון זייער חברותא.

X.

יעזוס מִשְפָט און טוֹיְדט.

די בעראטהונג פון כהן-גדול קאיפאס. — דער סדר. — יהודה איש-קריאות. — און וואס איז בעשטאנען די בעשולדיגונג. — דער טוידט-אורטהייל. — פאנטיוס פילאטוס. — גאלגאטהא. —

די כהנים-פארטיי מיט יוסף קאיפאס בראש, האלטענדיג יעדען סעקטע-אנפיהרער פאר געפעהרליך, אי פאר דער מדינה, אי פאר זייערע אינטערעסען, האבען באשלאסען אײנגעזעהען, אז זיי האבען פון יעזוס'ן קיין גוטעס נישט צו ערווארטען. ער האט ארויסגעטריבען די חלפנים און טויבענהענדלער פון הר-הבית און דאמיט געשאדט זייערע אינטערעסען, און ווער ווייס וואס ער האט נאך בדעה צו טהון. זיי האבען דארום בעשלאסען איהם ארויסצורוימען פון וועג... ווי עס איז בעקאנט, האלטען די „ארדנונגס-היטער" אין אלע צייטען, אז פאר דער טובה פון דעם כלל איז כדאי מקריב צו זיין דאס לעבען פון יחידים, פערבייטענדיג דאביי אפט זייער אייגענע טובה מיט דער טובה פון כלל. דער כהן-גדול יוסף קאיפאס האט צוזאמענגערופען א ראטהס-פערזאמלונג און פארגעלעגט איהר די שאלה: אויב יעזוס איז נישט געפעהרליך פאר דעם גאנצען פאלק? און באלד טאקי ארויסגעזאגט זיין בעשלוס, אז עס איז בעסער, אז דער מענש זאל שטארבען, איידער דאס פאלק זאל אונטערגעהן. צוגלייך איז בעשלאסען געווארען, יעזוס'ן פעסטצונעהמען נאך פאר פסח, ווייל אום יום-טוב קאן ער מעהר שאדען ברענגען ווי אין די וואכענטעג און אויך ווייל אום יום-טוב טאר מען נישט אבהאלטען קיין געריכט.

אין אווענד פון דאנערשטאג, די לעצטע וואך פון זיין לעבען, איז יעזוס מיט זיינע תלמידים ארײנגעקומען אין ירושלים.

כדי צו עסען מיט זיי צוזאַמען דעם קרבן=פסח. ווי עס שיינט, איז ער דאַמאָלס געוואָהר געוואָרען, אַז די כהנים=פּאַרטיי לאָקערט אויף זיין לעבען און ער האָט זיך נאָכ׳ן סדר בעהאַלטען אין אַ גאָרטען אויסער די שטאָדט=מויערען. זיין בעהעלטעניש איז אָבער געוואָרען ענטדעקט דורך איינעם פון זיינע תלמידים יהודה איש=קריאות (Juda Iskariolh), וועלכער האָט איהם אויסגעגעבען. ווי די עוואַנגעליען דערצעהלען, האָט יהודה גענומען ביי די כהנים פאַר דעם אויסגעבען — 30 טאָלער און דאַפאַר אָנגעוויזען דער טעמפּעל=פּאָליציי אויף יעזוס׳ן, בעת זי איז איהם געקומען נעהמען. ווי עס זעהט אָבער אויס, איז די גאַנצע מעשה דערצעהלט מיט אַ כונה, כדי צו בעווייזען, אַז די פיינד פון יעזוס׳ן וואָלטען נישט געקאָנט האָבען קיין שליטה איבער איהם, ווען עס וואָלט איהם נישט אויסגעגעבען איינער פון זיינע אייגענע לייט, אַזוי ווי אין פסוק שטעהט: מהרסיך ומחריביך ממך יצאו (דיינע פערדערבער און דיינע צעשטערער שטאַמען פון דיר אַליין).

דער משפט פון יעזוס איז געווען נישט פאַר די גרויסע סנהדרין (סנהדרין גדולה) פון 71 מאַן, נאָר פאַר דער קליינער פון 23 מאַן, אין וועלכער דער כהן=גדול יוסף קאַיפאַס איז געוועסען בראש. אין וואָס עס איז בעשטאַנען די בעשולדיגונג איז נישט גאַנץ קלאָר. לויט איינינע קוועלען האָט מען איהם אָנגעקלאָגט דערפאַר, וואָס ער האָט כלומר׳שט געזאָגט, אַז ער קאָן צושטערען דעם בית=המקדש און אויפבויען איהם צוריק אין דריי טעג. אָבער אַזעלכע רייד, ווען ער האָט זיי אפילו יאָ געזאָגט, וואָלטען נישט געקאָנט דיענען אַלס גרונד צו איין אַנקלאַגע. ריכטיגער איז, אַז ער איז געוואָרען אָנגעקלאָגט פאַר אַ גאָטעס=לעסטערונג (חירוף וגידוף), דאַמיט וואָס ער האָט זיך אויסגעגעבען פאַר גאָט׳ס זוהן. אויף דער פראַגע, וואָס דער פאָרזיצענדער האָט איהם פאָרגעלעגט, אויב ער איז גאָט׳ס זוהן, האָט ער פריהער גאָר נישט געענטפערט; אַלס ער האָט

איהם געפרעגט דאס זעלבע צום צווייטען מאל, האט ער גע־זאגט: „דו זאגסט עס", און צוגעגעבען: „מען וועט באלד זעהען דעם מענשען־זאהן צו דער רעכטער זייט פון גאט'ס טהראן, רייטענדיג אויף'ן וואלקען פון הימעל". פון די דאזיגע ווערטער האבען די ריכטער ארויסגענומען, אז יעזוס האלט זיך טאקי פאר גאט'ס זוהן. דער כהן־גדול האט געריסען קריעה, ווי דער דין איז בשעת מען הערט א גאטעס־לעסטערונג, און דאס געריכט האט איהם פער'משפט צום טוידט אלס א גאטעס־לעסטערער. די בעשטעטיגונג פון פסק־דין אדער די ערלויבניש אויסצופיהרען דעם טוידטאורטייל, האט דער כהן־גדול געמוזט נעהמען ביי דעם רעמישען פראקוראטאר פאנטיוס פילאטוס, וועלכער האט אויף יום־טוב־צייט געוויילט אין ירושלים.

פאנטיוס פילאטוס האט מען נישט געדארפט א סך בעטען צו בעשטעטיגען דעם פסק־דין; ביי איהם אין די אויגען איז יעזוס ווערט געוועזען דעם פסק שוין דאמיט, וואס מען האט איהם געהאלטען פאר משיח, ד. ה. פאר א יודישען קעניג, וואס וויל בעפרייען זיין פאלק פון רעמישען יאך. די עוואנגעליען דער־צעהלען, אז בשעת מען האט יעזוס'ן געפיהרט צום קרייציגען האט מען פון איהם געשפעט און אנגעטהון אויפ'ן קאפ א קרוין פון דערנער צום צייכען פון טיטעל, וועלכען ער האט זיך אליין גענומען. אבער דאס האבען געטהון נישט די יודען, נאר די רעמישע תלינים, וועלכע זענען געוועזען צופריעדען אבי־צולאכען אין יעזוס'ם פערזאן פון גאנצען יודישען פאלק. די רעמישע סאלדאטען זענען עס געוועזען, וועלכע האבען געשלאגען און געפייניגט יעזוס'ן, זיי האבען אויף'ן בעפעהל פון פילאטוס צוגעשלאגען זיין לייב מיט נעגעל צום קרייץ, ווייל נאך דעם, ווי דער פסק־דין איז בעשטעטיגט געווארען דורכ'ן רעמישען פראקוראטאר, האט דער פעראורטהיילטער שוין געהערט דער רעמישער מאכט, וועלכע האט איהם בעהאנדעלט לויט איהרע געזעצען.

נאָך די קריסטליכע קוועלען איז יעזוס געקרייציגט געוואָרען פרייטאָג דעם 15-טען ניסן ניין אוהר פאַר מיטאָג און דריי אוהר נאָך מיטאָג איז ער שוין געוועזען טוידט. זיינע לעצטע ווערטער זענען געוועזען אויף אַרמית: אלהי, אלהי, למה שבקתני — גאָט, גאָט, פאַר וואָס האָסט דו מיך פערלאָזען? די אויספיהרונג פון טוידט-אורטהייל און דאָס בעגרעבעניש איז געוועזען אויסער דער שטאָדט אויפ׳ן אָרט, וועלכער הייסט גאָלגאָטהאַ.

די גאָלגאָטהאַ איז דורך דעם טוידט פון יעזוס דערהויבט געוואָרען און געוואָרען פאַר דער וועלט אַ נייער סיני! וואָס יעזוס האָט נישט געקאָנט אויספיהרען פאַר זיין לעבען, האָט ער אויסגעפיהרט מיט זיין טוידט. נאָכ׳ן טוידט איז ער געוואָרען אַ ין משיח, איין ערלעזער, אָבער נישט פאַר זיינע ברידער, ווי ער האָט געווינשט, נאָר פאַר דער גאַנצער גרויסע וועלט. פאַר זיין פאָלק אָבער איז דער טוידט פון יעזוס געוועזען די סבה פון אונגעהייערע ליידען, וועלכע האָבען זיך געצויגען אָהן איין עק און זיך נאָך ניט געענדיגט ביז׳ן היינטיגען טאָג.

לעבענסבעשרייבונגען פון בעריהמטע מעננער

מאהאמעד

גרינדער פון מאָהאַמעדאַניזמוס

זיין לעבען און קאמפף פאר א נייע רעליגיאָן.

פון פיליפּ קראַנץ

Copyright, 1907,
By the International Library Publishing Co.

מאהאמעד.

איינלייטונג : פּראָפעטען און זייער שיקזאַל.

מען זאָגט, אַז דיא צייט פון נסים און פּראָפעטען איז שוין פאַראיבער ; אבער דאָס איז טאקע ניט מעהר וויא געזאָגט. אין דער ווירקליכקייט זעהען מיר אויך יעצט, אין אונזערע פּראַקטישע און מאַטעריאַליסטישע צייטען, ווען דיא וויסענשאַפט מאַכט אַזעלכע ריעזענהאַפטע פאָרטשריטע און רייסט אַרוים ביי דער נאַטור איין סוד נאָך דעם אַנדערן, אַז עס קומען אויף מענשען, וועלכע ערקלע־רען זיך פאַר נביאים, פאַר שלוחים פון גאָט צו ברייננגען דיא אמת'ע גאולה, און וועלכע קריעגען אויך מעהר אָדער ווייניגער אנהעננגער, גלויביגע שעפּסעלעך.

אין דער צייט, ווען מיר שרייבען דיזע צייל׳ען, געפינט זיך גראַדע אין ניו יאָרק אַ מאַן, וואָס גיט זיך אַרוים פאַר דיא דריטע פערקערפּערונג פון אליהו הנביא און וואָס איז געקומען מיט עט־ליכע טויזענד פון זיינע אבערגלויבישע אנהעננגער צו רעטען, וויא ער בעהויפּטעט, דיא זינדיגע וועלט־שטאָדט פון מאָראַלישען אונטער־גאַנג. דיזער אליהו הנביא נומער 3, וואָס זיין ריכטיגער נאָמען איז דזשאהן אַלעקסאַנדער דאָואי (Dowie), ערקלערט אויך, אַז ער קורירט קראַנקע מיט גאָט׳ס כוח, און פיעלע גלויבען, אַז ער האָט שוין בעוויזען אַ סך וואונדער מיט זיין געטליכער קראַפט.

אין דיא טעגליכע צייטונגען מאַכט מען פון איהם חוזק. איי־ניגע ערקלערען איהם פאַר אַ משוגענעם, אַנדערע פאַר אַ שווינדלער, און עס איז מעגליך, אַז ער איז ביידעס צוזאַמען ; אָבער זיכער איז עס יעדענפאַלס, אַז ער האָט שוין געקראָגען אַ סך אנהעננגער און וועט נאָך קריעגען גענוג אַנדערע צווישען אַזעלכע מענשען, וועלכע זיינען איבערהויפּט געניגט צו גלויבען אין געטליכע סודות, אין קבלה, אין וואונדער, אין דער היילקראַפט דורך אמונה א. ז. וו. אויף זייער רעכנונג לעבען אַלערליי וואהרזאָגערס, קאָרטענוואַר־פערס, עין־הרע אָבשפּרעכערס, כישוף־מאַכערס, קמע־מאַכערס, מאַגנעטיזאָרען, היפּנאָטיזאָרען, זאָ־גענאַנטע „קריסטליכע היילערס“ א. ז. וו. ווען דיא אַלטע מיסים עדדי, דיא הויפּט־לעהרערין פון

דער זאָ־גענאַנטער „קריסטשען סייענס“ (קריסטליכע וויסענשאַפט, דאָס מיינט: דיא לעהרע, אַז מען דאַרף קיין מעדיצין און דאָק־טוירים, דען אַלע קראַנקע קען מען אויסהיילען בעסער דורך אמונה) קריעגט אַזוי פיעל אנהענגער און פערעהרער, וואָרום זאָל עס דאָוֹאי אָדער אירגענד וועלכער אַנדערער ניט קריעגען, ווען ער האָט נאָר דיא חוצפה זיך אַרויסצוגעבען פאַר אַ נביא אָדער ווען ער בילדעט זיך איין, אַז ער איז ווירקליך אַ שליח פון גאָט?

דיזע אַלע זעלבסט־געמאַכטע פּראָפעטען און נסים־מאַכערס קריעגען טאַקע גענוג אַנהענגער אפילו אין דיא ציווילּיזירטע לענ־דער. דיא אַרמעע פון אַבערגלויבערס, פון מיסטיקער (גלויבערס אין פערבאָרגענע סודות אַזוי וויא צום ביישפּיעל, דיא קאַבּאַ־ליסטען) איז נאָך לײדער אַ ריזיגע אפילו אין אונזערע צייטען, ווען מיר שטאָלצירען אַזוי מיט אונזערע וויסענשאַפטען און מאַטעריאַ־ליסטישע פילאָזאָפיע. אין דיזער אַרמעע האָבען אַלע פּראָפעטען און גרינדערס פון נייע רעליגיאָנען געפונען זייערע ערשטע און טריי־עסטע רעקרוטען. אַזוי איז עס געווען אין אַלע צייטען, אַזוי איז עס יעצט און אַזוי וועט עס אויך זיין אין דער צוקונפט זאָ לאַנג מיסטי־קער וועלען עקזיסטירען, זאָ לאַנג מענשען וועלען זיין אַבערגלויביג.

דער אַלט־רוימישער רעדנער ציצעראָ האָט געזאָגט: „עס איז ניטאָ אַזאַ נאַר, וואָס זאָל ניט האָבען נאָך גרעסערע נאַראָנים אַלס נאָכשלעפּערס.“ דיא וואַהרהייט דערפון זעהען מיר אויף יעדען שריט, נאָר בעזאָנדערס אויף דיא ברייטע און פינסטערע פעלדער פון אַבערגלויבען. יעצט, נאַטירליך, איז עס שווערער פאַר איי־נעם צו ווערען אַנערקענט אַלס אַ נביא, אַלס שליח פון גאָט, דען דער וויסענשאַפטליכער גייסט דרינגט דאָך אויך ביסלעכווייז אַריין אין די פאָלקסמאַסען; אָבער אין די אַלטע צייטען, וואָס ווייטער אין דער פערגאַנגענהייט, איז עס אַלץ לייכטער געווען פאַר געוויסע מענשען זיך צו ערקלערען פאַר פּראָפעטען אָדער זאָגאַר פאַר אַ פער־קערפּערונג פון געטער, און אַלץ גרעסער איז געווען זייער צאָהל.

נאָר ניט אַלע פּראָפעטען האָבען געהאַט דעם זעלבען מזל. פיעלע פון זיי זיינען איינפאַך אומגעבראַכט געוואָרען פון זייערע

געגנער אָדער זאָגאַר פון זייערע צורייצטע אנהענגער. מען זאָגט, אַז קיינער איז ניט אַ פּראָפעט אין זיין אייגענע היימאַטה. דאָס איז אפילו ניט ריכטיג אין גאַנצען, דען דיא ערשטע אנהענגער פון אַ פּראָפעט זיינען שטענדיג זיינע קרובים אָדער שכנים; אָבער עס איז אמת, אַז אַנדערע שכנים טרעטען אַרויס אַלס זעהר ביטערע געגנער און פערפאָלגען דעם מאַן, וואָס הויבט אָן אויפצוטרעטען אַלס אַ געטליכער שליח אָדער פערטרעטער. פון דיזען ערשטען קאַמפּף אין זיין אייגענער היימאַטה העננגט אָפּ דער שיקזאַל פון אַ פּראָפעט. געווינט ער, דאַן קריעגט ער אַלץ מעהר אנהענגער און זיין איינפלוס שטייגט אַלץ ווייטער אַרום; פערלירט ער, דאַן כאַפּט ער אַ קורצען סוף: אויב ער שטאַרבט מיט אַ נאַטירליכען טוידט אָדער ניט, נאָר זיין איינפלוס ווערט צושטערט און זיין נאָמען ווערט פערגעסען. פּאָליטיש שטאַרבט ער דאַן יעדענפאַלס. יעצט ווייניגסטענס בלייבט אַ געדעכניס פון אַזאַ געפאַלענעם נביא אין דער געשיכטע פון רעליגיאָנען אָדער סעקטען, נאָר אין דיא אַלטע און איבערהויפּט אין דיא ביז־היסטאָרישע צייטען איז יעדער שפּור פון ניט־ערפאָלגרייכע פּראָפעטען פערלאָרען געגאַנגען. אָן אנדענקען איז נאָר געבליעבען אָן דיא נביאים, וועלכע האָבען אַ געוויסע צייט געהאַט ערפאָלג אָדער וועלכע האָבען איבערגעלאָזען נאָך זיך אַ געוויסע צאָהל אנהענגער. דער איינפלוס און דער שם פון אַ פּראָפעט זיינען אימער געווען פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָהל פון זיינע אנהענגער, דאָס הייסט פּראָפּאָרציאָנעל צו זיין ערפאָלג. מיט פּראָפעטען איז דאָס זעלבע וואָס מיט גענעראַלען: דיא זיעגערס ווערען פערשריען און געלויבט ביז'ן הימעל, דיא בעזיעגטע ווערען אויסגעלאַכט און פעראַכטעט, האָטשע נאָך זייערע פערזענליכע פעהיגקייטען קענען דיא בעזיעגטע שטעהן העכער פאַר דיא זיעגערס. דער אַמעריקאַנער ווערטעל: „קיין זאַך איז ניט אַזוי ערפאָלגרייך וויא ערפאָלג“, בלייבט בעזאָנדערס ריכטיג וועגען פּראָפעטען, דען אָהן אנהענגער און פערעהרער ווערען זיי געהאַלטען פאַר דאָס וואָס זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט: פערריקטע טרוימערס, אויב ניט פאָלקאָמענע משוגעים אָדער קונציגע שווינדלער.

אזא דאָזאי, צום ביישפּיעל, וועלכער קריכט פון הויט צו גע־פינען אבערגלויבישע נארען, וואָס זאָלען איהם אנערקענען פאר א פערקערפּערונג פון אליהו הנביא, קען מיט דער צייט פערגעטערט ווערען פון מיליאָנען מענשען, ווען ער זאָל קריעגען א סך אנהענגער און דיא אומשטענדען זאָלען איהם צוהעלפען. ער קען נאָך אונטער גינסטיגע אומשטענדען ווערען דער גרינדער פון א נייער רעליגיאָן, אזוי וויא דער אמעריקאנער פארמער יאָזעף סמיטה, דער פּראָפעט פון דיא מאָרמאָנען. דיזער סמיטה איז אויך אויסגעלאכט און פעראכטעט געוואָרען פון זיינע שכנים אין א דערפעל פון ניו יאָרק סטייט, וואו ער איז געבאָרען אין 1805, אבער ער האָט דאָך געפונען עטליכע אנהענגער, כאָטש זיינע נביאות זיינען איינפאך געווען שווינדעל. זיין משונה'דיגע לעהרע האָט איהם געקאָסט דאָס לעבען (מען האָט איהם געלינטשט אין 1844); נאָר דיזער טראגי־שער טויט האָט געהאָלפען צו פערשפּרייטען דעם מאָרמאָניזמוס, וועלכער צעהלט יעצט מיליאָנען אנהענגער. וועגען זיין לעבען און טויט דערצעהלען יעצט דיא מאָרמאָנען אזוי פיעל נסים וויא פיעל אנדערע גלויביגע וועגען דיא גרינדערס פון רעליגיאָנען. ווען דיזער מאָרמאָנען פּראָפעט, וועלכער איז געווען א גרויסער עם הארץ און האָט ניט געקאָנט ריכטיג שרייבען ענגליש, וואָלט געשטאָרבען אָדער זאָגאר געטויטעט געוואָרען מיט א יאהר צעהן פריהער, וואָלט יעצט זיכער קיין מאָרמאָנען־קירכע ניט עקזיסטירט.

ווען מען לעזט דיא לעבענסבעשרייבונגען פון דיא פּראָפעטען און גרינדערס פון רעליגיאָנען און סעקטען אין היסטאָרישע צייטען, ווארפט זיך אין דיא אויגען, אז ניט נאָר געוויסע אומ־שטענדען האָבען זיי געהאָלפען אָדער געשעדיגט, זאָנדערן, אז דער צופאל האָט דערביי אויך געשפּיעלט א גרויסע ראָלע. ניט זעלטען האָט עס פּאסירט, דאָס א קלייניגקייט, וועלכע וואָלט קיין שום בע־דייטונג ניט געהאַט אין דעם לעבען פון א געוועהנליכען מענשען, האָט גראדע ענטשיידען דעם שיקזאל פון א זאָ־גענאנטען פּראָפעט. אָבער יעדענפאלס, אום צו קענען ארויסטרעטען אלס פּראָפעט, מוז א מענש האָבען ספּעציעלע נייגונגען און פעהיגקייטען דערצו.

פריהער פאַר אַלץ מוז ער אַליין גלויבען אין זיך, אין זיין איי־גענער קראַפט, אין זיין געטליכער מיסיאָן. וואָס שטאַרקער ער איז איינגעבילדעט אין זיין מיסיאָן, אַלץ מעהר און זיכערער קען ער ווירקען אויף זיינע צוהערערס און נאָכפאָלגערס ; וואָס בלינדער זיין אייגענער גלויבען, אַלץ מעהר קען ער מאכען גלויבען אַנדערע אין זיינע ווערטער און פאַנטאַזיעס. אום אבער צו קענען זיך אַליין איינריידען אין דער פּראָפעטישער ראָלע, מוז מען בעזיצען אַן אויסערגעוועהנליכע איינבילדונגס־קראַפט, אַ ווילדע און זאָגאַר אַ קרענקליכע פאַנטאַזיע. אַזאַ מענש מוז האָבען צורודערטע נערווען אַזוי ווייט, אַז דיא בילדער, וואָס שטעלען זיך איהם פאָר אין זיין שלאָף אָדער אין זיין פאַנטאַזיע, זאָלען זיך איהם אויסדרוכטען אַזוי וויא אַלעס וואָלט פאָרגעקומען פאַר זיינע אויגען.

עס איז יעדענפאַלס בעוואוסט, אַז פיעלע פּראָפעטען האָבען געליטען פון פערשיעדענע נערווען־קראַנקהייטען און זאָגאַר פון עפּילעפּסיע (דיא פאַלינע), ווען מען קריעגט האַלוצינאַציאָנען, דאָס הייסט, ווען פאַנטאַסטישע בילדער שיינען וויא ווירקליכע. ווען אַזאַ נערווען־קראַנקער מאַן זעהט אין זיינע האַלוצינאַציאָנען, צום ביישפּיעל, אַ מלאך גבריאל, וויא מאַהאָמעד האָט עס בעהויפּטעט, דאַן וועט ער שוין אין דעם גלויבען ווען דיא נערווען־אַטאַקע וועט פּאַראיבערגעהן. דער איינדרוק פון דער איינגעבילדעטער ערשיי־נונג וועט בלייבען איינגעקריצט אַזוי וויא דאָס וואָלט געשעהען אין דער ווירקליכקייט. זיינע האַלוצינאַציאָנען וועט ער בעטראַכטען פאַר גאָט'ס וואונדער, און וועט פאָלגליך אויך ווירקען אויף זיינע אבערגלויבישע צוהערער, אויב ער וועט נאָר בעזיצען גענוג רעד־נער־קראַפט איבערצוגעבען זיינע איינבילדונגען אין לעבעדיגע פאַרבען און מיט גרויס ענטהוזיאַזמוס.

ווייטער מוז אַ פּראָפעט זיין, זאָ צו זאָגען, אַ האַרץ־מענש. דאָס הייסט, ער מוז אַליין בעוועגט ווערען פון געפיהלען און מוז אַפּעלירען צו דיא געפיהלען פון זיינע צוהערער, אָבער ניט צו זייער פערשטאַנד. וואָס וויינינגער געזונטען פערשטאַנד און קענטניסע ער בעזיצט, איז עס אַלץ בעסער פאַר זיין פּראָפעטען־ראָלע, דען

זיינע קריטישע פעהיגקייטען וועלען אַלץ קלענער און שוואַכער זיין און זיין גלויבען וועט פערשטאַרקט ווערן. פערנינפטיגע קריטיק איז טויטליך פאַר יעדען אונבעגרינדעטען גלויבען, פאַר יעדען מיסטיציזמוס. און אַזאַ קריטיק שטיצט זיך צוערשט אויף וויסען, אויף קענטשאַפט. מיר זעהען דאַרום, אַז אַלע פּראָפעטען זיינען טאַקע געווען אונוויסענדע מענשען, יעדענפאַלס זיינען זיי ניט געווען געבילדעטער, וויא דיא מענשען אַרום זיי. גייסטיג זיינען פּראָפעטען קיין מאָל ניט געשטאַנען העכער פאר זייער דור. מייסטענס זיינען זיי געווען קינדער פון פּראָסטען פאָלק און האָבען געלעבט, געדיינקט און געפיהלט, וויא זייערע גלייכע.

אויך מוז אַ פּראָפעט בעזיצען אַ געוויסע רעדנער קראַפט, אַ פעהיגקייט צו בעאיינפלוסען, צו מאַכען גלויבען און צו בעהערשען זיינע צוהערער און אנהענגער. ער דאַרף האָבען וואָס מען רופט „מאַגנעטישע קראַפט“ און וואָס בעדייטעט אין דער ווירקליכקייט אַ פעהיגקייט צוצוציהען מענשען און איבער זיי צו קאָמאַנדעווען.

וואָס גרעסער דיזע אַלע אייגענשאַפטען — שלעכטע און גוטע צוזאמען—זיינען ענטוויקעלט ביי אַ מענש, וואָס וויל שפּילען די ראָלע פון אַ געטליכען מאַן, אלץ אַ גרעסערער פּראָפעט קען ער ווערען און אלץ זיכערער איז זיין ערפאָלג אונטער גינסטיגע אומשטענדען.

דער ערפאָלגרייכסטער פּראָפעט אין היסטאָרישע צייטען איז אָהנע צווייפעל געווען דער קעמעלטרייבער מאַהאָמעד, דער גרינדער פון אַ שטרענג־מאָנאָטעאיסטישע רעליגיאָן, וועלכע צעהלט יעצט צעהנדליגע מיליאָנען אנהענגער און וועלכע האָט געמאַכט אַ גוואַלדיגע איבערקעהרענעס אין דער וועלט. וויא אַזוי ער האָט אָנגעפאנגען צו שפּיעלען דיא געפעהרליכע ראָלע פון אַ פּראָפעט, וויא ער האָט געקעמפּפט געגען זיינע שונאים, וואָס ער האָט געפּרעדיגט און אויפגעטאָן און וואָס פאַר פאָלגען זיין רעליגיעזע לעהרע האָט ארויסגערופען אין אַזיען און אין אייראָפּאַ ביי דיא ציוויליזירטעסטע פעלקער אין מיטעלאַלטער — דאָס וועט ערקלערט ווערען אין דיזען ביכעל.

.1

מאהאָמעד'ס יוגענד.

דער גרינדער פון דער מוסולמאַנער רעליגיאָן האָט אפילו גע־הערט צו דער אריסטאָקראַטיע פון דער היילינער שטאָדט מעקאַ, אָבער זיין פאָטער אבדאלאה איז געווען איינער פון דיא אָרימסטע פון זיין שטאַם. מאהאָמעד איז געוואָרען א יתום נאָך מיט א מאָ־נאַט פאר זיין געבורט, און זיין מוטער איז געשטאָרבען, ווען ער איז אַלט געווען 6 יאָהר. דאָס פערמעגען, וואָס זיין פאָטער האָט איהם איבערגעלאָזען, איז בעשטאַנען פון 2 קעמלען, עטליכע שאָף און 1 אַלטע שקלאַווין. נאָך דעם טויט פון זיין מוטער, וועלכע האָט געהערט צום אריסטאָקראַטישען און מעכטיגען שטאַם קאָרעישיט, וואָס האָט געהערשט אין מעקאַ און האָט אויפגעפּאַסט אויף דעם דאָרטיגען אַלטען היילינען טעמפּעל מיט דעם געטליכען שטיין קאַאַבאַ, איז דער יתום איבערגעגעבען געוואָרען צו זיין זיידען אַבדיעל־מוטאַליב. נאָר א קורצע צייט נאָכדעם האָט איהם גענומען צו זיך זיין אָנקעל אבו־טאַליב, וועלכער האָט געדייזט מיט קאַראַוואַ־נען אַלס הענדלער.

דיא צייט פון זיין געבורט איז ניט בעשטימט גענוי. נאָך גרינדליכע היסטאָרישע נאָכפאָרשונגען איז ער געבאָרען געוואָרען אין 570 אָדער 571 יאָהר פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג. זיין געבורט איז שפּעטער פערבונדען געוואָרען מיט נסים, וויא דער שטייגער איז מיט אַלע פּראָפעטען. אייניגע פון דיא נסים זיינען נאָך אַראַבישע לעגענדען צוזאמענגעפלאָכטען געוואָרען מיט וויכ־טיגע היסטאָרישע פאַסירונגען אין 570 יאהר.

ארום יענער צייט האָבען, נעמליך, צוויי מעכטיגע מלכים גע־קעמפּפט וועגען דיא הערשאַפט איבער דער וועלט. דאָס איז גע־ווען א פאָרטזעצונג פון דעם אַלטען קאַמפּף צווישען פערסיען און גריכען. יוסטין דער צווייטער איז דאַן געווען דער הערשער פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע און דער בעריהמטער חאָזראָ אַנושיר־וואַן, דער „קעניג פון דיא קעניגע“, האָט געהערשט אין פערסיען און

האָט פערשפּרייטעט זיין מאַכט ווייט אַרום ביז יעמען און אַראַביען. דער קאַמפּף צווישען דיזעביידע אימפּעריעס איז ניט נור געווען אַ פּאָליטישער, זאָנדערן אויך אַ רעליגיעזער, דען דיא פּערסען, דיא פערעהרער פון דעם זונען־גאָט מיטראַ און פון פייער, דיא אנהענגער פון דער זאָ־גענאַנטער זאָראָאַסטרישער רעליגיאָן, האָבען אויך געזוכט צו בעקעהרען אַנדערע פעלקער און זיינען געקומען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט אידישע און בעזאָנדערס מיט קריסטליכע מיסיאָנערען אפילו אין רוים זעלבסט. (*) אין פערלויף פון יאהרהונדערטע האָט אַזיען געקעמפּפט מיט אייראָפּאַ וועגען דיא אויבערמאַכט איבער דער וועלט, צוערשט זיינען דיא קעמפּפערס געווען פּערסען און גריכען, נאַכהער מאַהאַמעדאַנער און קריסטען ביז דיא אַראַבער זיינען פעריאָגט געוואָרען פון שפּאַניען אין 15־טען יאהרהונדערט.

נאָך אין יאָהר 570 האָבען דיא גריכען געקראָגען מיטהעלפערס געגען דיא פּערסען און דיא אַביסיניער, וועלכע זיינען שוין דאַן געווען בעקעהרט צום קריסטענטהום. דער אביסיניער נעגוס (קעניג) האָט געשיקט אַ גרויסע אַרמעע נאָך זיד־אַראַביען, אום צוצוקומען צום פּערסישען גרענעץ און זיך צו פערבינדען מיט דער גריכיש־רוימישער אַרמעע געגען דעם פּערסישען הערשער. דיא אביסיניער האָבען מיטגעבראַכט א סך עלעפאַנטען, און דיא אַראַבער, פאַר וועלכע דאָס איז געווען אַ נייעס, האָבען אַ נאָמען געגעבען דיזע צייט „דער עלעפאַנטען יאָהר." דיא אביסיניער האָבען געלאַנדעט אין יעמען און האָבען זיך אַ לאָז געטאָן נאָך מעדינאַ, וועלכע האָט דאַמאַלס געהייסען יאַטריב און וועלכע איז געווען אונטער דער הערשאַפט פון דיא פּערסען. אויפ׳ן וועג האָבען זיי געמוזט צוקומען

(*) עס איז בעוואוסט, אַז דיא אַלטע פּערסישע אָדער זאָראָאַסטרישע רעליגיאָן האָט געהאַט אַ סך אַנהענגער אין דער רוימישער אימפּעריע אפילו לאַנג־לאַנג נאָכדעם וויא דיא קריסטען האָבען געזיעגט און דיא פּאַפּסטען האָבען זיך בעפעסטיגט. דער מאָהאַמעדאַניזמוס האָט ביטער בעקעמפּפט דיזע ביידע עלטערע רעליגיאָנען און האָט כמעט אין גאַנצען אויסגעראָטעט דיא זאָראָאַסטריאַנער.

צו מעקא, וועלכע איז זייט דיא עלטעסטע צייטען געוועזען דער רע־ליגיעזער צענטער פון דיא אראבישע שטאמען. דיא קאָרעישיטען, וועלכע האָבען געהערשט אין דיזער הייליגער שטאָדט, ווייל זיי האָבען געהאַלטען דעם קאאבא־טעמפעל אין זייערע הענד, האָבען נאָך לאַנגע בעטראַכטונגען בעשלאָסען זיך צו בעפעסטיגען און צו וועהרען זיך געגען דיא אביסיניער ארמעע. נאָר דאָן האָט געטראָ־פען א נס. וויא נאָר דיא אביסיניער האָבען בעלאַגערט דיא היי־ליגע שטאָדט, האָט צווישען זיי אויסגעבראָכען א גאַנץ אונבעקאַנטע שרעקליכע מגפה. אזוי פיעל פון זיי זיינען מיט א מאָל געשטאָר־בען אין איין נאַכט, אז דיא לעבעדיג געבליבענע מענשען זיינען זיך צולאָפען אין שרעק צוריק נאָך יעמען, און דיא מייסטע פון זיי זיינען אויפ'ן וועג אויסגעשלאַכטעט געוואָרען פון וואַנדערנדע בע־דואינען.

אין דערזעלבער נאַכט, ווען דיא אביסיניער האָבען געכאַפּט אזא מפּלה לעבען מעקא און דער ביזאַנטישער אימפּעראַטאָר האָט געמוזט אויפגעבען זיינע פּלענער צו בעהערשען אראביען, האָט גע־טראָפען נאָך א נס, וויא דיא מאַהאָמעדאַנער דערצעהלען: אין דעם הויפּט־פּאַלאַץ פון כאָזראַי אַנושירוואַן זיינען אַלע הייליגע זאַכען איבערגעקעהרט און צובראָכען געוואָרען און דער הייליגער נר תמיד, דער צייכען פון דער געטליכער קראַפט, איז פּלוצלינג פערלאָשען געוואָרען.

אָט אין דיזער נאַכט איז עס געבאָרען געוואָרען אין איינער פון דיא אָרימסטע הייזער פון מעקא מאַהאָמעד, וועמען עס איז בעשערט געוועזען צו ברעכען דיא מאַכט פון ביידע גרויסע אימ־פּעריעס און צו פערשפּרייטען דיא מוסולמאַנער רעליגיאָן איבער דער אַלטער וועלט. ביידע נסים זיינען געוויס אויסגעטראַכט גע־וואָרען לאַנג נאַכדעם וויא מאַהאָמעד'ס נאָכפאָלגער האָבען מיט פייער און שווערד געצוואונגען פיעלע פעלקער צו אנערקענען דעם קעמעל־טרייבער מאַהאָמעד פאַר דעם ריכטיגען פּראָפעט. אָבער אין דיזע מעשות איז דאָך אויסגעדריקט א גרויסע היסטאָרישע וואהרהייט, נעמליך: אז דיא געבורט פון מאַהאָמעד איז געוועזען א

טויטקלאפּ פאר די ביזאנטישע און פערסישע אימפעריעס און פאר זייערע רעליגיאָנען אין אזיען און אין אפריקא.

נאָך דער נידערלאגע פון דער אביסיניער ארמעע (דאָס איז א היסטאָרישער פאקט) אויפ'ן וועג צום פערסישען גרענעץ איז עס די פערסען געלונגען צו פעריאגען די אביסיניער אויך פון יעמען און צו בעהערשען א קורצע צייט אראביען, וויא עס איז איבערהויפּט מעגליך געווען צו בעהערשען אזא לאנד, וואָס איז אימער בעזעצט געווען פון וואנדערנדע און רויבערישע בעדואינען און פון פיעלע שטאמען, וועלכע האָבען געקעמפּפט צווישען זיך. די הערשאפט האט זיך געוועהנליך ארויסגעצייגט אין גארניזאָנען, וועלכע זיינען געהאלטען געוואָרן אין די גרעסערע שטעדט, בע־זאָנדערס אין די פּאָרטען.

אָבער לאָמיר לאָזען די נסים צו די גלויביגע אָן א זייט און בעטראכטען וואָס מען ווייס פון דעם לעבען פון מאהאָמעד ביז ער האָט אָנגעפאנגען זיך ארויסצוגעבען פאר א פּראָפעט.

זיינע קינדערשע יאָהרען האָט ער פערבראכט אין ארמוטה. קיין זאך האָט דאן ניט אָנגעצייגט אויף זיין צוקינפטיגע וועלט־איבערקעהרענדע ראָלע. זיינע אָנקלען האָבען ביי זייער בעסטען ווילען איהם ניט געקענט פיעל העלפען, ווייל זיי זיינען אויך געוועזן אָרימע מענשען. דארום האָט ער געמוזט פאסען קעמלען און שעפּסען, ווען ער איז נאָך געווען א גאנץ יונגער אינגעל, און נאכהער טרייבען קעמלען, ווען ער האָט שוין געקענט בעגלייטען זיין אָנקעל אבו־טאליב אין די קאראוואנען־רייזען נאָך סיריען. אין איין סורא (קאפּיטעל) פון קאָראַן האָט ער זיך אזוי אויסגעדריקט וועגען זיין אָרימע יוגענד: „האָט דען גאָט דיך ניט געפונען אלס יתום און דיך ניט בעשיצט? האָט ער דיך ניט געפונען אָרים און געמאכט רייך? האָט ער דיך ניט געפונען אויף א פאלשען וועג און ניט ארויפגעפיהרט אויף א ריכטיגען וועג?"

איין מאָל, ווען ער איז אַלט געווען א יאָהר פופצעהן, האָט ער בעגלייטעט זיינע אָנקלען, וועלכע האָבען געפאָכטען צוזאמען מיט אנדערע קאָרעישיטען געגען דעם בעדואינער שטאם בני־

חאוואזין. ער האָט דאַן געהאָלפען זיינע אָנקלען, קלייבענדיג דיא פאַלענדע פיילען.

פון אירגענד וועלכע ערציהונג און בילדונג אפילו נאָך יענע בארבארישע צייטען אין אראביען האָט גאָר קיין ריידע ניט גע־קענט זיין. דער צוקינפטיגער פראָפעט האָט אפילו ניט געלערנט לעזען און שרייבען. ביז 24 יאָהר האָט ער געדיענט ביי זיינע אָנקלען אַלס פאַסטוך און קעמעל־טרייבער. וואָס ער האָט געטאָן און געטראכט אין דיא פרייע מינוטען אָדער ווען ער איז געלעגען בשעת דיא שעפסען און קעמלען האָבען זיך געפאַסעט, דאָס ווייס מען ניט. דיא אראבישע פאַנטאזיע האָט אויסגעטראכט פיעלע וואונדערליכע געשיכטען וועגען אַלע יאָהרען פון זיין לעבען. נעה־מענדיג אין אנבעטראכט, דאָס ער האָט געהאַט א פאָעטישע נאטור מיט א זעהר צורייצטע פאַנטאזיע, וויא זיינע סוראַס אין קאָראַן צייגען עס, מוז מען אָננעהמען, אז ער האָט ניט ווייניג פאַנטאזירט אין זיין יוגענד. דערצו נאָך האָט ער פון קינדוווייז אָן געליטען פון דער פאַליגער קראַנקהייט, וועלכע האָט איהם ניט פערלאָזען ביז׳ן טויט. דאָס צייגט, אז ער איז געווען נערווען־קראַנק, און זיין גייסטיגער צושטאַנד איז ניט געווען א רעגעלמעסיגער. ער האָט דארום אויך געמוזט ליידען פון האַלוצינאַציאָנען.

.2

מאהאמעד'ס אנפאנג אלס פראפעט.

אין 594טען יאהר איז פארגעקומען אן ענדערונג אין זיין לע־בען. א רייכע אלמנה מיט דעם נאמען חאדידזשא, זיינע א ווייטע קרובה, האט געווארפען אן אויג אויף איהם אלס א שעהנעם און רוהיגען יונגען מאן, און האט איהם געמאכט פאר דעם אנפיה־רער פון איהרע קאראוואנען. אין א יאהר ארום האט זיא מיט איהם חתונה געהאט. איהר איז שוין דאן געווען 40 יאהר און איהם א יאהר 25. דאך איז ער געווען זעהר צוגעבונדען צו איהר און, וויא מען רעכענט, ניט בלויז אוים דאנקבארקייט. ער האט איהר געאכטעט ביז דיא לעצטע מינוט פון איהר לעבען, האט געפאלגט איהרע ראטהען און האט שטארק בעדויערט איהר טויט.

זי איז אהנע צווייפעל געווען א זעהר קלוגע און מוטהיגע פרוי. דיא מאהאמעדאנער דערצעהלען וועגען איהר פיעלע נסים און האלטען איהר פאר איינע פון דיא גרעסטע און בעסטע פרויען אין דער וועלט. וועגען איהר חתונה מיט א מאן, וואס נאך זיין אלטער, האט ער געקאנט זיין זאגאר איהר זוהן, דערצעהלען זיי, אז צוויי מלאכים האבען זיך בעוויזען, ווען ער האט זיך צוריקגע־קעהרט נאך זיין צווייטער קאראוואן־רייזע אין סיריען, און האבען איהר אנגעקינדיגט, אז זיא זאל ווערען זיין ווייב. נאך אלע בע־ריכטען האבען זיי געלעבט גאנץ געמיטהליך און זאגאר גליקליך. זיא האט נאך צייט געהאט צו שענקען איהר יונגען מאן זעקס קינ־דער, דריי זיהן און דריי טעכטער. דיא זיהן זיינען געשטארבען אין דער קינדהייט. דיא טעכטער זיינען שפעטער געווארען זיינע אנהענגער. איינע פון זיי, פאטימא, האט זיך בעזאנדערס אויס־געצייכענט און ווערט זעהר פערעהרט פון אלע מוסולמאנער. איהר לעצטע טאכטער האט תאדידזשא געהאט, ווען זיא איז שוין אלט געווען 51 יאהר. דרייצעהן יאהר שפעטער איז זיא געשטאר־בען צום גרעסטען בעדויערען פון דעם פראפעט זעלבסט און אלע, וועלכע האבען איהר געקענט.

דיא גאַנצע צייט ביז איהר טויט איז ער איהר געבליבען טריי. אויס אַכטונג אָדער דאַנקבאַרקייט צו איהר האָט ער בע־שרענקט דיא ווילדע ליידענשאַפט צו פרויען, וועלכע ער האָט אויף דער עלטער אַרויסגעוויזען און צוליעב וועלכע ער האָט בעוויליגט פּאָליגאַמיע (פיעל־ווייבעריי). מען רעכענט אויך, אַז ביז זיין חתונה מיט כאַדידזשא האָט ער קיין פערקעהר געהאַט מיט פרויען. עס איז מעגליך, אַז אַלע זיינע ליידענשאַפטען און פעהיג־קייטען האָבען זיך אָנגעפאַנגען אַרויסצו־ווייזען אַרום דעם אַלטער, ווען ביי אַנדערע ווערען זיי שוין אָבגעשוואַכט, דען זיין פּראָפע־טען־ראָלע האָט ער אָנגעפאַנגען, ווען ער איז שוין געוועזען 40 יאָהר.

אָבער אויך דאַן, ווען ער האָט זיך אַרומגערינגעלט מיט פיעלע יונגע און שעהנע מיידלעך, האָט ער שטענדיג געלויבט דיא אַלטע חאַדידזשאַ און האָט בעדויערט איהר טויט. ער פלעגט איהר אַזוי אָפּט דערמאָנען צום גוטען, אַז דיא שעהנע אַאישאַ, וועלכע ער האָט בעזאָנדערס געליעבט אויף דער עלטער, איז אייפערזיכטיג געוואָרען אויף דיא געשטאָרבענע און האָט איהם איין מאָל אַ פרעג געטאָן: „זאָג מיר, בין איך ניט בעסער וויא חאַדידזשאַ? זיא איז דאָך געוועזען אַלט, אָהן ציינער און מיאוס. דו ליעבסט מיך מעהר; וויא דו האָסט איהר געליעבט, ניט אמת?" ער האָט איהר אָבער גלייך געענטפערט אָהן צערעמאָניעס: „אָה, ניין, ביי אַלאַה, ניין! זיא האָט געגלויבט אין מיר מעהר וויא אירגענד וועלכער אַנדערער. אויף דער גאַנצער ערד האָב איך נאָר געהאַט איין פריינד, און דאָס איז געוועזען חאַדידזשאַ."

איבער 15 יאָהר האָט מאַהאָמעד געפיהרט דיא געשעפטען פון זיין רייכער פרוי און אין דער צייט איז ער עטליכע מאָל געוועזען מיט זיינע קאַראַוואַנען אין סיריען, וואו ער האָט געהאַט דיא געלעגענ־הייט צו זעהען דיא וועלט און צו בעקענען זיך מיט אידען און קריסטען און עפּעס צו לערנען פון זיי, וויא מיר וועלען עס שפּע־טער זעהען. ער האָט זיך דיא גאַנצע צייט אויפגעפיהרט אַזוי עהרליך און פריעדליך, אַז ער האָט געוואונען דיא אַכטונג פון פיעלע מיטבירגער. פון צייט צו צייט פלעגט ער אַוועקגעהן צו דיא בערג

הארא הינטער מעקא, און דארט זיך פערטיעפען אין זיינע געדאנ־קען און פאנטאזיעס. וואס ער האט געטראכט, זיצענדיג אזוי אין דער וויסטע, קען מען נאר אורטהיילען נאך זיינע לעהרען אין קאראן. עס איז זיכער, אז ער האט געטראכט וועגען גאט און דיא געהיימניסע פון דער נאטור און אז זיין קרענקליכע פאנטאזיע האט איהם פערטראגען ווייט אין דער איינגעבילדעטער וועלט.

נאך דיא אראבישע לעגענדען פלעגט ער נאך אין זיינע יונגע יאהרען ארויסגעהן יעדען יאהר אויף א גאנצען מאנאט אין דער וויסטע און טראכטען וועגען דיא וועלט. דער רייכטהום פון זיין פרוי האט איהם ערלויבט אבצוגעבען זיך אין גאנצען צו זיינע רע־ליגיעזע מחשבות און געפיהלען, וועלכע האבען איהם אלץ מעהר בעהערשט וואס עלטער ער איז געווארען. ביז 40 יאהר האט ער אזוי געטראכט אין איינזאמע ערטער, מייסטענס אין דער וויסטע־נעס, און האט געשוויגען. זיין איינציגע אנפערטרויטע איז אין יענער צייט וואהרשיינליך געוועזן זיין קלוגע פרוי האדידזשא, וועל־כע איז אויך נאכהער געוועזן דיא ערשטע צו גלויבען אין זיין געט־ליכע מיסיאן, און זיין פראפעטען־ראלע. מען רעכענט, אז ער האט איהר עטליכע מאל מיטגענומען אין דיא איינזאמע ערטער, וואו ער פלעגט בעזאנדערס ליעב האבען צו פערטראכטען זיך.

זיכער איז עס יעדענפאלס, אז ער האט לאנג איבערגעטראכט אלעס וואס עס איז איהם אויסגעקומען צו הערען פון דיא אידען, קריסטען און דיא זא־געזאגטע חאניפען (אראבער וואס האבען זיך אבגעטרייסעלט פון געצענדיענסט און געגלויבט אין איין גאט), מיט וועלכע ער האט זיך צוזאמענגעטראפען אויף זיינע רייזען און מיט וועלכע ער האט שטענדיג געזוכט צו פערפיהרען געשפרעכען. וואס מעהר ער האט געטראכט, איז ער אלץ פעסטער געקומען צו דער אי־בערצייגונג, אז דיא געצענדיענערשע רעליגיאן פון זיין אייגענעם שטאם און פון דיא מייסטע אראבען איז שענדליך און העסליך און אז עס קאן נאר געבען איין ריכטיגער גלויבען: דער גלויבען אין איין איינציגען גאט. ער איז אזוי ביסלעכווייז געקומען צו דעם

שטרענגען מאַנאַטעאיזמוס, וועלכען ער האַט אויסגעדריקט אין קאָראַן.

עס איז שווער צו זאָגען, וויא לאַנג ער וואָלט אזוי געטראַכט אין דער וויסטענעס, ניט וויסענדיג וואָס ער זאָל אָנפאַנגען צו טאָן, אום ארויפצוברייינגען זיינע ברידער, אַלע אראַבען, אויף אַ ריכטיגען וועג, ווען איין מאָל וואָלט זיך איהם ניט אויסגעדוכט, אַז אַ שליח פון הימעל איז ערשיענען פאַר זיינע אויגען און האַט איהם בעפוילען צו פּרעדיגען דעם גלויבען אין איין גאָט. נאָך דיא מאַהאָמעדאַנישע לעגענדען האַט עס פּאַסירט אין דעם מאָנאַט ראַמאַדאַן פון 610 יאָהר, ווען ער האַט געדרעמעלט אין הייל פון דיא בערג האַראַ נאַכדעם וויא ער איז געפאַלען אַן אויסגעמאַטערטער פון לאַנגע ארומוואַנדערונגען און טראַכטעניס. ער אליין גיט אזוי איבער דיזע געטליכע ערשיינונג אין קאָראַן: „פּלוצלונג האָב איך דערפּיהלט א י ן ש ל אָ ף, אַז אימיצער איז צוגעקומען נאָהענט צו מיר און האַט געזאָגט: „ל ע ז!“ איך האָב געענטפערט: „נ י י ן!“ דאַן האַט ער מיך אזוי צוגעדריקט, אַז איך האָב געמיינט, דאָס איך שטאַרב, און האַט ווידערהאָלט: „ל ע ז!“ איך האָב זיך ווידער ענטזאָגט און ער איז ווידער ערשיענען און האַט מיך צוגעדריקט; און איך האָב דערהערט דיא ווערטער: „לעז אין נאָמען פון דיין גאָט, וועלכער שאַפט, שאַפט דעם מענשען פון אַ בלוטיגען קערנדעל. לעז: דיין גאָט, ער איז בארמהערציג, ער גיט צו וויסען דורך אַ שרייב־שטעקעלע, גיט וויסען דעם מענשען דאָס, וואָס ער האַט ניט געוואוסט.“ ווען איך האָב איבערגעלעזען, איז דיא ערשיינונג אָבגעטראָטען פון מיר, און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. און איך האָב געפּיהלט, אַז דיזע ווערטער זיינען פערשריעבען אין מיין האַרץ.“

אין דער גרעסטער אויפרעגונג איז ער אוועק פון דער וויסטענעס אהיים און האַט באַלד דערצעהלט זיין פרוי, וואָס ער האַט געזעהען און געהערט אין חלום. ער האַט עס דערצעהלט מיט אזאַ בעגייסטערונג און טיעפען גלויבען, דאָס איינער פון איהרע קרובים, ווען זיא האַט צוגערופען אויסהערען דעם נס, האַט גלייך בע־

מערקט: „אויב דאָס איז אמת, האַדירזשאַ, הייסט עס, אז אויף איהם איז אַרויף דער גרויסער נאָמוס (דאָס מיינט וואהרשיינליך דער געטליכער גייסט), וועלכער האָט זיך אַ מאָל בעוויזען צו משה'ן, און דאַן הייסט עס, אז ער איז דער נביא פון אונזער פאָלק."

עטליכע וואָכען נאכדעם איז מאהאָמעד רוהיג געבליבען צו הויזע. נאָר איהם האָט געצוויגען אין דער וויסטענעס, פיליכט וועט ער ווידער זעהען דיא וואונדערבאַרע ערשיינונג. שטונדען־לאַנג האָט ער דאָרט איין טאָג געוואַנדערט צווישען דיא בערג זעהר אַ דערשלאָגענער און פערצווייפעלטער. ער האָט זיך געפיהלט אזוי שלעכט און אונגליקליך, דאָס ער האָט געוואָלט זיך אראָפּוואַרפען פון אַ הויכען באַרג, אום ערלייזט צו ווערען פון זיין הארצקלעמע־נעס. נאָר גראדע אין דיזער מינוט האָט עפּעס אַ וואונדערבאַרער שיין אַ שוועב געטהאָן פאַר זיינע אויגען, און אַ רוהע האָט זיך צוגאָסען איבער זיין האַרץ. נאָר קערפּערליך איז ער געווען זעהר שוואַך און אויסגעמאַטערט. אהיים איז ער געקומען אין פיעבער־האַפטען צושטאַנד. עס האָט איהם געטרייסעלט, זיין קערפּער האָט געציטערט. ער איז אַרוים אין גאָרטען, וואו מען האָט איהם איינגעוויקעלט אין אַ פּלאַשטש. דאַן האָט ער זיך געלייגט אויף דער ערד, דען ער האָט געפיהלט, אז אַן אטאַקע פון דער פאַליגער קראַנקהייט קומט אויף איהם אָן. אין דער צייט, ווען ער האָט געקראָגען ספּאַזמען, האָט ער דערהערט פאָלגענדע ווערטער, וועלכע ער האָט נאכהער איבערגעגעבען אין קאָראַן: „דו, איינגעוויקעלטער אין אַ פּלאַשטש, שטעה אויף! פּרעדיג דיין גאָט! לויב איהם! דיינע קליידער רייניג אָפּ! אונריינקייט — מיידע איהר אוים! זיי ניט גוט אוים האָבזוכט און האַלט זיך פעסט אָן דיין גאָט!"

נאָכדעם איז ער שוין זיכער געוואָרען ביי זיך אין הארצען, אז ער איז ווירקליך גאָט'ס שליח צו פּרעדיגען דעם ריכטיגען גלויבען פאַר זיין פאָלק און צו צושטערען זייער געצענדיענסט. דיזער גלויבען איז אַלץ פעסטער געוואָרען ביי איהם שפּעטער, ווען ער האָט איבערגעגעבען זיינע ווייטערע געשפּרעכען מיט גאָט אָדער מיט מלאכים אין האַלב־פּאָעטישע האַלב־פאַנטאַסטישע בילדער מיט

ווערטער, וועלכע קלינגען יעצט, ווען מען לעזט זיי אין קאָראַן, אַזוי וויא רייד פון אַ היצקריינק.

דיא ערנסטעסטע און גרינדליכסטע נאַטור־פאָרשער פון מאָהאַמעד'ס לעבען און פון קאָראַן גיבען צו, אַז ער איז ניט געווען אַ שאַרלאַטאַן, אַז ער האָט קיינעם ניט געמיינט צו נאַרען, ווייניגסטענס אין אָנפאַנג פון זיין פּראָפעטען־ראָלע, און אַז ער האָט גאַנץ אויפריכטיג געגלויבט אין דיא וואונדערבאַרע ערשיינונגען, וועלכע ער האָט געזעהן אין דער צייט פון זיינע נערווען־אַטאַקען און שפּאַזמען. דיא איינפאַכקייט פון זיינע אייגענע שילדערונגען איבער די ערשטע וואונדערבאַרע ערשיינונגען, וועלכע האָבען נאָר געקענט זיין האַלוצינאַציאָנען פון אַ גייסטיג־קראַנקען מענשען, ציינט אויך, אַז ער האָט עס ניט אויסגעטראַכט. ווען ער וואָלט געמיינט צו נאַרען דעם עולם, וואָלט ער עס בעשריעבען מיט שענערע פאַרבען און געשילדערט מיט מעהר צוזאַמענהאַנג און פערשטאַנד. דער אונזין פון דיא ווערטער, וועלכע האָבען זיך איהם געדוכט אַלס געטליכע, ווען זיינע קראַנקע נערווען זיינען צורודערט געווען נאָך לאַנגע וואַנדערונגען און מחשבות איבער גאָט און דיא וועלט, קענען טאַקע נאָר געגליכען ווערן צו דיא רייד פון אַ משוגענעם אָדער פון איינעם, וואָס ליגט אין היצקריינק. דיא מאָהאַמעדאַנער טעאָלאָגען האָבען געזוכט און זוכען נאַטירליך פערבאָרגענע סודות אין דיזען אונזין, אין דיזע ווערטער פון אַ צומישטען קאָפּ, אבער פאר יעדען פערנינפטיגען מענשען איז עס קלאָר, אַז דאָס זיינען איינפאַך האַלוצינאַציאָנען.

נאָר דורך זיין פעסטען גלויבען אין זיינע אייגענע קראַנקהאַפטע פאַנטאַזיען האָט ער געוואונען אַנהענגער און געזיעגט. דיא האַלוצינאַציאָנען, פאר וועלכע מען שפּאַרט אָפּט איין אין אַ דול־הויז, ווערען געטליכע אָפענבאַרונגען, ווען איינער ערקלערט זיך און ווערט אַנערקענט פאַר אַ פּראָפעט.

אַזוי יעדענפאַלס איז געווען דער אָנפאַנג פון מאַהאָמעד'ס קאַריערע אַלס נביא.

דער נעכסטער שריט איז געווען צו קריעגען עטליכע אנהענ־

גער, דיא ערשטע נאָכפאָלגער, פון וועלכע דער ערפאָלג און שיקזאַל פון יעדען נביא העננגט אָפּ.

נאָר איידער מיר געהען שילדערען מאהאָמעד׳ס וויטערע אויפ־טואונגען ביז ער איז געוואָרען דער הערשער פון אראביען, וועלען מיר פריהער ווארפען א בליק אויף דעם דאמאָלסדיגען צושטאנד פון דיזען מערקווירדיגען לאנד, וואָס איז אַזוי רייך געוועזען אין נביאים און פּאָעטען וויא פּאַלעסטינע. דאָס איז נויטווענדיג אום צו פערשטיין, וויא און ווארום מאהאָמעד איז געקומען צו זיינע רע־ליגיעזע געדאנקען, וועלכע האָבען געפונען אַזאַ גרויסען און טיעפען אָפּקלאנג אין דיא הערצער פון אַלע קינדער פון ישמעאל.

3.

דער צושטאנד פון אראביען אין מאהאמעד'ס צייט.

אויב דיא בעדואינען, דיא קינדער פון דער אראבישער וויסטענעם, זיינען נאך ביז היינט צו טאג געבליבען אזוי ווילד וויא מיט טויזענדער יאהרען צוריק, זא האבען אבער דיא אראבישע שטאמען, וואס האבען זיך בעזעצט אין דיא געגענדען לעבען דיא ברעגעס פון רויטען ים (דיזע געגענדען טראגען דעם נאמען „גליקליכע אראביען”) דערגרייכט צו א צימליך הויכע קולטור־שטופע אין דיא גרויאלטע צייטען. דיא צענטערס פון דיזע קולטור און פון דעם האנדעל, וועלכער איז געפיהרט געווארען דורך יעמען צווישען אפריקא און אזיען נאך אין ביז־היסטארישע צייטען, זיינען געווען מאקאראבא (מעקא) און יאטריב (מעדינא).

מעקא איז געווען דער רעליגיעזער צענטער פון אלע אראבישע שטאמען. זיא איז געווען א היילינע שטאדט פון דיא בני־ישמעאל מיט יאהרהונדערטע פאר מאהאמעד'ס געבורט. מאהאמעד האט נאר אנערקענט א פאקט, וועלכער האט עקזיסטירט פאר איהם, ווען ער האט ערקלערט פאר א גרויסע מצוה צו בעזוכען דעם קאאבא־טעמפעל אין מעקא. נאך דיא אראבישע לעגענדען איז דער קוואל זעמזעם אין מעקא דער זעלבער, וואו עס האט געטראפען דיא ביבלישע געשיכטע מיט הגר און ישמעאל. דיא מאהאמעדאנער גלויבען יעצט יעדענפאלס, אז דער מלאך גבריאל האט זיך בעוויזען אויף הגר'ס געבעט און האט גערעטעט ישמעאל'ן מיט א טרונק פון דעם קוואל זעמזעם. דיזע און אנדערע לעגענדען פון די אראבען צייגען, אגב אורחא, אז זיי געהערען צו איין שטאם מיט דיא בני ישראל.

לעבען דיזען קוואל איז געשטאנען אן אלטער טעמפעל מיט דעם בעריהמטען שטיין קאאבא, וועלכער האט געדיענט אלס א מזבח. נאך דיא לעגענדען איז דיזער טעמפעל געבויט געווארען פון אברהם זעלבסט, ווען ער איז געקומען בעזוכען זיין פערטריעבענען זוהן ישמעאל, און דער הייליגער שטיין איז דאן געבראכט גע־

וואָרען פון מלאך גבריאל. לעבען דיזען טעמפעל האָט מען אָנגע־צייגט אויף א פעלז, וואו אברהם און ישמעאל האָבען געבעטען גאָט. דיזער אָרט הייסט „מאַקאַם איבראַהאַם (מקום אברהם)". אין דער ווירקליכקייט איז קאַאבאַ, וואָס איז בלויז א שטיק שוואַרצליכע שטיין, אַן אָנדיינקען אָן די גרוי־אַלטע צייטען, ווען מען האָט פערעהרט שטיינער אַלס סימבאָלען פון עוויגקייט און פון דער מוטער ערד און ווען מען האָט געגאָסען אויל אויף שטיינער מזבחות צו דיא געטער.

וואָס אַנבעלאַנגט צו יאַטריב, האָבען זיך דאָרטען און אַרום געפונען איינינע קריסטליכע סעקטען און בעזאָנדערס א סך אידען. דיזע שטאָדט איז שטענדיג געווען אין פערבינדונגען מיט דיא האַנדעלס־ערטער אין ארץ ישראל און סיריען. אידען האָבען זיך דאָרום דאָרטען געפונען נאָך אין שלמה המלך'ס צייטען, וויא מען רעכענט. יעדענפאַלס האָבען דיא אידען א געוויסע צייט גע־פיהרט דיא רעדעל אין יאַטריב און האָבען בעקעהרט איינינע אראַ־בישע שטאַמען צו זייער גלויבען. אין דער צייט, ווען מאַהאַמעד איז אַרויסגעטראָטען אַלס פּראָפעט, האָבען דיא אידען געשפּיעלט א גאַנץ גרויסע ראָלע ניט נאָר אין יאַטריב, זאָנדערן אין דעם גאַנ־צען נאָרדליכען טהייל פון אַראַביען. דיא אַראַבען אין יאַטריב און אין גאַנצען נאָרד זיינען יעדענפאַלס געווען מעהר ענטוויקעלט און אויפגעקלעהרט, וויא זייערע ברידער אין מעקאַ און אַנדערע צענטראַל־געגענדען, ווייל זיי זיינען געווען נעהנטער ניט נאָר צו דיא אידען, זאָנדערן אויך צו דיא צענטערס פון דער אַזיאַטישער און גריכיש־רוימישער ציוויליזאַציאָנען.

מיר האָבען שוין געזעהען, אז דיא הערשער פון פּערסיען און ביזאַנטיען האָבען געקעמפּפט וועגען דיא הערשאַפט איבער אַראַב־יען, נאָר דער הויפּט־פּונקט איז געווען יאַטריב. דאָרטען האָבען זיך געפונען ניט נאָר קריסטליכע און אידישע אַראַבען, זאָנדערן אויך אַזעלכע, וואָס האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון זייער נאַציאָנאַלען געצענדיענסט און וואָס האָבען אָנגעפאַנגען צו גלויבען אין איין גאָט. אַזעלכע אַראַבען האָבען געטראָגען דעם נאָמען „חאַניף",

וואס עס בעדייטעט אונגעפעהר אפיקורס. דיזע חאניפען זיינען שנעל צוגעשטאנען צו מאהאמעד'ן, ווען ער איז אנטלאפען נאך יאטריב. דיזער ווארט בעדייטעט יעצט א'ן אנהענגער פון דעם אלטען גלויבען פון אברהם און ישמעאל, ווייל אין דיזען זינען האט זיך מאהאמעד אויך ערקלערט פאר א חאניף.

עס איז א פאקט, אז דיא חאניפען האבען איבערזעצט אויף אראביש איינינע חאלדעאישע שריפטען וועגען אברהם אדער האבען אליין צוזאמענגעשטעלט א מאנאטעאיסטישע לעהרע אין נאמען פון אברהם, אום בעסער צו קענען ווירקען אויף זייערע געצענדינערשע ברידער. אויך ווייס מען, אז צווישען זיי זיינען געוועזען מענער, וואס האבען געוואלט שפיעלען דיא ראלע פון נביאים, אום צו פעראייניגען אלע אראבישע שטאמען אין איין נאציאן מיט איין גלויבען. דאס הייסט: זיי האבען געוואלט אויפטאן דאס זעלבע וואס מאהאמעד, וועלכער איז זיכער געוועזען אין פערבינדונגען מיט זיי אין דער צייט פון זיינע רייזען, האט אויסגעפיהרט.

איינער פון דיא עלטעסטע אראבישע שרייבערס איבער מאהאמעד'ס לעהרע דערצעהלט אזא געשיכטע וועגען דיא חאניפען: „איין מאל האבען זיך דיא קארעישיטען צוזאמענגעקליבען אין קאאבא־טעמפעל ארום א געצקע, וועלכע זיי האבען בעהרט מיט קרבנות, איידער זיי האבען זיך בעראטהען וועגען זייערע אנגעלעגענהייטען. איין מאל אין יאהר איז דארטען געוועזען א גרויסער יום טוב, ווען א סך מענשען פלעגען קומען פון ווייט ארום. נאר 4 מענער האבען זיך אבגעטהיילט פון דיא אנדערע און האבען אין געהיים זיך דורכגערעדט וועגען געטליכע זאכען. דאס זיינען געוועזען ווארקא, א פלימעניק פון מאהאמעד'ס ערשטע פרוי חאדידזשא, אסמאן, ווארקא'ס א קרוב, אובייד'אלאך, מאהאמעד'ס א שוועסטערקינד, און זעיד, אמרא'ס זוהן. און אט וואס זיי האבען געזאגט: „אונזערע ברידער זיינען אין אירטהום, זיי פערדרעהען אברהם'ס אמת'ן גלויבען. וויא לאנג נאך וועלען מיר זיך דרייהען, וויא זיי, ארום א שטיין, וועלכער זעהט ניט און הערט ניט און קען

אונז ניט טאָן קיין שלעכטעס און קיין גוטעס. לאָמיר בעסער זו־
כען א בעסערען גלויבען.״

און זיי זיינען אוועק רייזען אין פרעמדע ערטער און לענדער, זוכענדיג אלץ דיא ריכטיגע אמונה פון דיא חאניפען. דריי פון זיי האָבען אָנגענומען צוערשט דיא קריסטליכע רעליגיאָן, נאָר זעיד האָט זיך צוריקגעקעהרט אָן אונצופריעדענער מיט דעם קריסטענ־טהום. דיזער זעיד האָט דאָן אָנגעפאנגען צו פּרעדיגען לעבען קאאבא־טעמפּעל געגען געצענדיענסט און האָט ערקלערט דעם גלויבען פון דיא חאניפען. נאָך אראבישע לעגענדען איז מאהאָמעד געווען איינער פון זיינע צוהערער. פון דיזען פארגעננער פון מאָ־האָמעד זיינען אויך געבליבען פּאָעזיען, אין וועלכע ער צייגט דעם אונזין פון געצענדיענסט און פּרעדיגט דעם גלויבען אין איין איינ־ציגען גאָט. ווען מאָהאמעד איז ארויסגעטראָטען אלס פּראָפעט, איז זעיד געקומען פון זיין צווייטע רייזע נאָך סיריען. וויא נאָר ער האָט דערהערט פון מאהאָמעד׳ס פּרעדיגען, האָט ער זיך שנעל א לאָז געטאָן נאָך מעקא, נאָר אויפ׳ן וועג איז ער דער׳הרג׳עט גע־וואָרען פון רויבער. עס איז בעוואוסט, אז מאהאָמעד האָט איהם זעהר געאַכטעט און האָט בעדויערט זיין טויט.

דיזער פאל צייגט גאנץ קלאָר, אז מאהאָמעד האָט אייגענטליך נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיעל פון אנדערע און אז דער באָדען איז געווען פאָרבערייטעט פאר א מאן, וואָס זאָל ארויסטרעטען אלס א נביא, אלס רעסול־אלאה (שליח פון גאָט). די חאניפען האָבען נאָר געוואָרט אויף א נביא, וואָס זאָל קענען אויספיהרען זייער וואונש צו געבען דיא אראבען נאציאָנאלע איינינקייט אין פערבינדונג מיט א מאָנאָטעאיסטישע רעליגיאָן, וועלכע זאָל מעהר שטימען מיט דעם אראבישען גייסט, וויא דיא אידישע און קריסטליכע. מאהאָ־מעד, וועלכער איז געווען א׳ן עכטער אראב אין אלע בעציהונגען, האָט דאָס זיי געגעבען און אין דעם איז בעשטאנען דיא הויפּט־אורזאכע פון זיין ערפאָלג. מיר וועלען שפּעטער זעהען, אז מאהאָ־מעד האָט זיך געשטיצט אין זיינע דרשות און נביאות אויף דעם

מאַנאָטעאיזמוס, וואָס דיא חאַניפען האָבען פערבונדען מיט דיא טראַדיציאָנען (מסורות) וועגען אברהם.

אידען און קריסטען האָבען זיך אָנגעשטרענגט צו בעקעהרען דיא אראַבען און האָבען געקראָגען א סך אנהענגער; אָבער זיי איז קיין מאָל ניט געלונגען אויפצורודערן אלע אראַבען און ארויסצורופען א נאַציאָנאַלע רעליגיעזע בעוועגונג, וויא דיא חאַניפען האָבען עס געוואונשען און מאַהאָמעד האָט עס אויסגעפיהרט.

לאָמיר יעצט בעטראַכטען, וואָס מאַהאָמעד האָט געטאָן, אום אנערקענט צו ווערן פאַר א פראָפעט פון אראַבישען פאָלק.

4.

מאַהאָמעד'ס פּרעדיגען אין מעקאַ.

דיא ערשטע, וואָס האָבען אנערקענט מאַהאָמעד'ן פאַר אַן אמת'ן שליח פון גאָט, זיינען געוועזן זיין פרוי און קינדער, דאַרונ־טער אויך אַלי, דער זוהן פון זיין גוטען אָנקעל אבו־טאַליב, און זעיד איבן חאַרים, אַ קריסטליכער שקלאַוו, וועלכען ער האָט אַדאָפּ־טירט, ווייל זיינע אייגענע זיהן זיינען געשטאָרבען. דיזע צוויי יונגע און קרעפטיגע לייט, בעזאָנדערס אַלי, האָבען געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין דער פערשפּרייטונג פון מאָהאַמעדאַנישען גלויבען. זעיד איז געוועזן אַ שקלאַוו ביי מאַהאָמעד'ן, נאָר ער איז אַזוי געפעלען געוואָרען זיינע בעלי־הבתים, דאָס מאַהאָמעד האָט איהם צוערשט בעפרייט און נאכהער אָנגענומען פאר א זוהן.

נאכהער האָט מאהאָמעד געוואָלט בעקעהרען זיינע קרובים פון דעם אַריסטאָקראַטישען שטאַם קאָרעישיט. ער האָט זיי אַלע־מען איינגעלאַדען צו זיך און האָט זיי דערצעהלט, וואָס פאַר נסים עס האָבען געטראָפען מיט איהם און ווארום ער גלויבט, אז ער איז געשיקט געוואָרען פון גאָט צו פּרעדיגען דעם אמת'ן גלויבען, דעם איסלאַם. זיי האָבען געמיינט, אַז ער האָט זיי גערופען וועגען א וויכטיגע געשעפטס־אנגעלעגענהייט, און זיי זיינען דאַרום אין כעס געוואָרען אויף איהם און האָבען איהם אָנגעקוקט וויא א משוגענעם, ווען זיי האָבען דערהערט זיינע רייד. זיי זיינען זיך גלייך צוגאַנגען מיט געלעכטער און זידלעריי, און אפילו זיינע נעהענטסטע קרובים האָבען צוגעגעבען, אַז ער איז פעריקט.

נאָר ער האָט דאָך אויף אַ מינוט ניט פערלאָרען זיין מוטה און פעסטען גלויבען אין זיין פּראָפעטען־ראָלע. זעהענדיג, אַז ער קען גאָר ניט מאַכען מיט זיינע קרובים און איבערהויפּט מיט דיא קאָרעישיטען, וועלכע זיינען געוועזן פעראינטערעסירט אָנצוהאַלטען דיא אַלטע געצענדיענעריי מיט דיא שווידערליכסטע צערעמאָניעס (מען פלעגט אויך מקריב זיין קינדער און בתולות צו דיא אָבגעטער), ווייל זיי האָבען געהאַלטען דיא שליסלען פון קאַאבאַ־טעמפּעל,

האָט ער אָנגעפאַנגען צו פּרעדיגען עפענטליך צום פאָלק. זיינע דרשות געגען דעם אַלטען נאַציאָנאַלען גלויבען און זיינע אָפּלאַכונ־גען פון דיא פיעלע געטער און געצקעס האָבען ארויסגערופען אַלץ שטאַרקערע פּראָטעסטען פון דיא קאָרעישיטען, אָבער זיי האָבען איהם עטליכע יאָהר צו רוהע געלאָזען, ווייל זיי האָבען מורא גע־האַט, אַז זיין משפחה וועט זיך פאַר איהם דאָך אָננעהמען און אַז דאָס וועט פיהרען צו געפעהרליכע רייסערייען און גאולת הדם נאָך דעם אראַבישען מנהג. מאהאָמעד'ס בלוט־פערוואַנדטע האָבען זיך ענטזאגט צו אָנערקענען איהם פאַר אַ פּראָפעט, אָבער זיי האָבען איהם ניט אויסגעשלאָסען פון דער משפחה. ער איז דארום גע־שטאַנען אונטער איהר שוץ. בעזאָנדערס איז ער בעשיצט געוואָרען פון זיין אָנקעל אבו־טאַליב, וועלכער איז צו איהם זעהר צוגעבונדען געוועזן.

דיא ערשטע דריי־פיער יאָהר פון זיין פּרעדיגען האָט מאהאָמעד סך הכל געקראָגען 43 אנהענגער. מייסטענס זיינען זיי געוועזן אָרימע לייט און שקלאַווען, וועלכע זיינען צוליעב דעם פערפאָלגט געוואָרען פון זייערע הערען. דיא וויכטיגסטע פון דיא נייע אנ־הענגער זיינען געוועזן דער בעריהמטער אָסמאַן, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט דעם פּראָפעט'ס טאָכטער און איז נאָכהער געוואָרען דער דריטער שטעל־פערטרעטער פון דעם פּראָפעט, און אבו־בעקר, וועל־כער קען גערעכענט ווערען פאַר אַ גרינדער פון מוסולמאַניזמוס און וועלכער האָט געהאַט אַזאַ איינפלוס אויף מאהאָמעד'ן זעלבסט און אַלע מוסולמאַנער, דאָס ער איז געוואָרען דער ערשטער שטעל־פער־טרעטער פון דעם פּראָפעט. אבו־בעקר איז ניט נאָר געוועזן קלוג און געבילדעט, זאָנדערן אויך רייך. ער האָט אויסגעקויפט דיא מו־סולמאַנער שקלאַווען, אום זיי צו רעטען פון פערפאָלגונגען, נאָר ער האָט זיי געראַטהען, מיט דער צושטימונג פון מאהאָמעד זעלבסט, אַז זיי זאָלען זיך האַלטען אָן אַ זייט, בלייבענדיג אין הארצען טריי צום נייען גלויבען.

דיא צאָהל פון אנהענגער איז אַזוי לאַנגזאַם געוואַקסען און יעדער פון זיי איז אַזוי פערפאָלגט געוואָרען פון דיא קאָרעישיטען,

דאָס מאהאָמעד האָט געזוכט דיא הילפע ניט נאָר פון די חאניפען, פון וועלכע ער האָט זיך דאן ווייניג אונטערשיעדען, זאָנדערן אויך פון אידען און קריסטען. אַלע זיינע אנהענגער, וועלכע האָבען איי־גענטליך געקעמפפט געגען געצענדיענסט, האָבען נאטירליך סימפּאַ־טיזירט מיט יעדען איינעם, וואָס האָט נאָר געגלויבט אין איין גאָט. זיי האָבען זיך אַלע געפיהלט וויא מיטגליעדער פון איין פּאַרטיי גע־גען דיא פּאַרטיי פון געצענדיענערס.

א צייכען פון דיזער פריינדשאַפט צו אידען און קריסטען איז אויך פערבליבען אין פיעלע פסוקים פון קאָראַן. צוםביישפּיעל, דאָרט שטעהט געשריעבען: „נאָך דיא נביאים (אידישע) האָבען מיר געשיקט מאריע׳ן און יעזוס׳ען, אז זיי זאָלען בעשטעטיגען דעם חומש. מיר האָבען איהם געגעבען דאָס יעוואַנגעליום וואָס איז א ליכט־טהורם פון גלויבען און חתימה אויף דער וואהרהייט פון דיא אַלטע הייליגע שריפטען... זינג א לויב־געזאַנג צו מאריע׳ן, וועלכע איז געבליבען א ריינע בתולה. מיר האָבען אין איהר אַריינגע־אָטהעמט אונזער גייסט. זיא און איהר זוהן זיינען געווען דיא וואונדער פון דער וועלט... יעזוס, מאריע׳ס זוהן, איז דער שליח פון אַלמעכטיגען גאָט און פון זיין וואָרט. ער איז גאָט׳ס אָטהעם.“

נאָר אזוי וויא דיזע חן׳דעלעך צו אידען און קריסטען האָבען איהם ווייניג געהאָלפען, איז ער אוועק נאָך ווייטער. איין מאָל האָט ער אין זיינע א דרשה לעבען קאאבא־טעמפעל אויסגעשריען: „האָט איהר געטראַכט וויא עס דאַרף צו זיין וועגען אַלל־אַט, אוזא און מאנאט? עס איז אמת, זיי זיינען געטליכע שוואַנען, אויף זייער אַריינמישונג קען מען זיך פערלאָזען.“ אַלאַט, אוזא און מא־נאַט זיינען געווען דריי פון דיא פערעהרטעסטע געטינען ביי דיא אַראבער, און ווען דיא קאָרעישיטען האָבען דערהערט, אז מאהאָמעד אנערקענט זייער מאכט, זיינען זיי געווען זעהר צופריעדען. נאָר א קורצע צייט נאכדעם האָט ער חרטה געקראָגען און האָט ערקלערט, אז זיינע פריהערע ווערטער זיינען איהם אונטערגעזאָגט געוואָרען פון טייוועל. אין קאָראַן טהוט ער תשובה וועגען דעם מיט דיזע ווערטער: „דיא אונגלויביגע האָבען מיך שיער ניט געצוואונגען צו

פערוואָרפען אונזער לעהרע און אויסצוטראַכטען עפּעס אַנדערעס אין אונזער נאָמען. מיט דיין אונטערגעבען זיך וואָלסטו געקויפט זייער פריינדשאַפט. ווען מיר וואָלטען ניט געשטאַרקט דיין הארץ, וואָלסטו ערפילט זייער וואונש. נאָר ווען דו וואָלסט זיי געפאָלגט, וואָלסטו אַרויפגעצויגען אויף זיך דעם טויט און אונזער צאָרן.“

דאָס צייגט, אַז מאַהאָמעד האָט גאַנץ גוט פערשטאַנען דיא נר־צען פון נאָכגעבען עטוואָס צו דיא געצענדיענערס, נאָר זיין געוויסען האָט איהם ניט דערלאָזען צו מאַכען אַזעלכע פּשרות מיט דעם גרונד פון זיין רעליגיעזע לעהרע — גאָט׳ס איינהייט. אויך האָט ער מורא געהאַט איינצורייסען מיט זיינע טרייעסטע אנהענגער, וועלכע זיינען גאָר ניט צופריעדען געווען מיט זיין דרשה וועגען דיא דריי געטינען.

דיא געצענדיענערס זיינען דאַן נאָך מעהר אויפגעבראַכט גע־וואָרען אויף דיא מוסולמאַנער, און אין 617 יאָהר האָבען דיא קאָ־רעישיטען בעשלאָסען זיי אריינצולייגען אין חרם און ניט אריינצו־לאָזען זיי אין קאַאבאַ־טעמפּעל. מאַהאָמעד׳ס אנהענגער, צווישען וועלכע עס האָט זיך שוין געפונען אָמאַר, דער צוקינפטיגער עראָבע־רער פון מצרים און סיריען, דער צערשטערער פון דער אַלעקסאַנד־ריער ביבליאָטהעק, האָבען דאַן געמוזט זיך בעזעצען הינטער דער שטאָדט. מאַהאָמעד האָט זיך בענוצט דערמיט צו פּרעדיגען אין דיא אַרומיגע שטעדטלעך, וואו דיא איינוואָהנער זיינען ניט געווען אַזוי פעראינטערעסירט אין אַלטען געצענדיענסט וויא דיא קאָרעי־שיטען. אָבוואָהל ער האָט אויך אויסערהאַלב מעקאַ געוואונען וועני־ניג אנהענגער, דאָך איז זיין ארויסטרעטען אַלס פּראָפעט אלץ מעהר בעקאַנט געוואָרען איבער אַראַביען.

דער חרם האָט אָנגעהאַלטען 2 יאָהר. דיא קאָרעישיטען האָבען אין 619 ערלויבט דיא מוסולמאַנער אַריינצוקומען אין מעקאַ, נאָר מיט דער בעדינגונג, אַז מאַהאָמעד זאָל ניט פּרעדיגען אין דער היי־ליגער שטאָדט זעלבסט, אָבער ער האָט שוין צו דער צייט פערלאָרען דעם חשק צו פערבלייבען אין מעקאַ, וואו דיא קאָרעישיטען האָבען איהם געשטערט אויף יעדען שריט. ער האָט איינגעזעהען, אַז מיט

זיי וועט ער גאָר ניט אויספיהרען אזוי לאַנג עס וועט איהם ניט גע־לינגען צו געווינען אַ סך אנהענגער און דורך דעם אויך מאַכט אין אנדערע ערטער פון אראַביען. דערצו נאָך זיינען אין דיזען יאָהר געשטאָרבען זיין פרוי חאַדידזשא און אבו־טאַליב, זיין בעסטער אָנ־קעל און טרייעסטער בעשיצער. דארום האָט ער בעשלאָסען צו מאַכען אַ פּראָבע ביי דעם שטאַם בענו־טאַקיפאַס, וועלכע האָבען געהאט אַ בעפעסטיגטען פּלאַץ אַ 100 קילאָמעטער פון מעקא. נאָר דאָרטען האָט מען איהם אזוי שלעכט אויפגענומען, אז ער איז קוים אַ לעבעדיגער אנטלאָפען.

נאָך דיזען דורכפאַל האָט ער אַלץ מעהר אָנגעפאַנגען צו דענ־קען וועגען יאטריב (מעדינא), וואו אידען און קריסטען האָבען פרידליך געלעבט צוזאמען מיט דיא אַראַבישע געצענדיענער. פון זיינע רייזען האָט ער געוואוסט, אז דאָרטען געפינען זיך אויך אַ סך חאַניפען און אז דיא געדאַנקען וועגען איין גאָט וועלען געפינען אַ בעסערע אויפנאַהמע, וויא אין מעקא, דעם צענטער פון אַלטען געצענדיענסט.

אין זיינע האָפנונגען אויף מעדינא האָט ער זיך גאָר ניט אָפּגע־נארט. דיא רעזולטאַטען פון זיין פּלאַן צו בעזעצען זיך אין דיזען צענטער פון אידישען גלויבען אין אַראַביען זיינען פיעל גרעסערע און וויכטיגערע, וויא ער האָט עס גאָר געקענט ערוואַרטען. ניט אומזיסט רעכנען דיא מאָהאַמעדאַנער זייער צייט פון דעם יאָהר 622, ווען מאַהאָמעד איז אנטלאָפען פון מעקא נאָך מעדינא. דיזער יאָהר טראָגט דעם נאָמען ה ע ד ז ש ר א, וואס עס בעדייטעט פּליטה.

.5

מאהאָמעד׳ס פליטה נאָך מעדינא.

אום צו קומען אין פערבינדונגען מיט דיא אראבען פון מעדינא, האָט זיך מאהאָמעד בענוצט מיט דעם גרויסען פריהלינגס־יום־טוב אין מעקא, ווען פון אַלע עקען פון אראביען פלעגען זיך צוזאַמענקור־מען דיא געצענדיענער אין קאאבא־טעמפעל, אום בייצו־וואָהנען דאָרטען פערשיעדענע געצענדיענערשע צערעמאָניעס. אין דער זעלבער צייט איז אויך געווען אַ יריד, און פיעלע הענדלער פלעגען זיך צוזאמענקומען. דאָס איז געווען דער אראבישער חג הפסח, וואָס האָט געהייסען האדזשא און וואָס האָט אָבגעשטעלט אויף אַ מאָנאַט אַלע שטרייטען צווישען דיא שטאַמען און אויך גאולת הדם.

מאהאָמעד האָט אויפגעזוכט אין דער מאַסע פּילגרימען (וואנ־דערער צו הייליגע ערטער) צום קאאבא־טעמפעל אַ גרופּע מענשען־וועלכע האָבען געהערט צום שטאַם בענו־חאזראדזש אין יאטריב. דיזער שטאַם איז געווען אין זעהר פריינדליכע בעציהונגען מיט אי־דען און איז דארום גענייגט געווען צום מאָנאָטעאיזמוס. „געהערט איהר צו דיא יעניגע וואָס זיינען פערבונדען מיט אידען?“ האָט זיי מאהאָמעד געפרעגט. ווען זיי האָבען געענטפערט יא, האָט ער זיי געבעטען איהם אויסהערען. זיי האָבען איהם געפאָלגט, און ער האָט זיי דאן ערקלערט, אז ער איז געשיקט געוואָרען פון אַלאה צו פּרעדיגען אַ ריכטיגען מאָנאָטעאיסטישען גלויבען, דעם איסלאַם. זיי האָבען זעהר ערנסט אויסגעהערט זיינע רייד און האָבען צווישען זיך געזאָגט: „איז עס ניט דער זעלבער נביא, וועגען וועלכען דיא אידען האָבען דערצעהלט, אז ער מוז קומען און ערלייזען דיא מענשהייט? ווארום זאָלען מיר ניט צושטעהען צו איהם?“ זיי האָבען פערשפּראָכען איבערצוגעבען אלעס, וואָס מאהאָמעד האָט זיי דערצעהלט, צו זייערע לאנדסלייט און נעכסטען יאָהר ווידער צו קומען נאָך מעקא מיט עטליכע חברים.

זיי האָבען געהאלטען וואָרט. 12 אראבען פון יאטריב זיינען געקומען און האָבען געשוואָרען טרייהייט צו מאהאָמעד׳ן און ניט

צו גלויבען אין קיין אנדער גאָט אויסער אין אלאה, וויא אויך ניט צו אָפּפערען זייערע קינדער, ניט צו גנב'ענען, רויבען א. ז. וו. מאהאָמעד האָט זיי פערשפּראָכען א פּלאַץ אין גן־עדן, ווען זיי וועלען נאָר ריכטיג האַלטען זייער שבועה, און האָט זיי געגעבען אַלס בעגלייטער און לעהרער זיין טרייען שילער מוסאַב.

אויף דיזער וועיזע האָט מאהאָמעד איינגעפּלאַנצט דעם איסלאַם אין דער שטאָדט יאַטריב, וועלכע האָט איהם שפּעטער געראטעט און געגעבען זיין גאַנצע מאַכט.

אַ קורצע צייט נאָך דיזער פּאַסירונג האָט מאהאָמעד, וועלכער האָט אַלץ זיכערער געשפּיעלט זיין פּראָפּעטען־ראָלע, געזעהען גאָט אַליין אין דיא הימלען, וואוהין אַן אונבעקאַנטע קראַפט האָט איהם פערטראָגען און נאַכהער צוריקגעבראַכט, אַלץ אין דער צייט ווען ער איז געשלאָפען. וויא ער האָט דערצעהלט, האָט איהם דער מלאך גבריאל פּלוצלונג אויפגעהויבען אין לופטען און אַרויפגעזעצט אויף דעם צויבער־פערד על־באָראַק (דיזער וואָרט בעדייטעט: בליץ), וועלכער האָט איהם אין א סעקונדע געבראַכט אין ירושלים לעבען בית המקדש. דאָרט האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט אַ גאַנצער מאַסע נביאים, צווישען וועלכע עס האָבען זיך אויך געפונען אברהם, משה און יעזוס. צוזאַמען מיט זיי האָט ער געזאָגט תפילות. נאַכהער האָט מען איהם דערלאַנגט דריי בעכערם: איינעם מיט וואַסער, דעם אַנדערן מיט וויין און דעם דריטען מיט מילך. אין דער זעלבער צייט האָט ער דערהערט אַ שטימע, אַז „אויב ער וועט נעהמען דאָס וואַסער, וועט ער דערטרונקען ווערען מיט זיין קהלה, אויב ער וועט נעהמען דאָס וויין, וועט ער בלאָנדזענען מיט זיין קהלה, אויב ער וועט נעהמען מילך, וועט ער אַוועקגעהן אויף אַ גלייכען וועג מיט זיין קהלה." ער האָט דאַן אויסגעקליבען דעם בעכער מיט מילך. נאַכדעם האָט מען איהם געטראָגען דורך זיעבען הימלען ביז ער האָט דערגרייכט צום כסא־הכבוד און געזעהען גאָט אַליין, וועלכער האָט איהם איבערגעגעבען פאר דיא מוסולמאַנער (רעכטגלויביגע) 50 טעגליכע געבעט. נאָר אויפ'ן וועג צוריק, ביי דיא טויער פון יעדען הימעל, האָט ער געטראָפען איינעם פון דיא

גרויסע נביאים, וועלכער האָט איהם אָנגעזאָגט, אז דיא מוסולמאַנער וועלען ניט אויסהאַלטען אזא גרויסע צאָהל געבעט, און האָבען איהם געראַטהען צו בעטען גאָט פערקלענערען זייער צאָהל. ער האָט זיי געפאָלגט, און ווען ער איז ארויס פון לעצטען הימעל, זיינען נאָר גע־בליבען דיא 5 טעגליכע געבעט, וועלכע זיינען פאָרגעשריעבען אין קאָראַן. ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אין זיין שלאָף־צימער נאָך דיזע הימלישע וואַנדערונגען, האָט ער געפונען, אז דער קרוג מיט וואַסער, וועלכען ער האָט איבערגעקעהרט, ווען דער מלאך גבריאל האָט איהם אַרויסגעטראָגען, האָט נאָך ניט צייט געהאַט אין גאַנצען אויסצורינען.

דיזער חלום האָט אַזלאָ ניט לאַנג געדויערט. אויף מאָרגען האָט ער דערצעהלט וועגען זיין הימלישע רייזע צו זיינע טרייעסטע נאָכפאָלגער, נאָר אַזוי וויא ער האָט זיך אַליין ניט געקענט אָבגעבען אַ קלאָרע רעכנונג וועגען זיין חלום אין אַן אויפגערעגטען צושטאַנד (דער פאַקט, אז ער האָט אומגעוואָרפען אַ קרוג מיט וואַסער, צייגט, אז ער האָט זיך געוואָרפען אין שלאָף אָדער האָט געהאַט אַ נערווען־אַטאַקע), האָבען זיינע צוהערער איהם אָנפאַנגס אָנגעקוקט פער־וואונדערט און האָבען געצווייפעלט. נאָר אבו־בעקר, זיין רעכטע האַנד און לייטענדער גייסט, איז איהם דאָ געקומען צו הילפע און האָט בעמערקט: „אָט וויא ער זאָגט, אַזוי איז עס געווים געוועזן.“ מאַהאָמעד האָט איהם דערפאַר אַ נאָמען געגעבען „על סידיק“, דאָס הייסט: עדות פון אמת. דיא איבעריגע האָבען דאַן אָנגענומען אבו־בעקר'ס בעשטעטיגונגען און געגלויבט אין דעם נייען נס.

אין יאַטריב האָט זיך מאַהאָמעד'ס לעהרע אַזוי שנעל פער־שפרייט, אז דעם נעכסטען יאָהר זיינען צום נאַציאָנאַל־רעליגיעזען יום טוב האדזשאַ אין מעקאַ געקומען 75 נייע בעקעהרטע זעהען דעם פראָפעט. מיט זיי האָט מאַהאָמעד אָבגעמאַכט, אַז זיי זאָלען איהם נעהמען אונטער דעם שוץ פון זייער שטאַם נאָך דעם אַראַבישען מנהג, דען ער האָט ערקלעהרט, אַז ער וויל זיך אויסשליסען פון זיין אייגענעם שטאַם. ער האָט פערלאַנגט, אַז זיי זאָלען שווערען, דאָס זיי וועלען איהם פערטהיידיגען מיט געוועהר אין האַנד, אַזוי וויא

זייערע אייגענע פרויען און קינדער, און זיי האָבען געשוואָרען. אום דיזער אָבמאַך זאָל האָבען אַ געזעליכע פאָרמע נאָך דיא אַראַבישע מנהגים, האָט מאַהאָמעד מיטגענומען זיין אָנקעל אבאַס, אַלס דעם עלטסטען פון זיין משפחה, צו בעוויליגען, אַז זיין פּלעמעניק זאָל ווערען א מיטגליעד פון דיא יאַטריבער שטאַמען.

באַלד נאָך דיזער שבועה האָבען דיא מייסטע מוסולמאַנער פון מעקאַ אַריבערגעוואַנדערט נאָך יאטריב אונטער דער פיהרונג פון אָמאַר. מאַהאָמעד איז פערבליבען צוזאַמען מיט אבו־בעקר און עטליכע אנהענגער אין מעקאַ, וואהרשיינליך אום אָפּצו־וואַרטען, וואָס זיינע אנהענגער וועלען אויפטאָן אין זיין נייעם צענטראל־פּונקט. נאָר דיא קאָרעישיטען האָבען איהם ניט געלאָזט לאַנג וואַרטען. זיי האָבען זיך צוזאמענגערעדט צו פערהאַלטען דעם פּראָפעט מיט געוואַלט, און עס האָבען זיך אַרומגעטראָגען קלאַנגען, אַז זיי קלייבען זיך איהם איינפאַך אומצובריינגען. וויא ווייט דיזע קלאַנגען זיינען געווען בעגרינדעט, ווייס מען ניט; נאָר אבו־בעקר האָט גקעויפט צוויי נייע קעמלען און אין איין פינסטערע נאַכט האָט ער זיך אָבגעטראָגען פון מעקאַ צוזאמען מיט מאַהאָמעד'ן. דריי טעג זיינען זיי געלעגען בעהאַלטען אין א הייל הינטער דער שטאָדט, וואוהין אבו־בעקר'ס דיענער האָבען זיי געבראַכט שפּייז. אין דער נעכסטער נאַכט זיינען זיי אַרויס פון הייל צו אַן אָרט, וואו אַ וועגפיהרער האָט אויף זיי געוואַרט מיט קעמלען, און האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן דורך זייטיגע וועגען נאָך יאטריב, וואוהין זיי זיינען בשלום אָנגעקומען און דאָרט אויפגענומען געוואָרען מיט דער גרעסטע פריידע פון אַלע זיינע אנהענגער, דיא מאָגאַדזשירען (אויסוואַנדערער) פון מעקאַ און דיא אַנסאַרען (פערבונדענע) פון יאַטריב, וועלכע שטאָדט האָט זייט דאַן געקראָגען דעם נאָמען מע־דינאַ נאַבי (מדינת נביא), דיא שטאָדט פון פּראָפעט.

דיזע פּליטה, אויף אַראַביש העדזשרא — דיא וויכטיגסטע פּאַ־סירונג אין דער געשיכטע פון מאָהאַמעדאַניזמוס — איז געשעהען אין מאָנאַט יולי, 622 יאָהר. (פון 16טען יולי פאַנגט זיך אָן דיא מאָהאַמעדאַנער צייט־רעכנונג).

6.

דיא מוסולמאַנער אין מעדינאַ און זייער ערשטע „הייליגע מלחמה“.

אין מעדינא האַט מאַהאַמעד פיעל שנעלער געקראַגען אנהענגער וויא אין מעקאַ. מיר ווייסען שוין, אז דער באָדען איז דאָרטען גרייט געווען פאר דעם מאַנאָטעאיזמוס איבערהויפּט און פאר דעם מאַהאַמעדאניזמוס בעזאָנדערס.

אַנפאַנגס האָט ער געזוכט צו לעבען בשלום ניט נאָר מיט דיא אידען, זאָנדערן אפילו מיט דיא געצענדיענערס. אַלע זיינע אנהענגער האָט ער אָרגאַניזירט אין אַ רעליגיעז־פּאָליטישע געמיינדע. ער האָט אָבגעשאַפט זייערע פריהערע צוטהיילונגען אין שטאַמען און אויך גאולת הדם, וואָס עס איז געווען אַ זעהר וויכטיגער פאָרטשריט אין אַלע בעציהונגען. זיין שטרעבונג איז געווען צו פעראייניגען אַלע אראַבען אונטער דעם פלאַג פון זיינע לעהרען, פון איסלאַם. דיא מענשהייט האָט ער צוטהיילט אין רעכטגלויביגע אָדער מוסולמאַנער און אין אונגלויביגע. געגען די אונגלויביגע האָט ער נאָך דערווייל ניט געהייסען ארויסטרעטען מיט פייער און שווערד, ניט נאָר אזוי ווייל ער האָט זיך ניט געפיהלט גענוג שטאַרק צו בעקעהרען מיט געוואַלט, זאָנדערן ווייל זיינע אויספיהרונגען וועגען דיזען פונקט זיינען נאָך ניט געווען גענוג קלאָר פאר איהם אַליין. זיין לעהרע וועגען אַ הייליגע מלחמה האָט זיך צוערשט ארויסגעוויזען אין זיין געבאָט, אז דיא מוסולמאַנער זאָלען זיך פערטהיידיגען געגען זייערע געגנער מיט געוועהר אין האַנד.

מיט דיא געצענדיענערס פון מעדינאַ האָט ער אָבגעמאַכט, אז זיי זאָלען זיך ניט פערבינדען מיט דיא קאָרעישיטען און אַנדערע זיינע געגנער. ער האָט געהאָפט אַז זיי וועלען מיט דער צייט ווערען זיינע אנהענגער, וואָס עס איז אויך געשעהען, און ער האָט זיי ניט געריהרט. מיט דיא אידען האָט ער געשלאָסען אַ פריינדליכען בונד. זיי האָבען זיך פערפליכטעט צו אונטערשטיצען איהם

מיט געלד און אַנצונעהמען זיינע בעשליסע אין פּראָצעסען מיט מו־סולמאַנער.

יעדענפאַלס האָבען זיך אַלע דריי טהיילען פון דער בעפעלקע־רונג אין מעדינא, דיא מוסולמאַנער, אידען און געצענדיענערס, פערפּפליכטעט צו בעשיצען געמיינשאַפטליך דיא שטאָדט געגען אַלע אַנגרייפערס.

נאָר באַלד האָט מאהאָמעד, וועלכער האָט געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף דיא מיטווירקונג און אַנערקענונג פון דיא אידען, זיך אַרומגעזעהען, אז ער האָט אַ גרויסען טעות געהאַט וועגען זיי. וויא שטאַרק דיא אידען האָבען ניט סימפּאַטיזירט מיט דיא חאַני־פען, מוסולמאַנער און אַלע געגנער פון געצענדיענסט, האָבען זיי דאָך ניט געקענט אַנערקענען מאהאָמעד'ן פאַר אַ נביא אויס דעם איינפאַכען גרונד, ווייל זיי האָבען גלייך געזעהען, אז ער איז אַן אונוויסענדער מענש, אַן עם־הארץ. ער איז אַזוי געווען איינגע־גלויבט אין זיין פּראָפעטען־ראָלע, אז ער האָט גאָר ניט געהאַלטען פאַר נייטיג זיך צו בעקענען נעהענטער מיט דיא אידישע און קריסטליכע הייליגע שריפטען, אויף וועלכע ער האָט זיך אָפט גע־שטיצט אין זיינע דרשות און נביאות. ער האָט איבערגעגעבען וועגען דיזע שריפטען וואָס עס איז איהם איינגעפאַלען אין קאָפּ און האָט פערדרעהט פסוקים מיט'ן קאָפּ אַראָפּ. דיא אידען האָבען נאַ־טירליך גלייך נאָך זייערע ערשטע געשפּרעכען מיט דעם אַראַבישען פּראָפעט געזעהען, אז ער ווייס נאָר פון דער ביבעל אַזוי פיעל, וויא פיעל עס איז איהם אויסגעקומען צו הערען פון זייטיגע אונוויסענדע מענשען, און זיי האָבען זיך דאַרום איינפאַך אויסגעלאַכט פון איהם.

דאַן איז ער אין כעס געוואָרען און האָט ערקלערט מיט זיין געוועהנליכען בלינדען גלויבען אין זיין געטליכער קראַפט: „גאָט האָט געשיקט דעם קאָראַן דיא אידען צו בעשטעטיגען זייערע שריפ־טען, אָבער זיי האָבען ניט געגלויבט.“ באַלד נאָכדעם האָט ער אָנגע־זאָגט זיינע אַנהענגער, אז זיי זאָלען ענדערן דיא זאָ־גענאַנטע „קובלא“, דאָס הייסט, זיי זאָלען זיך אין זייער געבעט ניט שטעלען

מיט׳ן פנים צו ירושלים, וויא ער האָט פריהער געהייסען, זאָנדערן צו מעקאַ, וויא אַלע מאָהאַמעדאַנישע טוען עס טאַקע זייט דאַן.

דערמיט האָט ער געגעבען צו וויסען, אַז ער האָט זיך אין גאַנצען אָבגעזונדערט פון דיא אונגלויביגע אידען. נאָר באַלד איז ער פון ווערטער און נביאות איבערגעגאַנגען צו געוואַלט און בלוטיגע אַטאַקעס אויף אידען. זיין שרעקליכע לעהרע וועגען א „הייליגע מלחמה“ איז אַלץ אָפענער און געשייטער געוואָרען. צו דיזער צייט האָט ער שוין ערקלערט פאַר א מצוה צו בעקעמפּפען מיט׳ן שווערד דיא אונגלויביגע און האָט פערשפּראָכען אַלע גליקען פון גן־עדן צו דיא מוסולמאַנער, וואָס וועלען פאַלען אין א שלאַכט פאַר דעם איסלאַם. „אויב איהר וועט בעגעגענען אונגלויביגע,“ שטעהט אויסדריקליך אין קאָראַן, „זאָלט איהר קעמפּפען מיט זיי ביז איהר וועט זיי ניט אויס׳הרג׳ענען. לייגט אַרויף קייטען אויף דיא געפאַנגענע. גאָט וואָלט זיי געקענט אויסראָטען אָהן אייער הילפע, אָבער ער וויל אייך אוספּרובירען. פיהרט מלחמות מיט אייערע פיינד פאַר אייער גלויבען, אָבער פאַלט ניט אָן דיא ערשטע. גאָט האַסט אָנגרייפערס. טויטעט אייערע פיינדע, וואו איהר וועט זיי נאָר געפינען... אויב זיי וועלען אָנפאַלען אויף אייך, באָדט זיך אין זייער בלוט. אָט דאָס איז דער לוין פון דיא אונגלויבעריי... פיהרט שלאַכטען מיט פיינדע ביז מען וועט שוין ניט דאַרפען מורא האָבען פאַר פערפיהרונג, ביז דער איסלאַם וועט שטאַרק ווערען“....

אין דעם זעלבען קאַפּיטעל פון קאָראַן געפינען זיך אָבער אַזעלכע פסוקים: „געברויכט ניט געוואַלט געגען מענשען צוליעב זייער גלויבען. דער וועג פון ערלייזונג אונטערשיידעט זיך גענוג פון דעם וועג פון טעות.“

אום צו פערשטיין דיזען ווידערשפּרוך צווישען פסוקים פון איין קאַפּיטעל, דאַרף מען נעהמען אין אַנבעטראַכט, אַז דיא הייליגע מלחמה האָט מאַהאָמעד געפּרעדיגט ניט געגען אַזעלכע אונגלויביגע, וואָס גיבען זיך אונטער אָדער טרעטען ניט אַרויס געגען קאָראַן, זאָנדערן געגען אַזעלכע, וואָס שטערען די פערשפּרייטונג פון מוסולמאַנער גלויבען. די הייליגע מלחמה איז איבריגענס נאָר געווען א מי־

טעל צו געווינען אנהענגער אָדער צו פערניכטען אָפענע געגנער ביז דער איסלאַם וועט ווערען אַ שטאַרקער מאַכט. אום צו קענען בע־קעמפּפען דיא אונגלויביגע, האָט ער אויך אָרגאַניזירט מיליטערישׂ זיינע אנהענגער.

דער אָנפאַנג פון אַ הייליגע מלחמה איז געמאַכט געוואָרען דעם צווייטען יאָהר פון הידזשרא. עטליכע מוסולמאַנער, וועלכע מאַהאָמעד האָט געשיקט שפּיאָנירען אין מעקאַ, זיינען פּלוצלונג בעפאַלען אַ קאַראַוואַן, וואָס איז אָנגעפיהרט געוואָרען פון 4 קאָרעי־שיטען. איינעם האָבען זיי געטויטעט, איינעם איז געלונגען צו אַנטלויפען נאָך מעקאַ, און 2 האָבען זיי געפאַנגען און געבראַכט נאָך מעדינאַ. דיזע רויבערישע אַטאַקע איז גראַדע געמאַכט גע־וואָרען אין דער צייט פון דעם הייליגען מאָנאַט, ווען עס האָט גע־הערשט פריעדען אין אַראַביען. ווען מאַהאָמעד האָט דערהערט פון דיזער אַטאַקע, איז ער אָנפאַנגס זעהר אין כעס געוועזען, וואָס מען האָט געבראָכען דעם נאַציאָנאַלען פריעדענס־מנהג; אָבער באַלד האָט ער זיך בערוהיגט און ערקלערט, אַז „געצענדיענעריי איז ער־גער וויא מאָרד."

אַ מאָנאַט 3 נאָך דיזער מערדערישער אַטאַקע און איינפאַכער רויבעריי (דיא גערויבטע זאַכען האָט מאַהאָמעד אַליין צוטהיילט צווישען זיינע אנהענגער) האָט דער פּראָפעט אַליין בעשלאָסען צו בעפאַלען אַ גרויסען קאַראַוואַן, וואָס דער רייכער קאָרעישיט אַבו־סאָפיאַן האָט געפיהרט פון סיריען נאָך מעקאַ. 950 מאַן האָבען בע־גלייטעט דיזען קאַראַוואַן, וועלכער האָט געפיהרט טייערע סחורות אויף 700 קעמלען און 100 פערד (דיא סחורות האָבען בעטראָפען 50.000 דינאַרען, דאָס הייסט אונגעפעהר 100,000 דאָלאַר.) מאַהאָמעד האָט צוזאַמענגעקליבען 314 פון זיינע מוטהיגסטע אנ־הענגער מיט 70 קעמלען און 2 פערד און איז פּלוצלונג בעפאַלען די קאָרעישיטען אין דעם אָזים בעדר אויף'ן וועג צווישען מעדינאַ און מעקאַ (אונגעפהר 150 קילאָמעטער פון מעדינאַ.)

דאָס איז געווען דיא ערשטע „הייליגע" שלאַכט פון דעם פּראָ־פעט. זיא האָט זיך געענדיגט מיט אַ זיעג פאַר דיא מוסולמאַנער,

ווייל דיא מעקאַנער האָבען זיך גאָר ניט גערירכט אויף אַזאַ אַטאַקע און זיינען צומישט געוואָרען. דיא מייסטע פון זיי זיינען זיך צו־לאָפען אין שרעק. מאָהאַמעד׳ס באַנדע האָט געפאַנגען אַ 50 „אונ־גלויביגע״ און אַלע סחורות פון קאַראַוואַן צוזאַמען מיט דיא קעמ־לען און פערד. נאכהער זיינען זיי אַריין מיט פריידע־געשרייען אין מעדינאַ, און מאָהאַמעד האָט ערקלערט, אַז דיא שלאַכט איז גע־וואונען געוואָרען דורך דיא אַריינמישונג פון 3000 מלאכים אונטער דער קאָמאַנדע פון גבריאל און מיכאל. דערמיט האָט ער אַרויפ־געלייגט אַ געטליכען שטעמפעל אויף דיזער איינפאַכער רויבעריי. דיזע היילינגע מלחמה איז אייגענטליך געווען אַ רויבערישע אַטאַקע אויף אַ קאַראַוואַן אַזוי וויא דאָס האָט זיך געפיהרט אין אַראַביען, נאָר דיא מוסולמאַנער זיינען געווען בעגייסטערט, ווייל מאָהאַמעד האָט זיי דערפאַר פערשפּראָכען דיא בעסטע פּלעצער אין גן־עדן.

דיא גערויבטע זאַכען האָט מען באַלד צוטהיילט. אַ פינפטעל איז בעשטימט געוואָרען פאַר דיא היילינגע קאַסע. מאַהאָמעד האָט פאַר זיך גענומען אַ שווערד און אַ קעמעל, דאָס איבעריגע איז פער־טהיילט געוואָרען גלייך צווישען אַלע קעמפּפערס. צוויי פון דיא געפאַנגענע קאָרעישיטען האָט מאַהאָמעד געהייסען טויטען, דיא איבעריגע האָט ער געלאָזען לעבען, אום צו קריעגען פאַר זיי אויס־קויפס־געלד.

7.

מאהאָמעד און דיא אידען פון מעדינאַ.

דער רויבערישער זיעג איבער אבו־סאָפיאן׳ס קאַראַוואן האָט נאַטירליך פערשטאַרקט דיא וואַקסענדע מאַכט פון דעם פּראָפעט, און פיעלע אַראַבען זיינען צו איהם צוגעשטאַנען אין דער האָפנונג אויף אַ חלק אין ווייטערע אַזעלכע „הייליגע" מלחמות. ער האָט זיך שוין געפיהלט אַזוי שטאַרק, דאָס ניט נאָר האָט ער געהייסען אומברייינגען אַן אַראַבישע פרוי און אַ אידען, ווייל זיי האָבען זיך אויסגעלאַכט פון זיין פּערזאָן און נביאות, זאָנדערן האָט בעשלאָסען צו אונטערדריקען דיא אידען אין מעדינאַ. ער האָט געוואָלט זיך אָפּרעכענען מיט זיי, פאַר וואָס זיי האָבען זיך ענטזאָגט צו אַנערקענען איהם פאַר אַ פּראָפעט, און צו גלייכער צייט פּטור צו ווערען פון געפעהרליכע געגנער.

גראָדע האָט עס געטראָפען, אַז אין אַ פּאָאָר וואָכען נאָך דער שלאַכט אין אָאַזיס בעדר איז פאָרגעקומען אַ געשלעג אין אַ פאָר־שטאָט פון מעדינאַ, וועלכע איז געווען בעוואָהנט פון דעם אידישען שטאַם בני־קעינאָקאַ. דער געשלעג האָט זיך אָנגעפאַנגען צוליעב דעם, וואָס אַ מוסולמאַן איז בעפאַלען אַ אידישע פרוי, און האָט זיך געענדיגט מיט דעם טויט פון דיזען מוסולמאַן און פון איין איד, וואָס האָט פערטיידיגט די בעליידיגטע פרוי. מאַהאָמעד האָט זיך בענוצט דערמיט, אום צו ערקלערען קריעג דיזען אידישען שטאַם. אונגליקליכערווייזע זיינען דיא אידען אין אַראַביען געווען צוטהיילט אין קליינע שטאַמען, אַזוי ווי די אַראַבען, און האָבען אויך אָנגענומען פיעלע אַראַבישע מנהגים. יעדער שטאַם האָט זיך געלעבט פאַר זיך און האָט זיך גאַנץ ווייניג געקימערט פאַר אַנדערע. דאַרום האָבען זיך דיא אַנדערע אידישע שטאַמען ניט אָנגענומען פאַר זייערע ברידער פון שטאַם בני־קעינאָקאַ. דיא אידען האָבען אויך ניט געזעהען, אַז מאַהאָמעד׳ס שטייגענדע מאַכט איז דיא גרעסטע געפאַהר פאַר זיי. ווען אַלע אידישע שטאַמען וואָלטען זיך פער־

בונדען, וואָלט מאהאָמעד זיי ניט געקענט בייקומען, נאָר געגען יע־
דען בעזונדער האָט ער שוין געהאט געגוג מאכט.

דיא פאָרשטאדט פון דיא בני־קעינאָקא איז ארומגערינגעלט
געוואָרען פון דיא מוסולמאנער. דיא אידען האָבען בראוו גע־
קעמפפט, אָבער נאָך אַ 2 וואָכעדיגער בעלאגערונג האָט זיי דער הונ־
גער געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען. מאהאָמעד האָט נאָר פער־
לאנגט פון זיי, אַז זיי זאָלען פערלאָזען מעדינאַ, און זיי האָבען אויס־
געוואַנדערט נאָך סיריען.

אין אַ יאָהר ארום איז ער אָהן שום אורזאכע בעפאלען דעם
שטארקען אידישען שטאם בני־נאדיר און האָט זיי אויך געצוואונגען
אויסצו־וואַנדערען. אום זיך צו רעכטפערטיגען פאר דיזע שענדליכע
אטאקע אפילו נאָך דער מאָראל פון רויבערישע אראבען, האָט
מאהאָמעד ערקלערט, אַז דער מלאך גבריאל האָט איהם אזוי גע־
הייסען טאָן. דיזען מלאך האָט ער איבערהויפט אלץ עפטער אָנ־
געפאנגען צו געברויכען, ווען ער פלעגט געפינען פאר נויטיג צו גע־
בען אַ געטליכע הסכמה אויף זיינע „הייליגע מלחמות“.

דיא לענדער פון דיא פערטריבענע אידען האָט ער צוטהיילט
צווישען דיא מאָגאדזשירען (אויסוואַנדערער פון מעקא), וועלכע
האָבען פריהער געלעבט אויף דער רעכנונג פון זייערע מוסולמאנער
ברידער אין מעדינאַ. ער האָט אלזאָ פערזאָרגט זיינע אָרימע אנ־
הענגער פון מעקא אויף דער רעכנונג פון דיא אידען.

דיא בערויבטע בני־נאדיר זיינען אוועק נאָך סיריען, נאָר
אויפ׳ן וועג האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט אין דער אידישער קאָלאָניע
חעיבאר, וועלכע איז צו דער צייט צוגעטראָטען צו דעם בונד פון
אראבישע שטאמען אונטער דער פיהרונג פון דיא קאָרעישיטען.
דערפאר האָט מאהאָמעד גענומען בלוטיגע ראכע פון דעם אידישען
שטאם בני־קאָרעיזא, וועלכער איז נאָך פערבליבען אין מעדינאַ.
ווען מאהאָמעד׳ן איז געלונגען צו ברעכען דעם בונד פון דיא קאָרעי־
שיטען, וויא מיר וועלען עס באלד זעהען, האָט ער בעלאגערט דיא
בני־קאָרעיזא אין זייער קווארטאל און זיי געצוואונגען זיך אונטער־
צוגעבען. זיי האָבען געהאָפט אויף דער הילפע פון דעם אראבישען

שטאם אאוס, מיט וועלכען זיי זיינען געווען אין פריינדליכע בע־ציהונגען אין פריהערע יאָהרען. דיזער שטאם האָט שוין אָבער אָנגענומען דעם איסלאַם, און זייער אַלטער פיהרער, וועלכער איז שטערבליך פערוואונדעט געוואָרען אין דעם קאַמפף מיט דיא קאָרעישיטען, איז געוואָרען א וויסטער פאַנאַטיקער און האָט גע־וואָלט נעהמען ראַכע פון דיא אידען דערפאַר, וואָס זיי האָבען זיך פערבונדען מיט דיא שונאים פון איסלאַם. ווען דיא בעזיעגטע אי־דען האָבען פערלאַנגט מען זאָל זיי לאָזען פריי אויסוואַנדערן פון מעדינא אַזוי וויא זייערע ברידער, דיא בני־קעינאָקאַ און דיא בני־נאַדיר, האָט מאהאָמעד איבערגעגעבען זייער שיקזאַל אין דיא הענד פון דעם פיהרער פון דיא אאוסען, ווייל ער האָט גוט געוואוסט, אַז דיזער פאַנאַטישער מוסולמאַן וועט זיך בלוטיג אָפּרעכענען מיט זיי. דערמיט האָט מאהאָמעד געוואָלט אראָפּנעהמען דיא פעראַנטוואָרט־ליכקייט פון זיך.

ווען מען האָט איבערגעגעבען דעם פיהרער פון דיא אאוסען, וועלכער האָט זיך שוין געראַנגעלט מיט'ן טויט, אַז דער פּראָפּעט האָט איהם געלאָזען ענטשיידען, וואָס מען זאָל טאָן מיט דיא בני־קאָרעיזא, האָט ער גלייך בעפוילען, אַז אַלע ערוואַקסענע מענער זאָל מען אויסשלאַכטען און אַלע פרויען און קינדער פערקויפען אין שקלאַווען. דיזער שרעקליכער בעפעהל איז גלייך אויסגעפיהרט געוואָרען. ביז 600 אידען האָט מען אויסגעקוילעט. בלויז איי־נער האָט זיך געראַטעוועט פון טויט דורך דעם, וואָס ער האָט אָנגענו־מען דעם איסלאַם. איין שעהנע אידישע מיידעל האָט מען גע־צוואונגען אָנצונעהמען דעם איסלאַם, און מאהאָמעד האָט איהר אריינגענומען אין זיין הארעם. דיא איבעריגע אידישע פרויען און קינדער זיינען צוטהיילט געוואָרען צווישען דיא מוסולמאַנער.

נאָך דיזער פערניכטונג פון דיא בני־קאָרעיזא האָט שוין מאַ־האָמעד מעהר ניט געהאַט צו פירכטען פאַר אידען, און מעדינא איז געוואָרען א מוסולמאַנער שטאָדט אונטער זיין אונבעשרענקטער הערשאַפט.

.8

דער קאַמפּף מיט דיא קאָרעישיטען.

אין דער צייט, ווען מאַהאָמעד האָט געזוכט צו בעפעסטיגען זיך אין מעדינא נאָך דער רויבערישער אטאַקע אויף אבו סאָפּיאַן'ס קאַראוואַן אין אַאַזים בעדר, האָבען די קאָרעישיטען נאַטירליך געזוכט זיך אָבצורעכענען מיט איהם און זיינע נאָכפאָלגער. זיי האָבען בעשטימט אַ טרויער־צייט אין מעקא אַזוי לאַנג ביז מאַהאָמעד וועט ניט בעזיעגט ווערען. אבו־סאָפּיאַן, וועמען עס איז געלונגען צו רעטען זיך נאָך זיין ניעדערלאַגע אין בעדר, האָט צוזאַמענגעקליבען 3000 מאַן מיט 200 פערד, אום צו זיין זיכער געגען דיא אנהענגער פון מאַהאָמעד אין מעדינא. אויסער דעם האָבען דיא קאָרעישיטען זיך פערבונדען מיט עטליכע געצענדיענערשע שטאַמען.

דעם 24טען יאַנואַר, 625 (דעם דריטען יאָהר נאָך הידזשרא) איז דיזע מחנה צוגעקומען צו די בערג אָכאָד לעבען מעדינא. מאַהאָמעד האָט ניט געוואָלט וואַרטען ביז דיא מעקאַנער וועלען איהם בעלאַגערען אין מעדינא און האָט בעשלאָסען צו פּרובירען מזל אין אַן אָפּענער שלאַכט. ער איז ארויס סך הכל מיט 700 מוסולמאַנער און 300 מעדינער אראַבען, וועלכע האָבען נאָך ניט אנערקענט דעם איסלאַם, נאָר האָבען זיך פערבונדען מיט איהם אין דיא אינטערעסען פון דער שטאָדט. נאָר ביי נאַכט האָבען זיך דיא געצענדיענערס שטילערהייט אָבגעטראָגען, און מאַהאָמעד איז בלויז געבליבען מיט זיינע אנהענגער געגען דיא גרויסע מאַכט פון דיא קאָרעישיטען.

דער פעררעטה פון דיא געצענדיענערס האָט איהם ניט אָבגעהאַלטען. איהם איז געלונגען צו פערנעהמען זעהר גוטע פּאָזיציאָנען אויף דיא בערג, זאָ דאָס אָנפאַנגס האָבען דיא מוסולמאַנער צוריקגעשטויסען אַן אטאַקע פון דיא קאָרעישיטען, אָבער שליסליך האָט זיך דיזע שלאַכט געענדיגט זעהר טרויעריג פאַר דעם פּראָפעט. ער אַליין איז לייכט פערוואונדעט געוואָרען אין געזיכט און אין קניע און איז אַריינגעפאַלען אין אַ קאַנאַווע. עס האָט געפעהלט אַ

האָר, אז ער זאָל זיך אָבטראָגען צום דעם מלאך גבריאל, וועלכער האָט זיך דיזען מאָל ניט בעוויזען מיט זיינע מחנות ענגלען. ווען א צופאל וואָלט דאָ ניט געהאָלפען דעם פּראָפעט, וואָלט וואהר־שיינליך געווען אַן ענדע פון זיין איסלאַם און עס וואָלט געבליבען אַן אנדענקען אַן איהם אין אראבישע לעגענדען.

נאָר זיינע אנהענגער האָבען איהם אויפגעהויבען א צובלוטיג־טען און אוועקגעטראָגען אין א זיכערען אָרט, וואו דיא לעבעדיג געבליבענע מוסולמאַנער האָבען איהם ארומגערינגעלט. זיין אָנקעל חאמזא, א זעהר מוטהיגער און פעהיגער קריעגער, איז געטויטעט געוואָרען צוזאמען מיט 70 מוסולמאַנער. אין דיא רייהען פון דיא זיעגרייכע קאָרעישיטען האָט זיך פערשפּרייטעט א קלאנג, אז מאַ־האָמעד איז געטויטעט געוואָרען. אבו־סאָפיאַן איז דאַן צוגעריטען צו א פּאָזיציאָן פון דיא מוסולמאַנער אונטער דער קאָמאַנדע פון אָמאר און האָט אויסגעשריען: „איז עס אמת, אז מאהאָמעד איז טויט?“ „ער לעבט און וועט נאָך אייך דערלאַנגען פעפער!“ האָט אָמאר געענטפערט. „אויב אזוי, וועלען מיר זיך נעכסטען יאָהר צוזאמענטרעפען אין בעדר!“ האָט אבו־סאָפיאַן אויסגערו־פען, און איז אוועק צו זיין לאַגער.

אבו־סאָפיאַן׳ס פרוי, וועלכע האָט בעגלייטעט דיא קאָרעישי־טען צוזאמען מיט אנדערע פרויען, האָט אין דער זעלבער צייט בע־גאַנגען א שוידערליכע טהאַט. אזוי וויא איהר פאָטער איז געטוי־טעט געוואָרען פון מאהאָמעד׳ס אָנקעל חאמזא ביי דער רויבערישער אַטאַקע אין דעם אַאזיס בעדר, האָט זיא זיך יעצט א וואָרף געטאָן אויף זיין טויטען קערפּער, האָט אויפגעשניטען זיין בויך, האָט ארויסגעריסען זיין לעבער און עס אויפגעפרעסען רויערהייט!... אנ־דערע פרויען האָבען אָבגעשניטען ביי דיא געטויטעטע מוסולמאַנער דיא נעזער און אויערען און געמאַכט דערפון האַלזבענדער!... אָט אזוי ווילד זיינען נאָך דיא אראַבען געווען אין יענער צייט.

דיא קאָרעישיטען האָבען ניט אויסגענוצט זייער זיעג צו פער־יאָגען מאהאָמעד׳ן פון מעדינא. דאָס האָט איהם געראַטעט פון א מעגליכען אונטערגאַנג. זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט נאָך מעקא,

דיינקענדיג נעכסטען יאָהר צו קומען מיט א גרעסערע מאכט און מאכען א סוף פון דיא מוסולמאנער.

מאהאָמעד האָט זיך בענוצט דערמיט, אום אויפצומונטערן זיינע נידערגעשלאָגענע אנהענגער. ער האָט ניט בעוויזען מוטה אין דיזער שלאכט. ער האָט געטראָגען 2 שטאַרקע פּאנצירען, וועלכע האָבען איהם גערעטעט פון טויט, און ער איז אריינגעפאלען אין דער קאנאווע איינפאך אויס שרעק. נאָר ווען דיא קאָרעישיטען האָבען אָנגעפאנגען זייער מארש צוריק, איז ער ארויס מיט זיינע טרייעסטע אנהיינגער כלומרשט נאָכצויאָגען זיך נאָך דיא שונאים. אין דער ווירקליכקייט אָבער איז ער פערבליבען דריי טעג צווישען דיא בערג און האָט זיך צוריקגעקעהרט נאָך מעדינא. וועגען זיין נידערלאגע האָט ער זיך ארויסגעדרעהט מיט פאָלגענדען תירוץ: „זאָ לאנג איהר האָט מיר געפאָלגט, האָט איהר געזיעגט; אָבער וויא נאָר איהר האָט אויס געמיינע האבזוכט ניט געהערט דעם ווילען פון גאָט און דיא בעפעהלע פון זיין שליח, האָט איהר געקראָגען דיא פערדיענטע שטראָף, און אייערע פיינדע האָבען געזיעגט. נור גאָט איז בארמהערציג, ער האָט שוין פערגעבען אייערע זינד און וועט ניט דערלאָזען, אז איהר זאָלט אונטערגעהן.“

זיינע ווערטער וועגען דיא „געמיינע האבזוכט“ האָבען זיך בעצויגען אויף דעם פאל, ווען דיא מוסולמאנער, וועלכע האָבען צוריקגעשטויסען דיא ערשטע אטאקע פון דיא קאָרעישיטען, האָבען אָנגעפאנגען צו רויבען זייער לאגער. דיא „גלויביגע“ האָבען זיך אזוי „פערטיעפט“ אין דיזער רויבעריי, אז זיי האָבען ניט בעמערקט, וויא דער שונא האָט זיך צוזאמענגעקליבען זיי צו פעריאָגען. מען רעכענט, אז דאָס איז טאקי געוועז דיא הויפּט־אורזאכע פון מאהאָמעד'ס נידערלאגע אין דיזער שלאַכט לעבען דיא בערג אָכאָד.

אום נאָך מעהר אויפצומונטערן זיינע אנהענגער, האָט ער עס געהייסען אין נאָמען פון מלאך גבריאל בעפאלען דעם אידישען שטאם בני־נאדיר. דעם נעכסטען יאָהר איז זיין מאכט אזוי געוואקסען, אז ער האָט שוין געקאָנט צוקומען צום אָאזיס בעדר מיט

1500 „הייליגע" קריעגערס, אום דאָרט צו געבען אַ שלאַכט דיא קאָרעישיטען, וויא עס איז אָבגעמאַכט געווען מיט אבו־סאָפיאַן. נאָר דאָרט האָבען זיי אָנשטאָט שונאים געפונען אַ פריעדליכען יריד. דיא קאָרעישיטען זיינען ניט געקומען, ווייל זיי האָבען זיך געקליבען אויסצופיהרען אַ גרויסען פּלאַן געגען דיא מוסולמאַנער. זיי האָבען זיך נעמליך פערבונדען מיט דריי גרויסע געצענדיענערשע שטאַמען און מיט דיא אידען פון דער קאָלאָניע חעיבאַר, וואו עס האָבען זיך געפונען פיעלע פון דיא פערטריעבענע בני־נאַדיר. אבו־סאָפיאַן, דער פיהרער פון דיזען בונד, האָט צוזאַמענגעקליבען אַ גרויסע מחנה צו בעלאַגערען מעדינאַ. נאָר אין דיזער געפעהרליכער לאַגע איז מאַ־האָמעד'ן צו הילפע געקומען אַ פּערס מיט דעם נאָמען סאַלמאַן, וועלכער האָט לאַנג געדיענט אין דיא פּערסישע אַרמעען און איז ענדליך געפאַנגען און פערקויפט געוואָרען אין שקלאַוועריי צו איי־נעם פון דיא אַראַבען אין מעדינאַ. ווען סאַלמאַן האָט אָנגענומען דעם איסלאַם, האָט מען איהם בעפרייט. ער האָט דערפאַר זעהר טריי געדיענט דעם פּראָפעט. וויא נאָר מען האָט זיך דערוואוסט אין מעדינאַ וועגען דיא גרויסע אַרמעע וואָס אבו־סאָפיאַן האָט צו־זאַמענגעקליעבען, איז דיזער פּערס אַוועק צו מאַהאָמעד'ן און האָט איהם געגעבען אַ פּלאַן צו בעשיצען דיא שטאָדט מיט גראָבענס און ערד־פעסטונגען אַרום. דיא אַראַבען האָבען גאָר ניט געוואוסט פון אַזעלכע בעשיצונגס־מיטלען, נאָר מאַהאָמעד האָט גלייך איינגעזעהען דיא גרויסע נוצען פון אַזעלכע בעפעסטיגונגען און האָט געהייסען זיינע נאָכפאָלגער אויספיהרען דעם פּערסישען פּלאַן.

ווען דיא קאָרעישיטען זיינען אין 627 צוגעקומען צו מעדינאַ, זיינען זיי ניט ווייניג ערשטוינט געווען, ווען זיי האָבען זיך אָנגע־שטויסען אויף גראָבענס און ברוסטווערק. זיי האָבען פּרובירט אַרי־בערגעהן דיא גראָבענס, אָבער זיי זיינען שנעל פעריאָגט געוואָרען. זיי האָבען דאַן בעשלאָסען צו בעלאַגערען דיא שטאָדט, נאָר אַזוי וויא זיי האָבען ניט מיטגענומען גענוג פּראָוויאַנט פאַר אַזעלכע גרויסע מחנות, האָבען זיי אין עטליכע וואָכען אַרום געמוזט אין גאַנצען אָפּטרעטען.

מאהאמעד איז דארום פערבליעבען דער הערשער פון מעדינא, און זיין גאַנצע מאַכט האָט ער בענוצט, אום זיך אָפּצורעכענען מיט דיא אידען, וועלכע האָבען געהאָלפען דיא קאָרעישיטען. דאַן האָט ער עס אומגעבראַכט דעם גאַנצען שטאַם בני־קאָרעיזא. וויא עס איז ערקלערט געוואָרען אין פאָריגען קאַפּיטעל.

9.

מאהאָמעד'ס נצחון אין מעקא.

אין פריהלינג פון נעכסטען יאהר האָט מאהאָמעד ערקלערט, אז ער האָט געזעהען אין חלום, דאָס ער איז אוועק נאָך מעקא בעטען גאָט און דאָס מען האָט איהם דערלאַנגט דיא שליסלען פון קאאבא־טעמפעל. דארום האָט ער געהייסען זיינע אנהענגער איהם נאָכפאָלגען נאָך מעקא, אום איינפאך צו בעטען גאָט. מעהר וויא שווערדען האָט ער זיי ניט געהייסען מיטנעהמען, דען דער צוועק פון דיזען מארש איז געווען א פרידליכער און רעליגיעזער. עס איז נאָך גראדע געווען דיא צייט, ווען אראבען האָבען עס געהאלטען פאר זייער הייליגע פפליכט ניט צו בעפאלען און ניט צו רויבען, ווען אין מעקא האָט מען געפראוועט דיא געצענדיענערשע צערעמאָניעס לכבוד דעם גרויסען פריהלינגס־יום טוב האדזשא.

1500 גלויביגע האָבען נאָכגעפאָלגט דעם פראָפעט. ווען זיי זיינען צוגעקומען צום גרענעץ פון דער הייליגער פריעדענס־געגענד חאָדעיביא, האָט מאהאָמעד געשיקט זיין איידעם אָסמאַן נאָך מעקא מיט א פאָרשלאַג זיי אריינצולאָזען אין קאאבא־טעמפעל פיר רעליגיעזע צוועקען, און דערפאר וועלען זיי זיך פערפליכטען מעהר ניט צו בעפאלען דיא קאראוואנען פון דיא קאָרעישיטען. נאָך לאנגע פערהאנדלונגען האָט מאהאמעד בעשלאָסען אָנצונעהמען דיא פאָרדערונג פון דיא קאָרעישיטען, אז דיא מוסולמאנער זאָלען זיך צוריקציהען פון מעקא, נאָר נעכסטען יאָהר וועט מען זיי דערפאר ערלויבען בעזוכען דעם קאאבא־טעמפעל. אָסמאַן און אנדערע הייסע מוסולמאנער האָבען פראָטעסטירט געגען דיזען ערנידעריגענדען פאָרשלאַג און האָבען געבעטען מאהאמעד'ן ער זאָל ניט אנדערס פאָרדערן גלייך צו בעזוכען דעם קאאבא־טעמפעל; אָבער ער האָט געזעהען, אז ער איז נאָך ניט שטארק גענוג געגען דיא קאָרעישיטען און אנדערע געצענדיענערס און ער האָט דארום זעהר דיפּלאָמאטיש געשלאָסען פריעדען מיט זיינע הויפט־געגנער אויף צעהן יאָהר.

מאהאָמעד האָט אונטערגעשריעבען דעם אָבמאַך מיט דיא קאָרעישיטען, אָבוואָהל מען האָט איהם אין דיזען דאקומענט ניט אנערקענט פאר א פּראָפעט, וואָס עס האָט זעהר געערגערט זיינע אנהענגער. דער איינציגער וואָס האָט איהם אונטערשטיצט אין דיזען דיפּלאָמאַטישען שריט איז געווען דער קלוגער און געלאסענער אבו־בעקר.

אזוי וויא מאהאָמעד איז יעצט זיכער געווען, דאָס דיא קאָ־רעישיטען וועלען איהם שוין ניט אָנגרייפען, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן איינצונעהמען שוואַכע שטאַמען און בעזאָנדערס דיא עטליכע אידישע קאָלאָניעס, וועלכע האָבען זיך געפונען צום נאָרד פון מע־דינא. דיא אידען האָבען זיך ווייטער ניט פערבונדען צוזאַמען, און יעדער קאָלאָניע בעזונדער האָט זיך פערטהיידיגט אין א טהורם. דער רעזולטאַט איז געווען, אז זיי האָבען זיך אַלע געמוזט אונטער־געבען. מען האָט ביי זיי צוגענומען זייער גאַנצען פערמעגען, נאָר זיי אַליין האָט מען געלאָזען אויסוואַנדערען נאָך סיריען מיט זייערע פרויען און קינדער.

נאָכדעם וויא דיא אידען פון דער קאָלאָניע חייבאר האָבען זיך געמוזט אונטערגעבען, האָט אַ אידישע טאָכטער מיט דעם נאָמען זעינאַב בעשלאָסען צו נעהמען נקמה פון דעם פּראָפעט זעלבסט, וויל איהר גאַנצע משפּחה איז אויסגעשלאָכטעט געוואָרען פון דיא מוסולמאַנער. זיא האָט זיך אָנגעגעבען פאַר אַ בעקעהרטע צום איסלאָם און האָט געשיקט מאַהאָמעד'ן אַלס געשאַנק אַ געקוילעטען באַראַן, וועלכען זיא האָט בעשמירט מיט אַ שטאַרקע גיפט. דער פּראָפעט האָט גראַדע איינגעלאַדען צו זיך עטליכע געסט צו אַן אבענד־שפּייז און האָט געהייסען אויף דערלאַנגען דעם פערגיפטע־טען באַראַן צום טיש. נאָר ווען ער האָט אריינגענומען אין מויל אַ ביסען, האָט ער גלייך דערפיהלט עפּעס אַ ביטערען טעם און האָט עס אויסגעשפּיגען. איינער פון דיא געסט, וועלכער האָט ארונ־טערגעשלונגען אַ ביסען, איז באַלד אויסגעגאַנגען.

זייט דער צייט האָט מאַהאָמעד געקרענקט. ער האָט צוגע־שריעבען זיין לעצטע קראַנקהייט און טויט דעם סם פון דער אידי־

שער פרוי. זיא האָט זיך אַלזאָ דאָך אָבגערעכענט מיט דעם פּראָ־פּעט פאר דיא אויסשלאַכטונג פון איהר פאַמיליע און פאר דיא צרות, וואָס אַלע אידען אין אַראביען האָבען פון איהם געליטען.

דיא קאָרעישיטען האָבען געהאַלטען וואָרט. אין פריהלינג פון נעכסטען יאָהר, אַלזאָ 7 יאָהר נאָך מאהאָמעד׳ס פּליטה פון מעקא, האָבען זיי איהם געלאָזען בעזוכען דעם קאַאבאַ־טעמפּעל צוזאמען מיט 2000 נאָכפאָלגער. אָבער מעהר וויא דריי טעג האָט מען איהם ניט ערלויבט צו פערבלייבען אין מעקא.

אין דער צייט איז זיין מאכט אזוי גרויס געוואָרען, אז ער האָט געשיקט 3000 סאָלדאטען אונטער דער קאָמאַנדא פון זיין אדאָפּ־טירטען זוהן זעיד נאָך סיריען, אום צו בעקעהרען דיא דאָרטיגע אראבען און אַנדערע איינוואָהנער. נאָר ניט ווייט פון דיא זידלי־כע ברעגעס פון טויטען ים (ים המלח) האָבען זיי זיך צוזאמענגע־שטויסען מיט דער ארמעע פון דעם גריכישען קייזער העראקליוס, וועלכער האָט בעזיעגט דיא פּערסישע אַרמעען. דיזער צוזאַמענ־שטויס איז געווען זעהר אַן אונגליקליכער פאר מאהאמעד׳ס „היי־ליגע" קריעגערס. נאכדעם וויא זעיד און אַנדערע קאָמאַנדירען זיינען געפאַלען טויט אין דער שלאכט, זיינען דיא איבעריגע זיך צולאָפען.

אום אָפּצושוואכען דעם שלעכטען איינדרוק פון דיזער ביטע־רער נידערלאגע, האָט מאהאָמעד ארויסגעשיקט, וויא ער האָט עס געוועהנליך געטאָן אין אזעלכע פעלע, זיינע אנהענגער געגען שוואכע שטאַמען אין אַראביען. זיי האָבען זיך מייסטענס אונטערגעגעבען פריעדליך, און מאהאָמעד איז אַלץ ווייטער אנערקענט געוואָרען אלס גאָט׳ס שליח.

אין מעקאָ זעלבסט האָט ער געקראָגען אַלץ מעהר אנהענגער. פיעלע האָבען איבערהויפּט ניט געוואָלט איינרייסען מיט איהם, זעהענדיג וויא זיין מאכט שטייגט אַלץ אין אַלע אַנדערע טהיילען פון אַראביען. דערמיט ערקלערט זיך דער מערקווירדיגער פּונקט, דאָס אין 630 יאהר האָבען דיא קאָרעישיטען ניט נאָר אריינגעלאָזען מאהאָמעד׳ן אין מעקא, נאָר האָבען אנערקענט זיין אויבערמאכט

און איהם געלאָזען צושטערען אַלע געצקעס אין דעם קאַאַבאַ־טעמ־פעל. ער האָט זיך בענוצט מיט געוויסע שטרייטיגקייט וועגען דעם אָפּמאַך מיט דיא קאָרעישיטען און איז אַרוים מיט אַ מחנה פון 10,000 מאַן געגען מעקאַ. פיעלע איינוואָהנער פון דער היי־ליגער שטאָדט זיינען אַרוים איהם צו בעגריסען אויפ׳ן וועג און צו ערקלערען, אַז זיי נעהמען אָן דעם איסלאַם. אפילו אבו־סאָפיאַן, וועלכער איז געשיקט געוואָרען פון דיא קאָרעישיטען צו פערהאַנד־לען מיט דעם פּראָפעט, האָט זיך בעקעהרט צום נייעם גלויבען. דיא איינוואָהנער פון מעקאַ האָבען אַלזאָ קיין אנדער ברירה ניט געהאַט, וויא אַריינצולאָזען דעם פּראָפעט מיט זיין אַרמעע און צו אַנערקע־נען איהר פאַר זייער אויבערהאַר. דיא מייסטע איינוואָהנער האָ־בען אויך גלייך אָנגענומען דעם איסלאַם.

מאהאמעד איז דאַן 7 מאָל אַרומגעריטען אויף זיין קעמעל אַרום דעם קאַאַבאַ־טעמפּעל, האָט זיך 7 מאָל צוגעריהרט מיט זיין שטעקען צום הייליגען שטיין און האָט געהייסען פערניכטען אַלע געצקעס אין טעמפּעל און אין דיא הייזער. דיא געצענדיענערס, וועלכע האָבען דערזעהען, אַז זייערע אָבגעטער זיינען אונשעדליך, האָבען שוין קיינע צערעמאָניעס ניט געמאַכט מיט דיא געצקעס. נאָכהער האָט ער ערקלערט, אַז אַלע מענשען זיינען גלייך פאַר גאָט און אַז זייער הייליגסטע פפליכט איז צו בעשיצען און צו פערשפּריי־טען דעם איסלאַם.

דאָס איז געוועזען דער גרעסטער טריאומף אין זיין לעבען. בלויז 8 יאָהר נאָך דער פּליטה, ווען זיין לעבען איז געוועזען אין געפאַהר, איז איהם געלונגען ניט נאָר אַריינצומאַרשירען מיט צעהן טויזענד אנהענגער אין מעקאַ, זאָנדערן צו ווערען איהר אנערקענטער הער־שער. קיין טראָפּען בלוט איז ביי דיזער מערקווירדיגער איבער־קעהרענעס ניט פערגאָסען געוואָרען. זיינע אנהענגער האָבען ווירקליך געקענט גלויבען, אַז דאָס איז אַ נס, אַז אין דיזער וויכ־טיגער היסטאָרישער פּאַסירונג שטעקט אַלאָה׳ס האַנד און אַז מאַ־האַמעד איז גאָט׳ס שליח.

מאהאַמעד'ס זיעג איבער דיא בעדואינען און טויט.

נאַר אין מעקאַ איז מאהאמעד ניט פערבליבען. ער האָט ערקלערט, אז ער וויל לעבען און שטאַרבען צוזאמען מיט זיינע נאָכפאָלגער פון מעדינא. דאָס האָט ער אָבער ניט געטאָן אוים ליעבע צו זיי, זאָנדערן ווייל ער האָט פערשטאַנען, אז אין מעקאַ איז ער נאָך ניט אין גאַנצען זיכער, דען עס זיינען נאַטירליך פערבליבען פיעלע זיינע שונאים און פערבאָרגענע געצענדיענערס. ער האָט דאָ ארויסגעצייגט אַ קלאָרע בערעכנונג און אַ דיפּלאָמאַטישע האַנדלונג, מיט וועלכע ער האָט זיך אויסגעצייכענט אַלץ מעהר, וואָס מעהר ערפאָלג ער האָט געהאַט אין זיינע אונטערנעהמונגען און מלחמות. זיינע נביאות האָט ער פערבונדען מיט פּאָליטישע בעטראַכטונגען און אויסרעכנונגען זייט ער איז געוואָרען דער הערשער פון מעדינא און א קריעגספיהרער. אָנפאַנגס איז ער געוועזן אַ טרוימער מיט א קרענקליכער פאַנטאַזיע און מיט האַלוצינאַציאָנען, נאָר ביסלעכווייז איז ער געוואָרען אַ געשיקטער פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַט. זיין רעליגיעזע לעהרע, וועלכע האָט אין זיך גלייך פון אָנפאַנג ענטהאַלטען אַ פּאָליטישע שטרעבונג צו פעראייניגען אַלע אראַבען, איז געוואָרען אַן אימפּעריאַליסטישע. רעליגיאָן איז דאָ געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט אַ נייע שטאַאַטליכע אָרגאַניזאַציאָן, און דער פּראָפעט פון איסלאַם איז צוגלייך געוואָרען אַ קריעגספיהרער, אַ פּאָליטישער הערשער, אַ דעספּאָט.

אין דעם איז בעשטאַנען דער גרונד פון מאהאמעד'ס מערקווירדיג שנעלען ערפאָלג זייט זיין ערשטע „היילינע מלחמה" אין אַזים בעדר, וועלכע איז אייגענטליך געוועזן אַן איינפאַכער רויבערישער אָנפאַל אויף א קאַראַוואַן, וויא עס איז אויבען ערקלערט געוועזן.

א שלאַכט האָט אויך ענטשיעדען דיא פערשפּרייטונג פון איסלאַם צווישען דיא בעדואינען, דיא אַראַבען פון דער וויסטענעס, וועלכע מאהאמעד האָט צו רוהע געלאָזען דיא גאַנצע צייט. זיי

האָבען אָבער אַליין אָנגעפאַנגען דעם קאַמפּף. גראַדע ווען מאהאַ־מעד האָט זיך געקליבען אין וועג פון מעקא נאָך מעדינא, זיינען אָנגעקומען בעריכטען, אַז דער שטאַרקער פערבאַנד פון בעדואינער שטאַממען אונטער דעם נאָמען על־האַוואַזין האָט צוזאַמענגעקליבען גאַנצע 20.000 מאַן געגען דעם פּראָפעט. דיזע שטאַממען האָבען פערנומען אַ גרויסע געגענד אין דער וויסטענעס ביז די גרענעצען פון דער מעקאַנער פּראָווינץ. זייער וויכטיגסטע שטאָדט איז געווען טאַאיף, ניט ווייט פון מעקא. לעבען דיזען פּלאַץ האָבען זיך אויס־געשטעלט 20.000 בעדואינען, נאָך וועלכע עס האָבען געפאָלגט זייערע פרויען, קינדער און מאַסען בהמות.

מאַהאָמעד איז אַרויס געגען זיי מיט 12.000 אַנהענגער, צווי־שען וועלכע עס זיינען שוין אויך געווען אַ פּאָאַר טויזענד פון מעקא. דיא שלאַכט איז געווען אַ לאַנגע און אַ ברענענדע, אָבער דיא בעדואינען האָבען שליסליך געמוזט זיך אָפּטראָגען, איבערלאָ־זענדיג אין מאַהאָמעד׳ס הענד זייער לאַגער מיט 6000 פרויען און קינדער, 24000 קעמלען, מאַסען שעפּסען און פיעלע ווערטהפאָלע זאַכען. דיא בהמות און זאַכען האָט ער צוטהיילט צווישען זיינע אַנהענגער (דעם גרעסטען טהייל האָט ער געגעבען דיא מעקאַנער, אום זיי בעסער צוצוציהען אויף זיין זייט), אָבער דיא פרויען און קינדער האָט ער צוריקגעשיקט אָהן אויסקויפס־געלט, אום צו ציי־גען זיין גוטסקייט דיא בעדואינען, וועלכע ער האָט נאַטירליך גע־וואונשען וואָס שנעלער צו בעקעהרען. דאָ האָט ער ווידער אַרויס־געצייגט זיינע דיפּלאָמאַטישע פעהיגקייטען. אייניגע בעדואינער פיהרער האָט ער אונטערגעקויפט מיט געשאַנקען, אַנדערע האָט ער געטרויסט און ווייך געמאַכט מיט גוטע רייד. ווען ער האָט צוריק־געקעהרט דיא בעדואינער פרויען און קינדער, איז דער קאָמאַנדיר פון דיא על־האַוואַזינען אַזוי בעגייסטערט געוואָרען פאַר דעם פּראָ־פעט, אַז ער האָט גלייך אָנגענומען דעם איסלאַם.

אַזוי איז מאַהאָמעד געוואָרען דער הערשער פון אַראַביען. ווען ער איז געקומען אין מעדינא נאָך דעם זיעג איבער דיא בעדואינען, האָט ער זיך שוין געפיהלט אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט צוזאַמענגעקלי־

בען אן ארמעע פון 30.000 מאן און ערקלערט, אז ער טרעט ארויס געגען דיא ביזאנטישע אימפעריע. נאר ווען ער איז צוגעקומען צום גרענעץ פון סיריען, האט ער זיך פלוצלונג אבגעשטעלט און האט נאר אפגעמאכט מיט עטליכע בעדואינער שטאמען אויף דעם סיני האלב־אינזעל, אז זיי זאלען אנערקענען זיין אויבערמאכט אנ־שטאט דיא אויבערמאכט פון דעם ביזאנטישען קייזער העראקליוס.

מען רעכענט, אז דיא אורזאכע, ווארום ער האט זיך צוריק־געקעהרט נאך מעדינא אנשטאט צו בעפאלען סיריען, וויא ער האט עס געפלאנעוועט, איז געווען, ווייל ער האט זיך געפיהלט שטערבליך קראנק. ער האט מורא געהאט צו שטעלען אין קאן זיין גאנצע שווער־ערווארבענע מאכט אין א קאמפף מיט דיא גריי־כען און איבערהויפט מיט דיא קריסטען. מען זאגט, אז ער האט געפיהלט, דאס עס בלייבט איהם שוין ניט לאנג צו לעבען. אין דער צייט פלעגט ער עס אפט דערמאנען, אז זיין קראנקהייט האט ער צו פערדאנקען דער פערגיפטונג פון דער אידישער פרוי זעינאב.

יעדענפאלס, ווען ער איז געקומען דעם נעכסטען יאהר אין מעקא, האט ער שוין גערעכענט, אז דאס איז זיין לעצטע רייזע. ער האט צוזאמענגעקליבען זיינע פיהרער און האט פאר זיי געהאל־טען א דרשה, אין וועלכער ער האט זיך אזוי וויא געזעגענט מיט זיי און מיט דער וועלט. ער האט זיי איבערגעגעבען נאך א מאל דיא הויפט־געבאט פון איסלאם און זיי אנגעזאגט צו לעבען אין פריעדען און אחדות, זיך אויף אימער צו ענטזאגען פון גאולת הדם און זיך גוט צו בעגעהען מיט זייערע פרויען און שקלאווען. געענדיגט האט ער מיט דיא ווערטער: „יעצט האב איך ערפילט אלעס וואס עס איז מיר בעשטימט געווען אויפצוטאן.“

ווען ער איז צוריק געקומען אין מעדינא, האט ער זיך שוין גע־פיהלט אזוי שוואך, אז ער האט בעשטימט אבו־בעקער'ן פאר זיין שטעלפערטרעטער און איז פערבליבען אין דער הויז פון זיין געליעב־טעסטער פרוי יאאישא. מיט יעדען טאג איז איהם אלץ ערגער גע־ווארען. איינינע פון זיינע יונגע פערעהרער האבען איהם געוואלט ערקלערען פאר גאט'ס זוהן, אבער ער האט זיך ענטזאגט דערפון

און געזאָגט: „גאָט האָט קיין זוהן, איך בין בלויז אַ מענש, וויא אַלע אַנדערע." דיא יעניגע, וואָס האָבען געטרויערט וועגען זיין קראַנקהייט און נאָהענטען טויט, האָט ער איין מאָל געטרויסט מיט דיא ווערטער: „איך זעה, אַז מיין טויט יאָגט אויף אייך אַ שרעק; אָבער האָט דען איינער פון דיא פריהערע פּראָפעטען אייביג גע־לעבט? איהר מוזט אַלזאָ וויסען, אַז עס וועט קומען דער טאָג, ווען איך וועל זיך שיידען מיט אייך און אַוועק צו אַלאַה, מיין הערר."

נאָך דיזע רייד האָט ער בעפוילען צו בעפרייען אַלע זיינע שקלאַווען און צו פערטהיילען זיין געלט צו אָרימע. אין זיין קאַסע האָט מען אָבער געפונען בלויז 6 דינאַרען, וואָס עס האָט געצייגט, אַז דער הערשער איבער אַראַביען איז געשטאָרבען אַן אָרימאַן, וויא ער איז געבאָרען געוואָרען. וויא וויט מען וויים, האָט ער זיך קיינמאָל נים געיאָגט נאָך רייכטהימער פאַר זיך. זיין גרעסטע שוואַכקייט איז געווען זיין ליעבע צו פרויען נאָך דעם טויט פון חאַדידזשאַ. ער האָט אַליין ערקלערט: „מעהר פון אַלעס אין דער וועלט האָב איך ליעב געהאַט פרויען און פּערפיומען, אָבער אמת'ע ענטציקונג האָב איך נאָר געפונען אין געבעט."

ער איז אויסגעגאַנגען דעם 7טען אָדער דעם 8טען יוני, 632טען יאָהר, ווען ער איז אַלט געווען 63 יאָהר.

אין מעדינאַ האָט ער אַלזאָ געלעבט 10 יאָהר, אָבער אין דיי־זער קורצער צייט האָט ער איינגעפלאַנצט דעם איסלאַם כמעט אין גאַנץ אַראַביען, וויא מיר האָבען דאָס שוין אויבען געזעהען.

11

דער קאָראַן.

יעצט וועלען מיר ווארפען א בליק אויף מאהאָמעד'ס גייסטיגע ווערק, אויף דעם קאָראַן, דיא ביבעל פון אַלע מוסולמאַנער. על־קאָראַן בעדייטעט בוך; אָבער דאָס איז ניט אַ געוויינליכער בוך, זאָנדערן דער אויסדרוק פון איסלאַם (פון געטליכען ווילען). דיא מוסולמאַנער גלויבען, אַז יעדעס וואָרט אין דיזען בוך איז דירעקט דיקטירט פון גאָט דורך מאהאמעד'ס מויל און אַז אַלעס צוזאמען איז דיא געטליכע וואהרהייט זייט דיא וועלט איז בעשאַפען גע־וואָרען.

אין דער ווירקליכקייט אָבער איז נאָר אַ טהייל פון קאָראַן דיקטירט געוואָרען פון מאהאָמעד'ן זעלבסט אין פערשיעדענע צייטען פון זיין פּראָפעטען־קאַריערע און אונטער פערשיעדענע אומשטענדען. זיינע שילער האָבען פערשריעבען, וואָס ער האָט גע־זאָגט. נאָך זיין טויט האָט מען געפונען טהיילען פון זיינע נביאות און דרשות פערשריעבען אויף פּאַרמעט, לעדער, פּאַלמבלעטער און זאָגאר אויף דיא שולטער־ביינער פון שעפסען. אייניגע שילער האָ־בען פערצייכענט איינפאַך, וואָס זיי האָבען זיך געקאָנט דערמאָנען פון דעם פּראָפעט'ס ווערטער. מאהאמעד זעלבסט האָט ניט גע־זאָרגט וועגען אַ ריכטיגע צוזאמענשטעלונג פון זיינע פּראָפעצייהונ־גען און אויפקלעהרונגען. נאָר אַ קורצע צייט נאָך זיין טויט האָט מען געפונען פאַר נייטיג צוזאמענצוקלייבען אַלע פערצייכענטע נביאות, און אבו־בעקר, דער ערשטער חאַליף (שטעל־פערטרעטער פון פּראָפעט) האָט זיך דערמיט פלייסיג בעשעפטיגט. עס איז העכסט וואהרשיינליך, אַז דער קלוגער און דיפּלאָמאַטי־שער מענש האָט עפּעס געענדערט און פערגלעט געוויסע פסוקים פון קאָראַן. דיא ענדליכע צוזאמענשטעלונג פון קאָראַן אין דער פאָרמע, וויא ביז היינט צו טאָג, איז געמאַכט געוואָרען אין דער צייט, ווען אָסמאַן איז געווען חאַליף.

דיא צוזאמענשטעלונגען פון קאָראַן איז אָבער אָהן שום מעט־

האָדע און אָרדנונג. דער קאָראַן איז אַ מיש־מאַש פון פּסוקים, וועלכע ווידערשפּרעכען זיך גאַנץ אָפט. מען דאַרף זיין אַ בלינדער פאַנאַטיקער צו זעהען אין דיזען בוך ניט נאָר גאָט׳ס ווילען, זאָנ־דערן אפילו דעם געדאַנקען־אויסדרוק פון אַ מענשען מיט אַ קלאָ־רען פערשטאַנד. דער בוך איז צוטהיילט אין 114 סוראס אָדער קאַפּיטלען, אָבער אָהן שום צוזאַמענהאַנג. אייניגע קאַפּיטלען זיי־נען זעהר לאַנג, אַנדערע פערנעהמען בלויז עטליכע צייליען. דיא פאָרמע פון דיא פּסוקים איז אַ פּאָעטישע (מאהאמעד איז געווען אַ פּאָעטישע נאַטור), און מאַנכע ענדיגען זיך זאָגאַר מיט גראַמען.

דיא רעדאַקטאָרען פון קאָראַן זיינען וואהרשיינליך אַליין צו־מישט געוואָרען פון דיא ווידערהאָלונגען און ווידערשפּריכע, וועלכע זיי האָבען געפונען פערצייכענט אַלס דיקטירונגען פון פּראָפעט, און אַזוי וויא זיי האָבען בלינד געגלויבט, אַז יעדער וואָרט איז אַ געט־ליכע אָפּענבאַרונג, האָבען זיי אַלעס איבערגעשריעבען, וויא זיי האָ־בען עס געקראָגען אונטער דער האַנד, איבערלאָזענדיג דיא מוסול־מאַנער צו מאַכען פּשט׳לעך און פּלפּולים וועגען דיא מיינונג פון יעדען פּסוק און יעדען וואָרט. וועגען קאָראַן האָט מען טאַקע מיט דער צייט אָנגעשריעבען אַזוי פיעל בערג מיט קאָמענטאַרען, וויא וועגען דיא ביבעל.

נאָך זייער אינהאַלט זיינען אייניגע טהיילען פון קאָראַן איינ־פאַך פאַנטאַסטישע בילדער, וויא צום ביישפּיעל דיא שילדערונגען וועגען דיא „דזשינען" אָדער בעשעפּעניסען, וועלכע שוועבען אין דער לופט; אַנדערע ענטהאַלטען אַלגעמיינע מאָראַל־דרשות אַזוי וויא אין דיא ביכער פון אַנדערע פּראָפעטען און איבערהויפּט אַזוי וויא אין אַלע רעליגיעזע לעהרען, און דיא איבעריגע זיינען פול מיט ווידערהאָלונגען וועגען דיא ספּעציעלע פּונקטען פון מאָהאַמעדאַ־ניזמוס.

וועגען דיזע פּונקטען וועלען מיר דאָ זאָגען עטליכע ווערטער. אויף אייניגע פון זיי איז שוין אָנגעדייטעט געוואָרען אין דיא שיל־דערונגען איבער זיין לעבען און קאַמפּף.

דער צענטראַל פּונקט פון איסלאם איז: „קיין גאָט אויסער אַלאַה, און מאהאָמעד איז זיין פּראָפעט." קאָראַן איז פול מיט ווידערהאָלונגען וועגען דיא איינהייט פון גאָט. דערמיט איז מאַ־האָמעד'ס לעהרע א שטרענג מאָנאָטעאיסטישע. אין דער 112־טער סורא ערקלערט ער: „גאָט איז איינער. ער עקזיסטירט אייביג. קיינער איז ניט גלייך צו איהם." דאָך האָט ער ניט נאָר אנערקענט דיא געגענמאַכט פון טייוועל נאָך דיא פּערסיש־אידישע בעגריפע, זאָנדערן אויך גאַנצע מחנות פון מלאכים און שדים. נאָר זייערע אויפטואונגען זיינען ניט בעשטימט. דיא פּסוקים וועגען דעם טייוועל זיינען צומישט און ווידערשפּרעכענד.

מאהאָמעד גיט זיך ניט אַרויס פאר דעם ערשטען גרינדער פון איסלאַם. אין עטליכע פּסוקים, וועלכע זיינען צו־וואָרפען אין פער־שיעדענע סוראס, ערקלערט ער: „אָנפאַנגס האָבען אַלע מענשען גע־האט איין גלויבען, נאָר נאכהער האָבען זיך צווישען זיי אָנגעפאַנ־גען רעליגיעזע שטרייטען... איסלאַם איז דיא רעליגיאָן פון נח, אברהם, משה און יעזוס... זאָג: מיר גלויבען אין גאָט, און דאָס וואָס ער האָט ענטדעקט צו אברהם, ישמעאל, יצחק, יעקב און דיא 12 שבטים. מיר גלויבען אין דיא הייליגע ביכער, וועלכע משה, יעזוס און דיא נביאים האָבער ערהאַלטען פון הימעל...."

אַלס אַן אַראַב און אַ חאַניף מיט נאַציאָנאַלע שטרעבונגען האָט ער בעזאָנדערס פערעהרט דעם ביבלישען פּאַטריאַרך אברהם! דעם גאַנצען איסלאַם האָט ער אַרויסגעשטעלט אַלס אברהם'ס רעליגיאָן, פון וועלכער ער האָט נאָר אַזוי פיעל געוואוסט, וויא ער האָט עס געהערט פון דיא חאַניפען. אין אייניגע פּסוקים שטעלט ער אַרויס דיזע גאַנץ־אונבעשטימטע רעליגיאָן געגען דיא אידישע און קריסט־ליכע, וויא צום ביישפּיעל: „אברהם איז ניט געווען אַ איד און ניט אַ קריסט, ער איז געווען אַ רעכט גלויביגער, אַ מוסולמאַן, אַ פער־עהרער פון איין גאָט... דיא אידען און דיא קריסטען זאָגען: נעהמט אָן אונזער גלויבען, אויב איהר ווילט גערעטעט ווערען. ענט־פער זיי: מיר אנערקענען דעם גלויבען פון אברהם, וועלכער האָט

זיך אָבגעזאָגט צו דיענען צו געצקעם און האָט זיך נאָר געבוקט צו איין איינציגען גאָט.“

אינטערעסאַנט זיינען דיא פסוקים, אין וועלכע ער ענטפערט דיא אונגלויביגע אין איסלאַם. אין איין אָרט פון קאָראַן ערקלערט ער: „ווען מען רעדט איין דיא אונגלויביגע אָנצונעהמען גאָט׳ס וואָרט, ערווידערען זיי: „מיר פאָלגען דעם גלויבען פון אונזערע על־טערען.“ אָבער דארפען זיי דען אויך פאָלגען, ווען זייערע עלטערן זיינען געווען אין פינסטערניס און אירטהום?“ דעם זעלבען אר־גומענט, וועלכען מען קען אָנווענדען געגען יעדען אַלטען גלויבען, ווידערהאָלט ער כמעט מיט דיא זעלבע ווערטער אין פערשיעדענע סוראס. אין איין סורא ווענדעט ער זיך צו דיא יעניגע, וואָס האָבען פערלאַנגט נסים פון איהם, מיט דיזע ווערטער: „דיא פריהערע פראָפעטען האָבען געצייגט וואונדער, און דיא אונגלויביגע האָבען זיי דאָך געטויטעט... נסים זיינען אין גאָט׳ס מאַכט. ער צייגט זיי אייך ניט, ווייל ווען איהר וואָלט זיי געזעהען, וואָלט איהר אויך גע־גליבען אין אייער אונגלויבען... ווען מיר וואָלטען אַראָפגעשיקט מלאכים פון הימעל, ווען טויטע וואָלטען גערעט, וואָלטען זיי אויך ניט געגלויבט... ווען זיי וואָלטען געזעהען וויא דער הימלישער גע־וועלב פאַלט אויף זייערע קעפ, וואָלטען זיי נאָר געזאָגט דאָס זיינען געדיכטע וואָלקענס... יעדעם פאָלק האָט צוריקגעשטויסען זיינע נביאים — אַלע דיזע פעלקער זיינען אונטערגעגאַנגען. זיי האָבען גערופען גאָט׳ס שליחים: שווינדלער, און זיי זיינען אומגע־קומען... אויך פריהער האָט מען זיך אויסגעלאַכט פון גאָט׳ס דיענער, אָבער דער סוף איז געווען א ביטערער פאַר דיא אָפלאַ־כערם.“

אין קאָראַן זיינען צווייהט פערשיעדענע פסוקים, אין וועלכע דיא אונגלויביגע ווערען געסטראַשעט מיט דיא שרעקליכסטע שטראָ־פען פון גאָט... קוריעז איז אויך דער פסוק, וואו מאהאמעד ענט־פערט זיינע געגנער, וועלכע האָבען איהם אויפגעוואָרפען, דאָס ער פרעדיגט אין דער אַראבישער פאָלקסשפראַך (קיין אַנדערע האָט ער

איבערהויפט ניט געקענט): „ווען מיר וואָלטען איבערגעגעבען דעם איסלאם אין אַן אונבעקאַנטע שפראַך, וואָלטען זיי געשריען: „ווארום האָט ער ניט דייטליך ערקלערט?“

דער זאָנדערבארסטער טהייל פון קאָראַן איז דיא לעהרע וועגען דעם זאָגענאַנטען פאטאַליזמוס. מאהאמעד האָט נעמליך געפּרע־דיגט, אז דער שיקזאַל פון יעדען מענשען איז פאָראויס בעשטימט פון גאָט אַליין. דיזע לעהרע איז אָבער זעהר צומישט און אונדייט־ליך, דען ווען מען זאָל איהר פיהרען צו לאָגישע שליסע, בלייבט דעם מענשען זעלבסט גאָר ניט צו טאָן, אום צו ענדערן זיין שיקזאַל. שטרייטיגקייטען וועגען דיזען וויכטיגען פונקט פון דער מאהאמע־דאנער רעליגיאָן האָבען געפיהרט צו דער ערשטער פערטהיילונג פון מוסולמאַנער און דיא סעקטען פון סוניטען און שיאיטען.

אין איין סורא שטייט אזוי געשריבען: „גאָט האלט אין זיינע הענד דיא שליסלען פון דאָס פערבאָרגענע. ער ווייס אַלעס, וואָס עס קומט פאָר אויף דער ערד און אין דער טיפענים פון ים. א בלעטעל פאַלט ניט פון א בוים אָהן זיין ווילען. עס איז ניטאָ קיין קערנדעל אויף דער ערד, וואָס זאָל ניט זיין פערשריעבען אין גאָט׳ס בוך...“ אין אַן אַנדער סורא ערקלערט ער: „ניט איהר האָט גע־טויטעט דיא פיינדע פון איסלאַם, זיי זיינען געפאַלען אונטער דעם שווערד פון אַלמעכטיגען. ניט דו, מאהאמעד, ביזט אָנגעפאַלען אויף זיי, זאָנדערן גאָט, אום צו צייגען זיין שוץ. יעדעס פאָלק האָט זיין בעשטימטען שיקזאַל, מען קען איהם ניט אָפּלייגען, ניט שנעלער מאכען.“

ניט אַכטענדיג אויף דיזען פאטאַליזמוס, אנערקענט מאהאָמעד דאָך דעם פרייען ווילען פון יעדען מענשען. דער פרייער ווילען איז אָבער, נאָך זיין לעהרע, בעשרענקט אויף דעם מענשען׳ס אינערליכע מאָראַל און אויף זיין טרייהייט צו גאָט׳ס געבאָט. דער מענש קען טאקע ניט ענדערן דעם שיקזאַל, וועלכער איז בעשטימט פון אויבען, אָבער ער האָט דאָך דיא פרייהייט צו בלייבען גוט אָדער שלעכט, גלויביג אָדער אונגלויביג.

אויף דיזער ווייזע האָט ער זיך אַרויסגעדרעהט פון דעם שטענ־

דיגען ווידערשפּרוך צווישען דער געטליכער השגחה, וועלכע בע־שטימט און בעזאָרגט אַלעס אויף דער וועלט, און דעם פרייען ווי־לען פון מענשען. אזוי וויא ער איז ניט געווען א פילאָזאָף און זיינע אנהענגער האָט ער נור געלערנט צו גלויבען בלינד, צו זוכען דיא גרעסטע בעפרידיגונג אין תפילות און צו קויפען זיך א זיכערן פּלאַץ אין גן־עדן דורך פּינקטליכע אויספיהרונגען פון אַלע פאָר־שריפטען אין קאָראַן פאַר א גוטען מוסולמאַן, האָבען זיי זיך גאַנץ וויניג געקימערט וועגען פילאָזאָפישע חקירות און האָבען זאָגאר ניט געזעהען דעם אָפּענעם ווידערשפּרוך אין זיין לעהרע וועגען פאַטאַ־ליזמוס און וועגען דיא שטראָפען אָדער בעלוינונג פאר מענשליכע האנדלונגען.

אין איין סורא ווערט ערקלערט: „דער מענש איז ארומגערינ־געלט מיט מלאכים, וועלכע בייטען זיך שטענדיג. גאָט האָט זיי געהייסען בעוואַרען דעם מענש. ער נעהמט צו זיין הילפע נאָר דאַן, ווען דער מענש ווערט פערדאָרבען.“ נאָר וויא אַזוי א מענש קען פערדאָרבען ווערען אָהן גאָט’ס צושטימונג און וואָרום איהם קומט א שטראָף, ווען גאָט האָט פאָראויס אַלעס בעשטימט — דאָס זוכט מאהאָמעד גאָר ניט צו ערקלערען.

אויך זוכט ער ניט צו ערקלערען, וויא אַזוי דער טייוועל קען האָבען אַזאַ מאַכט איבער מענשען, אַז זיי זאָלען טאָן שלעכטעס, ווען גאָט וויל, אַז זיי זאָלען טאָן גוטעס און ווען ער האָט איבער־הויפּט בעשטימט זייער שיקזאַל בשעת זיי ווערן געבאָרען.

נאָר וויא באַלד מאהאָמעד האָט אנערקענט דעם פרייען ווילען פון מענשען און דיא גרויסע פערדאָרבענדע ווירקונג פון טייוועל אויף מענשען, טראַץ דער געטליכער בעשטימונג פון אַלעס, וואָס עס פּאַסירט און דאַרף פּאַסירען אין דער וועלט, האָט ער שוין גע־מוזט קומען צו דיא געוועהנליכע לעהרען פון אַלע רעליגיאָנען וועגען א גן־עדן פאַר גוטע און פרומע און א גיהנם פאַר שלעכטע און אונ־גלויביגע. דאָ האָט זיך זיין קרענקליכע פאַנטאַזיע פאַנאַנדערגע־לאָזען. אייגענטליך האָט ער אין זיינע שילדערונגען וועגען גיהנם, גן־עדן, לעצטען געריכט און איבערהויפּט וועגען דעם לעבען אויף

יענער וועלט קאַפּירט דיא פאַרשטעלונגען פון פערסען, אידען און קריסטען, נאָר ער האָט דיא בעלוינונגען אין גן־עדן געמאַכט אנצי־הענדער דורך פערשפּרעכונגען צו בעפרידיגען געוועהנליכע מענש־ליכע ליידענשאַפטען. ער האָט איינפאַך בעשריעבען דעם גן־עדן אַלס אַ פּרעכטיגען גאָרטען, וואו דיא גלויביגע וועלען לעבען איי־ביג אין קערפּערליכע פערגניגען צוזאַמען מיט שעהנע און רייצענדע מיידלעך, דיא זאָגענאַנטע הורי...

אזא גן־עדן האָט פאָלשטענדיג געשטימט מיט דיא בעגריפע און בענעהרען פון דיא אַראַבען און איבערהויפּט פון דיא אזיאטען. דאַ־רום האָט דער מאהאַמעדאַניזמוס געהאַט אזא שטאַרקע צוציהונגס־קראַפט פאַר זיי. אזוי וויא מאהאַמעד האָט פערשפּראָכען אַלע גליי־קען פון גן־עדן יעדען מוסולמאַן, וואָס וועט פאַלען אין אַ שלאַכט מיט אונגלויביגע, — דאָס וואָס ער האָט גערופען „הייליגע מלחמה“, וויא עס איז שוין ערקלערט געוואָרען אין אַ פאַריגען קאַפּיטעל — זאָ זיינען דיא פאַנאַטישע מוסולמאַנער גערן געגאַנגען ריזיקירען מיט זייער לעבען אויף דעם בעפעהל פון זייערע חאַליפען.

דיא בעגייסטערונג פון דיא אַראַבען פאַר דעם איסלאַם איז גע־ווען אזוי גרויס, אַז אין אַ קורצער צייט האָבען זיי מיט דער מאַכט פון שווערד פערשפּרייטעט זייער גלויבען איבער גאַנץ וועסט און צענטראַל אזיען, איבער טהיילען פון אינדיען און כינא, איבער גאַנץ נאָרד־אַפריקא, פון וואַנען אַ טהייל פון זיי האָט זיך אריינגעריסען אין שפּאַניען און האָט געסטראַשעט צו פערפלייצען אייראָפּא. אַלע קריסטליכע פעלקער פון אייראָפּע האָבען געמוזט קעמפּפען יאהר־הונדערטע געגען דיא מוסולמאַנער וועלט, וועלכע איז ריעזיג גע־וואַקסען ניט נאָר אין צאָהל, זאָנדערן אויך אין קולטור.

וואָס מען זאָל ניט דענקען וועגען מאהאַמעד'ן זעלבסט און זיין רעליגיעזע לעהרע, וויא זיא איז אויסגעדריקט אין קאָראַן, נאָר זי־כער איז עס יעדענפאַלס, אַז אונטער דעם איינפלוס פון איסלאַם האָבען דיא אַראַבען גייסטיג אויפגעלעבט, האָבען אויפגערודערט דיא גאַנצע וועלט און האָבען אויך פיעל געווירקט אויף דעם פּראָ־

גרעם אין איירָאפּא. דיא הויפּשטעדט פון דיא מוסולמאַנער מלוכות, ספּעציעל באַגדאַד און קאָרדאָווא, זיינען געוואָרען דיא צענטערס פון בילדונג און ציוויליזאַציאָן אין מיטעלאַלטער, און פון דיזע צענטערס האָט זיך צוגאָסען אַ ליכט איבער איירָאפּא, וועלכע איז דאַן בעדעקט געווען מיט דיא פינסטערע וואָלקענס פון קאַ־טאָליציזמוס.

ע נ ד ע.

קאטאלאג

פון דער

אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָטהעק פערלאַג קאָמפּ.

		פרייז.
פיליפ קראנץ,	קולטור געשיכטע, 3 בענדער, 1000 זייטען, 100 בילדער, שיין געבונדען, פרייז יעדער באנד	75 ס.
" "	די געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, 3 טהיילען אין איין באנד, שיין געבונדען	75 "
" "	יציאת מצרים, מיט איין קארטע פון מצרים	15 "
" "	אַריסטאָטעל, זיין ביאָגראַפיע	10 "
" "	וואָס הייסט נאַציאָן — זיינען אידען אַ נאַציאָן?	10 "
י. גארדין,	גאָט, מענש און טייוועל, דראמע אין 4 אקטען	25 "
" "	וואָלטער, זיין ביאָגראַפיע	10 "
דר. קאספע,	מעכאַניקע, נאך סיר אייזאַק ניוטאָן	10 "
" "	אַסטראָנאָמיע " "	15 "
" "	אָנפאַנג פון כעמיע	15 "

שבתי צבי

דער פאלשער משיח מיט זיינע קאבא-
ליסטישע נביאים און פערעהרערס
אין אזיען, אפריקא און אייראפא.

פון פיליפ קראנץ.

שבתי צבי.

איינלייטונג.

פאלשע משיח'ס און קאבאליסטען.

אין דער הקדמה צו ספינאָזא'ס לעבענסבעשרייבונג (*) איז שוין ערקלערט געוואָרען, אז דער פאלשער משיח שבתי צבי איז גע־וועזען איינער פון דיא צודולטע קאבאליסטען, וועלכע האָבען זיך ארויסגעגעבען פאר נביאים און ערלייזערס פון אידישען פאָלק, און האָט פערקערפערט אין זיך דיא מיסטישע ריכטונג פון 17טען יאָהרהונדערט. נאָר אום ריכטיגער און גרינדליכער צו פערשטיין, וויא אזוי ער איז געקומען צו שפּיעלען דיא ראָלע פון א גאָט און ווארום ער האָט געפונען אזוי פיעל אנהענגער ניט נאָר אין טירקיי און מצרים, אין דיא נעסטען פון דיא אונוויסענדסטע און אבערגלויביגסטע קאבאליסטען, זאָנדערן אפילו אין אזעלכע צענטערס פון אייראָפּעאישע ציוויליזאציאָן, וויא אמסטערדאם, האמבורג, לאָנדאָן א. ז. וו.— איז נייטיג צו ווארפען א נעהנטערן בליק אויף דיא שרעקליכע געשיכטע פון אידען אין מיטעל־אלטער און אויף דיא ענטוויקלונג פון קבלה און משיח־טרוימען צווישען דיא פערפאָלגטע אידען.

די אינקוויזיציאָן, דיזע מענשליכע יאטקע לשם שמים, האָט גע־יאָגט א שרעק אפילו אויף דיא אידען, וועלכע האָבען זיך געפונען אין ניט קאטוילישע לענדער. דיא בעסטע, געבילדעטסטע און מוט־היגסטע אידען זיינען געוועזען דיא אָפּפער פון קאטוילישען פאנא־טיזמוס, וועלכער האָט זיך בעזאָנדערס פאנאנדערגעפלאקערט אין

---

*) זעה „ברוך שפינאָזא—זיין לעבען און פילאָזאָפיע", ארויסגעגעבען פון דער אינטערנאציאָנאלער ליבערערי פובלישינג קאָמפּאניע.

שפאניען און פּאָרטוגאַל. דיא דאָמיניקאַנער גלחים, דיא ווילדעסטע און גרויזאַמסטע פון אַלע קאַטוילישע פאַנאַטיקער, האָבען זיך אונ־באַרמהערציג אָפּגערעכענט מיט דיא אידען פאַר דיא קלעפּ, וואָס דיא פּאַפּסטען און דער קאַטאָליציזמוס האָבען געקראָגען דורך דיא הומאַניסטען (אַזוי רופט מען דיא אַנפיהרערס פון דער רענעסאַנס־אָדער אויפלעבונגס־צייט און דיא פּאָטערס פון פרייען דענקען אין אייראָפּאַ) און דורך דיא רעפאָרמאַציאָן. דיא דאָמיניקאַנער, וועלכע זיינען געווען דיא הויפּט־אינקוויזיטאָרס, האָבען זיך אויך בלוטיג אָבגערעכענט מיט דיא אידען פאַר דיא גוטע צייטען, וואָס זיי, דיא אידען, האָבען געהאַט אין דער צייט, ווען דיא מאַווּרען (אַראַבען) האָבען געהערשט אין זיד־שפּאַניען.

דער ביטערער קאַמפּף, וועלכער האָט זיך געצויגען יאָהר־הונ־דערטע צווישען דיא שפּאַניער און דיא אַראַבען, האָט ערוועקט אין שפּאַניען אַ הייסען רעליגיעזען געפיהל, וועלכער האָט געפיהרט צו ווילדע אינטאָלעראַנץ און בלינדען פאַנאַטיזמוס. דער נאַציאָ־נאַלער קאַמפּף איז ענג פערבונדען געוואָרן מיט דעם רעליגיעזען קאַמפּף צווישען קריסטענטהום און מאָהאַמעדאַניזמוס. דיא שפּאַ־ניער, וועלכע האָבען געקעמפּפט פיר זייער נאַציאָנאַלע איינינקייט, האָבען אין דער זעלבער צייט אויך געזוכט צו פערזיכערן דיא פער־שפּרייטונג און דיא הערשאַפט פון דער קריסטליכער רעליגיאָן. וואָס ווייטער דיא שפּאַניער האָבען געיאָגט דיא אַראַבען צו זידען, אַלץ ערגער איז געוואָרן דיא אידען, וועלכע האָבען זיך דאָרט בע־זעצט נאָך אין אַלטע צייטען. דיא ערשטע גרויסע פערפאָלגונגען געגען שפּאַנישע אידען האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו ענדע פון 14טען יאָהרהונדערט. מען האָט זיי דאַן געצוואונגען מיט געוואַלט אָנצו־נעהמען דעם קריסטענטהום; אָבער זיי האָבען זיך נאָך געקענט רע־טען אין דיא ערטער, וואו דיא אַראַבען האָבען אָנגעהאַלטען זייער הערשאַפט.

נאָר מיט הונדערט יאָהר שפּעטער, נאָכדעם וויא גרענאַדאַ — דיא לעצטע פעסטונג פון דיא אַראַבען — איז איינגענומען געוואָרען (אין 1492) פון דיא שפּאַניער אונטער דער הערשאַפט פון פער־

דינאנד און איזאבעלא, האָט מען דיא אידען געגעבען דיא ברירה: אָדער צו ווערן קאטאָליקען אָדער צו פערלאָזען דאָס לאנד. וויא בעוואוסט, האָבען אונגעפעהר 300 טויזענד אידען אויסגעוואנ־דערט, אום צו בלייבען טריי זייער גלויבען. א טהייל אידען, וועלכע זיינען געצוואונגען געוועזען צו בעקעהרען זיך צום קריסטענטהום, אום צו רעטען זייער לעבען און פערמעגען, זיינען אין הארצען געבליבען אידען. ביסלעכווייז האָט זיך פון זיי געבילדעט א בעזונדערער קלאס אידען, וועלכע האָבען געקראָגען דיא צונעמענעם „מאראנאָס“, וואָס עס בעדייטעט דיא „פערשאָלטענע“. זיי זיינען טאקע אין דער ווירקליכקייט געוועזען פערשאָלטענע, דען ניט נאָר זיינען זיי ניט געאכטעט געוועזען פון דיא אידען, וועלכע זיינען פערבליבען טריי זייער גלויבען ביז צום טויט אָדער אויסווייזונג, זאָנדערן דיא קריסטען האָבען זיי אויך זעהר פיינט געקראָגען און יעדענפאלס געהאסט מעהר, וויא ווען זיי וואָלטען זיך אָפען געהאלטען אָן זייער אידישע אמונה.

דער זעלבער נאָמען איז אויך איבערגעגאנגען אויף דיא אונ־גליקליכע אידען, וועלכע האָבען געזוכט רעטונג פון דיא שפאנישע אינקוויזיציאָן אין פּאָרטוגאל און וועלכע זיינען דאָרט מיט געוואלט געטויפט געוואָרן. זייער לאגע איז געווען א שרעקליכע אין אלע בע־ציהונגען, דען ניט נאָר האָט מען זיי אויף דער שענדליכסטער און גרויזאמסטער וויי׳זע פערפאָלגט פאר זייער אונטרייהייט צום קריסטליכען גלויבען, וועלכען מען האָט זיי געצוואונגען אָנצונעה־מען — א סך האָבען ליבערסט בעגאנגען זעלבסטמאָרד וויא זיך צו לאָזען טויפען — זאָנדערן מען האָט זיי אויך ניט געלאָזט אויס־וואנדערן. ביז צוויי־דריטעל פון דיא אויסגעוואנדערטע שפאנישע אידען, אונגעפעהר 200 טויזענד נפשות, האָבען זיך צוערשט בע־זעצט אין פּאָרטוגאל, וואו דער קעניג מאנועל האָט זיי פריינדליך אויפגענומען און פערשפּראָכען בעשיצונג. מען האָט זיי נאכהער שענדליך פערראטהען, און זיי זיינען געבליבען וויא אין א פאסטקע. דיא פּאָרטען האָט מען בעוואכט, אז זיי זאָלען ניט קענען זיך ארויס־רייסען פון דיא בלוטיגע הענד פון די פּאָרטוגעזער אינקוויזיטאָרען,

וועלכע האָבען אין אלעם נאָכגעמאכט זייערע שפּאנישע חברים. מען האָט אויך פערבאָטען צו קויפען זייערע לענדער און געשעפ־טען, אום דערמיט זיי נאָך שווערער צו מאכען א פּליטה, וועלכע מען האָט נאָר געקענט אויספיהרען מיט דער גרעסטער לעבענס־געפאהר. הונדערט יאהר האבען דיא פּאָרטוגיזער מאראנאָס געלי־טען וויא אין א גיהנם ביז מען האָט זיי ערלויבט ענדליך אויסצו־וואנדערן.

דאָ איז ניט דער אָרט איבערצוגעבען איינצעלהייטען פון דיא שרעקליכע צרות, וואָס דיא אידען האָבען געהאט אויסצושטעהן אין שפּאניען און פּאָרטוגאל. מיר בעריהרען עס נאָר דאָ, ווייל דאָס האָט נאטירליך געהאט א גרויסען איינפלוס ניט נאָר אויף דיא יע־ניגע, וועלכע זיינען פערבליבען טריי צו זייער גלויבען, טראָץ אלע פּייניגונגען און שייטערהויפענס פון דער אינקוויזיציאָן, זאָנדערן אויך אויף דיא וייטערע געשיכטע פון אידישען פאָלק.

דיא שפּאנישע אידען זיינען דאן געווען דיא געבילדעטסטע און ציוויליזירטעסטע אין דער גאנצער וועלט, און זייער געצוואונ־גענע צושפּרייטונג איבער אלע לענדער, וואו נאָר זיי האָבען גע־קראָגען דיא מינדעסטע געלעגענהייט צו פערבלייבען אפילו א קורצע צייט, האָט געהאט זעהר א גרויסע ווירקונג אויף דער אויפ־לעבונג (רענעסאנס־צייט) פון דער גריכיש־אראבישער פילאָזאָפיע, וועלכע האָט אויפגערודערט דיא מוחות און ביסלעכווייז פער־יאָגט דיא פינסטערע וואָלקענס פון מיטעלאלטער און פון קאטאָ־ליציזמוס. זיי האָבען פאנאנדערגעטראָגען דיא זריעה פון דער נייער פילאָזאָפיע און פון וויסענשאפטליכע נאָכפאָרשונגען, דיא זריעה, פון וועלכער אונזער יעצטיגע ציוויליזאציאָן איז אויסגע־וואקסען. אויף דיזער וויזע האָבען זיי זיך אָפּגערעכענט מיט זייערע פינסטערע פערפאָלגערס, מיט דער אונמענשליכער אינ־קוויזיציאָן, וועלכע איז אונטערגעגאנגען צום גליק פון דער מענש־הייט אונטער דעם איינפלוס פון דער נייער פילאָזאָפיע, וועלכע זיי האָבען געהאָלפען צו פערשפּרייטען.

אָבער א גרויסער טהייל איז דורך דיא שוידערליכע פערפאָלגונגען פערהארטעוועט געוואָרן וויא שטאָל אין זייער רעליגיאָן, פאר וועלכע זיי האָבען אלעס געאָפּפּערט, און האָט אויסגעמיידעט א פערקעהר מיט דער אויסערער וועלט. דיא גהעטאָס, אין וועלכע מען האָט אריינגעשפּארט דיא אידען, אום זיי אָפּצוזונדערן פון דער אויסערער וועלט, אזוי וויא פערשאָלטענע, האָבען זיי אליין געזוכט, דען נאָר אין זייער מיטע, צווישען זייערע אונגליקליכע ברידער, האָבען זיי געקענט געפינען א ביסעל רוהע און זיכערהייט. זיי האָבען זיך פערטיעפט אין זייער אייגענער וועלט, א וועלט מיט טרוימען, מיט זיסע האָפנונגען אויף א בעסערע צוקונפט. דיא געגענווארט איז געווען אזוי פינסטער, אזוי טרויעריג, אזוי שמערצליך און שרעקליך, אז זיי האָבען געמוזט זוכען עפּעס א טרייסט אין דער צוקונפט און זיך אָנכאפּען אָן יעדער איינבילדונג, וויא ווילד זיא איז ניט געווען, אבי זיי האָבען אין דעם געזעהען דעם מינדעסטען פונק פון א גוטער האָפנונג.

דערמיט ערקלערט זיך, וואָס אין דיזער צייט האָבען אויפגעלעבט אזוי שטארק דער מעסיאניזמוס און דיא קבלה. דיא אונערטרעגליכע צרות האָבען פערשארפט דעם אלטען גלויבען פון אידישען פאָלק אין א משיח. מען האָט געגלויבט און געוועלט גלויבען, אז דיא אונערהערטע פערפאָלגונגען זאָגען פאָראויס דעם נאָהענטען אָנקומען פון דעם שטענדיג־ערווארטעטען ערלייזער. אין דעם ים מיט בלוטיגע טרעהרען איז דאָס געווען א רעטונגסשיפעל. דיזע איינגעבילדעטע האָפנונגען האָבען נאטירליכערווייזע ארויסגערופען אויף דער סצענע מענשען, וועלכע האָבען זיך אליין איינגערעדט און געזוכט איינצורעדען אנדערע, אז זיי זיינען עס דיא ערווארטעטע ערלייזערס, אז זיי וועלען עס ענדליך ברענגען דיא הייס־געווינשטע גאולה.

מאנכע פון זיי זיינען געווים געווען שארלאטאנעס און שווינדלער, אָבער דיא מייסטע זיינען טאקי געווען צודולטע טרוימערס, פאנטאסטען, וועלכע האָבען אזוי לאנג זיך פערטיעפט אין דיא ווייט־פערשפרייטעטע און טיעף־איינגעוואָרצעלטע איינבילדונגען

וועגען דיא נאָהענטקייט פון משיח'ס צייטען, אז זיי האָבען פער־לאָרען דאָס לעצטע ביסעלע קלאָרען פערשטאנד און האָבען זיך אליין איינגערעדט, אז זיי זיינען עס געשיקט געוואָרן פון גאָט צו ערלייזען זייערע אונגליקליכע און פערוואָגעלטע ברידער. דער 16טער און 17טער יאהרהונדערטע זיינען דארום בעזונדערס רייך געווען אין אזעלכע איינגעבילדעטע משיח'ס און אויך אין גלויביגע נאָכשלעפערס, בעזאָנדערס טאקי צווישען דיא אונגליקליכע מאראַ־נאָס.

„יעדען טאָג, יעדע שטונדע, שרייבט פּראָפעסאָר גרעטץ אין זיין „געשיכטע פון אידען", האָבען דיא מאראנאָס זיך געפּלאָגט און פערשאָלטען דיא יאהרען דורך דעם, וואָס זיי האָבען געמוזט פּראָווען דיא צערעמאָניעס פון א רעליגיאָן, וועלכע זיי האָבען געהאסט אין הארצען. עס איז דארום קיין וואונדער, וואָס פיעלע פון זיי האָבען פערלאָרען דעם גלייכען פערשטאנד און זיינען געוואָרן גאנץ משוגע. אין דער נאכבארשאפט פון הערראַרא האָט זיך א מאראנאָ־מיידעל ערקלערט פאר א פּראָפעטין. זיא האָט געליטען פון ספּאזמען און האָט געהאט האלוצינאציאָנען. זיא האָט ער־קלערט, אז זיא האָט געזעהען משיח'ן און מלאכים, און זיא האָט געזאָגט, אז זיא וועט פיהרען דיא אונגליקליכע אידען אין דאָס הייליגע לאנד. זיא האָט געפונען א סך גלויביגע צווישען דיא מאַ־ראנאָס. ווען דאָס איז ענטדעקט געוואָרן פון דער אינקוויזיציאָן, האָט מען פערברענט דיזע מיידעל מיט 38 פון איהרע אנהענגערס. דיא מאראנאָס האָבען געאטהעמט אין אן אטמאָספערע פון האָפ־נונג אויף א משיח, דאָס הייסט אין א גאולה דורך נסים".

אום נאָך מעהר צו פערשטארקען דיזע האָפנונגען און אויך צו געפינען „אָנווייזונגען" און „בעווייזע" פיר דיא רעכנונגען וועגען דיא נעכסטע ערשיינונג פון משיח, האָט מען זיך גענומען גריבלען און פערטיעפען אין קאבאליסטישע שריפטען, אין דיזען קוואַל פון מיסטיציזמוס (סתרי תורה). אין דיזע משונה'דיגע איינביל־דונגען, אין דיזע לופטשלעסער פון צודולטע מוחות, אין דיזע איינפאכע משוגעת'ן האָבען דיא פאלשע משיח'ס געשעפּט „בע־

גייסטעדונג" פיר זייער געפעהרליכע ראָלע און זייערע נאָכשלע־פערם האָבען געשעפּפט גלויבען אין זיי.

דיא קבלה איז א פּראָדוקט פון אונוויסענהייט, וואָס שטיצט זיך אויף א מיסטישען גלויבען, אויף א גלויבען אין פערבאָרגענע סודות. דיא קאבאליסטען האָבען דארום רעכט, ווען זיי זאָגען, אז זיא איז אזוי אלט וויא דיא תורה. דיא איינבילדונגען פון דיא קאבאליסטען וועגען דיא צעהן ספירות זיינען ווער ווייסט וויא אלט. יעדענפאלס זיינען דיא „געהיימניסע" פון דער קבלה ניט ספּעציעל אידישע. זיי שטאמען מייסטענס פון דיא פּערסען, ביי וועלכע דיא אידען האָבען איבערגענומען דעם גלויבען אין דעם שטן מקטרג, אין א גן־עדן און גיהנם, אפילו אין תחית המתים. אויך איז עס זיכער, אז דיא קריסטען האָבען געהאט אונגעפעהר אזא קבלה און אז דיא אידישע קאבאליסטען האָבען זעהר פיעל „סודות" און פאנטאזיען איבערגענומען ביי דיא קריסטליכע קאַבאַליסטען.

נאָר, וויא וויט מען קען איצט דערגעהן, האָט דיא קבלה גענומען שפּיעלען צוערשט א גרויסע ראָלע אין דער אידישער רעליגיאָן צום אָנפאנג פון 13טען יאהרהונדערט, ווען עס האָבען זיך אָנגעפאנגען הייסע מחלקות צווישען דיא אנהענגער און געגנער פון רמב"ם; אלע די יעניגע, וועלכע האָבען געוועלט בלינד גלויבען אין נסים און פעריאָגען פערנונפט פון רעליגיעזע בעטראכטונגען, האָבען זיך אָנגעכאפּט אָן דיא קאבאליסטישע ביכער צו פערטומלען זייערע אייגענע קעפּ און דיא קעפּ פון אנדערע מיט פאנטאזיען און פערדרעהעניסע וועגען כלומרשט פערבאָרגענע געטליכע סודות. דיא צאָהל פון מענשען, וואָס זיינען גענייגט צו מיסטיציזמוס און אבערגלויבען, איז נאָך זעהר גרויס אין אונזערע צייטען, נאָר אין פריהערע צייטען, בעזאָנדערס אין מיטעל־אלטער, זיינען געוועזען זעהר ווייניג מענשען, וואָס האָבען זיך געזוכט צו שטיצען אויף פערנונפט און וועלטליכע פילאָזאָפיע. אזעלכע מענשען, וואָס האָבען געקענט פערשטעהן און נאָכפאָלגען דעם רמב"ם

פילאָזאָפיע, וויא שוואך זיא זאָל אונז יעצט ניט שיינען, זיינען געווען געצעהלטע. דיא גאנצע מאסע האָט בלינד געגלויבט אין יעדען וואָרט פון תלמוד און פון זיינע אנערקענטע קאָמענטאָטאָרס און האָט געקוקט אויף דיא קבלה אלס א הייליגע לעהרע, וועלכע מען קען נאָר בעגרייפען, ווען מען פערטיעפט זיך אין איהר אזוי, אז מען פערגעסט אָן דיא גאנצע וועלט.

אין שפאניען, וואו דער קאמפף צווישען דיא מאימאָניסטען און אנטי־מאימאָניסטען איז בעזאָנדערס היים געפיהרט געוואָרען איז אויך דיא קבלה ענטוויקעלט געוואָרען. עזרא און עזריאל, יעקב פון זשעראָנא, טודרוס און אברהם אבולאפיא, משה דע לעאן (דער פערפאסער פון „זוהר“) א. ז. וו. זיינען אלע געווען שפאנישע אידען. זיי האָבען ענטוויקעלט דיא פריהערע קאבאליסטישע חלומות און איינגעפיהרט נייע, וועלכע זיינען אלע צוזאמענגעפלאָכטען געוואָרן אין „זוהר“. שפאנישע אידען האָבען אויך צוזעהט און צושפרייט דעם קאבאליסטישען אונזין, ווען זיי האָבען געמוזט אנטלויפען פון דער אינקוויזיציאָן. אין 17טען יאָהרהונדערט זיינען דיא שטארקסטע נעסטען פון קאבאליסטען געווען אין סאָלאָניקע און איבערהויפט אין טירקיי.

דיא פערשפרייטונג און פערעהרונג פוז דער קבלה זיינען גענאנגען האנד אין האנד מיט דער פערשטארקונג פון מעסיאנישע האָפנונגען.ביידע האָבען געהאט דעם זעלבען גרונד — דיא איינבילדונג — און ביידע האָבען געהאט דעם זעלבען רעזולטאט — פערפיהרונג און גייסטיגע פערקריפלונג.

אלע פאלשע משיח'ס זיינען געווען צודולט פון דער קבלה, אין וועלכער זיי האָבען זיך ארייגעלאָזען מיט לייב און זעעלע. אָהן דעם „זוהר“ וואָלטען זיי וואהרשיינליך קיין מאָל ניט ארויסגעטראָטען און ניט געקענט ארויסטרעטען אלס גאָט'ס געזאלבטע. אפילו דער זאָנדערבארער דוד ראובני, וועלכער איז זיכער געווען א שארלאטאן, איז געווען א קאבאליסט. דיזער קליין מענשעלע, כמעט א קארליק, דאר וויא א סקעלעט, האָט בעזעסען א שטארקען כאראקטער און אויך פיעל מוטה און שכל. קיינער האָט ניט גע־

וואוסט, ווער ער איז און וואו ער איז געבארען געווארען. מען רע־
כענט, אז ער איז נעקומען ערגעץ פון אזיען. יעדענפאלס האט ער
לאנג ארומגעוואנדערט אין אראביען, מצרים און סיריען איידער
ער איז אנגעקומען אין איטאליען ארום 1524, וואו ער האט זיך
ארויסגעגעבען אלס א שליח פון זיין ברודער, א הערשער איבער א
אידישער מלוכה אין נארד־אראביען, אין דעם לאנד חעיבאר (דארט
איז א מאל געווען אידישע קאלאניע, וועלכע איז צושטערט גע־
ווארען פון מאהאמעד, ווען ער איז ארויסגעטראטען געגען אידען.*)
ער האט דערצעהלט, אז זיין ברודער האט אן ארמעע פון 300 טוי־
זענד סאלדאטען, נאר זיי נויטיגען זיך בעזאנדערס אין ביקסען
און הארמאטען צו קענען בעזיעגען דיא מאהאמעדאנער, וועלכע
שטערען זיי צו פערבינדען אלע אידישע שטאמען אין אראביען.
אום צו קריגען דיזע געוועהר, האט איהם זיין ברודער געשיקט צו
דיא אייראפעאישע קעניגע און בעזאנדערס צום פאפסט. אין פאל
מען וועט בעווילינגען דיזען פערלאנג, האט דוד ראובני פערשפראכען,
אז דיא אידישע ארמעע וועט העלפען דיא קריסטען ארויסצויאגען
דיא טערקען פון פאלעסטינע.

עס איז איבעריג צו זאגען, אז דאס איז אלעס אויסגעטראכט
געווארען פון דוד ראובני; אבער ער האט אזוי קונציג און מוטהיג
געשפיעלט זיין ראלע, ריזיקירענדיג מיט זיין קאפ, און אין אייראפא
האט מען אזוי ווייניג געוואוסט וואס עס טהוט זיך אין אזיען, בע־
זאנדערס נאך אין אראביען, דאס ניט נאר דער פאפסט קלעמענט
VII זאנדערן אויך דער פארטוגעזער קעניג האט איהם אויפגענו־
מען זעהר פריינדליך אלס א געזאנדטען. דער פארטוגעזער קעניג
האט זיך געלאזט נארען אזוי וויט, אז ער האט פערשפראכען צו
שיקען 8 שיפען מיט 4000 שוסגעוועהר צום „אידישען קעניג פון
חעיבאר,“ אום צו פיהרען מלחמה געגען דיא טערקען.

עס איז שווער צו זאגען, וואס דער סוף וואלט געווען פון דיזען

---

*) זעהע „מאהאמעד — זיין לעבען און רעליגיאן,“ ארויסגעגעבען
פון דער אינטערנאציאנאלער לייברערי פובלישינג קאמפאני.

מערקווירדיגען שווינדעל, ווען דער יונגער און זעהר פעהיגער מאַ־ראנאַ דיעגאָ פּירעס, וועלכער האַט נאכהער אָנגענומען דעם נאָמען שלמה מאָלכאָ, וואָלט ניט איינפאך פערריקט געוואָרען דורך דוד ראובני'ס וואונדערבארע ראָלע. מען קען זיך קוים פאָרשטעלען דיא אויפרעגונג און דיא ערשטוינונג פון דיא אונגליקליכע מאראנאָס, וועלכע האָבען אין דער צייט שרעקליך געליטען פון דער ניי־איינגע־פיהרטער אינקוויזיציאָן, ווען זיי האָבען געזעהען, דאָס א איד, וואָס גיט זיך ארוים פאר א געזאנדטען פון א אידישען קעניג, ווערט אויפגענומען און בעהאנדעלט אין קעניגליכען הויף וויא א פּרינץ. קיין וואונדער דארום, אז זיי האָבען גענומען גלויבען, אז אין דעם שטעקט גאָט'ס האנד און אז משיח'ס צייטען זיינען נאָהענט. ער אליין איז געווען גענוג געשייט זיך ניט ארויסצוגעבען פאר א משיח און ניט צו פערשפּרעכען צו פיעל דיא מאראנאָ'ס, אָבער זיי האָבען אויף איהם געקוקט וויא אויף זייער ערלעזער, האָבען געקוסט זיינע הענד און קליידער און געהאָפט, אז ער וועט זיי באלד פיהרען נאָך ירושלים.

דיעגאָ פּירעס איז אזוי בעגייסטערט געוואָרען, דאָס ער האָט אָנגעפאנגען צו גלויבען, אז ער איז א נביא און האָט פאָראויס גע־זאָגט משיח'ס נאָהענטע ערשיינונג. דיזער יונגער מאראנאָ, וועלכער איז שוין געבאָרען אלס קריסט און האָט דערגרייכט צו דער הויכער שטעלע פון א קעניגליכען סעקרעטער, האָט זיך מל געווען, אום צו קענען ערפילען דיא געטליכע מיסיאָן, אין וועלכער זיין קראנק־האפטע פאנטאזיע האָט איהם אלץ מעהר איינגעגלויבט. פון דער אָפּעראציאָן איז ער קראנק געוואָרען און זיין קאָפּ איז נאָך מעהר צו־דולט געוואָרען פון חלומות. ער האָט דערצעהלט, אז א שליח פון הימעל האָט איהם אָנגעזאָגט צו פערלאזען פּאָרטוגאל און צו בעגע־בען זיך נאָך טירקיי. דוד ראובני, וועלכער האָט מורא געהאט, אז זיין פערעהרער'ס ענטהוזיאזמוס און דיא בעשניידונג וועלען איהם שטערען אין זיין פּאָליטישען שווינדעל, האָט איהם אויך צוגערעט זיך אָפּצוטראָגען וואָס שנעלער פון פּאָרטוגאל. ראובני'ס פּורכט איז ניט געווען אומזיסט, דען ווען דיא אינקוויזיציאָן האָט זיך דער־

וואוסט, דאָס דיעגאָ פירעס איז אָפען געוואָרען א איד און איז אנט־לאָפען, האָט ער געקראָגען א בעפעהל צו פערלאָזען פּאָרטוגאל.

אינדירעקט האָט דיזער מערקווירדיגער מענש, וועלכער האָט שליסליך געענדיגט זיינע יאָהרען אין א פינסטערן קעלער פון דער שפּאנישער אינקוויזיציאָן (מען האָט בעהויפּטעט, אז דיא אינקוויזיטאָרען האָבען איהם דאָרטען פערגיפטעט), געהאָלפען דיא פּאָר־טוגעזער מאראנאָס דערמיט, וואָס דיא אינקוויזיציאָן האָט ניט גע־קענט האָבען אזא פרייע האנד זיי צו פערפאָלגען און צו ברענען, וויא זיא האָט עס געוואונשען און וויא זיא האָט עס באלד נאָך זיין אָפּרייזע אויסגעפיהרט. זאָ לאנג דער קעניג האָט פערהאנדעלט מיט דעם שליח פון א אידישען קעניג, האָט ער נאטירליך געמוזט זעהען, אז מען זאָל זיך בעסער בעגיין מיט אידען אין זיין לאנד.

דיעגאָ פירעס, וועלכער האָט נאָך שטודירט תלמוד און קבלה, ווען ער איז צום שיין געווען א געבאָרענער קריסט, האָט זיך נאָך זיין פּלטה פון פּאָרטוגאל אין גאנצען אָבגעגעבען צו זיינע קאבא־ליסטישע חלומות. ער איז געווען אן עהרליכער מענש, אָבער א צודולטער און ענטהוזיאסטישער. דורך קאבאליסטישע דריידלעך און רעכנונגען האָט ער אויך גענומען פּאראויסזאָגען דיא צוקונפט, און עטליכע מאָל האָט ער ווירקליך מערקווירדיג געטראָפען. בע־זאָנדערס בעריהמט זיינען זיינע נבואות, אז ליסאבאָן וועט צו־שטערט ווערן פון א שרעקליכע ערדציטערנים און אז רום וועט פער־פלייצט ווערען. צוליעב דיזע נבואות, וויא אויך צוליעב זיין זעהר אנגענעהמען אויסזעהען און עדעלע האלטונג, האָט ער אזוי ווייט געפונען חן אין דיא אויגען פון פּאפּסט, דאָס ווען דיא אינקווי־זיציאָן פון רום האָט איהם פעראורטהיילט צום טויט דורך פער־ברענען פאר זיין ענטזאגען זיך פון קריסטענטהום, האָט מען אנ־שטאָט איהם אריינגעוואָרפען אין דיא פלאמען אן אנדער אונגליק־ליכען. דער פּאפּסט האָט איהם געהאלטען עטליכע טעג בעהאלטען אין וואטיקאן ביז איהם איז געלונגען צו אנטלויפען ביי נאָכט אין 1531.

דיזער ענטהוזיאסט, וועלכער האָט געזוכט דעם טויט פון א

מערטירער און האָט אָנגעמאכט א גרויסען גערודער צווישען אידען און קריסטען, האָט פאָראויסגעזאָגט משיח'ס אָנקומען אין 1540 און האָט געענדיגט אויף אן אָטאָ־דאפע אין מאנטוא, וואוהין דער קייזער קארל דער פינפטער האָט איהם צוזאמען מיט דוד ראובני געבראכט געשמידעט אין קייטען און האָט איהם איבערגעגעבען אין דיא הענד פון דער אינקוויזיציאָן, וועלכע האָט איהם שנעל פעראורטהיילט צום טויט פאר זיין אָפענעם איבערגאנג צו דער אידישער רעליגיאָן. ער איז געשטאָרבען וויא אן אמת'ער מארטירער, שרייענדיג אין דיא פלאמען „שמע ישראל!“ דען פאר'ן טויט ווען ער איז געשטאנען אויפ'ן עשאפאָט און דער שייטערהויפען איז שוין אָנגעצונדען געווען, האָט מען איהם אין נאָמען פון קייזער פאָרגעשלאָגען מוחל צו זיין, אויב ער וועט חרטה האָבען און ווידער ווערען א קריסט. ער האָט זיך נאטירליך אָבגעזאָגט, דען ער האָט געגלויבט, אז ער איז זיך מקריב אום משיח'ס צייטען זאָלען וואָס גיכער קומען.

גאנץ אנדערס האָט געהאנדעלט שבתי צבי, ווען מען האָט איהם געסטראשעט מיט'ן טויט. ער איז אויך געווען א טרוימער, א קאבאליסט און אנפאנגס א'ן ענטהוזיאסט, אבער צו זעלבסט־אָפּפערונג איז ער ניט געווען פעהיג. אין פערגלייך מיט שלמה מאָלכאָ איז ער געווען אי א פייגלינג אי א'ן אונוויסענדער מענש; אבער דאָך האָט ער געהאט דעם גרעסטען ערפאָלג אין דער משיח ראָלע, וועלכע עטליכע דורכגעטריעבענע שנאָרערס און שארלאטאנעס האָבען איהם געהאָלפען צו שפיעלען. קיינער פון אלע פאלשע משיח'ס, וועלכע זיינען ארויסגעטראָטען פאר איהם און נאָך איהם, האָט ניט געפונען אזוי פיעל בלינדע אנהענגער און האָט ניט אזוי אויפגערודערט א וועלט, וויא שבתי צבי. דאָס האָט ער געהאט צו פערדאנקען דעם פאל, דאָס ער איז ניט ארויסגעטראָטען אין א קריסטליכער, זאָנדערן אין א מאחמעדאנער לאנד, דאָס ער האָט זיך אָהן שום דריידלעך ארויסגעגעבען פאר דעם לאנג־ערווארטעטען משיח און דאָס עטליכע זעהר געשייטע שווינדלערס האָבען איהם גלייך פון אנפאנג אונטערשטיצט, וויא מיר וועלען עס זעהען.

I.

זיין ערציהונג און ערשטער ארויסטרעטען אלס משיח.

שבתי צבי איז געבאָרען געוואָרען תשעה באב 1626 אין דער שטאָט סמירנא, וועלכע האָט צו יענער צייט אָנגעפאנגען צו ווערן א וויכטיגער האנדעלס־פּאָרט אין קליין אזיען צוליעב א מלחמה צווישען טירקיי און דיא איטאליענישע האנדעלס־רעפּובליק ווע־נעדיג. אייניגע ענגלישע און האָלענדישע שיף־קאָמפּאניעס האָבען דאן געעפענט קאנטאָרען אין סמירנא, אום אויסצומיידען דיא פריהערע האנדעלס־וועגען צווישען אייראָפּא און אזיען. און שבתי צבי'ס עלטערן, וועלכע האָבען געשטאמט פון שפּאנישע אידען און האָבען געוואָהנט אין גריכענלאנד, האָבען אריבערגעוואנדערט אין דעם נייען האנדעלס־פּונקט, אום צו זוכען בעשעפטיגונג. זיין פאַ־טער איז געווען אן אָרימער מעקלער, נאָר ער איז א קורצע צייט נאָך זיין קומען געוואָרען אן אגענט פון אן ענגלישע האנדעלס־הויז און איז דורך דעם געוואָרען זעהר רייך.

דאָס איז געווען א וויכטיגער אומשטאנד אין דער משיח־ראָלע פון שבתי צבי, דען ער האָט גאָר ניט געהאט צו זאָרגען וועגען חיונה און האָט אויך געהאט מיטעל צו מאכען סעודות פאר אָרימע יונגע לייט. נאָר אן ערציהונג האָט ער געקראָגען גראדע וויא אלע אידישע קינדער פון זיין צייט אין קליין־אזיען. מען האָט איהם אָבגעגעבען יונגערהייט אין א חדר און אויך יונגערהייט אָנגע־פאנגען צו שטאָפּען מיט תלמוד. נאָר צו תלמוד האָט ער קיין חשק געהאט, דאָס איז געווען צו טרוקען פאר איהם.. ער האָט גאנץ פריה ארויסגעוויזען א נייגונג צו איינזאמקייט און טרוימען. דיא קבלה האָט איהם דערפאר גלייך צוגעצויגען. און דיא פאנאסטישע שיל־דערונגען פון „זוהר" האָט ער געפונען א גאנצע וועלט פאר זיינע אייגענע טרוימען און איינבילדונגען. נאָך ווען ער איז געווען א אינגעל האָט ער זיך פערטיעפט אין דער קאבאליסטישער סתרי

תורה. אזוי וויא מען האָט געגלויבט, דאָס מען קען נאָר ווערען א בקי אין דער קבלה, ווען מען פיהרט דעם לעבען פון א פרוש, ווען מען זאָגט זיך אָפּ פון דיא פערגעניגענס פון דער וועלט, האָט דער יונגער קאבאליסט אָנגעפאנגען צו פאסטען, זיך צו שמייסען און זיך אָפּט צו באָדען אין ים, סיי זומער סיי ווינטער. צוליעב דיזע שטרעבונג צו זיין א פרוש, האָט ער וואהרשיינליך אויך אויסגע־מיידעט זיין פרוי, מיט וועלכער מען האָט איהם חתונה געמאכט גאנץ יונג נאָך דיא אזיאטישע פיהרונגען. זיא האָט פערלאנגט א גט, ווייל ער וויל ניט לעבען מיט איהר, און האָט עס געקראָגען. מען האָט איהם ווידער חתונה געמאכט מיט אן אנדער יונגע מיידעל, אָבער זיא האָט זיך צוליעב דיא זעלבע אורזאכע געשיידעט מיט איהם.

דאָס האָט נאטירליך ארויסגעצויגען אלגעמיינע אויפמערק־זאמקייט אויף איהם. ער האָט זיך איבערהויפּט געפיהרט גאנץ אנדערס וויא זיינע חברים. בעזאָנדערס האָט מען זיך געוואונדערט, וואָס ער ווייכט אוים פרויען, האָטש ער איז געווען א געזונטער און זעהר שעהנער בחור. ער האָט אויך געהאט א זעהר פיינע שטימע און האָט ליעב געהאט צו זינגען שפאנישע און קאבאליסטישע ליעדער. נאָר אין דיא שפּיעלען פון זיינע חברים פלעגט ער קיין מאָל זיך ניט אריינמישען. דיא ערנסטערע פון דיא אינגלעך האָט ער ביסלעכווייז צוגעצויגען צו זיך מיט זיינע זאָנדערבארע פיה־רונגען, מיט זיין אנגענעהמער פיגור און פיינע שטימע, נאָר בע־זאָנדערס מיט זיינע קאבאליסטישע טרוימען. ער פלעגט זיי בע־קאנט מאכען מיט דיא פאנטאזיעס פון דער קבלה און אין זיי איינפלאנצען דיא נייגונג צו מיסטיציזמוס, וועלכע איז אין איהם איינגעבאָרען געווען.

דארום האָט ער שוין געהאט עטליכע שילער און פערעהרער, ווען ער איז נאָך אלט געווען צוואנציג יאָהר. זייטיגע מענשען האָ־בען אויך אָנגעפאנגען צו קוקען אויף איהם וויא אויף א הייליגען, און דאָס האָט נאָך מעהר צורודערט זיין שוואכע קאָפּ. איינינגע האָבען ערקלערט, אז ער איז איינפאך פעררוקט, אָבער זייער צאָהל

איז געווען זעהר קליין. זיין פאטער זעלבסט האָט איהם פערעהרט, ווייל ער האָט גענלויבט, אז דורך דעם הייליגען לעבען און די ליעבע פון זיין זוהן צו דער קבלה, איז ער רייך געוואָרען. שבתי צבי האָט אויף דיזער אָרט גענומען קוקען אויף זיך, וויא אויף א מין פראָפעט, וואָס זיין מיסיע איז צו ערלייזען דיא אידען פון זייערע צרות און צו בעזעצען זיי ווידער אין ארץ ישראל. יעדענפאלס, אויב ער איז אין אָנפאנג נאָך ניט געווען איינגעגלויבט, אז איהם איז עס בעשערט צו ברייננען דיא אידען דיא לאנג־ערוואַרטעטע גאולה, איז עס זיכער, אז ער האָט וועגען דעם אזוי פיעל געטרוימט און פאנטאזירט, דאָס אין א קורצע צייט איז ער גאָר צודולט געוואָרען.

דיא קבלה איז, וויא בעוואוסט, פול מיט פאנטאזיעס וועגען משיח'ס צייטען. דאָרט ווערן געשילדערט דיא צייטען איידער משיח וועט קומען און נאכהער, אזוי וויא אנדערש וואָלט עס גאָר ניט קענען צוגיין. אָהן דיזע משיח־איינבילדונגען וואָלט דיא קבלה ניט געפונען אזוי פיעל ענטהוזיאסטישע פערהערערס און וואָלט זיך אויך ניט פערשפרייטעט אזוי וויט און שטארק. דערצו נאָך האָט שבתי צבי געהערט פון זיין פאָטער, אז קריסטען גלויבען אויך, דאס אן ערלייזער וועט זיך בעווייזען אין 1666 יאָהר. זיין פאָטער האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט אין דער ענגלישער קאַנ־טאָר, וואו דיא ענגלענדער האָבען דיסקוטירט וועגען דיא איינ־בילדונגען פון דיא קריסטליכע מיסטיקער, דאָס דיא צייט פון מיללעניום (דיא טויזענד יאָהר נאָך וועלכע יעזוס קריסטוס דאַרף זיך ווידער אראָפּלאָזען אויף דער ערד און ערלייזען דיא זינדיגע מענשהייט) איז גאָר נאָהענט, דיזע מיסטיקער האָבען זיך אין זייערע ערוואַרטונגען געשטיצט אויף א פסוק פון אפּאָקאליפּסיס (דיא נבואות פון יאָהאן דעם טויפער) און האָבען זיך אויך איינ־געבילדעט, אז אין 1666, ווען משיח האָט נאָך זייערע קאבאליס־טישע רעכנונגען געמוזט ערשיינען, וועלען דיא אידען צוריק גע־בראַכט ווערען נאָך ירושלים.

שבתי צבי האָט זיך זשעדנע צוגעהערט צו אלעם, וואָס זיין

פאטער האָט איהם געקענט איבערגעבען וועגען מילעניום אָדער די קריסטליכע משיח־צייט, און האָט נאָך מעהר געגלויבט, אז די גאולה איז אויפ'ן נאָז.

אין „זוהר" ווערט דער יאָהר 5408 נאָך דער אידישער רעכ־נונג אָנגעגעבען אלס די צייט פון דער גאולה, און גראדע אין דיזען יאָהר איז שבתי צבי צוערשט ארויסגעטראָטען אין זיין משיח־ראָלע. איהם איז דאן געווען 22 יאהר, נאָר דאָס האָט איהם ניט אָבגעהאלטען ארויסצוגעבען זיך פאר זיינע שילער און פריינדע אלס א געטליכער שליח, דען ער האָט נאָך אליין ניט בעשטימט, אויב ער איז בלויז א נביא אָדער איינפאך דער ערווארטעטער משיח.

דער אָנפאנג פון זיין משיח־ראָלע איז געמאכט געוואָרן אויף איין גאנץ איינפאכער ארט, אָבער פאר די קאבאליסטען האָט עס גע־האט א ספּעציעלע בעדייטונג. איין מאָל, ווען שבתי צבי איז געווען ארומגערינגעלט פון זיינע יונגע פערעהרער, האָט ער פּלוצלונג הויך און מונטער אויסגעשריען דעם שם המפורש, ניט אכטענדיג אויף דעם שטרענגען פערבאָט פון תלמוד.

די אורזאכע פון דיזען פערבאָט איז געלעגען אין דעם גלויבען אין צויבער־ווערטער. א גלויבען וועלכער איז געווען פערשפּרייטעט ביי פיעלע פעלקער וויא די געשיכטע פון רעליגיאָנען ציינט עס אונבעשטרייטבאר. מען האָט זיך איינגעבילדעט, אז מיט געוויסע ווערטער קען מען ניט נאָר פעריאָגען שדים, זאָנדערן מען קען אויך קריעגען א מאכט איבער די געטער זעלבסט. די נעמען פון געוויסע געטער האָבען געקראָגען א ספּעציעלע בעדייטונג, מען האָט דיזע נעמען צוגעשריעבען א בעזאָנדערע וואונדער־קראפט, און דארום האָבען די פּריעסטער פערבאָטען זיי אויסצו־שפּרעכען. די פּריסטער פון מצרים האָבען געלערנט, אז דעם נאָמען פון דעם גאָט „טהאָטה" (בעדייטעט: געדאנקען, וואָרט) טאָר מען ניט אויסריידען, גראדע וויא די ביבעל האָט עס אָנגע־זאָגט וועגען „יהוה" (לא תשא את ש ם יהוה אלהיך לשוא), און

דיא אינדוסען וועגען דיא ד ר י י בוכשטאבען, וואָס ווערען אויס־געשפּראָכען „אָם". *)

נאָר פאר דיא קאבאליסטען האָבען דיא פיער בוכשטאבען פון שם המפורש געהאט א ספּעציעלע מיסטישע בעדייטונג. זיי האָבען זיך איינגעבילדעט, אז זייט דעם חורבן בית המקדש זיינען דיזע בוכשטאבען אָבגעטהיילט געוואָרען דורך אָבגרונדען. נאָך זייערע אויספיהרונגען איז אויסגעקומען, אז גאָט אליין איז אזוי וויא אָבגעשוואכט געוואָרען דורך דעם גלות פון זיין אויסגעקליעבענעם פאָלק, נאָר ווען משיח וועט קומען, וועט ער ווידער קריעגען זיין פריהערע פאָלקאָמענע מאכט און דיא פיער בוכשטאבען פון זיין נאָמען וועלען וויעדער פעראייניגט ווערען. דארום האָבען שבתי צבי'ס אנהענגער געגלויבט, דאָס ווען ער האָט ניט מורא געהאט אויסצורוידען דעם פולען נאָמען פון „יהוה," בעזיצט ער א געוויסע געטליכע מאכט און זאָגט אָן דערמיט, אז דורך איהם וועט קומען דיא גאולה.

אלזאָ, מיט דעם אויסשפּרעכען פון איין וואָרט האָט שבתי צבי פערשטארקט דעם גלויבען פון זיינע שילער אין זיין געטליכ־קייט. נאָר ווען דיא רבנים האָבען זיך דערוואוסט דערפון, האָבען זיי עס ערקלערט פאר א גאָטעסלעסטערונג. זיי האָבען אויך געזאָגט, אז דערמיט, וואָס שבתי צבי האָט געבראָכען א שטרענגע פאָרשריפט פון תלמוד און אויך א בעפעהל פון דער ביבעל זעלבסט, קען ער נאָך פיהרען אנדערע איהם נאָכצוטהאָן, וואָס עס וועט ברײנגען צרות דיא אידען. דארום האָבען זיי איהם און זיינע נאכפאָלגער אריינגעלעגט אין חרם. דיזער חרם האָט ארויסגערופען פּראָטעסטען און מחלקות אין דער קהלה פון סמירנא. דיא איינ־צעלהייטען פון דיזע שטרייטען זיינען ניט בעקאנט, מען ווייס

*) אן אויספיהרליכע ערקלערונג וועגען דיא פערגעטערונג פון ווער־טער און צאָהלען ביי פערשיעדענע פעלקער וועט דער לעזער געפינען אין דעם 18־טען קאַפּיטעל פון דעם דריטען באַנד פון מיין „קולטורגעשיכטע", ארויסגעגעבען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לייבּרערי פּובלישינג קאָמפּ.

נאָר, אז זיי האָבען זיך געצויגען אונגעפעהר 3 יאָהר און האָבען זיך געענדיגט דערמיט, וואָס שבתי צבי און זיין חברה האָבען גע־מוזט פערלאָזען סמירנא אין 1651.

דיזע פערפאָלגונג האָט נאָך פערשטארקט דעם גלויבען פון שבתי צבי אין זיין משיח־ראָלע, דען ער האָט זיך שוין געהאלטען פאר א מארטירער און האָט זיך איינגעבילדעט, אז פריהער מוז ער אָפּקומען אויף דער וועלט און ליידען צרות, איידער ער וועט קענען ארויסטרעטען מיט גלאַנץ אלס ערלייזער. דער גלויבען, אז א משיח דארף פריהער אליין ליידען, איז איבערגעגאנגען פון דיא קריסטליכע צו דיא אידישע קאבאליסטען, וועלכע האָבען עס ביסלעכווייז איינגעפלאנצט צווישען אלע אידען. שבתי צבי האָט פעסט געגלויבט אין אלע קאבאליסטישע פאנטאזיעס און האָט דארום אויך זיך געטרייסט, דאָס ער וועט באלד איבערקומען דיז צרות און אנערקענט ווערען פאר א משיח.

II.

זיינע וואַנדערונגען און פערבינדונג מיט רפאל יוסף חלבי פון קאַירא.

אזוי וויא שבתי צבי איז געשטיצט געוועזן מיט געלד פון זיין רייכען פאָטער און אויך פון זיינע ברידער, וועלכע זיינען געוועזן געשעפטס־לייטע איז איהם לייכט געוועזן צו געפינען פריינדע. מען ווייס ניט גענוי, וואוהין ער איז צו־ערשט אוועק מיט זיינע יונגע נאָכשלעפערס. מען רעכענט, אז ער האָט אָנפאנגס בעזוכט קאָנסטאנטינאָפּאָל, וואו עס האָבען זיך געפונען א סך פערשיעדענע אידען מיט פערשיעדענע בעשעפטי־גונגען און אויך ניט ווייניג קאבאליסטען און בטלנים. מיט זיין געלד האָט ער צוגעצויגען צו זיך עטליכע אונטערלעקערס און שווינדלערס, וועלכע האָבען איהם אונטערשטיצט אין זיינע איינ־בילדונגען, אום פון איהם אָפּצולעקען א ביינדעל.

דער קליגסטער און געשיקטעסטער פון דיזע שווינדלער איז געוועזן א געוויסער אברהם יכיני, וועלכער האָט זיך ערוואָרבען א גרויסען נאָמען אלס א גוטער מגיד. ער איז אויך געוועזן א בע־וואוסטער קאבאליסט און א קענער פון סעמיטישע שפראכען. נאָר מיט אלע זיינע טאלענטען איז ער פערבליעבען אן ארימאַן. ער האָט מן הסתם גלייך איינגעזעהען, אז דורך דעם משוגעת פון שבתי צבי קען ער ציהען פאר זיך נוצען אָדער יעדענפאלס קריעגען א גרויסען איינפלוס אויף אידען. ער האָט דארום ניט נאָר אנ־ערקענט, אז שבתי צבי איז געבאָרען געוואָרען צו ברייננען דיא גאולה, זאָנדערן האָט נאָך געמאכט א פעלשונג, אום צו איבערצייי־גען אנדערע אין דעם. איין מאָל האָט ער איינגעלאַדען דעם רב, וועלכער איז ארויסגעטרעטען געגען שבתי צבי, צו גיין מיט איהם אויף אן אלטען בית עולם, אום דאָרט אויפצוגראָבען א קבר און צו געפינען דארט א בעווייז, אז שבתי צבי איז טאקי ניט אנדערס

וויא דער ערוואַרטעטער משיח. דער רב האָט זיך געלאָזט איבער־רײדען. ווען מען האָט געעפענט דעם קבר נאָך יכיני'ס אנצייגונ־גען, האָט מען דאָרטען געפונען א לײמענעם טאָפּ מיט א שטיקעל פּאַרמעט, אויף וועלכע עס איז געווען אָנגעשריעבען מיט אַלטע העברעאישע בוכשטאַבען פאָלגענדעס:

איך, אברהם, בין געזעסען פערציג יאָהר אין א הייל און האָב גע־טראַכט און געטרויערט, ווארום דיא צייטען פון נסים בעווייזען זיך ניט אזוי לאַנג. דאַן האָט א שטימע מיר געענטפערט: „א זוהן וועט גע־באָרען ווערן אין דעם יאָהר 5386 פון דער וועלט און וועט גערופען ווערן שבתי. ער וועט פערניכטען דעם גרויסען דראַגאָן. ער איז דער אמת'ער משיח און ער וועט פיהרען מלחמה אָהן געוועהר."

מען ווייס ניט, אויב דער רב האָט אָנגענומען דיזע פעלשונג פאַר א נבואה. נאָר דער צודולטער שבתי צבי האָט שוין גאָר ניט געצווייפעלט, אז ער איז נאָך פון אַלטע צייטען בעשטימט גע־ווען צו זיין דער משיח. זיינע נאָכשלעפּערס און דיא שווינדלערס, וועלכע האָבען זיך בענוצט מיט זיין משוגעת, האָבען נאָכהער גע־ברויכט דיזען דאָקומענט אלס א בעווייז, דאָס ער איז ווירקליך משיח, און האָבען אויף דעם גרונד געמאַכט נייע פעלשונגען.

אברהם יכיני און אנדערע פון שבתי צבי'ס חברה האָבען אָבער דאַן גערעכענט, דאָס עס איז נאָך ניט געקומען דיא צייט, אז זייער משיח זאָל אָפען ארויסטרעטען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זיי האָבען איהם דארום געראַטהען פריהער צו פערבלייבען א גע־ווייסע צייט אין סאַלאָניקע, וואו דיא קאַבאַליסטען האָבען זייט לאַנג געהערשט. אין דיזען נעסט פון מיסטיציזמוס האָט שבתי צבי געפונען עטליכע נייע אנהענגער און האָט אויך געפּראַוועט זיין ערשטע חתונה מיט דער תורה. נאָכהער פלעגט ער אָפט ווי־דערהאָלען דיזע משונה'דיגע קאַבאַליסטישע צערעמאָניע, אום בע־סער צו ווירקען אויף דיא אַבערגלויביגע קעפּ פון זיינע נאָכשלע־פּערס.

ער האָט נעמליך געמאַכט א גרויסע סעודה, צו וועלכער ער

האַט איינגעלאַדען אַלע זיינע נאָכפאָלגערס און איבערהויפט קאַ־באַליסטען. דיא פינאנציעלע שטיצע פון זיין פאָטער האָט איהם געגעבען דיא מעגליכקייט צו מאכען אָפט אזעלכע סעודות. ווען עס האָבען זיך צוזאמענגעקליבען אַ סך מענשען צו דער סעודה, האָט ער געהייסען אריינברייננגען אַ ספר תורה און האָט ערקלערט דיא געסט, אז ער געהט מיט איהר חתונה האָבען. נאָך קאַבאַליס־טישע אויספיהרונגען האָט עס בעדייטעט, אז דיא תורה, דיא טאָכטער פון הימעל, פערבינדעט זיך מיט משיח'ן, דעם זוהן פון הימעל. שבתי צבי האָט דערמיט געוואָלט געבען צו פערשטיין, אז ער איז טאקי דער זוהן פון הימעל, דער ריכטיגער חתן פון דער תורה.

נאָך דיזע „חתונה" איז ניט געפעלען געוואָרען דיא עלטערע קאַבאַליסטען און זיא האָט אָנגעמאכט אזא גערודער אין שטאָדט, אז מען האָט געהייסען דעם חתן זיך אָפטראָגען.

שבתי צבי איז דאַן אוועק נאָך גריכענלאַנד, וואהרשיינליך אום זיך צו זעהען מיט זיינע קרובים און דיא פריינדע פון זיין פאָטער. אַ קורצע צייט האָט ער אויך פערבראַכט אין אַטהען, נאָר דיא אידען, וועלכע האָבען שוין געהערט פון זיינע איינבילדונגען און משוגענע שטיק, האָבען איהם אויפגענומען פיינדליך, זאָ דאָס ער האָט אויך פערלאָזען דיזע שטאָט.

ער האָט זיך ארומגעדרעהט עטליכע יאָהר, האָפענדיג אַלץ, אז זיין צייט וועט קומען און אז ער וועט דאָך ברייננגען דיא גאולה. דיא פערפאָלגונגען און אָפּלאכונגען האָבען גראדע געווירקט אויף איהם אזוי, אז ער האָט אַלץ מעהר געגלויבט אין זיין משיח־שטערן. ענדליך האָט איהם אַ צופאַל געהאָלפען אין קאַאירָא. דאָרטען האָט זיך געפונען אַ זעהר רייכער, אָבער זעהר גלויביגער קאַבאַליסט מיט דעם נאָמען רפאל יוסף חלבי. דיזער איד האָט פערנומען אַ זעהר וויכטיגע שטעלע אין דער רעגיערונג, דען ער איז געווען דער זאמלער פון שטייערן. אזוי וויא ער איז אויך גע־ווען אַ זעהר גוטהערציגער און וואָהלטהעטיגער מענש, איז ער ארומגערינגעלט געווען פון אַ סך שנאָררערס און בטלנים. בעזאָנ־

דערם האָט ער געהאָלפען קאבאליסטען, ווייל ער האָט אליין בלינד געגלויבט אין דער קבלה און האָט געלעבט וויא א פּרוש, טראָץ זיין רייכטהום. ער פלעגט אָפט פאסטען, זיך באָדען און ביי נאכט פלעגט ער זיך שלאָגען מלקות נאָך דיא אָנגענומענע איינבילדונ־גען, אום צו קענען ארייננקריכען אין דיא „טיעפעניסען" פון קאַ־באליסטישע חלומות. אין דער צייט ווען ער פלעגט פאָהרען אין א קעניגליכע קאראָט און איז געווען אָנגעטהאָן אין דיא שעהנסטע און רייכסטע צערעמאָניע־קליידער, פלעגט ער אויפ'ן לייב טראָגען א זאק־העמד. דער קאבאליסט שמואל וויטאל, וועלכער איז געווען זיין לעהרער אין דער קבלה און פלעגט איהם מכבד זיין מיט מלקות, האָט איהם איינגערעט, אז מיט אזא אָפּקומענעס אויף דער וועלט וועט מען גיכער ברייננגען דיא גאולה. אלע קאבאליס־טען האָבען איבריגענס אזוי געגלויבט.

ווען שבתי צבי איז אָנגעקומען אין קאאירא, האָט מען איהם נאטירליך גלייך אוועקגעפיהרט צו דעם אונטערשטיצער פון אלע קאבאליסטען. ער האָט געמאכט א זעהר גוטען איינדרוק אויף דעם קאבאליסטישען שטייער־זאמלער פון דעם עגיפּטישען הער־שער. אזוי וויא שבתי צבי האָט געהאט גענוג פון זיין רייכען פאָ־טער, האָט חלבי איהם מעהר געשעצט וויא א'ן אָרימען קאַ־באליסט. וויא צודולט חלבי איז ניט געווען פון דער קבלה, האָט ער נאָך שכל געהאט צו פערשטיין, אז שבתי צבי, וועלכער נייטיגט זיך ניט אין זיין פינאנציעלע שטיצע, מוז זיין אן ערנסטער און אויפריכטיגער קאבאליסט. דארום האָט ער אויסגעהערט גאנץ פריינדליך דיא איינבילדונגען פון שבתי צבי און איז בּיסלעכווייז געוואָרען איינער פון דעם פאלשען משיח'ס הייסעסטע אונטער־שטיצער. שבתי צבי איז שוין צו דער צייט געוואָרען א שטיקעלע דיפּלאָמאט — דיא פערפאָלגונגען האָבען איהם גע־

לערנט צו זיין פּאַרזיכטיג און צו בעהאלטען זיינע פּלענער ביז א געלעגענהייט — און ער האָט דארום נאָר ביסלעכווייז מיטגע־טהיילט דעם גלויביגען חלבי זיינע איינבילדונגען און האָפנונ־גען, אום איהם וואָס מעהר צו פעראינטערעסירען און אריינצו־קריגען אין זיין חברה.

דיא הילפע פון אזא רייכען איד איז נאטירליך געווען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאר דיא משיח־ראָלע, צו וועלכער שבתי צבי האָט זיך צוגעגרייט. אוןווירקליך, אָהן דיא שטיצע פון רפאל יוסף חלבי וואָלט שבתי צבי קיין מאָל ניט געהאט אזא גרויסען ערפאָלג.

אין דער צייט, ווען שבתי צבי האָט זיך געפונען ביי זיין רייכען פערעהרער, האָט מען אין שטאָט פערשפּרייט קלאנגען, אז ער איז א געטליכער מאן און בעוויזט וואונדער. פון אלע זייטען האָבען זיך א לאָז געטהאָן צו איהם קראנקע און קאליקעס, אז ער זאָל זיי אויסקורירען מיט זיין געטליכער קראפט. ער האָט אפילו פערזיכערט, דאָס ער האָט נאָך ניט אזא געטליכע קראפט, נאָר דיא גלויביגע פּלעגען צו איהם אזוי צושטיין, אז ער פלעגט מוזען ארויפלייגען אויף זיי זיינע הענד און זיי בענטשען. וויא עס טרעפט אין אזעלכע פעללע, ווען מענשען גלויבען אין היילונגען דורך נסים און אמונה, האָבען פיעלע קראנקע ערקלערט, אז נאָר דורך זיין געטליכע קראפט זיינען זיי געהאָלפען געוואָרן. דיא פערשריענע נסים ווענען דיא אויסגעקורירטע האָבען נאטירליך געהאט דעם רעזולטאט, דאָס זיין שם איז גרעסער געוואָרען און דאָס קראנקע זיינען אפילו געקומען צו איהם פון ווייטע שטעט.

נאָר ער האָט לאנג ניט געקענט פערברייגען אין קאאירא, ווייל דער מילעניום־יאָהר האָט זיך גענעהערט. ער און זיינע אנ־הענגער האָבען עס געהאלטען פאר זעהר נויטיג, דאָס אין דיזען

יאָהר (1666), ווען משיח האָט געזאָלט קומען נאָך דיא איינביל־דונגען פון קריסטליכע קאבאליסטען, זאָל ער זיך געפינען אין ירושלים. ער האָט דארום זיך אָנגעשלאָסען אָן א קאראוואן, וואָס איז אוועק פון מצרים נאָך דאמאסקוס (דמשק) דורך ירושלים. מען האָט דאן דערצעהלט, אז פיעלע אראבישע רויבער־באנדען האָבען זיך בעוויזען אויף דיא קאראוואנען־וועגען. נאָר שבתי צבי האָט זיך ניט אָבגעשראָקען. פארקעהרט, ער האָט נאָך אָנגעטאָן תפלין אויפ'ן קאָפּ, אז מען זאָל גלייך זעהען, דאָס ער איז א איד. עס קען אָבער זיין, אז דיא תפלין האָט ער בעטראכט אלס א קמיע איהם צו בעשיצען געגען רויבערישע בעדואינען. נאָר קיין אונגעוועהנלי־כע זאַך האָט ניט געטראָפען אויפ'ן וועג, און ער איז בשלום אָנ־געקומען אין ירושלים.

III

פאָהרט אלם משולח פון ירושלים נאָך קאַאירא.

דיא אידען אין ירושלים, וועלכע זיינען שטענדיג געווען אָרים און נידערשלאָגען אונטער דער טערקישער הערשאפט, האָבען דאַן בעזאָנדערס געליטען, ווייל זיי האָבען פערלאָרען דיא שטיצע פון דיא אידען אין פוילען, וואו כמיעלניצקי מיט זיינע קאָזאקען האָבען זיך געבאָדען אין אידישע בלוט. ווער עס האָט נאָר געקענט פערלאָזען דיא אידישע שטאָט, האָט עס געטאָן, אום צו קענען מאַכען א לעבען. דיא וואָס זיינען געבליבען, האָבען געליטען, גע־הונגערט און זיך געטרייסט מיט האָפנונגען אויף דיא נאָהענט־קייט פון משיח'ס צייטען. אונטער אזעלכע אומשטענדען זיינען דיא ווילדעסטע קאבאליסטען געווען דיא גייסטיגע פיהרער פון דער גאנצער געמיינדע. אלע זיינען געווען אזוי פערדומט פון דיא קאבאליסטען, אז זיי האָבען געגלויבט אין דיא אונזיניגסטע גע־שיכטען וועגען וואונדער.

זיי האָבען, צום ביישפיעל, א מינוט ניט געצווייפעלט אין דיא געשיכטען, וואָס איינער פון זייערע משולחים, א געוויסער ברוך גד, האָט זיי דערצעהלט וועגען דיא בני משה הינטער דעם טייך סמבטיון. דיזער שווינדלערישער משולח איז געשיקט געוואָרן צו קלייבען נדבות אין פערסיען פאר דיא אָרימע אידען פון ירושלים. ווען ער איז געקומען צוריק, האָט ער אָנשטאָט געלט געבראַכט א מעשה, אז נאָך פילע צרות און סיבות אויפ'ן וועג, איז ער ענד־ליך געראַטעוועט געוואָרן פון א איד פון דעם שבט נפתלי, וועלכער האָט איהם איבערגעגעבען א קאבאליסטישען בריעף פון א בן־משה, וואָס לעבט אין דער געגענד פון סמבטיון. אין דיזען בריעף איז ערקלערט געוואָרן, אז דיא בני־משה לעבען אין א וואונדער־רייכע לאנד, וואו עס קומען אויך טעגליך פאָר נסים, און אז זיי ווארטען אויך, דאָס משיח וועט באלד קומען. אלע האָבען אזוי

ווייט אַנגענומען דיזע באָבע מעשה פאר א כשר'ע מטבע, דאָס צעהן רבנים האָבען געשיקט א קאָפּיע פון דעם בריעף פון דיא בני משה צו זייער משולח אין איטאליען און האָבען געשוואָרען, אז דיא מעשה איז אמת. דערביי האָבען זיי אָבער אויך נאטיר־ליך אין זינען געהאט, אז דורך דיזע געשיכטע וועלען זיי קענען קריגען מעהר נדבות פון דיא גלויביגע שעפסעלעך אין אייראָפּא.

אין אזא נעסט פון ביטערע ארמוטה און פינסטערן אבערגלויּ־בען איז פאר שבתי צבי ניט שווער געווען צו געפינען פערעהּ־רערס, וואָס פאר אן אונזין ער האָט זיי ניט דערצעהלט וועגען זיינע נסים און משיח־ראָלע. נאָר אָנפאנגס האָט ער זיך ניט ארויס־געגעבען פאר דעם ערווארטעטען משיח. ער האָט געלעבט נאָך דיא שטרענגסטע פאָרשריפטען פון דיא קאבאליסטען. ער פלעגט פייניגען זיין גוף און אָפט אָפּשטעהן גאנצע נעכט לעבען דיא קברים פון צדיקים, אום צו צוציהען זייערע גייסטער. ער האָט וואהרשיינליך געהאָפט, אז דערמיט וועט ער ארויסרופען דעם נס, אויף וועלכען ער האָט דיא גאנצע צייט געווארט, אום פאר דיא גאנצע וועלט צו ערקלערען זיך פאר א משיח. דיזע פיהרונּ־גען האָבען צוגעצויגען צו איהם א סך קאבאליסטען. דערביי האָט ער אויך זיך בענוצט מיט גאנץ געוועהנליכע מיטעל צו געווינען א גוטען נאָמען ביי דיא אָרימע אידען. ווען ער פלעגט ארויסגעהן אויפ'ן גאַס, פלעגט ער מיטנעהמען לעקעכלעך און קאָנפעקטען פאַר דיא קינדער, וועלכע פלעגען נאטירליך נאָכלויפען נאָך איהם. דיא אָרימע מוטערס זיינען נאטירליך אויך צופרידען געווען דער־מיט. ווייטער האָט ער איבערהויפּט געטהיילט נדבות. דאָ איז איהם בייגעשטאנען דער זכות פון זיין פאָטער'ס געלט.

צו זיין גליק האָט עס געטראָפען, אז דער פאשא פון ירושלים האָט פערלאנגט פון דיא אידען א גרויסע סומע געלט, זאָנסט האָט ער זיי געסטראשעט מיט פערפאָלגונגען און גזרות. פון ערפאהרונג האָבען זיי געוואוסט, אז דיא טערקישע פאשאס פיהרען אויס זעהר גרויזאַם זייערע סטראשונקעס, ווען מען שמירט זיי ניט אונטער מיט געלט. נאָר מיט אלע זייערע קאבאליסטישע קונצען האָבען זיי

ניט געקענט שאפען אפילו איין רענדעל. איבערהויפט, מיט געלט טרעפען קיין מאָל ניט קיינע נסים..... וויפיעל וואונדער שבתי צבי האָט ניט בעוויזען נאָך דיא בעהויפּטונגען פון זיינע פערגעטער־רערס, נאָר קיינער פון זיי האָט קיין מאָל ניט דערצעהלט, אז ער האָט געשאפען על פי נס אפילו איין גראָשען.

מיט געלט האָט ער זיך פון דעסטוועגען דאָך געהאָלפען, אבער ניט מיט זיינע, זאָנדערן מיט רפאל יוסף חלבי'ס, אָדער ריכטי־גער, מיט דיא גראָשענס פון דיא עגיפּטישע שטייער־צאָהלערס. מען וויים ניט, אויב דיא אידען פון ירושלים אליין זיינען געפאַ־לען אויף דעם פּלאַן צו ווענדען זיך צו דער הילפע פון דעם שטייער־זאמלער פון קאאירא, אָדער שבתי צבי האָט זיי דאָס גע־ראטהען, נאָר זיכער איז עס, אז זיי האָבען איהם אויסגעקליבען אלס זייער משולח. ער האָט עס גערן אָנגענומען, דען ער האָט גע־האָפט, אז ווען ער וועט אויספיהרען זייער ביטע, וועט ער קריגען א גרויסען איינפלוס אויף דער גאנצער געמיינדע און וועט קע־נען שפּיעלען דיא ראָלע פון א רעטער, פון אן ערלייזער.

אין דיזער האָפנונג האָט ער זיך גאָר ניט גענארט, גראדע פון זיין רייזע נאָך קאאירא האָט זיין משיח־שטערן אָנגעפאנגען צו גלאנצען איבער דער וועלט. זיינע פערעהרערס האָבען דערצעהלט פילע נסים וועגען זיין רייזע נאָך מצרים אויפ'ן ים; אָבער אין אמת'ן איז ער גאָר געפאָהרען אויף דער יבשה דורך חברון און גזה. דיא אידען אין ארץ ישראל זיינען צו דער צייט שוין אזוי פעראינטערעסירט געווען אין איהם און אין דיא וואונדער־געשיכ־טען, וואס מען האָט אליץ מעהר דערצעהלט וועגען איהם, אז דיא איינוואָהנער פון חברון זיינען אויף געווען דיא נאכט, וועלכע ער האָט דאָרט פערבראכט.

IV

זיין „געטליכע" ווייב.

ווי נאָר שבתי צבי איז אָנגעקומען אין קאאירא, האָט ער זיך גלייך געזעהען מיט חלבי און האָט געקראָגען דיא גאנצע סומע, וואָס דער פּאשא האָט געפּאָרדערט פון דיא אידען אין ירושלים.

נאָר דאָ האָט געטראָפען א ווירקליך וואונדערבארע געשיכטע, וועלכע האָט זעהר פיעל געהאָלפען שבתי צבי'ן צו שפּיעלען זיין משיח־ראָלע. דאָס איז געווען דיא געשיכטע מיט זיין „געטליכע" כלה, אָבער שוין ניט אין דער פאָרמע פון א ספר תורה מיט קאַבאליסטישע צערעמאָניעס, נאָר טאקע אין דער פאָרמע פון א זעהר שעהנע מיידעל. דיזע מיידעל האָט געשטאמט פון פּוילישע אידען. אין דער צייט פון כמעלניצקי'ס שחיטות איז זיא געפונען געוואָרן פון קריסטען בלאָנדזשענדיג איבער פעלדער. איהרע עלטערן זיינען ערמאָרדעט געוואָרן, איהרער א ברודער איז אנטלאָפען געוואָרן נאָך אמסטערדאם, און דיא גאנצע געמיינדע איז צושטערט געוואָרן. זיא איז דאן אלט געווען 6 יאָהר, און אזוי וויא קיינער האָט זיך ניט געקימערט וועגען איהר, האָט מען איהר געבראכט אין א קלויסטער און ערצויגען אלס קריסטין. נאָר זיא האָט ניט פערגעסען אָן איהר אידישע אָבשטאמונג און האָט שטענדיג געטרוימט וועגען א צייט, ווען זיא וועט קענען לעבען צווישען אידען. זיא איז אויסגעוואקסען א גרויסע שעהנהייט, אָבער אויך א זעהר נערוועזע. דאָס לעבען אין א קלויסטער, וואו זיא האָט זיך געפיהלט אונגליקליך, האָט איהר צורודערט. זיא האָט אָפט געהאט פאנטאסטישע טרוימען און האָט אויך וואהרשיינליך געליטען פון ספּאזמען. זיא האָט פון דער נאטור געהאט א רייכע איינבילדונגס־קראפט, וועלכע האָט זיך קרענקליך ענטוויקעלט אין דער איינזאמקייט פון קלויסטער און אין דיא שרעקליכע עראינערונגען, וויא איהרע עלטערן זיינען ערמאָרדעט געוואָרן צוזאמען מיט פיעלע אנדערע אידען פון ווילדע קאָזאקען.

ווען זיא איז אלט געווען 16 יאָהר, איז זיא אנטלאָפען פון קלויסטער אין איין העמד און האָט זיך בעהאלטען אויף דעם אי־דישען בית־עולם. ווען אידען האָבען איהר דאָרטען דערזעהען און האָבען איהר געפרעגט, האָט זיא זיי דערצעהלט, ווער זיא איז און ווארום זיא וויל ניט בלייבען אין קלויסטער. זיא האָט אויך דערצעהלט, אז אין דער נאכט פון איהר פלטה, איז איהר פאָטער'ס גייסט געקומען צו איהר, האָט איהר ארומגענומען, ארויסגעשלעפט פון איהר בעט און געבראכט אויפ'ן בית־עולם. אום צו צייגען, אז דאָס איז אמת, האָט זיא בעוויזען בלויע צייכענס פון נעגעל אויף איהר קערפער. נאָר מען רעכענט, אז אין קלייסטער האָט זיא אויסגעלערנט דעם קונץ צו מאכען געוויסע סיניאקעס און שנים־צייכענס אויף איהר קערפער.

דיא אידען האָבען מורא געהאט צו האלטען איהר אין פוילען און האָבען איהר אוועקגעשיקט נאָך אמסטערדאם, וואו זיא האָט געפונען איהר ברודער.

באלד האָט זיא אָנגעפאנגען צו דערצעהלען, אז איהר איז בע־שערט צו ווערן דיא ווייב פון משיח, וועלכער דארף באלד קומען. עטליכע יאָהר שפעטער האָט זיא זיך פלוצלונג בעוויזען אין דער איטאליענער שטאדט ליוואָרנאָ, וואו זיא האָט געפיהרט א לוסטיגען לעבען און געהאט א סך ליעבהאָבערס. נאָר אין דער צייט, ווען זיא האָט זיך אזוי אָפגעגעבען צו איהרע קערפערליכע ליידענ־שאפטען און איז געווען, וויא פיעלע האָבען עס בעהויפטעט, איינ־פאך א שטראסען־מיידעל, האָט זיא דאָך ניט אויפגעהערט צו טרוימען און צו דערצעהלען, אז זיא איז משיח'ס כלה. צוליעב דעם האָט זיא זיך ענטזאגט חתונה צו האָבען מיט איינעם, וועל־כע האָבען זיך אין איהר פערליעבט צוליעב איהר זעלטענע שעהנ־הייט און האָבען איהר פאָרגעשלאָגען זייער האנד.

דיא מערקווירדיגע געשיכטע פון דיזער מיידעל איז בעקאנט געוואָרן צווישען אידען אין פערשיעדענע לענדער און האָט אויך דערגרייכט קאאירא. ווען שבתי צבי האָט זיך דערפון דערוואוסט,

האָט ער ערקלערט זיינע גלויביגע נאָכשלעפערס, אז אין א טרוים האָט מען איהם אָנגעזאָגט, אז א אידישע מיידעל פון פוילען זאָל ווערן זיין גייסטיגע פרוי. באלד נאָך דעם האָט ער געשיקט זיינעם אן אנהענגער נאָך ליוואָרנאָ צו ברענגען זיין „בעשערטע“ נאָך קאאירא.

איהר שעהנהייט, לעבהאפטיגקייט און זאָנדערבארקייט האָבען אָבער געמאכט אזא גרויסען איינדרוק אויף שבתי צבי, אז ער האָט בעשלאָסען מיט איהר חתונה צו האָבען גאָר ניט אויף א קאבאליסטישען שטייגער. ער און זיינע אנהייגגער האָבען געוואוסט פון איהרע חטאים אין ליוואָרנאָ, נאָר דאָס האָט מען גאָר אָנגענומען פאר א גוטען צייכען וועגען משיח'ס צייטען. שבתי צבי האָט ווידער גערופען צו הילפע א חלום און האָט אָנגעזאָגט זיינע פערבלענדעטע נאכפאָלגער, דאָס גאָט האָט איהם אָנגעזאגט צו הייראטהען א'ן אונעהרליכע פרוי, אזוי וויא דעם נביא הושע. (לך קח־לך אשת זנונים.) אייניגע קאבאליסטען האָבען ערקלערט, אז אין דער גאנצער געשיכטע מיט משיח'ס כלה איז פערבאָרגען א טיעפע געטליכע געהיימנים.

יעדענפאלס, דיא חתונה איז געפראוועט געוואָרן מיט גרויסע צערעמאָניעס אין דער הויז פון רפאל יוסף חלבי, וועלכער איז געוועזען איבערגליקליך, וואָס ער פערבינדעט דעם משיח מיט זיין בעשערטע כלה. דיזער הייסער קאבאליסט האָט אויך אין זיין אבערגלויבישער בעגייסטערונג ערקלערט, אז ער גיט איבער זיין פערמעגען אין דיא הענד פון שבתי צבי.

זיין זאָנדערבארע ווייב און דיא גאָר ניט זאָנדערבארע געלט פון דעם שטייער־זאמלער האָבען זעהר פיעל געהאָלפען שבתי צבי אין דער משיח־ראָלע, וועלכע ער האָט יעצט אָנגעפאנגען צו שפיעלען אויפ'ן גרויסען שטייגער. פיעלע זיינען געקומען צו לויפען קוקען אויף „גאָט'ס וואונדער“, וויא דער שעהנער משיח האָט געקראָגען א ווייב, וועלכע איז איהם נאָך בעשטימט געוואָרן, ווען זיא האָט זיך געפונען אין א קלויסטער אין פוילען, און א סך קא־

באליסטען און בטלנים האָבען איהם נאָכגעפאָלגט, ווייל זיי האָ־
בען געוואוסט, אז דער משיח איז פערזאָרגט מיט חלבי'ם
רייכטהום.

ווען ער איז ארויסגעפאָהרען פון קאאירא צוריק נאָך ירושלים,
איז ער שוין דארום בעגלייטעט געווען פון א סך אנהענגער, וועלכע
האָבען געגלויבט און פאנאנדערגעפויקט, אז ער איז דער אמת'ער
משיח. ווענען זיין צווייטע רייזע נאָך קאאירא האָט מען ריכטיג
בעמערקט : „ער איז געקומען אלס שליח פון ירושלים און האָט
זיך צוריקגעקעהרט אלס אנערקענטער משיח".

V

משיח מיט זיינע נביאים אין ירושלים.

אויף זיין טריאומף־וועג פון קאירא נאך ירושלים, וואו פיע־לע האבען שוין געווארט אויף איהם וויא אויף זייער ערלייזער, האט שבתי צבי געקראגען נאך א זעהר וויכטיגען מיטהעלפער אין דעם גרויסען שווינדעל, וועלכער איז ענג פערבונדען געווארן מיט זיין משיח־ראלע.

דאס איז געוועזען נתן הלוי, דער זוהן פון א בעוואוסטען משולח. אין דער צייט, ווען זיין פאטער האט אזוי ארומגערייזט איבער אלע אייראפעאישע לענדער, שנארענדיג פאר דיא אידען פון ירושלים, איז ער פערבליבען אין ארמוטה און האט געלערנט תלמוד און קבלה אין דיא ישיבות. אבער ער האט נאר אבערפלעכ־ליך געקענט דיזע תורה. דערפאר האט ער זיך אויסגעלערנט צו שרייבען מיט א זעהר שעהנע און לעבהאפטע העברעאישע שפראך. דיזע פעהיגקייט זיינע האט ער זעהר געשיקט אויסגענוצט צו נאר־רען דיא וועלט מיט דעם משיח־משוגעת פון שבתי צבי.

ווען דער פאלשער משיב איז אנגעקומען אין גאזא (עזה) מיט זיין גאנצע סוויטע און „געטליכע" ווייב, און פיעלע אידען האבען איהם שוין פערגעטערט, איז נתן הלוי צוגעשטאנען צו איהם. וואס עס איז פארגעקומען צווישען זיי, ווייס מען ניט, נאר נתן האט זיך באלד ארויסגעגעבען פאר אליהו הנביא, דען נאך דיא אלטע לעגענדען דארף אליהו הנביא אנקינדיגען משיח'ס אנ־קומען. אין געלט האט זיך גראדע נתן הלוי ניט גענייטיגט דאן, דען ער האט חתונה געהאט מיט א טאכטער פון א זעהר רייכען פארטוגעזער איד, וועלכער האט זיך בעזעצט אין גזה, נאר איהם האט זיך וואהרשיינליך געוואלט שפיעלען א גרויסע ראלע אין דעם נערודער, וואס שבתי צבי האט אנגעמאכט. עס איז מעגליך, אז ער איז אויך צודולט געוועזען פון דיא קאבאליסטישע פאנטאז־

יעס און פון דיא אלגעמיינע אויפרעגונג, וואס דיא ערווארטונגען אויף משיח׳ן האבען דאן ארויסגערופען.

נאר וואס פאר א צוועקען דיזער פאלשער אליהו הנביא, וועל־כער איז בעקאנט אונטער דעם נאמען נתן העזתי (ד. ה. פון גזה) האט ניט געהאט, ווען ער האט זיך פערבונדען מיט שבתי צבי, זי־כער איז עס, אז ער האט גלייך אויסגענוצט זיין פליסיגע פעדער צו פערשפרייטען ליגענס וועגען דעם פאלשען משיח און צו פער־פאסען נבואות. ער איז דאן אלט געוועזן 20 יאהר און מיט יוגענד־ליכע היץ, אונטערגעהעצט פון קאבאליסטישע נבואות און דיא אלגעמיינע ערווארטונגען אויף דער ערשיינונג פון משיח אין 1666, האט ער גענומען פאנאנדערשיקען הויך־קלינגענדע מגילות אין נאמען פון אליהו הנביא. אידען האבען זיי איבעראל זשעדנע געלעזען, און דיא אלגעמיינע פערבלענדעניש דורך דיא קאבאלי־סטישע פאנטאזיעס, איז געוועזן אזוי גרויס און טיעף, אז מען האט דיזע פעלשונגען און ליגענס אויפגענומען מיט גרויס פריידע אזוי וויא עס וואלט ווירקליך געוועזן פון גאט׳ס מויל.

שבתי צבי׳ס נאכפאלגער האבען דערצעהלט, אז נתן העזתי האט ברוח הקדש געפונען אן אלטע שריפט, אין וועלכער עס איז פאראויסגעזאגט געווארן, דאס שבתי צבי וועט זיין דער פער־שפרעכענער ערלייזער פון אידישען פאלק; נאר דיזער שריפט איז הפנים געוועזן דיזעלבע, וואס אברהם יכני האט פערפאסט צו בע־שווינדלען דעם קאנסטאנטינאפאלער רב. אליין האט ער פערפאסט א נבואה, אז משיח׳ס צייט וועט זיך אנפאנגען אין 1666. ערקלערענ־דיג זיך פאר אליהו הנביא, האט ער אנגעזאגט, אז שבתי צבי וועט ברענגען דעם טערקישען סולטאן אלס געפאנגענעם אין ירושלים און וועט נאכהער איינגעהמען אלע פעלקער אהן בלוטפערגיסונג מיט אויסנאהמע בלויז פון דייטשלאנד, דעם גרעסטען שונא פון אידען (ווארום נתן העזתי האט גראדע אויסגעקליבען דייטש־לאנד פאר דעם ביטערסטען שונא ישראל, ווייס מען ניט), מיט וועלכער מען וועט דארפען פיהרען מלחמה. אין דער צייט, ווען

שבתי צבי וועט איינגעהמען דיא גאנצע וועלט. וועט ער, נתן הלוי העזתי, בעהערשען דיא טערקישע אימפעריע.

נאך אזעלכע נסים וועט שבתי צבי מאכען א רייזע צום טייך סמבטיון, וואו ער וועט חתונה האבען מיט דער 13־יעהריגער טאכ־טער פון דעם גרויסען נביא משה, זיא וועט ערקלערט ווערען פאר דיא קעניגין, און שרה (דיא געטליכע פרוי פון שבתי צבי) וועט ווערען איהר שקלאווין. דאן וועט שבתי צבי צוריקקומען אין היי־ליגען לאנד מיט דיא פערלארענע צעהן שבטים, רייטענדיג אויף א לייב, וועלכער וועט האלטען אין זיין מויל א שלאנג מיט 7 קעפ.

אזוי האט נתן העזתי אויך געשריעבען אין א בריעף צו רפאל יוסף חלבי, וועמען ער האט געדאנקט פאר דיא צוגע־שיקטע געלט און וועמען ער האט געבעטען אויף קיין פאל ניט צו פערלירען דעם גלויבען אין שבתי צבי'ס געטליכקייט.

דעם משיח און דעם נביא האט מען אויפגענומען אין ירושלים מיט דעם גרעסטען ענטהוזיאזמוס. און דיא נייעס וועגען דיזע „וואונדערליכע" פאסירונגען זיינען שנעל צוטראגען געווארן אי־בער דער וועלט און איבעראל אויסגעהערט געווארן מיט זיסע האפנונגען און פריידע. דיא יעניגע, וואס האבען זיך ערלויבט אויסצודריקען דעם מינדעסטען צווייפעל אין שבתי צבי, זיינען אויסגעלאכט און בעשימפפט געווארן. זיי האבען געמוזט קוקען און שווייגען. ווען שבתי צבי'ס פארטיי איז שטארק געווארן, האט מען אויך דיא צווייפלערס און אונצופריעדענע פערפאלגט נאך דעם מוסטער פון אלע רעליגיעזע פאנאטיקער.

דיא רבנים און שטרענגע תלמודיסטען פון ירושלים זיינען גאר ניט צופריעדען געוועזן מיט דיזער משיח־בעוועגונג און האבען גע־זוכט מיטעל צו דערשטיקען איהר אײדער זיא וועט זיך ווייטער פערשפרייטען; אבער דאס איז זיי ניט געלונגען. זיי זיינען מיים־טענס ארויסגעטראטען געגען שבתי צבי ניט דעריבער ווייל זיי האבען ניט געגלויבט, אז משיח'ס צייטען זיינען גאנץ נאהענט, זאנדערן ווייל זיי האבען דערוויילע פערלארען זייער איינפלוס און

אויך ווייל חלבי'ס קלינגערס זיינען ניט צוטהיילט געוואָרען, וויא זיי האָבען עס געוואונשען. זיי האָבען זיך בעקלאָגט, אז שבתי צבי האָט געגעבען זיינע אנהענגער מעהר וויא אנדערע אידען, וואָס עס איז וואהרשיינליך אמת געוועזן (שבתי צבי האָט איבערהויפּט גאנץ גוט פערשטאנען דיא מאכט פון געלט אויף דעם ענטהוזיאז־מוס פון זיינע נאָכשלעפּערס). זיי האָבען דארום בעשלאָסען איהם אריינצוליינען אין דעם גרעסטען חרם. שבתי צבי האָט זיך אָבער גאָר ניט געשראָקען דערפאר, דען ער האָט נאטירליך איינגעזעהען, אז וויא באלד דיא גרעסטע צאָהל אידען פון ירושלים האלטען מיט איהם, קען קיין חרם ניט אויסגעפיהרט ווערן געגען איהם.

פון דעסטוועגען האָט ער דאָך בעשלאָסען צו פערלאָזען ירושלים. ער האָט זיך ארומגעזעהען, אז דיא רבנים וועלען זיין א גרויסע שטערונג פאר איהם און פאר זיין חברה און אז ער וועט קע־נען בעסער אויספיהרען זיין משיח־ראָלע אין זיין געבורט־שטאָט. נתן העזתי האָט דאן ערקלערט בנבואה, אז ירושלים האָט גאָר פערלאָרען דיא מאכט פון א הייליגע שטאדט און אז גזה דארף ווערן דער הייליגער צענטער פון אידען. דיא פערבלענדעטע נאָכשלע־פערס האָבען דיזע משונה'דיגע נבואה אויך ארונטערגעשלונגען, און שבתי צבי האָט זיך א לאָז געטאָן אין 1665 נאָך סמירנא, וואו זיין פאָטער און רייכע ברידער האָבען געמאכט גרויסע פאָרבערייי־טונגען איהם צו עמפּפאנגען מיט דעם גרעסטען פּאראד און האָבען אויך געטהיילט געלט צווישען דיא אָרימע, אום אויפצו־וואַרעמען דעם ענטהוזיאזמוס פאר איהם.

נתן העזתי האָט געשיקט נבואה־בריעף רעכטס און לינקס, אום אָנצוזאָגען, אז דער משיח איז שוין דאָ, נאָר ער וועט זיך ערשט בעוויזען אין זיין ריכטיגען גלאנץ נעכסטען יאָהר אין סמירנא. שבתי צבי זעלבסט האָט ארויסגעשיקט עטליכע פון זיינע נאָכשלעפּערס מיט גלאטע צינגעלעך פאַרצובערייטען דיא גלויביגע שעפּסעלעך וועגען זיין משיח־ראָלע און צו צוטומלען דיא מוחות מיט וואונדער־געשיכטען. אייניגע פון זיי זיינען געווען בלינדע פאנאטיקער, נאָר דיא געשיקטעסטע, וויא דער שנאָרער שבתי

רפאל, און דער קאבאליסט בלאָך (א דייטשער איד), זיינען געווען איינפאכע שווינדלער און קונציגע ליגנערס.

שבתי צבי'ס רעכטע האנד און דער אמת'ער פיהרער פון דער גאנצער ווילד־משונה'דיגער בעוועגונג, וועלכע ציינט וויא וויים מענשען קענען אין געוויסע צייטען פערלירען דעם איינפאכסטען פערשטאנד, איז געוואָרן א געוויסער שמואל פרימאָ, א יונגער קאבאליסט פון ירושלים. דיזער חברה־מאן האָט שפעטער אלעמען געפיהרט פאר'ן נאָז און געהאלטען אין צוים דעם משיח זעלבסט, דען ער האָט געהאט געוויסע אָרגאניזאציאָנס־פעהיגקייטען און האָט זיך ניט פערלאָרען אפילו אין דיא מאָמענטען, ווען אלע ארום זיינען געווען משוגע אזוי, אז מען האָט זיי בעדארפט איינשפארען אין א דול־הויז. ער איז געוואָרן שבתי צבי'ס סעקרעטער און מיניסטער און האָט צוזאמען מיט נתן העזתי גענארט דעם עולם מיט פערשיעדענע פאלשע געשיכטען, אום אויפצומונטערן דעם גלויבען אין דעם פאלשען משיח.

VI

דיא פערגעטערונגען פון פאַלשען משיח אין סמירנאַ און אין אנדערע ערטער.

דיא נביאים און מיסיאָנערן פון שבתי צבי האָבען אזוי שנעל איינגערעט דיא אונוויסענדע אידען אין קליין־אזיען, אז ער איז דער ריכטיגער משיח, דאָס מען האָט איהם אויפגענומען מיט גרויס פריידע אין אלעפּפּא, וואו עס האָט זיך דאן געפונען א גרויסע אידישע געמיינדע. אלע זיינען ארויס איהם זעהן און האָבען איהם בעגריסט, אזוי וויא ער וואָלט ווירקליך געווען א משיח און א הערשער פון אידישען פאָלק. זיין משיח־שטערן האָט זיך שוין אויפגעהויבען אזוי הויך און האָט אזוי געגלאנצט, אז אפילו מענשען מיט קלאָרע אויגען זיינען פערבלענדעט געוואָרן.

אָבער נאָך מיט מעהר ענטהוזיאזמוס און משוגעת איז ער אויפגענומען געוואָרן אין זיין געבורט־שטאָט, פון וואנען מען האָט איהם ערשט מיט 15 יאָהר צוריק ארויסגעיאָגט. אָן דעם חרם האָבען אלע פערגעסען. אלע האָבען זיך געפונען וויא אין א היץ־קריינק און האָבען ערווארטעט, אז שבתי צבי זאָל זיי פיהרען צו דער גאולה. זיין פּארטיי איז געוואקסען יעדען טאָג.

ער האָט זיך ניט ערקלערט גלייך פאר א משיח. ער האָט זיך בערעכענט, אז עס איז בעסער אויפצורייצען דיא איינבילדונגען פון עולם, אום נאכהער צו געווינען מעהר אנהענגער און צו מאַכען א גרעסערען איינדרוק. נתן העזתי האָט אונערמיעדליך גע־ארבייט צו פערשפּרייטען זיינע נביאות און איינצורעדען אלעמען, אז משיח קומט אָן אין דער פּערזאָן פון שבתי צבי. איינינע פון זיינע נאָכשלעפּערס זיינען אין דער צייט געקומען פון ירושלים און האָבען זיך צו איהם געביקט אין נאָמען פון דער הייליגער שטאָט, וויא צו א משיח, אָבוואָהל דיא פאָרשטעהער פון ירושלים האָבען זיי גאָר ניט געשיקט. ער אליין האָט דורכגעמאכט דיא

שטרענגסטע פראבעס נאך דיא קאבאליסטישע פארשריפטען פאר דיא פערגעבונג פון זינד און פאר דיא מעגליכקייט צו קריגען משיח'ס געטליכע קראפט.

דאס אלעס האט אזוי געווירקט אויף דיא צוקאכטע מאסע פון אבערגלויבער און קאבאליסטען, אז זיי האבען פערלאנגט, דאס ער זאל זיך עפענטליך ערקלערן פאר א משיח. זיי האבען גאר קיין געדולד ניט געהאט צו ווארטען, אזוי שטארק האבען זיי געגלויבט, דאס דיא גאולה מוז גלייך קומען, וויא נאר שבתי צבי וועט זיי זאגען, אז גאט האט איהם געשיקט זיי צו פיהרען אין דאס הייליגע לאנד. ענדליך איז דער „גרויסער נס" געשעהען. אונטער דעם קלאנג פון שופר־בלאזען האט שבתי צבי זיך אפען ערקלערט אין דער סינאגאגע פון סמירנא צו ענדע פון 1665 יאהר פאר דעם ערווארטעטען משיח, און דער צודולטער עולם האט אויסגעשריען מיט ווילדען ענטהוזיאזמוס: „לעבען זאל אונזער מלך, אונזער משיח!"

וואס עס איז נאכדעם פארגעקומען, איז שווער צו בעשרייבען. דיא פערבלענדענעס איז געווען אזוי גרויס, אז מען האט אויפגעהערט צו ארבייטען און זיך געקליבען אין וועג צו מארשירען נאך שבתי צבי. אום צו זיין זיכער, אז זיי וועלען דערלעבען דיא גאולה, האבען פיעלע זיך געפייניגט: געפאסט עטליכע טעג נאכאנאנד, זיך אריינגעהאקט היבשע פארציעס מלקות און געשטאנען גאנצע נעכט, אום דורך קאבאליסטישע תקונים זיך ריין צו וואשען פון זייערע זינד. פיעלע האבען געמאכט טבילות אין גאנץ קאלטע וואסער אפילו מיט שנעע אויפ'ן גרונד. אנדערע האבען זיך בעגראבען ביז'ן האלז אין דער ערד און זיינען פערבליבען אין דיזע קברים ביז זייערע גלידער זיינען פערגליווערט געווארן.

א געוויסער טהייל איז גלאט געקראכען פון הויט אוים שמחה מיט דער גאולה. זיי פלעגען הולענען, שפרינגען און טאנצען וויא פעריקטע. אלע זיינען געווען אזוי וויא אין היץ־קריינק: יונגע און אלטע, מענער און פרויען, אפילו קינדער זיינען ארומגעלאפען איבער דיא גאסען, לויבענדיג שבתי צבי'ן אלס דעם אמת'ן משיח. ווען

ער פלעגט זיך בעווייזען אין גאס אין דער בעגלייטונג פון א גרויסע צאהל קאבאליסטען און טעלערלעקערס — אהן זיינע אדיוטאנטען און הייסעסטע נאכפאלגערס פעלגט ער שוין ניט ארויסגעהן — פלעגען איהם אלע נאכלויפען מיט פריידע־געשרייען און ווילדע געזאנג. זיינע נאכפאלגער פלעגען זינגען דיא ערטער פון תהלים, וואו עס ווערט דערמאנט וועגען משיח'ן. ער פלעגט אין דיא פראצעסיאנען טראגען א פאכער, און אלע האבען זיך געשטופט אנגעריהרט צו ווערן פון דיזען פאכער, דען מען האט געגלויבט, אז דאן וועט מען זיכער זיין צווישען דיא גליקליכע, וואס וועלען דערלעבען דיא גאולה.

עטליכע מאל האט ער גע'דרשן'ט אין דער סינאגאגע צו בעווייזען מיט קאבאליסטישע פירושים אויף דער תורה, אז נאר ער איז דער ריכטיגער משיח. יעדער ווארט זיינער פלעגט פאנאנדערגעטראגען ווערן און טויזענד מאל ווידערהאלט ווערן אלס א געטליכער ווארט, און דיא קאבאליסטען פלעגען וועגען דעם דיספוטירען און מאכען פירושים.

דיא קאבאליסטישע ענטהוזיאסטען האבען אויך אנגעפאנגען חתונה צו מאכען גאנץ יונגע קינדער, אום דיא נשמות, וואס דארפען נאך געבארן ווערן, זאלען וואס שנעלער אריינוואנדערן אין קערפערס און דערמיט אפראמען פון וועג דיא לעצטע שטערונגען פאר משיח'ס צייטען. אויף דעם גרונד פון אזעלכע ווילדע קאבאליסטישע דריידלאך האט מען חתונה געמאכט 700 פארלעך פון קינדער, וואס מאנכע פון זיי זיינען נאך אפילו ניט געוועזן 10 יאהר אלט.

שבתי צבי'ס „געטליכע" ווייב האט נאך אויפגערודערט דיא צודולטע שטאדט אויף א'ן אנדער ארט. מיט איהר שעהנהייט און לוסטיגע געגנלעך האט זיא אויפגעוועקט דיא ליידענשאפטען פון פיעלע יונגע לייט. זיא האט איינגעפיהרט, אז מענער און פרויען זאלען זיך צוזאמענקומען אויף דיא פעסטען און סעודות, וואס זיינען געגעבען געווארען לכבוד שבתי צבי און דיא נאהענטע משיח'ס צייטען. דאס איז געוועזן א נייעס אין אן אזיאטישע שטאט. דיא

פערזאמלונגען פון מענער און פרויען זיינען שנעל אומגעוואנדעלט געוואָרן אין משוגענע אויסגעלאסענהייט. אלע זיינען געשפרונגען צוזאמען, אזוי וויא דיא שדים וואָלטען זיך אין זיי אריינגעכאפט. מען האָט אָנגעפאנגען צו טאנצען און צו דרעהען זיך לשם שמים, אוים פריידע, דאָס דיא גאולה קומט שוין, נאָר מען האָט געזינ־דיגט אויף א זעהר מיאוס'ן שטייגער. דיא נאטור האָט גובר געווען דיא ענטהוזיאסטען, און דער סקאנדאל איז געוואָרן אזוי גרויס, דאָס עלטערע מענשען האָבען אָנגעפאנגען צו בייזערן זיך און צו פראָטעסטירען, נאָר קיינער האָט זיי ניט געהערט.

דיא פאָר מענשען, וואָס האָבען נאָך געוואגט צו צווייפלען אין שבתי צבי'ס געטליכקייט און צו זאָגען א וואָרט געגען דיא אלגעמיין פערשפרייטעטע קאבאליסטישע משוגעת, זיינען פער־שאָלטען און פערפאָלגט געוואָרען. דעם אלטען רב אהרן־דע־לא־פאפא האָט מען געצוואונגען צו פערלאָזען דיא שטאָט, ווייל ער איז געווען איינער פון דיא רבנים, וואָס האָבען ארויפגעלעגט דעם ערשטען חרם אויף שבתי צבי. יעצט איז שבתי צבי ארויסגעטראָ־טען געגען איהם און האָט איהם בעשימפפט אין א דרשה. דעם רייכען קויפמאן חיים פעניא האָט מען איינפאך געוואָלט אומברענ־נען, ווייל ער האָט זיך ערלויבט ניט צו גלויבען אין שבתי צבי. אויף דעם בעפעהל פון שבתי צבי האָט זיך דיא צוקאָכטע געמיינדע אריינגעריסען אין דער סינאגאָגע, וואו ער האָט זיך בעהאלטען. מען וואָלט איהם וואהרשיינליך צוריסען אויף שטיקער, ווען זיינע אייגענע טעכטער, וועלכע זיינען אויך צודולט געוואָרן, וואָלטען ניט צוגעשטאנען צו איהם און וואָלטען ניט אָנגעפאנגען צו זאָ־גען נביאות, אז משיח קומט. ער האָט דאן קיין אנדער ברירה ניט געהאט, וויא צו ערקלערן, דאָס ער האָט חרטה און דאָס ער הויבט אויך אָן צו גלויבען, אז שבתי צבי איז טאקע דער ערוואר־טעטער משיח.

אזוי האָט עס אָנגעהאלטען עטליכע מאָנאט. מען האָט זיך אפילו ניט געשראָקען פאר דיא טערקישע בעאמטע, וועלכע האָבען זיך בענוצט מיט דיזער געלעגענהייט צו נעהמען כאבאר. אין אלע

שטעט ארום האָבען זיך שנעל פערשפרייט נאכריכטען וועגען דיא „וואונדערבארע" פאסירונגען אין סמירנא. פיעלע גלויביגע זיינען געקומען פערשיעדענע ערטער זעהען, וואָס עס טהוט זיך, און זיי האָבען נאכהער דערצעהלט אזעלכע געשיכטען, אז מען האָט זיך אויך דאָרטען גענומען קלייבען אין וועג צו פאָלגען דעם משיח.

שמואל פרימאָ האָט זיך ספעציעל אָבגעגעבען צו פערשפרייטען איבער דער גאנצער וועלט בעריכטען איבער דיא גרויסע נסים פון שבתי צבי און איבער דיא פאסירונגען אין סמירנא. נתן העזתי האָט ניט אויפגעהערט צו שיקען שריפטליכע נבואות, און דיא מיס־סיאָנערן, וואָס מען האָט ארויסגעשיקט צו מאכען בעקאנט אין דער וועלט דיא נאָהענטע גאולה, האָבען דערצעהלט אזעלכע וואונדער, אז אלע האָבען פערלאָרען דעם גלייכען פערשטאנד. עס האָט אויס־געוויזען אזוי וויא דיא גאנצע וועלט איז משוגע געוואָרען.

אפילו קריסטען האָבען גענומען גלויבען, זעהענדיג וויא דיא אידען זיינען אויפגערעגט, אז א אידישער משיח האָט זיך ענדליך בעוויזען צו ערלייזען זיינע פערפאָלגטע און פערוואָגלטע ברידער. איבעראל האָט מען זיך אינטערעסירט מיט שבתי צבי און זיין גדולה אין סמירנא. דיא פערבלענדענעס איז שטארקער געוואָרען מיט יעדען טאָג אין אלע ערטער, וואו נאָר מען האָט געהערט דיא נייעס פון סמירנא. ניט נאָר דיא בלינדע מאסען זיינען דורכגע־דרונגען געוואָרען מיט א טיעפער אמונה אין דער נאָהנטער גאולה דורך שבתי צבי, זאָנדערן אפילו בעוואוסטע און זאָנסט גאנץ געשיי־טע רבנים אין אזעלכע פאָרטגעשריטענע געמיינדעס וויא דיא אמ־סטערדאמער און האמבורגער. אין אמסטערדאם האָט זיך נאָר גע־פונען איין בעוואוסטער תלמודיסט, וועלכער האָט געהאט גענוג פערשטאנד צו ערקלערען דיא גאנצע געשיכטע וועגען שבתי צבי פאר אן אונזין און פאלשקייט. דאָס איז געוועזען יעקב זאספּאָטראס, וועלכער האָט צושיקט בריעף צו בעוואוסטע רבנים אין פיעלע שטעט זיי צו וואָרנען געגען דעם פאלשען משיח.

נאָר דאָס איז געוועזען וויא א קול אין דער וויסטעניס. אלע זיי־נען געוועזען מעהר אָדער ווייניגער קאבאליסטען און האָבען יערענ־

פאלס געגלויבט אין דער קבלה און אין דער נאָהנטקייט פון משיח'ס ציימען. אייניגע פון ספינאָזא'ס שול־חברים און זאָגאר איינער, וואָס האָט זיך אָנפאנגס געהאַלטען פאר א נאכפאָלגער פון דעם גרויסען פילאָזאָף, זיינען געוואָרען הייסע אנהענגער פון שבתי צבי. וואָס ספינאָזא זעלבסט האָט געדיינקט פון דיזער משוגענער בע־וועגונג, ווייס מען ניט. וואהרשיינליך האָט עס איהם געבראכט אויף זעהר טרויעריגע און ערנסטע געדאנקען וועגען דיא דומהייט און לייכטגלויביגקייט פון מענשען. דער דייטשער געלעהרטער היינריך אָלדענבורג, א קריסט, האָט אין דעצעמבער 1665 אזוי געשריעבען פון לאָנדאָן צו ספינאָזא'ן וועגען דיא עפידעמישע בעגייסטערונג פאר דעם פאלשען משיח: „דיא גאנצע וועלט רעדט וועגען א בע־ריכט, דאָס אידען, וועלכע זיינען שוין אין גלות 2000 יאָהר, וועלען זיך צוריק קעהרען אין זייער לאנד. ווייניגע גלויבען עס, אָבער פיעלע ווינשען עס. ווען דיא נייעס וועט בעשטעטיגט ווערען, קען עס ברייגגען אן איבערקעהרענעס אין אלע זאכען."

דיא אידען פון אמסטערדאם און האמבורג האָבען אויך גע־קראָגען נאכריכטען וועגען דיא משונה'דיגע פאסירונגען אין סמירנא פון גלויבענסווערטהע קריסטען, מיסיאָנערען און אגענטען פון דיא ענגלישע און האָלענדישע האנדעלס קאָמפּאניעס. דארום האָבען זיי שוין מיט גרויס צוטרויען אויפגענומען דיא פאלשע נבואות פון נתן העזתי און דיא איבערטריבענע בעריכטען פון שמואל פרימא. דיזע ביידע דורכגעטריבענע פעלשער און ליגנערס האָבען זיך אָנגע־שטרענגט צו קריעגען וואָס מעהר גלויביגע אין אזעלכע וויכטיגע אידישע געמיינדעס וויא אמסטערדאם, האמבורג, ווענעדיג און לי־וואָרנא. זייערע קעפּ זיינען ניט געוועזען אויסגעדאַרט. זיי האָבען גאנץ ריכטיג אויסגערעכענט, אז וויא באלד אזעלכע פאָרטגעשריטענע און איינפלוסרייכע אידישע געמיינדעס וועלען זיך לאָזען נארען, וועלען שוין אלע איבעריגע בלינד נאָכפאָלגען.

אזוי איז עס טאקי געוועזען. אין אמסטערדאם האָט מען אָנגע־הויבען נאָכצוטאנצען דיא צודולטע פון סמירנא. מען האָט אָנגע־פאנגען צו שפּרינגען פון שמחה אין דיא סינאגאָגען. פיעלע האָבען

געזונגען און געטאנצט, אנדערע האָבען זיך געפּייניגט, אום זיך אָפּצורייניגען פון דיא זינד און צו זיין זיכער מיט א פּלאַץ אין משיח׳ס מלוכה. מען האָט אויך פערפאסט ספּעציעלע געבעט־ביכער מיט קאבאליסטישע פאָרשריפטען, וויא צו טאָן תשובה און זיך אָפּ־צורייניגען פון זינד, און דער עוֹלם האָט דיזע ביכער אזוי צוכאפּט, אז דיא דרוקערייען האָבען זיי ניט געקענט צושטעלען גענוג, אָב־וואָהל מען האָט געארבייט טאָג און נאכט. א סך פון דיזע געבעט־ביכער זיינען געווען געדרוקט מיט בילדער פון שבתי צבי און דוד המלך צוזאמען. מען האָט אויך איינגעפיהרט צו זאָגען ספּעציעלע ברכות יעדען שבת אין דיא סינאגאָגען פאר דעם משיח שבתי צבי.

אין האמבורג האָט מען זיך נאָך מעהר משוגע געמאכט וויא אין אמסטערדאם. ערנסטע שפּאנישע און פּאָרטוגעזער אידען זיי־נען געשפּרונגען אין דיא שולען מיט א ספר תורה אין דיא הענד און האָבען געשריען און געזונגען אזוי וויא זיי וואָלטען אלע געווען אנטלאָפענע פון א דולהויז. יעקב זאספּאָטראס, וועלכער האָט גע־זוכט צו ערקלערען דיזע ענטהוזיאזטען, אז זיי זיינען איינפאך פעררוקט, איז אויסגעלאכט געוואָרען. אייניגע זיינען אזוי אויפ־געבראכט געוואָרען אויף איהם, אז זיי האָבען איהם געוואָלט שלאָגען.

אין דער ניי־געגרינדעטער לאָנדאָנער געמיינדע זיינען נאָך דיא אידען מעהר צוקאָכט געוואָרען דורך דיא משוגעת׳ען פון דער קרים־טליכער סעקטע, וועלכע האָט געווארט אויף דעם מילעניום. דיא גייסטיגע פערבלענדענעם, וועלכע האָט זיך פערשפּרייטעט וויא אן עפּידעמישע קראנקהייט, איז אזוי גרויס געווען, דאָס מען האָט גע־גלויבט אין דעם גרעסטען אונזין. פיעלע קריסטען און אידען האָבען, צום ביישפּיעל, ערנסט געגלויבט אין דער באָבע־מעשה, אז ערגעץ לעבען דיא ברעגעס פון סקאָטלאנד האָט זיך בעוויזען א שיף מיט זיידענע זעגלען און שטריק, מיט אידישע מאטראָסען און מיט א פלאג פון דיא צוועלף שבטים. אויף דער לאָנדאָנער בערזע האָט מען זאָגאר ספּעקולירט אויף דער רעכנונג, דאָס א אידישע מלוכה וועט זיך ווידער אָנפאנגען אין ירושלים! פיעלע ענגלענדער האָבען אויך

געוועט צעהן צו איינס, אז אין צוויי יאָהר ארום וועט שבתי צבי געקרוינט ווערען אלס קעניג אין ירושלים....

דאָס שיינט גאנץ אונגלויבליך, אבער דאָס זיינען אלץ ריכ־טיגע היסטאָרישע פאקטען. מיר קענען זיך יעצט קוים פאָרשטעלען, וויא א וועלט מיט מענשען האָבען געקענט אזוי ווייט פערנארט און צומישט ווערען; אבער ווען מען לעזט דיא געשיכטע פון דיא גייסטיגע פערבלענדעניסען אין מיטעלאלטער, פערבלענדעניסען וועלכע ווערען מיט רעכט גערופען גייסטיגע עפידעמיעס, הערט מען אויף זיך צו וואונדערן וועגען אזא אלגעמיינע משוגעת.

VII

יום טוב אום עשרה בטבת און דיא פערטהיילונג פון מלוכות פאר דער אָפרייזע נאָך קאָנסטאנטינאָפּאָל.

ווען שבתי צבי וואָלט געהאט א פעסטען כאראקטער, ווען ער וואָלט ווירקליך געקענט קאָמאנדעווען איבער מחנות, וואָלט ער פיליייכט געקענט טאקע עפעס אויפטאָן פאר דיא צודולטע אידען, וועלכע האָבען נאָר מיט דער גרעסטער אונגעדולד געווארט אויף זיין בעפעהל צו מארשירען נאָך ירושלים און וועלכע וואָלטען גע־ווים געגאנגען אין פייער און וואסער נאָך איהם אין זייער בלינדער בעגייסטערונג. עס איז אמת, אז פון א בעוועגונג, וועלכע ווערט ארויסגערופען דורך א גייסטיגע פערבלענדעניס און האָט קיין שום ראיעלען גרונד, קען סוף כל סוף קיין גוטעס ניט ארויסקומען; אָבער זאָ לאנג דער געוואלדיגער ענטהוזיאזמוס פאר דיזע משיח־בעוועגונג וואָלט אָנגעהאלטען, וואָלט מען געקענט בעווייזען אעזל־כע ווירקליכע וואונדער וויא אין דיא צייטען פון דיא חשמונאים, ווען א הייפעלע אידען אונטער דער קאָמאנדע פון אזא העלד וויא יהודה המכבי, האָבען געקענט בעזיעגען דיא ארמעען פון אנטיוכוס עפיפאנעס.

נאָר שבתי צבי איז געווען נאָך אלעמען בלויז א צודולטער קא־באליסט, וועלכער האָט מעהר ניט געזעהען וויא זיינע אייגענע פאנ־טאזיעס און וועלכער איז געפיהרט געוואָרן פאר׳ן נאָז פון עטליכע שווינדלער און א באנדע משוגעים. זעהענדיג וויא פון אלע זייטען, וואו נאָר אידען געפינען זיך, פערעהרט מען איהם ווירקליך וויא א משיח און מען ווארט נאָר, אז ער זאָל ערלייזען דעם אידישען פאָלק פון גלות, האָט ער נאָך מעהר אָנגעפאנגען צו גלויבען אין זיינע איינבילדונגען און האָט געווארט אויף דער צייט, ווען עס וועלען טרעפען נסים און זיך אָנפאנגען משיח׳ס צייטען נאָך דיא קאבאליסטישע פאנטאזיעס. ער האָט אליין ניט געוואוסט אויף

וועלכער וועלט ער געפינט זיך און האט דערוויילע געשעפט פער־גניגען אין דער פערעהרונג, וואס אלע האבען איהם געצייגט. זיין קליין קאפ איז נאך מעהר צומישט געווארן פון דעם משוגעת ארום איהם.

איינינע פון זיינע אדיוטאנטען, בעזאנדערס דער שלויער שמואל פרימא, זיינען געפאלען אויף דעם פלאן גלייך איינצופיה־רען נייע רעליגיעזע צערעמאניעס אויף דעם גרונד, דאס משיח׳ס צייטען וועלען זיך באלד אנפאנגען. דיזע צערעמאניעס זיינען גע־ווען געגען דיא תלמוד׳ישע. דיזע חברה־לייט האבען הפנים גע־וואלט בילדען א בעזונדערע סעקטע. געשטיצט האבען זיי זיך אויף דיא אויספיהרונגען פון „זוהר" און פון אנדערע קאבאליסטישע ביכער, אז ווען משיח וועט קומען, וועלען אלע פארשריפטען פון תלמוד פערלירען זייער האפט. דיא קבלה איז אייגענטליך שטענדיג געווען געגען תלמוד, און דא האט זיך עס קלאר און אפען ארויסגע־וויזען. שבתי צבי׳ס חברה האבען ערקלערט, דאס אזוי וויא משיח איז שוין דא און וועט באלד אנפאנגען זיין הערשאפט איבער דער וועלט, דארום איז שוין ניט נויטיג צו פאלגען דיא פארשריפטען פון שלחן ערוך. שמואל פרימא, וועלכער איז געווען דער אנפיהרער פון דיזער אנטי־תלמודישער בעוועגונג, האט גענומען ענטוויקלען אזעלכע בעגריפע וועגען גאט און משיח, וועלכע האבען מעהר גע־פאסט צו קריסטליכע וויא צו אידישע פארשטעלונגען. דיא צור־פלאנטערטע געדאנקען פון דיא קאבאליסטען וועגען אדם קדמון, מלכה קדישה, אין סוף (אונענדליכקייט) און דיא שטעלען פון „זוהר" וועגען א דרייאייניגקייט זיינען פערטייטשט און ערקלערט געווארן פון שבתי צבי׳ס מאכערס אויף אזא ארט, אז שבתי צבי זאל אנערקענט ווערן ניט נאר פאר א משיח, זאנדערן פאר גאט ועלבסט. משיח, האבען זיי גע׳טענה׳ט, קען נאך אויפטהאן מעהר וויא דער בורא פון דער וועלט, ער איז דער אמת׳ער גאט, דער ער־לייזער פון דער וועלט!....

שמואל פרימא האט זאגאר אנגעפאנגען פאנאנדערצושיקען בעריכטען און בעפעהלען צו דיא פערבלענדעטע נאכשלעפערס מיט

אזא אונטערשריפט: „איך, משיח, אייער גאָט, שבתי צבי". מען ווייס ניט אויף זיכער, אויב שבתי צבי האָט עס ערלויבט צו טאָן, נאָר שמואל פרימאָ און אנדערע פערשפרייטער פון דיזער ווינטער פערבלענדענעם האָבען זיך אין דער ווירקליכקייט גאָר וויניג גע־קימערט וועגען זיינע מיינונגען. ער האָט איבערהויפּט געפאָלגט, וואָס זיינע ענערגישע גענעראַלען האָבען געהייסען. אין דער צייט איז ער שוין אזוי געלעגען אין זייערע הענד, דאָס ווען ער וואָלט פּלוצלונג געקומען צום גלייכען פערשטאנד און זיך אָבגעזאָגט פון דעם גאנצען שווינדעל, וואָלט דיא משיח־בעוועגונג אָנגעגאנגען אָהן איהם. דיא געשיכטע צייגט אונז פיעלע ביישפּיעלען, וויא מענשען, וואָס זיינען אין דיא אויגען פון דער גאנצער וועלט געוועזען דיא גרינדערם און פיהרערם פון געוויסע בעוועגונגען, זיינען אין דער ווירקליכקייט געוואָרן שפּיעלצייג אין דיא הענד פון זייערע אדיוטאנטען. אזוי איז עס יעדענפאלס געוועזען מיט שבתי צבי.

דער ערשטער עפענטליכער ארויסטרעטען געגען וויכטיגע אידי־שע מנהגים און פאָרשריפטען פון תלמוד איז געוועזען, ווען שבתי צבי'ס חברה האָט בעשטימט, אז עשרה בטבת זאָל מען ניט פאסטען, נאָר מאכען א פרעהליכען יום טוב. שמואל פרימאָ האָט צושיקט פאָלגענדען בעפעהל וועגען דיזע ענדערונג:

דער בכור פון גאָט, שבתי צבי, משיח און ערלייזער פון כל ישראל, צו אלע בני ישראל, שלום! אזוי וויא איהר זייט געבענשט געוואָרען צו זעהען דעם גרויסען טאָג און דיא ערפילונג פון גאָט'ס פערשפּרעכען צו דיא נביאים, דארום דארף אייער טרויער און קלאָגען אומגעוואנדעלט ווערען אין שמחה, און אייער פאסטען אין א יום טוב, דען איהר וועט שוין מעהר ניט קלאָגען. זייט זיך משמח מיט ליעדער און געזאנג, ענ־דערט דעם טאָג, וועלכען איהר האָט פריהער פערבראכט אין טרויער און פאסטען, אין אַ טאָג פון יובל, דען איך האָב זיך בעוויזען."

דיזער בעפעהל איז אויסגעפיהרט געוואָרן אין דיא שטעט, וואו ער האָט נאָך צייט געהאט אָנצוקומען פאר עשרה בטבת. מען האָט שוין אזוי פעסט געגלויבט אין שבתי צבי, אז מען האָט קיין

שאלות געפרעגט און געהוליעט אין דעם פאסט־טאג, אבוואהל מען האט אין אלגעמיינען געגלויבט, אז נאר דורך פאסטען און אנדערע אפקומענעס אויף דער וועלט וועט מען קענען דערלעבען צו זעהען משיח׳ס מלוכה.

נאר דיא רבנים און שטרענגע תלמודיסטען האבען באלד אנגע־פאנגען צו פראטעסטירען געגען דיזען בעפעהל, אבוואהל נאך דער קבלה איז דאס געווען א גאנץ לאגישער שלוס, וויא באלד מען האט נאר אנערקענט, אז שבתי צבי איז דער ריכטיגער משיח. נאר דיא תלמודיסטען זיינען אזוי צוגעוואהנט געווארן צו דיא אלטע פיהרונ־גען, אז ווען מען האט אנגעפאנגען זיך צו פיהרען אין דער ווירקליכ־קייט נאך דער קבלה,האבען זיי געמאכט גוואלדען. א טהייל פון זיי האבען אויך געוואגט ארויסצוטרעטען געגען שבתי־צבי זעלבסט. דיא פערבלענדענעס איז אבער געווען אזוי גרויס, אז דיזע שטרענגע תלמודיסטען און אבהיטערס פון אלטען גלויבען האט מען א נאמען געגעבען „כופרים“, אזוי וויא זיי וואלטען געלייקענט גאט׳ס עקזיסטענץ.

עטליכע רבנים אין סמירנא, וועלכע האבען געזוכט איינצוריי־דען דעם עולם, אז מען זאל פאסטען וויא פריהער, זיינען שיער ניט פערשטיינערט געווארן פון דיא ענטהוזיאסטען, און זיי האבען געמוזט שנעל פערלאזען דיא שטאט.

ווער ווייסט מיט וואס דיזער משוגעת וואלט זיך געענדיגט אין סמירנא, ווען דיא טירקישע בעאמטע וואלטען זיך ניט אריינגע־מישט. דיא גאנצע צייט פון דער ווילדער קאבעריי האבען זיי גע־שוויגען, ווייל זיי האבען דורך דעם געהאט געשאנקען און נייע איינ־קינפטע. דער קאדי האט זיך אבער דערשראקען, ווען דיא בעוועגונג איז אזוי גרויס געווארן, אז ער האט איינגעזעהען, דאס עס וועט איהם שווער זיין איהר צו קאנטראלירען. מען בעהויפטעט, אז ער האט זיך אויך דערוואוסט פון נתן העזתי׳ס נבואה, דאס שבתי צבי וועט פאנגען דעם סולטאן און איהם ברענגען נאך ירושלים. יעדענפאלס האט ער געוואלט אראפנעהמען פון זיך דיא פעראנט־

וואָרטליכקייט און האָט אָנגעזאָגט דיא אידען, אז זייער משיח מוז זיך וואָס שנעלער אָפּטראָגען פון סמירנא.

עס איז מעגליך און וואהרשיינליך, אז זיינע אנהענגער האָבען צוגערעט זייער משיח, דאָס ער זאָל ציינען זיין גענליבע מאכט אין דער הויפּטשטאָט פון דער טערקישער אימפּעריע, וואו ער וועט אלזא מיט איין קלאַפּ ברייננען דיא גאנצע וועלט אונטער זיין הערשאַפט און וואו מען וועט אויך קענען אויספיהרען דיא נבואה פון נתן העזתי, דאָס דער סולטאַן וועט געפאַנגען ווערן גאָר אָהן שום בלוט־פערגיסונג. אויף אזא וואונדער האָבען ניט נאָר אלע פערבלענדעטע נאָכשלעפּערס געוואַרט מיט דער גרעסטער אונגעדולד, זאָנדערן שבתי צבי זעלבסט.

נאָר וויא דיא מעשה איז דאָרטען ניט געווען, דער קאדי האָט נעגעבען דעם משיח דריי טעג צייט צו פערלאָזען סמירנא, און מען האָט געמוזט פאָלגען זאָלאנג דער גרויסער נס איז נאָך ניט גע־שעהען. פאר זיין אָפּרייזע האָט שבתי צבי צוטהיילט דיא גאנצע וועלט צווישען זיינע 26 טרייעסטע אדיוטאנטען. מיט איין קלאַפּ האָט ער זיי געמאכט פאר מלכים און פרינצען. זיין עלטרן ברודער האָט ער ערקלערט פאר דעם מלך המלכים און זיין ברודער יוסף האָט געקראָנען דעם טיטול: אויבערקעניג פון אידען. דערביי האָט ער נאָך קאבאליסטישע חקירות ערקלערט, אז אין יעדען פון דיא ניי־געבאָרענע הערשער האָט אריבערגעוואנדערט א נשמה פון א פריהערען מלך יהודה אָדער פון א נביא.

„אין דיר, יצחק סילוועירא", האָט דער משיח געזאָגט, „האָט זיך בעזעצט דיא נשמה פון דוד המלך, דארום דאַרף מען דיך רופען דוד המלך; אין דיר, חיים אינעניא, איז אריין דיא נשמה פון ירבעם, דארום געהערט דיר אראביען; דיר, מנשה אשכנזי, אין וועמען איך דערקען דעם גייסט פון קעניג אָסאָ, גיב איך איבער בערבעריען; דו, מרדכי גאָספּאר, וואָס אין דיר שטעקט דער גייסט פון גרויסען צדקיהו, וועסטו הערשען אין ענגלאנד" א. ז. וו.

ביי אזא לייכטע און פריעדליכע פערטהיילונג פון מלוכות האָט שבתי צבי נאַטירליך ניט געקענט פערגעסען אָן דעם שטייער־זאמ־

לער חלבי. „און דיר רפאל יוסף“, האָט ער ערקלערט, „אונטער וועמעס געבענשטען דאך מיין געליעבטע מ ע ל י ס ע ל ד אָ (דאָס איז געווען שרה'ס קאבאליסטישער נאָמען) איז געוואָרן מיין קעניגליכע פרוי, גיב איך איבער דיא מלוכה מצרים“. א פּאָרטוגעזער מאראנאָ און דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט פון דער אינקוויזיציאָן און איז ניט לאנג אָנגעקומען אין סמירנא, האָט גע־קראָגען אויף זיין חלק דיא מלוכה פון פּאָרטוגאל. א געוועזענער בעטלער פון סמירנא, וועמען שבתי צבי האָט אויך „פּערזאָרגט“ מיט א מלוכה, איז געווען אזוי זיכער מיט זיין טהראָן, דאָס ער האָט זיך ענטזאגט צו נעהמען גרויסע סומען געלט, וואָס אנדערע בלינדע גלויבערס האָבען איהם געוואָלט געבען פאר איבערגעבען זיי דיא קרוין.

מיט גרויסע צערעמאָניעס האָט שבתי צבי פערלאָזען סמירנא. דיא גאנצע שטאָט איז ארויס זעהען, וויא ער פאָהרט ארויס ברייננען דעם סולטאן אויף א שטריקעלע נאָך ירושלים און אָנפאנגען דיא משיח־מלוכה טאקע וויא געהעריג נאָך אלע קאבאליסטישע פאנטאזיעס. גראדע האָט עס געטראָפען אָדער פּילייכט האָט מען עס פאראויס געפּלאנעוועט, אז דער טאָג פון זיין אָפּרייזע נאָך קאָנסטאנטינאָפּאָל איז געווען דער אָנפאנג פון דעם יאָהר 1666, ווען אידען און קריסטען האָבען ערוואַרטעט משיח'ס צייטען. נאָר איהם איז שוין ניט בעשערט געווען צו קומען צוריק און נאָך א מאָל צו זעהען זיין געבורט־שטאָט, וואו מען האָט איהם ניט נאָר אנערקענט פאר א משיח, זאָנדערן אפילו פאר א גאָט.

VIII

דער ארעסט אין קאָנסטאנטינאָפּאָל.

אין קאָנסטאנטינאָפּאָל האָט שבתי צבי געקראָגען אן אויפ־נאהמע, וועלכע ער און קיינער פון זיינע נאָכשלעפּערס האָבען גאָר ניט ערוואַרטעט. צוערשט איז ער דורכגעפאלען מיט זיין נבואה, דאָס ער וועט אָנקומען אהין אין א בעשטימטען טאָג. דער ים איז גראדע זעהר שטורמדיג געווען, און דיא שיף מיט דעם משיח איז שיער ניט אונטערגעגאנגען. זיא איז אָנגעקומען אין דיא דארדאנע־לען מיט וואָכען שפּעטער, וויא שבתי צבי האָט פאָראויסגעזאָגט. נאָר דאָס האָט גאָר ניט געשטערט זיינע פערעהרערס צו פערפאסען באָבע־מעשיות, וויא דיא שטורם־ווינטען און דיא וועללען האָבען געפאָלגט זיין בעפעהל און זיינען שטיל געוואָרן, ווען ער האָט נאָר א וואונק געטאָן. דיא שיף איז געווען אין אזא געפעהרליכען צו־שטאנד, דאָס מען האָט געמוזט לאנדען אין א קליינעם פּאָרט ביי דיא ברעגעס פון דיא דארדאנעללען. דאָרט האָבען דיא טערקישע בע־אמטע גלייך ארעסטירט דעם משיח אויף דעם בעפעהל פון דעם גרויסען וויזיר אהמעד קאָפּרילי, וועלכער האָט אין דער צייט געקראָ־גען אזעלכע בעריכטען פון דער משוגענער בעוועגונג, דאָס ער האָט גלייך בעשלאָסען צו מאכען א שנעלען סוף דערפון. דער בעפעהל האָט געלויטעט, אז מען זאָל דעם אידישען משיח שמידען אין קיי־טען און אזוי גלייך ברענגען נאָך קאָנסטאנטינאָפּאָל. דיא טערקישע בעאמטע האָבען בוכשטעבליך אויסגעפיהרט דעם בעפעהל, אָבוואָהל מען האָט זיי אָנגעבאָטען גרויסע סומען געלט אראָפּצונעהמען פון איהם דיא קייטען. מיט געלט האָט מען נאָר אויסגעפיהרט, אז מען זאָל לאָזען דעם משיח בלייבען שבת אין א פּלאץ ניט ווייט פון קאָנסטאנטינאָפּאָל. פון דיזען פּלאץ האָט מען איהם דעם נעכסטען טאָג געבראכט א געשמידטען אויף א שיף נאָך קאָנסטאנטינאָפּאָל. ריזיגע מאסען אידען און טערקען האָבען זיך צוזאמענגעקליבען

אין פאָרט זעהען דעם פערשריענעם משיח. וואָס פאר אן אונטער־
שיעד צווישען דיא גאָלדענע פאנטאזיעס פון דיא פערבלענדעטע
נאָכשלעפערס און דיא טרויעריגע טערקישע ווירקליכקייט דאָס איז
געווען! אָנשטאָט טריאומף — קייטען, אָנשטאָט פריידיגע בעגרי־
סונגען און געטליכע פערעהרונג וויא אין סמירנא — א פאטש פון
א טערקישען פּאָליציי־בעאמטען. וויא נאָר מען האָט דעם סמירנער
גאָט ארויסגעשלעפּט פון שיף אין שווערע קייטען און נאטירליך
זעהר א נידערשלאָגענעם, איז צו איהם צוגעגאנגען אן אונטער־
פּאשא און האָט איהם גלייך מכבד געווען מיט א שטארקען פּאטש
אין באק. מען זאָגט, אז שבתי צבי האָט שכל געהאט גלייך אונטער־
צושטעלען דיא אנדערע באק, אום צו צייגען, אז ער קומט דערווייל
אָפּ פאר דיא זינדיגע מענשהייט און אז ער איז בערייט אויסצו־
שטעהן אלע צרות ביז דער טאָג פון דער גאולה וועט קומען און ער
וועט דאן ערשיינען אין דעם געטליכען גלאנץ פון א זיעגרייכען
משיח.

אזוי האָבען אויך זיינע אדיוטאנטען און בלינדע נאָכשלעפערס
פערטייטשט זיין ערנידערונג, וועלכע האָט בעדארפט אָפּקיהלען
זייער ענטהוזיאזמוס און זיי ברייננען אויף דעם גלייכען פער־
שטאנד; נאָר וואָס פאר אן אונזין שלינגען דען ניט ארונטער אבער־
גלויביגע מענשען?

ווען מען האָט איהם געבראכט צום קאימאקאם (אונטער־וויזיר)
און גענומען פאנאנדערפרעגען, האָט מען גלייך געזעהען, אז מען
האָט צו טאָן מיט א קליין מענשעלע, מיט א טרוימער אָהן א ברע־
קעל מוטה און ענערגיע. ער האָט געזוכט זיך ארויסצודרעהען מיט
תירוצים, דאָס ער איז בלויז א רב, וואָס איז געשיקט געוואָרן קלוי־
בען נדבות פאר דיא אידען פון ירושלים. דאָס וואָס א סך אידען
פערעהרען איהם, איז ניט זיין שולד, האָט ער געזאָגט. נאָך דעם
ערשטען פערהער האָט מען איהם איינגעשפּארט אין א געפענגניס,
וואו מען פלעגט האלטען אידען, וואָס האָבען ניט געקענט בעצאָה־
לען זייערע חובות.

דיא אידען אין קאָנסטאנטינאָפּאָל זיינען דיא ערשטע פּאָאר

טעג געווען צומישט פון אזא ענדע פון זייערע גאָלדענע האָפנונגען אויף זייער גאולה דורך שבתי צבי. זיי האָבען אויסגעמיידעט צו בעווייזען זיך אין גאס, ווייל טערקישע אינגלעך פלעגען נאָך זיי נאָכלויפען און שרייען: „ווען קומט אייער משיח?" אָבער זיינע אדיוטאנטען האָבען ניט געדרעמעלט. זיי האָבען אָנגעפאנגען איינ־צורייידען דעם עולם, אז שבתי צבי מוז נאָך א געוויסע צייט אָפקו־מען און אז באלד וועט ער ציינען, אז ער איז דער אמת'ער משיח. מען בעהויפטעט, אז זיי האָבען זאָגאר געדונקען א טערקישען דער־וויש צו פרעדיגען אין די גאסען פון קאָנסטאנטינאָפאָל, דאָס משיח'ס צייטען קומען אָן.

נתן העזתי און שמואל פרימאָ האָבען ניט אויפגעהערט צו פערטומלען די וועלט מיט זייערע ליגענס, אז די גאולה איז נאָ־הענט און אז מען זאָל זיין פערטיג צו מארשירען נאָך ירושלים. דעם ארעסט פון זייער משיח האָבען זיי פערדרעהט מיט געשיכטען, דאָס די טערקישע מיניסטערס און זאָגאר דער סולטאן זעלבסט ציטערן ביי זיך אין הארצען פאר שבתי צבי, זאָנסט וואָלטען זיי דאָך איהם איינפאך אומגעבראכט און ניט געהאלטען אין א גע־פענגנים, וואו מען האָט איהם גוט בעהאנדעלט (די טערקישע וועכטערס האָבען געקראָגען גענוג באבאר דערפאר). איז עס דען ניט א וואונדער? צייגט עס דען ניט די געטליכע מאכט פון דעם געפאנגענעם משיח? האָבען די גלויביגע געשריען. אויף דיזער ארט איז דער ארעסט אומגעוואנדעלט געוואָרן אין די צודולטע קעפ פון די קאבאליסטען אין א נס, און דער רעזולטאט איז געווען, דאָס טויזענדער אידען האָבען זיך געשטופט צו דער געפענגנים צו קענען ווארפען א בליק אויף דעם „ליידענדען משיח" און האָבען נאָך געקראָגען גרעסערע האָפנונגען אויף א נאָהענטע גאולה.

אין דער ווירקליכקייט האָט די טערקישע רעגירונג צו רוהע געלאָזען דעם פאלשען משיח, ווייל זי האָט געהאט צו פיהרען א מלחמה וועגען דעם אינזעל קרעטא, און די קאסע איז געווען פוסט. דער גרויסער וויזיר האָט געמוזט אָנשטרענגען זיינע קרעפטען צו דער מלחמה און ער האָט געפונען פאר צוועקמעסיגער צו האלטען

דערוויילע דעם משיח געפאנגען, אום אויסצומיידען מעגליכע אונ־רוהען אין לאנד. זעהענדיג, וויא דיא אידען זיינען איינגעגלויבט אין שבתי צבי, האָט דער גרויסער וויזיר גערעכענט, אז ווען מען זאָל איהם הינריכטען, וועט עס נאָך פיהרען צו א בונט, און דאָס האָט ער געוואָלט אויסמיידען. אויסער דעם האָבען פיעלע טערקען אָנ־געהויבען צו גלויבען, אז עפּעס מוז דאָ זיין א וואונדער, ווען אזוי פיעלע אידען ערווארטען זייער ערלייזונג דורך שבתי צבי.

אָבער אין קאָנסטאנטינאָפּאָל האָט דער גרויסער וויזיר אויך ניט געוואָלט איבערלאָזען זיין געפאנגענעם זאָלאנג דיא מלחמה וועט דויערן. דארום האָט ער בעפוילען איבערצופיהרען שבתי צבי'ן אין דער פעסטונג אבידאָס אויף דיא ברעגעס פון דיא דארדא־נעלען. אין דיזער פעסטונג פלעגט מען געוועהנליך האלטען פּאָלי־טישע געפאנגענע. דאָס איז געשעהען אין אפּריל, 1666, נאכדעם וויא שבתי צבי איז אָבגעזעסען 2 מאָנאט אין דער קאָנסטאנטינאָ־פּאָלער געפענגנים פאר אידישע שולדנער.

אין דיזער פעסטונג האָט מען געגעבען שבתי צבי אזעלכע פּריי־ווילעגיעם (נאטירליך, ניט אומזיסט), אז זיינע אנהענגער זיינען גאָר צומישט געוואָרן. ער האָט געקראָגען מעהר מוטה צו שפּיעלען ווייטער זיין משיח־ראָלע. אָפען האָט ער גאָר ניט געזאָגט, נאָר זיינע אדיוטאנטען האָבען שוין געוואוסט וויא צו מאכען פון שווארץ ווייס און צו נארען דעם עולם מיט אונזיניגע וואונדער־געשיכטען און פאלשע האָפנונגען. דיא פעסטונג אבידאָס האָבען זיי א נאָמען געגעבען „מגדל עוז“, אזוי וויא דיא געפענגנים פון זייער משיח וואָלט געווען א טהורם פון מאכט פאר אידען. מיט דער הילפע פון אזעלכע איינפאכע נסים, וויא כאבאר מיט דעם געלט, וואָס זיינע רייכע ברידער און אנהענגער האָבען צוגעשיקט, האָט ער גע־לעבט א גוטען טאָג אין דעם „מגדל עוז“. מען האָט צוגעלאָזען צו איהם גלויביגע, וועלכע פלעגען קומען אויף שיפען פון אלע לענדער. פאר דיא טערקישע בעאמטע און סאָלדאטען איז דאָס געווען א שמאלץ־גרוב. דיא ענטהוזיאסטען פלעגען צאָהלען וויא פיעל מען האָט פון זיי פערלאנגט, אבי נאָר צו האָבען דיא זכיה צו זעהען שבתי

צבי. דער קאָמאַנדיר פון דער פעסטונג פלעגט קריגען פון 20 ביז 30 מארק פון יעדען בעזוכער. זיין „בעשערטע" ווייב האָט געקראָגען דיא ערלויבנים צו בלייבען מיט איהם אין דעם „מגדל עוז". ער האָט אויך געהאט ביי זיך שמואל פרימאָ, וועלכער האָט געשפּיעלט דיא ראָלע פון זיין הויפּט־מיניסטער און פלעגט פון דאָרטען צושיקען מגילות מיט פאַלשע בעריכטען, אום אויפצורודערן אידען אין דיא פערוואָרפענסטע ערטער.

וואָס ווייטער פון דיזען נייען צענטר פון שבתי צבי'ס באַנדע, האָט מען אלץ מעהר וואונדער דערצעהלט וועגען איהם און זיינע „אויפטואונגען". ווען ער איז געבראכט געוואָרען אין דער אבידאָס פעסטונג איז גראָדע געווען ערב פסח. ער האָט געשאָכטען א לעמעלע פאר זיך און זיינע אדיוטאנטען און האָט איהר געגעסען צוזאמען מיט איהר פעטס טראָץ דעם פערבאָט פון תלמוד. מען זאָגט, אז דערביי האָט ער אָנגעקינדיגט, אז דיא געזעצע פון משה, פון תלמוד און פון דיא רבנים זיינען אָבגעשאפט. ער האָט דערביי אויסגערופען: „געבענשט זאָל זיין גאָט, וועלכער האָט ערלויבט ווידער וואָס ער האָט פערבאָטען!"

שטראָמען מיט מענשען און גאָלד האָבען זיך געצויגען נאָך אבידאָס, וואו דיא איינוואָהנער זיינען רייך געוואָרען פון דיא גלויבינגע, דען זיי האָבען גענומען אלץ העכערע פּרייזען פאר שפּייז און קווארטיר. מען איז געקומען אפילו פון דיא ווייטעסטע ערטער אין אפריקא. אין דער צייט זיינען געווען זעהר ווייניג אידען, וואָס האָבען ניט געגלויבט, אז שבתי צבי איז דער אמת'ער משיח. אפילו אין דיא גרעסטע און פאָרטגעשריטענסטע שטעט זיינען געווען זעהר ווייניג „כופרים". אין פיעלע ערטער האָט מען זיך גענומען פאַקען, אין אייניגע אונגארישע שטעט האָט מען אָנגעפאנגען אראָפּצורייסען דיא דעכער. אין דיא גרויסע האנדעלס־שטעט איז געוואָרען א קריזיס אין דיא געשעפטען, דען פיעלע אידישע קויפלייטע און באַנקירען זיינען פערנומען געווען מיט ספּעקולאַציאָנען אויף משיח'ס צייטען.

איבעראל האָט מען זיך בעזאָנדערס אָנגעכאפּט אָן דעם דריי־

דעל, דאָס אזוי וויא שבתי צבי האָט אָפען געזאָגט, אז ער וועט אראָפּזעצען דעם סולטאן און איהם ברענגען אלס געפאנגענעם אין ירושלים (אין דער ווירקליכקייט האָט ער עס אָפען קיין מאָל ניט געזאָגט: נתן העזתי האָט עס נאָר געשריעבען אין זיינע „נבואות") און פון דעסטוועגען איז ער אליין אוועק נאָך קאָנסטאנטינאָפּאָל און מען האָט איהם בלויז איינגעשפּארט אין א פעסטונג אָנשטאָט צו פעראורטהיילען איהם צום טויט. איז דען דאָס ניט א ריכטיגער בעוויז, אז דיא נבואות פון דיא אלטע פּראָפעטען זיינען מקוים געוואָרן און אז שבתי צבי איז טאקי דער בעשטימטער משיח? האָבען דיא פערבלענדעטע גע'טענה'ט און האָבען מיטגעשלעפּט דיא יעניגע, וואָס האָבען נאָך געצווייפעלט אָדער ריכטיגער, ניט גע־גלויבט זייערע אויערן, אז גאָט האָט זיך ענדליך מרחם געווען אויף זיין פאָלק און ברענגט זיי שוין דיא גאולה.

כמעט אין אלע סינאגאָגען האָט מען ניט נאָר בעצירט דעם ארון קודש מיט דיא ערשטע בוכשטאבען פון שבתי צבי'ס נאָמען, זאָנדערן מען האָט נאָך איינגעפיהרט צו זאָגען פאָלגענדע תפילה פאר איהם: „געבענשט זאָל זיין אונזער הערר און קעניג, דער היי־ליגער שבתי צבי, דער משיח פון דעם גאָט פון יעקב".

דיא אידען אין אמסטערדאם און האמבורג זיינען ניט געווען בעסער וויא זייערע פערבלענדעטע ברידער אין דיא הינטערשטעליג־סטע שטעטלעך פון טירקיי און פוילען. אלע האָבען געקוקט אויף דיזע צוויי פאָרטגעשריטענסטע געמיינדען און האָבען זיי נאָכגע־טאנצט. דיא פאָרשטעהער פון דער אמסטערדאמער קהילה האָבען איינגעפיהרט, אז מען זאָל זאָגען תפילות פאר שבתי צבי ניט נאָר יעדען שבת, זאָנדערן אויך יעדען מאָנטאג און דאָנערשטאג. דיא עטליכע „כופרים" האָבען דאן קיין אנדער ברירה ניט געהאט, וויא אָדער אויפצוהערען צו געהן אין שוהל אָדער צו הערען ברכות פאר דעם פאלשען משיח. אין וועלעדיג איז עס געקומען צו א געשלעגנ אין דער סינאגאָגע, ווען דיא „כופרים" האָבען זיך ערלויבט צו זאָ־גען א וואָרט געגען שבתי צבי. איינער פון דיא „כופרים" איז שיער ניט ערמאָרדעט געוואָרן.

ווען מען האָט אָנגעפרעגט שבתי צבי, וואָס מען זאָל טאָן מיט די „כופרים", האָט שמואל פּרימאָ געענטפערט אין זיין נאָמען, אַז מיט אַזעלכע דאַרף מען קיינע צערעמאָניעס ניט מאַכען, מען מעג זיי טויטען אפילו אום שבת. די גלויביגע, וואָס וועלען עס טאָן, וועלען בעלוינט ווערן מיט אַ גוטען פּלאַץ אין גן עדן. גליקליכערווייזע האָט מען אַזעלכע רציחות ניט בעגאַנגען. עס איז מעגליך, אַז ווען דער משוגעת וואָלט לייננגער אָנגעהאַלטען, וואָלט מען אַלע „כופרים" איינפאַך ערמאָרדעט. מען איז נאָר אָפּגעקומען מיט מאָרד־סטראַשונקעס. בעוואוסטע רבנים האָבען ערקלערט, אַז יעדערער וואָס ענטזאָגט זיך צו זאָגען די ברכה פאַר שבתי צבי, פערדיענט דעם טויט.

די קריסטען האָבען געקוקט מיט בעוואונדערונג אויף די אידען. זיי האָבען גאָר ניט געקענט פערשטיין, וואָס עס קומט פאָר אונטער זייערע אויגען. אויבען איז שוין בעמערקט געוואָרן, אַז פיעלע קריסטען האָבען געגלויבט אין מילעניום און האָבען געוואַרט, אַז אין דעם 1666טען יאָהר זאָל זיך יעזוס קריסטוס ווידער בעווייזען. די פערבלענדענעס פון אידען האָט געמאַכט אַזאַ גרויסען איינדרוק אויף פיעלע פּראָטעסטאַנטישע גייסטליכע, דאָס זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו פרעגען, וואָס וועט ווערן מיט דער קריסטליכער לעהרע און מיט יעזוס קריסטוס, ווען עס זאָל זיך אַרויסווייזען, אַז שבתי צבי איז טאַקי ווירקליך דער משיח פון די אידען. נאָר לאַנג האָבען זיי ניט געהאַט צו טראַכטען וועגען אַזאַ קלאָץ־קשיה, דען דיזע גייסטיגע עפּידעמיע האָט גליקליכערווייזע באַלד געקראָגען אַ טויט־קלאַפּ דורך אַ שענדליכע האַנדלונג פון דעם משיח זעלבסט.

IX

דיא בעקעהרונג צום מאהאָמעדאנער גלויבען.

אונגעפעהר 5 מאָנאט האָט געדויערט שבתי צבי'ס „מלוכה" אין דער אבידאס פעסטונג. אין דעם געטומעל און אין דער מערק־ווירדיגער פערבלענדענעס האָט מען פערגעסען, אז ער איז אונטער ארעסט און אז עס וועט קומען א טאָג, ווען דיא טערקישע רעגירונג וועט זיך א נעהם טאָן צו איהם אויף טערקיש. וואָס ער אליין האָט דאן געדענקט און גערעכענט, וויים מען ניט. זיינע אדיוטאנטען, בעזאָנדעסם דער שלויער און ערפינדערישער שמואל פרימאָ, האָט אלץ באָמבארדירט דיא אידישע געמיינדעס אין אלע עקען וועלט מיט בשורות, אז באלד וועט געשעהען א נס און שבתי צבי וועט ברענגען דיא פערשפּראָכענע גאולה. דיזער הויפּט־מיניסטער פון דעם פאלשען משיח האָט אין דער צייט געפּלאנעוועט אָפּצושאפען דעם גאנצען תלמודישען יודענטהום און איינפיהרען נייע צערע־מאָניעס און פעסטליכקייטען. וואָס ער האָט דערמיט געמיינט אויסצופיהרען, איז ניט קלאָר.

אין א פריהערען קאפּיטעל איז שוין ערקלערט געוואָרן, ווארום און וויא אזוי שבתי צבי'ס חברה האָבען געהייסען אומוואנדלען עשרה בטבת אין א יום טוב. צוליעב דיא זעלבע גרינדע האָבען זיי אויך בעפוילען אָבצושאפען דעם תענית פון שבעה עשר בתמוז. דיא אָפיציעלע ערקלערונג, וואָס מען האָט געגעבען וועגען אזא „רעפאָר־מע", איז געוועזן, דאָס גראדע אין דיזען טאָג האָט שבתי צבי צו־ערשט דערשפירט, אז ער איז דער ריכטיגער משיח, דארום דארפען אלע אידען זיין לוסטיג, אָנשטאָט צו טרויערן און פאסטען. שבתי צבי זעלבסט האָט ארויסגעלאָזען דיזע ערקלערונג, נאָר עס איז זי־כער, אז דאָס איז געוועזן שמואל פרימאָ'ס פּלאן. נאכהער האָט שבתי צבי פלוצלונג געהייסען, אז דער 23טער תמוז (25 יולי, 1666) זאָל געפייערט ווערן וויא א שבת, אָבוואָהל דער טאָג איז גראדע

אויסגעפאלען מאָנטאג. אלע אידען, וועלכע האָבען זיך דאן געפונען אין אבידאָס — אונגעפעהר 4000 מענער און פרויען — האָבען גע־פאָלגט דיזען בעפעהל און געהאלטען שבת נאָך אלע פאָרשריפטען.

אין דער זעלבער צייט האָט שמואל פּרימאָ צושיקט בעפעהלען אין נאָמען פון שבתי צבי, אז אלע אידען זאָלען פייערן תשעה באב אלס א גרויסען יום טוב לכבוד דעם געבורטסטאָג פון שבתי צבי. אָנשטאָט פאסטען און טרויערן וועגען חורבן בית המקדש, זאָל מען מאכען פרעהליכע און פיינע סעודות, זינגען און טאנצען. מען בע־הויפּטעט, אז שבתי צבי'ס חברה האָט זיך אויך געקליבען אָב־צושאפען אלע אידישע פייערטעג, אפילו יום כפור, און איינצו־פיהרען נייע אויף זייער פּלאץ; אָבער דאָס האָבען זיי שוין קיין צייט ניט געהאט אויסצופיהרען, דען דיא טערקישע רעגירונג האָט זיך ארייינגעמישט.

דאָס איז געשעהען דורך א מסירה פון א פּוילישען איד, וועל־כער האָט זיך ארויסגעגעבען פאר א נביא און האָט געענדיגט מיט אָננעהמען דעם מאהאָמעדאנישען גלויבען. שבתי צבי האָט צום ערשטען מאָל געהערט וועגען דעם פּוילישען נביא, ווען צוויי אי־דען פון לעמבערג זיינען געקומען איהם בעזוכען, אום צו זעהען דיא נסים מיט זייערע אייגענע אויגען און צו זיין זיכער צו דערלעבען משיח'ס מלוכה. זיי האָבען דערצעהלט, אז ערגעץ אין פּוילען איז א מאן מיט דעם נאָמען נחמיה כהן ארויסגעטראָטען אלס נביא און האָט ערקלערט, אז משיח דארף באלד ערשיינען, אָבער דיא גאולה וועט ניט קומען דורך שבתי צבי.

מען וויים ניט וואָרום, נאָר דיזע נאכריכט האָט געמאכט א זעהר שטארקען איינדרוק אויף שבתי צבי. ער האָט באלד געגעבען דיא צוויי פּוילישע אידען א בריעף, אין וועלכען ער האָט פער־שפּראָכען דיא אידען אין פּוילען נקמה אָן דיא קאָזאקען און האָט בעפוילען, אז נחמיה כהן זאָל קומען צו איהם אזוי שנעל וויא נאָר מעגליך. דיא צוויי פּוילישע אידען זיינען דאן באלד אָפּגע־פאָהרען נאָך לעמבערג מיט גרויס פריידע, און אויפ'ן וועג האָבען זיי איבעראל דערצעהלט, אז שבתי צבי לעבט וויא א מאָנארך און

אז אלע אידען גלויבען באמונה שלמה, דאָס נאָר ער איז דער ריכ־טיגער משיח. ווען נחמיה כהן האָט זיך פון זיי דערוואוסט, דאָס שבתי צבי רופט איהם, האָט ער זיך ניט געלאָזט לאנג בעטען און האָט גערייזט אזוי שנעל, דאָס אין אָנפאנג פון סעפטעמבער איז ער שוין געווען אין אבידאָס, וואו דער משיח און אלע זיינע אדיור־טאנטען האָבען אויף איהם געווארט מיט גרויס אונגעדולד.

שבתי צבי האָט איהם גלייך אויפגענומען און האָט מיט איהם פערהאנדעלט עטליכע טעג. וועגען וואָס זיי האָבען אזוי לאנג גע־רעדט און וואהרשיינליך דיסקוטירט, בלייבט א געהיימנים. מען בעהויפטעט, אז זייער שטרייט־פונקט איז געווען וועגען דעם משיח פון א פ ר י ם. אויב ער איז שוין ערשינען און איז אומגעקומען, וויא עס איז פאָראויסגעזאָגט געוואָרן. יעדענפאלס איז עס זיכער, אז נחמיה כהן איז ניט צופריעדען געווען מיט שבתי צבי'ס ער־קלערונגען. אזוי וויא ער האָט עס אָפען ארויסגעזאָגט, האָבען איי־ניגע פון דיא הייסעסטע אנהענגער פון שבתי צבי איהם געוועלט אָפּראמען פון וועג אלס א געפעהרליכען מענש. מען זאָגט, אז זיי האָבען זיך געגעבען געהיימע צייכענס איהם צו ערמאָרדען; נאָר איהם איז געלונגען זיך צו רעטען פון זייערע הענד. ער איז דאן גלייך אוועקגעפאָהרען צום קאימאקאם אין אדריאנאָפּאָל און האָט איהם איבערגעגעבען, אז שבתי צבי האָט געפעהרליכע פלענער געגען דעם סולטאן און דיא גאנצע טערקישע אימפעריע. אום מען זאָל איהם בעסער גלויבען, האָט ער זיך בעקעהרט צום מאָהאמעדאנער גלויבען. ער האָט אויך ערקלערט, אז דיא טערקישע רעגיערונג וואָלט שוין לאנג געוואוסט וועגען דיא פעררעטהעריש̈ע אבזיכטען פון שבתי צבי. ווען דער קאָמאנדיר פון דער אבידאָס־פעסטונג וואָלט ניט געהאט א פינאנציעלען אינטערעס צו קוקען צווישען דיא פינגער אויף אלעם וואָס דאָרטען קומט פאָר.

דער קאימאקאם האָט דאָס גלייך איבערגעגעבען דעם סולטאן, מאהאמעד דעם פערטען, וועלכער האָט צוזאמענגערופען זיינע מיניסטערם און ראטהגעבערס צו בעשטימען וואָס מען זאָל טאָן מיט שבתי צבי. אזוי וויא צווישען דיא פערעהרער פון שבתי

צבי האָבען זיך אויך געפונען מאהאָמעדאנער, האָט דיא טערקישע רעגירונג געהאלטען פאר צוועקמעסיגער צו זוכען אן אנדער אויס־וועג וויא א הינריכטונג. דער מופטי (דער הויפט־ערקלערער פון קאָראן), וועלכער איז גערופען געוואָרן צו געבען זיין מיינונג, האָט אָנגעוויזען, אז ווען מען וועט הינריכטען דעם פאלשען משיח, וועט מען איהם נאָר מאכען פאר א מארטירער און דערמיט ארויסרופען א נייע רעליגיעזע סעקטע און מעגליך אויך אונרוהען. ער האָט דארום פאָרגעשלאָגען, אז מען זאָל פּרובירען פריהער מאכען דעם פאלשען משיח פאר א מוסולמאן. דאן וועט מען מיט איין קלאפּ פערניכטען דעם משיח און טויטען דיא גאנצע משוגענע בעוועגונג. דיזען קלוגען ראטה האָט מען אָנגענומען. דעם סולטאן'ס דאָקטאָר, א אידישען משומד מיט דעם נאָמען גוידאן, האָט מען אויסגעקליבען צו פערהאנדלען מיט שבתי צבי. גלייך נאָך דיזען בעשלוס האָט מען געשיקט אן עסטאפעט נאָך אבידאָס, אום צו ברייננען שבתי צבי צו דיזען דאָקטאָר. דאָס איז אזוי שנעל אויסגעפיהרט געוואָרן, וויא מען האָט נאָר אין יענער צייט געקענט רייזען.

דאָקטאָר גוידאן האָט ניט לאנג געדארפט טענה'ן מיט שבתי צבי. ער האָט גלייך דערזעהען, אז ער האָט צו טהאָן מיט א צודול־טען טרוימער און א גרויסען פייגלינג. ער האָט דארום גענומען פאָרשטעלען דעם פאלשען משיח, וואָס פאר א שרעקליכען סוף ער וועט האָבען, אויב ער וועט ניט איינשטילען דעם צאָרן פון סולטאן דורך א בעקעהרונג צום מאהאמעדאניזמוס. דער דאָקטאָר האָט איהם געגעבען צו פערשטיין, אז מען וועט איהם בינדען און שמיי־סען מיט ברענענדע פאקעלען און איהם שיקען אויף יענער וועלט נאָך אנדערע אזעלכע שוידערליכע פּייניגונגען.

ניט פיעל צייט האָט עס גענומען דעם „משיח און גאָט" פון דיא פערבלענדעטע אידישע מאסען אויסצוקלייבען צווישען טויט

און שמד, דען דעם נעכסטען טאָג, (דעם 14טען סעפּטעמבער, 1666), ווען מען האָט איהם געבראכט פאר דעם סולטאן, האָט ער גלייך פון זיך אראָפּגעוואָרפען דיא אידישע יארמעלקע צו צייגען, דאָס ער פעראכטעט דיא אידישע רעליגיאָן. מען האָט איהם דאן דערלאנגט א ווייסען טערקישען טורבאן און א גרינעם מאנטעל, וועלכע ער האָט גלייך אָנגעטאָן, און דערמיט איז דיא צערעמאָניע פון זיין בעקעהרונג צום איסלאם געווען צו ענדע. מען זאָגט, דאָס ווען מען האָט אראָפּגענומען פון איהם זיינע אידישע קליידער, האָט מען אין זיינע ברייטע הויזען געפונען עטליכע פונט לעקעכלעך!.....

דער סולטאן איז געווען זעהר צופריעדען מיט אזא סוף פון דער גאנצער משיח־בעוועגונג און האָט דעם פאלשען משיח געגעבען דעם נאָמען מעהמעד־עפענדי. אין דער זעלבער צייט האָט דער סול־טאן איהם געמאכט פאר זיינעם א טיר־היטער און האָט בעשטימט איהם צו געבען א פיינע מאָנאטליכע געהאלט. שבתי צבי'ס „געט־ליכע" ווייב האָט געפאָלגט דעם שעהנעםביישפּיעל פון איהר „געטליכען" מאן און איז געוואָרן א מוסולמאנקע מיט דעם נאָמען פאונא קאדין. אייניגע פון זיינע נאָכפאָלגער זיינען באלד איבער־געגאנגען צום מאָהאמעדאניזמוס, אנדערע האָבען עס געטאָן שפּע־טער. דער מופטי האָט זיי אלעמען געגעבען אונטערריכט אין דער מאָהאמעדאנער רעליגיאָן. מען זאָגט, אז אויף זיין בעפעהל האָט שבתי צבי אויך חתונה געהאט מיט א מאָהאמעדאנער שקלאווין. דער מופטי האָט עס וואהרשיינליך געטאָן, אום דעם משיח מעהר אָפּצורייסען פון אידישען גלויבען.

אָט אזא פערעכטליכע בעשעפענים איז געווען שבתי צבי וועמען כמעט אלע אידען האָבען פערעהרט אלס זייער משיח און פון וועמען זיי האָבען ערווארטעט דיא גאולה!

ער האָט נאָך געהאט דיא אונפערשעהמטהייט צו שרייבען עט־

ליכע טאָג נאָך זיין שמד צו זיינע ברידער: „גאָט האָט מיך געמאכט פאר א ישמעאל. ער האָט עס מיר בעפוילען און איך האָב געפאָלגט“... נאָך מעהר, ער איז אויך געוואָרען א מסור און א פעררעטהער, דען ער האָט איבערגעגעבען דער טערקישער רעגיערונג, אז דיא אידען האָבען געוואָלט מאכען א מרידה געגען דעם סולטאן. מען זאָגט, אז ער האָט אויסגעזאָגט זיינע אייגענע משוגענע פלענער און ערקלערט, אז אלע אידען זיינען דערמיט געווען איינפערשטאנדען.

וואָס אנבעלאנגט צו דעם פוילישען „נביא“ נחמיה כהן, וועל־כער האָט זיך אזוי אָבגערעכענט מיט דעם פאלשען משיח און זיין באנדע, האָט ער זיך שנעל אָפגעטראָגען פון טירקיי און איז אוועק נאָך פוילען, וואו ער האָט גלייך אראָפגעשליידערט פון זיך דיא טער־קישע יארמולקע און האָט געמאכט א שוייג וועגען דעם וואָס ער האָט אָפגעטהאָן.

X

דיא ביטערע ערוואכונג פון אידען און נייע ליעגענס פון שבתי צבי'ס נביאים.

אין דער צייט, ווען שבתי צבי האָט אזוי שענדליך פערראטהען זיינע פערבלענדעטע ברידער, האָט מען אין אלע אידישע געמיינדעס פון אייראָפּא געווארט אויף דעם זיסען טאָג, ווען מען וועט קענען אָנפאנגען דעם מארש נאָך ירושלים. כמעט אלע רבנים און פאָרשטעהער פון דער אמסטערדאמער קהלה האָבען ארום דעם 25 סעפּטעמבער (צוויי וואָכען נאָך דעם שמד) געשיקט א בריעף צו שבתי צבי מיט אן ערקלערונג, דאָס זיי גלויבען אין זיין געטליכער מיסיאָן און זיינען בערייט צוטאָן,וואָס ער וועט הייסען. פון אנדערע שטעט האָט מען איהם אויך געשיקט אזעלכע אונטערטעניגע בריעף. אין האמבורג האָט מען איהם 5 מאָל געבענטשט אין דער צייט פון דיא תפילות אין יום כפור (דאָס איז געווען 3 וואָכען נאָך זיין שמד!).

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען, וואָס דיא אידען האָבען געפיהלט, ווען עס איז בעקאנט און בעשטעטיגט געוואָרען, אז דער משיח איז געוואָרן א טערק. אזוי ווי א דונער וואָלט אלעמען דערשלאָגען. יעדערער האָט געפיהלט אזוי ווי ער וואָלט ארונטערגעשליידערט געוואָרען פון א הימעל אין אן אבגרונד. איינער האָט זיך געשעמט צו קוקען דעם אנדערן אין דיא אויגען. דער טרוים איז געווען א זיסער, אָבער דיא ערוואכונג איז געווען א צו ביטערע, א צו שענדליכע. אזא מפלה האָבען זיך אפילו דיא „כופרים" ניט גערעכנט אויף דעם פאלשען משיח מיט זיין באנדע. דיא פערפיהרטע רבנים און פאָרשטעהער פון אידישע געמיינדעס זיינען געווען אין דער גרעסטער פערצווייפלונג ניט נאָר וואָס מען האָט זיי אָפּגענארט, זאָנדערן וואָס מען האָט געמאכט אלע אידען צו שאנדע און צו שפּאָט. דען קריסטען און מאָהאמעדאנער האָבען אויף זיי געטייטעלט מיט דיא פינגער און זיך אויסגעלאכט פון זיי. אין טערקישע

שטעט האָבען דיא אינגליך א לאנגע צייט געמאכט יעדען אידען פינסטער און ביטער אויפ'ן הארצען מיט לצנות וועגען זייער משיח.

אָבער צו אלע צרות האָט נאָך דער סולטאן מאהאָמעט דער פירטער געוואָלט מאכען א קורצען סוף פון אלע אידען אין זיין אימ־פעריע. ער איז אזוי אויפגעבראכט געוואָרן אויף זיי דורך מסירות (און שבתי צבי איז מייסטענס שולדיג געוועזן אין דיזע מסירות), דאָס זיי האָבען געוואָלט מאכען א מרידה, אז ער האָט געפּלאנעוועט אויסצושלאכטען אָדער צו פערטרייבען אלע דערוואקסענע אידען און צו מאכען פאר מוסולמאנער אלע אידישע קינדער פאר זיבען יאָהר. נאָר דעם סולטאן'ס מוטער און עטליכע ראטהגעבער, זאָגט מען, האָבען איהם אָבגערעט פון אזעלכע רציחות מיט דער ערקלערונג, דאָס דיא אידען זיינען נאָר פערבלענדעט און פערפיהרט געוואָרען און האָבען איהם פערזענליך קיין בייזעס ניט געוואָלט טאָן. ער האָט אָבער דאָך געוואָלט צייגען דיא אידען זיין צאָרן און האָט דארום געהייסען הינריכטען 50 רבנים דערפאר, וואָס זיי האָבען ניט געטאָן זייער פּפליכט איינצורויידען דיא אידען בלייבען טרייע אונטער־טאנען. מען האָט אויסגעקליבען 12 רבנים פון קאָנסטאנטינאָ־פּאָל, 12 פון סמירנא און די איבעריגע 26 זינדבעק פון אנדערע אידישע געמיינדעס אין טירקיי. נאָר גליקליכערווייזע האָט מען דיזען בארבארישען בעפעהל ניט אויסגעפיהרט. וואהרשיינליך האָט דער סולטאן חרטה געקראָגען, ווען זיין צאָרן האָט זיך אָבגעקיהלט. דיא אידען אין טירקיי זיינען שליעסליך אָפּגעקומען מיט זייער שרעק און שאנדע, דען אפילו געלט־שטראפען האָט מען פון זיי ניט פער־לאנגט.

די „כופרים" האָבען נאטירליך אויפגעהויבען די קעפּ, ווען מען האָט ערהאלטען ביסלעכווייז נאכריכטען וועגען שבתי צבי'ס שמד און פערראטה, און עס איז געקומען אין פיעלע ערטער צו בי־טערע מחלוקות. אָבער אין אלגעמיינען האָבען זיך דיא „כופרים" קלוג געהאלטען און ניט געזוכט צו פערביטערען נאָך מעהר דיא הערצער פון דיא פּערבלענדעטע. צוזאמען מיט דיא רבנים און תלמודיסטען, וועלכע האָבען זיך געלאָזט פריהער פערשלעפּען פון

דער משוגענער בעוועגונג, האָבען דיא „כופרים“ זיך געסטאַרעט צו פערגלעטען דיא וואונדען. אין איינִיגע ערטער האָט מען זאָגאר בעשלאָסען אריינצוליייגען אין חרם יעדען איינעם, וואָס וועט אפילו מיט ווערטער בעליידיגען א פריהערן פערעהרער פון דעם פאַלשען משיח.

אָבער דיא פערביסענע קאבאליסטען און איבערהויפט דיא חברה־לייט, וואָס האָבען געהאט אן אינטערעס אין דער משיח־בעוועגונג, האָבען ניט צו רוהע געלאָזט. זיי האָבען זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען מיט איין מאָל. נאָך די ערשטע נאכריכטען וועגען שבתי צבי׳ס איבערקעהרענעס, וועלכע האָבען זיי נאַטירליך ערשטוינט און צומישט, האָבען זיי אָנגעפאַנגען צו מאכען נייע דרייי־דליך און זוכען קאבאליסטישע תירוצים. פיעלע האָבען גלאַט ניט געקענט ארונטערשליגען, דאָס נאָך אלע „געשעהענע וואונדער“ און נאָך אלע „אָנווייזונגען“ פון דער קבלה, אז משיח׳ס צייטען זיינען אויפ׳ן נאָז, האָט זיך שבתי צבי אליין בעקעהרט צום מאָהאַמעדאַניזמוס. דאָס מוז עפּעס זיין א „סוד“, האָבען זיי געטענה׳עט, דאָס מוז זיין עפּעס א „פּראָבע“ פאר דיא אידען, אום זיי זאָלען פערדיענען דיא נאָהענטע גאולה. שמואל פרימאָ, נתן העזתי און אנדערע „נביאים“ וועלכע האָבען נאַטירליך געזוכט צו צייגען אז זיי זיינען ניט איינפאכע ליגנערס און שווינדלערס, האָבען אָנגעפאַנגען צו פערשפּרייטען א געשיכטע, אז גאָר ניט שבתי צבי איז געוואָרען א מאָהאמעדאנער, זאָנדערן עפּעס א שטן מקטרג. ער אליין האָט געמאכט א רייזע אין הימעל אָדער צו דיא צעהן שבטים און וועט זיך באלד ווידער בעווייזען, אום אויסצופיהרען דיא נבואות וועגען משיח׳ן און דיא נאָהענטע גאולה.

דיא קאבאליסטען און דיא בלינדעסטע נאָכשלעפּערס האָבען זיך אָנגעכאַפּט אָן דיזע נייע ליגענס, וויא איינער וואָס טרינקט זיך כאַפּט זיך אָן דעם שארף פון א מעסער. בעזאָנדערס האָט מען זיך נאַטירליך געקאָכט אין סמירנא. דאָרטען האָבען א סך געגלויבט, אז שבתי צבי איז אוועק צו דיא צעהן שבטים, און אין עטליכע סינאַגאָגען האָט מען געזאָגט ברכות פאר איהם גראדע וויא פאר דעם

שמד. דאָס האָט נעצוואונגען די רבנים אריינצולייגן יעדען איינעם אין חרם, וואָס וועט דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם פאלשען משיח אָדער וועט פיהרען דיסקוסיאָנען מיט זיינע בעוואוסטע נאָכשלע־פערס. די רבנים האָבען אויך געסטראשעט צו ווענדען זיך צו דער הילפע פון דער טערקישער רעגיערונג, אום איינצושטילען די חברה־לייט, וועלכע האָבען נאָך אלץ פערשפרייט פאלשע נביאות וועגען שבתי צבי.

נתן העזתי, וועלכער איז פערבליבען אין ארץ ישראל, ווערענד שבתי צבי איז געזעסען אין „מגדל עוז," אום דערוויילע אליין צו פיהרען די גרענדע, איז אוועק צוערשט נאָך דאמאסקוס, וואו ער האָט זיך געפיהלט זיכערער. פון דאָרטען האָט ער געשיקט א בריעף צו די אידען אין אלעפּאָ, אז זיי זאָלען ביי זיך ניט פאלען דורך די מעשה, אז זייער משיח איז געוואָרן א מוסולמאן. א טיעפע געהיימנים שטעקט אין דעם, האָט ער געשריעבען, און דיזע געהיימנים וועט באלד ערקלערט ווערען. מען האָט איהם צוערשט אריינגעלייגט אין חרם אין סמירנא און נאכהער אין אנדערע שטעט. דער חרם האָט אזוי גוט געווירקט, דאָס אין קיין שטאָט האָט ער ניט געקענט פערבלייבען א לענגערע צייט. אין איינינע שטעט האָט ער זיך געמוזט בעהאלטען.

שמואל פרימאָ איז אויך אריינגעלעגט געוואָרען אין חרם, נאָר ער האָט מייסטענס געארבייט און פאנאנדערגעשפרייטעט פאלשע געשיכטען און קונציגע קאבאליסטישע דריידלעך דורך אנדערע. מען רעכענט, אז ער האָט עס אויסגעטראכט פאָלגענדע חקירה וועגען שבתי צבי'ס שמד: אלעס איז בעשטימט געוואָרען פון גאָט; גראדע דורך אָננעהמען דעם מאָהאמעדאניזמוס האָט שבתי צבי בעוויזען, אז ער איז משיח; דאָס איז א קאבאליסטישע געהיימנים; אזוי וויא משה, דער ערשטער ערלייזער, איז געצוואונגען געווען צו לעבען א געוויסע צייט אין פּרעה'ס הויף ניט אלס א איד, זאָנדערן אלס א מצרי צום שיין, אזוי מוז עס זיין מיט דעם לעצטען ערלייזער; א געוויסע צייט מוז ער פערבלייבען אין א געצענדינערישען הויף, אויסווערטיג זינדיג, אָבער אין הארצען ריין; שבתי צבי איז אויך

בעשטימט געוואָרען צו בעפרייען דיא נשמות פון דיא מאָהאמעדאַ־נער און צו ברייגגען זיי דורך זיין פערבינדונג מיט זיי צוריק ריין צו זייער קוואל; דורך די ערלייזונג פון אלע נשמות וועט שבתי צבי נאָר זיכערער ברייגגען דיא גאולה.

אין אמונה־זאכען איז גראדע דאָס אונגלויבליכסטע אם לייכס־טען בעגלויבט. דיא אנהעננער פון שבתי צבי, וועלכע האָבען נאָר געזוכט תירוצים וויא זיך ארויסצודרייהען פון זייער פערלעגענהייט נאָך דער שאנדע פון זייער משיח, האָבען געפונען שמואל פרימאָ'ס געקינצעלטע קאבאליסטישע חקירה פאר דעם בעסטען תירוץ און זיי האָבען דאָס איבערגעקייט מיט אלץ מעהר מוטה און היץ. נתן העזתי האָט עס פארנאנדערגעפויקט אלס א נבואה.

אום נאָך מעהר צו פערטומלען דיא קעפּ, איז נתן העזתי אוועק נאָך אדריאנאָפּאָל, וואו דער משיח מעהמעד עפענדי האָט געוואָהנט צוזאמען מיט עטליכע פון זיינע אדיוטאנטען, וועלכע זיינען אויך געוואָרען מוסעלמאנער. דיא אידען פון קאָנסטאנטינאָפּאָל און אדריא־נאָפּאָל האָבען איהם געבעטען, אז ער זאָל זיי צו רוהע לאָזען און אוועקפאהרען, דען זיי האָבען מורא געהאט, אז זיי וועלען האָבען צרות דורך זיין צוזאמענטרעפען זיך מיט שבתי צבי. אָבער ער האָט זיי מיט זיין געוועהנליכע חוצפה גענטפערט, אז דעם קומענדען שבועות (אין 1667) וועט דער הייליגער גייסט זיך זיכער אריינ־כאפּען אין שבתי צבי און דאַן וועלען זיך שוין אָנפאנגען משיח'ס צייטען. ביז דיזע נבואה זיינע וועט ניט מקוים ווערן, וועט ער ניט אָפּטרעטען פון אדריאנאָפּאָל. ווען שבועות איז אָבער פאָראיבער וויא געוועהנליך, זיינען דיא אידען צו איהם צוגעשטאנען, ער זאָל זיך אָפּזאָגען פון זיינע פאלשע נבואות אָדער פערלאָזען דיא שטאָט. זיי האָבען איהם ענדליך געצוואונגען צו געבען זיי א שריפטליכען פערשפּרעך, דאָס ער וועט אָפּטרעטען ניט נעהנטער וויא 12 טעג רייזע פון אדריאנאָפּאָל, וועט ניט פיהרען א קאָרעספּאָנדענץ מיט שבתי צבי און וועט צוגעבען, אז זיינע נבואות זיינען פאלש, אויב אין א יאָהר צייט וועט זיך משיח ניט בעוויזען. נאָר באלד נאָך דיזען פערשפּרעך האָט ער געשריעבען צו שבתי צבי, דאָס מען דאַרף

אָנהאלטען דעם פריהערן בעשלוס שבעה עשר בתמוז ניט צו פאסטען.

אין אדריאנאָפּאָל האָבען זיך ביסלעכווייז צוזאמענגעקליבען עטליכע אנדערע פאלשע נביאים און א געוויסע צאָהל בלינדע גלויבערס, וועלכע האָבען פערשפּרייטעט פערשיעדענע ליגענס און אָנגעמאכט ניט ווייניג עגמת נפש דיא רבנים און אלע אידען. זיי האָבען צוגעקראָגען אנהענגער צו זייער סעקטע און האָבען בעזאָנדערס געלאָזט וויסען פון זיך דורך דעם, וואָס זיי האָבען לוסטיג געפייערט תשעה באב אלס דעם געבורטסטאָג פון זייער משיח. מען האָט זיי אלעמען ארייגעלייגט אין חרם, דאָס האָט גאָר ניט געהאָלפען, דען פיעלע זיינען נאָך פערבליעבען אונטער דעם איינפלוס פון דיא פריהערע חלומות און האָבען זיך נאָך ניט אויסגעניכטערט.

XI

דער סוף פון פאַלשען משיח.

שבתי צבי זעלבסט האָט ביסלעכווייז אויך אָנגעפאַנגען אַרויס־צוטרעטען מיט קאַבאַליסטישע איינבילדונגען. די ערשטע צייט נאָך זיין שמד, ווען ער איז געשטאַנען אונטער דער אויפפאַסונג פון דעם מופטי און האָט געמוזט לערנען די מאַהאָמעדאַנער תורה, האָט ער זיך געהאַלטען אָן א זייט ניט נאָר פון אידען, זאָנדערן אויך פון זיינע אַדיוטאַנטען, וועלכע האָבען זיך נאָך ניט בעקעהרט צום איסלאַם. ווען דער מופטי האָט געפונען, דאָס מעהמעד עפענדי איז שוין א כשר׳ער מוסולמאַן, האָט ער איהם געלאָזען מעהר פרייהייט צו בעשעפטיגען זיך מיט קבלה. מען האָט איהם אויך ערלויבט אי־בערצוגעבען זיינע קאַבאַליסטישע בעטראַכטונגען וועגען גאָט און די וועלט. מען זאָגט, אַז דער סולטאַן זעלבסט האָט איין מאָל אויפ־מערקזאַם זיך צוגעהערט צו שבתי צבי׳ס קאַבאַליסטישע חלומות.

אַרום פסח פון 1668 — צוויי יאָהר נאָך דער משיח־צייט, וועלכע איז בעשטימט געוועזען פון אידישע און קריסטליכע קאַבאַ־ליסטען — איז מעהמעד עפענדי ווידער „בעזוכט געוואָרען פון דעם רוח הקדש.״ ער זעלבסט אָדער גיכער איינער פון זיינע אַדיו־טאַנטען, מעגליך שמואל פּרימאָ, האָט אָבגעדרוקט א קאַבאַליסטישען ביכעל אונטער דעם נאָמען „פינף בעווייזע פון אמונה.״ אין דיזען ביכעל ווערט אָנגעגעבען, אַז שבתי צבי איז געוועזען און בלייבט נאָך אַליץ דער אמת׳ער משיח. ער וואָלט דאָס לייכט געקענט בעוויי־זען, ווען ער וואָלט ניט געהאַט רחמנות אויף כל ישראל, דען אַלע אידען וואָלטען דאַן בעדאַרפט ליידען אַזוי פיעל צרות און שמער־צען וויא דער משיח זעלבסט. ער איז דאַרום געוואָרען א מוסול־מאַן, אום צו בעקעהרען טויזענדער גוים צום אידישען גלויבען. דיזער אונזין איז געוועזען בעפוצט מיט הויך קלינגענדע און זעהר

דונקעלע קאבאליסטישע פראזען, אום דער עולם זאָל מיינען, אז דער משומד איז גאָר א מארטירער פאר אלע אידען.

אום צו זיין זיכער, אז דיא טערקישע רעגיערונג וועט איהם ניט בעשטראָפען פאר דיזע נייע פרעטענזיעס אויף א משיח־ראָלע, האָט דער משומד ערקלערט דעם מופטי און אויך דעם סולטאן, דאָס מיט דעם ביכעל צו דיא אידען מיינט ער נאָר זיי גיכער צו בעקעהרען צום מאָהאמעדאניזמוס. ער האָט אזוי געטאנצט צווישען צוויי שטולען, אום אלעמען צו נארען און צו בעשווינדלען. דער מופטי האָט איהם ערלויבט צו קומען וויעדער אין פארבינדונגען מיט אידען און זאָגאר צו פרעדיגען אין סינאגאָגען, אום צו זעהען, וויא וויט דאָס וועט ווירקען אויף אידען זיי זאָלען אָננעהמען דעם מאָהאמעדאנער גלויבען. דיא חברה־לייט, וועלכע האָבען צו דער צייט ארומגערינגעלט דעם משומד, האָבען געשפיעלט דיא ראָלע פון אידען און מאָהאמעדאנער, וויא עס האָט זיי געפאסט. ווען טערקישע שפּיאָנען פלעגען זיך בעווייזען אויף זייערע פערזאמלונגען, פלעגען זיי שנעל אראָפּווארפען זייערע אידישע היטלעך און אָנטאָן א טורבאן. אויף דיזער וויזע האָט זיך געבילדעט א אידיש־טערקישע סעקטע ארום דעם משיח מעהמעד עפענדי, און פיעלע אידען, וועלכע וואָלטען זיך פריהער מיט עקעל און האס אָבגעטרייסעלט פון א משומד, האָבען ניט נאָר פערקעהרט מיט דיזער באנדע זאָנדערן זיינען אליין אויך געוואָרען מוסולמאנער, וויינינגסטענס צום שיין, וויא זיי האָבען עס גענאָגט.

פון דער גאנצער משיח־בעוועגונג איז אויף דיזער ארט געוואָרען א מין מאָהאמעדאנישע מיסיאָנערען־געזעלשאפט אונטער דער השגחה פון דעם מופטי און פון מעהמעד־עפענדי....

דאָך האָבען זיך נאָך אלץ געפונען עהרליכע און פרומע אידען, אפילו גוטע תלמודיסטען, וועלכע האָבען זיך געהאלטען אָן דיזען פאלשען משיח, האָפענדיג אין זייער גייסטיגער פערבלענדעניס, אז עס וועט ענדליך געשעהען דורך איהם דער פערשפּראָכענער נס, און דיא גאולה וועט קומען!

נתן העזתי האָט ארומגעוואנדערט איבער פיעלע לענדער און

שטעט און האָט געפונען גלויביגע שעפּסעלעך, אַבוואָהל מען האָט איהם געיאָגט וויא א פערשאָלטענעם. פון טירקיי האָט ער זיך א לאָז געטאָן נאָך גריכענלאַנד און פון דאָרט נאָך איטאַליען, וואו זיין חבר אין פאַלשע נבואות, שבתי רפאל, האָט געבאַקען אייך ליגען נאָך דעם אנדערן וועגען שבתי צבי און איז נאכהער אוועק נאָרען דיא אידען אין דייטשלאַנד, בעזאָנדערס אין דיא ערטער, וואו עס איז שווער געווען צו דערגיין אויף ריכטיג וואָס עס האָט אין דער ווירקליכקייט פּאַסירט מיט דעם משיח אין טירקיי.

אין ווענעדיג האָט מען געצוואונגען דעם פאַלשען אליהו הנביא זיך מודה צו זיין שריפטליך, אז אַלע זיינע נבואות וועגען שבתי צבי זיינען נאָר בעגרינדעט געווען אויף פאַנטאַזיעס און אז ער גלויבט אליין ניט אין דעם. דיזע ערקלערונג האָבען דיא רבנים אָפּגעדרוקט מיט אַן הקדמה, אום צו עפענען דיא אויגען פון דיא יעניגע, וואָס זיינען נאָך געבליבען פערבלענדעט; אָבער דאָס האָט איהם ניט אָבגעהאַלטען ווייטער צו פערשפּרייטען פאַלשע נבואות און דאָס האָט איהם אויך ווייניג וואָס געשטערט צו קריעגען גלויביגע שעפּסעלעך. אין רוים איז ער אָנגעקומען פערשטעלט, מיט אַן אָבגעשאָרענע באָרד. וואָס ער האָט דאָרט געטאָן, ווייס מען ניט. מען זאָגט אז ער האָט אריינגעוואָרפען אין טייך טיבער עטליכע צעטלעך מיט קאַבאַליסטישע פראַזען אין כאַלדעאיש, אום דורך דעם צו פערשילטען דיא וועלט-שטאָט זיא זאָל צושטערט ווערען. שליסליך איז ער געצוואונגען געווען צוריק צו קעהרען זיך אין טירקיי. ער האָט דאָן ווידער בעזוכט שבתי צבי אין אדריאַנאָפּאָל, אָבוואָהל ער האָט געשוואָרן דאָס ניט צו טאָן. ער האָט זיך אַזוי ארומגעדרייט ביז זיין טויט אין 1680, מיט 4 יאָהר נאָך דעם טויט פון זיין משיח.

פון דיא אַנדערע אונטערשטיצערס פון שבתי צבי נאָך זיין שמד איז דער בעריהמטעסטער געווען דער מאַראַנאָ אברהם קאַרדאָזאָ. דאָס איז געווען א זעהר פעהיגער און זאָנדערבאַרער מענש. זיין יוגענד האָט ער פערבראַכט זעהר לוסטיג אין שפּאַניען, וואו ער האָט שטודירט מעדיצין. ער איז געווען א פיינער דאַמען-קאַוואַליער און פלעגט מעהר צייט פערברייגנען אויף זינגען סערע-

נאדען אונטער דיא פענסטער פון זיינע געליעבטע, וויא אויף זיינע שטודיען. פון קבלה איז ער יעדענפאלס געווען זעהר ווייט. נאָר מיט א מאָל האָט ער פערלאָזען שפּאניען און האָט זיך בעזעצט אין ווענעדיג צוזאמען מיט זיין עלטערן ברודער.ביידע האָבען דאן געענדערט זייערע קריסטליכע נעמען און האָבען זיך אָפען ערקלערט פאר אידען. ביידע האָבען פלייסיג שטודירט דיא אידישע ליטע־ראטור. ווען אברהם קארדאָזאָ איז געוואָרען א קאבאליסט, וויים מען ניט. וויא נאָר ער האָט דערהערט וועגען שבתי צבי איז ער געוואָרען אן ענטהוזיאסטישער אָנהענגער פון דעם פאלשען משיח.

בעזאָנדערס טהעטיג איז ער געוואָרען נאָך שבתי צבי'ס אי־בערקעהרענעס. נאָך פריהער האָט ער געליטען פון איינבילדונגען און אילוזיאָנען, אָבער נאָך דיא קאָכעריי מיט דעם פאלשען משיח איז ער גאָר צודולט געוואָרען. ער האָט אָנגעפאנגען צו זאָגען נבואות און פאנאנדערצושיקען שריפטען, אין וועלכע ער האָט ער־קלערט, אז שבתי צבי איז דאָך דער אמת'ער משיח. זיין עלטערער ברודער האָט זיך פון איהם אויסגעלאכט און איהם געפרעגט, אויב ער האָט געקראָגען דעם רוח הקדש פאר זיינע נבואות דורך זיינע סערענאדען לכבוד דיא מאדרידער מיידלעך, אָבער דאָס האָט ניט געווירקט אויף איהם. וואָס ווייטער איז ער אַלץ ווילדער געוואָרען אין זיינע פאנטאזיען ביז ער האָט זיך גענומען ארויסגעבען פאר דעם משיח פון אפרים. מען האָט איהם דאן גענומען יאָגען פון איין שטאָט אין דער אנדערע, וואו ער פלעגט אויך בעווייזען קאבא־ליסטישע קונצען און דערמיט צוציהען גלויביגע שעפסעלעך. זיין אייראָפּעאישע בילדונג האָט ער בענוצט אין דיסקוסיאָנען וועגען זיינע איינבילדונגען און האָט דורך דעם געוואונען מעהר אנהענ־גער פאר דעם פאלשען משיח, וויא אלע אנדערע קאבאליסטען און פאלשע נביאים.

זעהענדיג, אז ער האָט נאָך אַלץ אנהענגער און אז נביאים ערקלערען איהם נאָך פאר דעם אמת'ן משיח, האָט שבתי צבי פאָרטגעזעצט זיין משיח־ראָלע, וויא ווייט דיא טערקישע רעגיע־רונג האָט עס געקענט דערלאָזען, נאָר ער האָט אייגענטליך ניט

געוואוסט, אויף וועלכער וועלט ער געפינט זיך. דאָ פלעגט ער בעשימפּפען דיא אידישע רעליגיאָן און געברויכען שענדליכע ווער־טער נעגען דעם אידישען גאָט, אַן אנדערס מאָל פלעגט ער דאַווענען וויא אַן אמת'ער איד צוזאמען מיט זיינע נאָכפאָלגער און זינגען תהלים. מען בעהויפּטעט, אַז איין מאָל האָט ער פערמסרט אידען פאר טערקישע ריכטער, דאָס זיי לאָכען זיך אוים פון דער מאָהאַ־מעדאנער רעליגיאָן.

נאָר דיא טערקישע רעגירונג האָט זיך ביסלעכווייז אויפגעהערט צו קימערען וועגען איהם און וועגען זיינע נאָכפאָלגער, וועלכע זיינען אלץ וויינינגער געוואָרען אין צאָהל. דער מופטי האָט זיך ארומגעזועהען, אַז מעהמעד עפענדי קען ניט אויספיהרען זיין בעריהמעריי, דאָס ער וועט בעקעהרען אלע אידען צום איסלאַם, און דארום האָט מען איהם אויפגעהערט צו צאָהלען זיין פריהערע געהאלט און ארויסגעשיקט פון אדריאנאָפּאָל נאָך קאָנסטאנטינאָ־פּאָל.

א קורצע צייט נאכדעם האָט א טערקישער פּאטרול איהם גע־פונען צוזאמען מיט עטליכע אידען אין א דאָרף לעבען קאָנסטאנטינאָ־פּאָל זינגענדיג תהלים. ווען מען האָט עס געמעלדעט דעם גרויסען וויזיר האָט ער בעפוילען, אַז מען זאָל דעם משומד פערשיקען אין דער קליינער שטעטעל דולסיניאָ אין אלבאניען. דאָרטען איז ער שוין פערבליבען ביז זיין טויט. ער איז געשטאָרבען פערלאָזען פון אלעמען אין 1676 יאָהר.

ע נ ד ע.

ר' ישראל בעל שם טוב

דער גרינדער פון חסידיזמוס.

זיין לעבען, טהעטיגקייט און פילאָזאָפיע.

פון

א. פרומקין.

ערשטער קאפיטעל.

זיין געבורט און זיין יוגענד.

קוועלען און לעגענדען וועגען זיין געבורט. — זיינע עלטערן. — ער ווערט אַ יתום. — אין חדר. — דיא פּאַרצייטיגע מלמדים און דער „בעהעלפער". — זיין אַנטלויפען אין וואַלד. — זיין ליעבע צו דער נאַטור און צו מוזיק. — ער ווערט אַ „בעהעלפער", דער נאָך א שמש פון שוהל.

אם ענדע פון זיעבעצעהנטען יאהרהונדערט זיינען דיא אידען אין פּוילען געשטאַנען אויף אַ טרויעריגער שטופע פון קולטור. דיא בלוטיגע טעג פון דיא יאָהרען 1648—55, וועלכע זיינען בעקאַנט אין דער אידישער געשיכטע אונטער דעם נאמען „גזרות ת״ח", האָבען געלאָזט אַ טיעפען איינדרוק אויף דעם גייסטיגען צושטאַנד פון דיא דאַמאָלסדיגע אידען. דיא ווילדע קאָזאַקען האָבען פערטרונקען דאס גאַנצע לאַנד מיט אידיש בלוט; דיא ישיבות זיינען פערניכטעט געוואָרען. אויף אַ צייט לאַנג האט דאָרט אויפגעבליהט דיא ק ב ל ה, דיא תורה פון דיא אידישע מיסטיקער. דיא בעוועגונג פון „שבתי צבי" האָט זיך פערשפּרייט איבער דער לייַנג און דער ברייט פון פּוילען. זיא האט זיך אזוי טיעף איינגעגעסען אין דיא ביינער פון דיא דאָרטיגע אידען, אז זאָגאר דאַן, ווען דער „פאַלשער משיח" איז שוין געווען טויט, האבען זיי איהם ניט אויפגעגעבען אין גאַנצען. פון דיעזער

משיח־בעוועגונג איז אין פוילען געבאָרען געוואָרען דיא סעקטע „חסידים״, וועלכע האט געוואָלט אראָבברייננגען דיא גאולה דורך תעניתים און דורך פערשיעדענע קערפערליכע פייניגונגען, און אן דער שפּיצע פון וועלכער עס זיינען געשטאַנען דיא צוויי בעריהמטע קאַבאַליסטען יהודה חסיד און חיים מלאך. אָבער אויך פון זיי האט זיך גאָר ניט אויסגעלאָזען. נאָר אַן איינדרוק האָבען זיי געלאָזען איבעראַל, וואו זיי זיינען געוועזען; און וויא ענטטוישט דאָס פאָלק איז ניט געוועזען, האָבען זיך פון דעסטוועגען געפונען מאַסען, וואס האָבען ארויסגעקוקט אויף וואונדער.

אונגעפעהר אין יענער צייט איז אין א קליין שטעטעל אין וואָלאכיע געבאָרען געוואָרען דער פאָטער פון דעם „חסידיזמוס״, ר׳ ישראל בעל שם טוב.

* * *

וואו און אין וועלכען יאָהר ער איז געבאָרען געוואָרען, ווייס מען ניט גענוי. ביאָגראַפיען האָט מען דאָרט אין יענע צייטען ניט געשריעבען. כמעט אַלעס וואָס מיר ווייסען וועגען ר׳ ישראל בעל שם טוב, קומט צו אונז פון לעגענדען און מעשיות וואָס זיינע חסידים, זיינע נאָכפאָלגער האָבען איבערדערצעהלט איינע דיא אַנדערע, ביז וואַנען מען האָט דיזעלבע מעשה׳לאך אָנגעפאַנגען צו פערעפענטליכען אין שריפט. פאַר דיא גלויביגע, וואָס האָבען דערצעהלט דיא שבחים פון דעם „בעש״ט״ (בעל שם טוב) נאָך זיין טויט, איז ניט וויכטיג געוועזען צו בעשטימען אויף ריכטיג, וואו און ווען זיי האָבען פאַסירט. אויב דער בעל שם האָט עטוואס געזאָגט אָדער בעוויזען א וואונדער איז פאַר זיי גענוג צו וויסען, אז ער האָט דאס און דאָס געזאָגט און דאָס און דאָס געטהאָן. געהן אויסרעכענען אויף ריכטיג ווען דאָס איז געשעהן, דאס איז געוועזען א צו שווערע ארבייט און דיא חסידים האָבען עס געמוזט בעטראַכטען פאַר א׳ן איבעריגע זאַך.

לעגענדען זיינען דערצעהלט געוואָרען וועגען יעדען גרויסען מאַן, זאָגאַר אין דיא לעצטערע צייטען, ווען מען האָט שוין געפיהרט טאָגע ביכער און געשריבען ריכטיגע ביאָגראַפיעס. בעזאָנדערס זיינען דיא לעבענס־בעשרייבונגען פון אַלע רעליגיאָנס־גרינדער פול מיט לעגענדען.

און דער גרינדער פון׳ם „הסידיזמוס״ איז אין דיזער הינזיכט ניט נאָר ניט געווען קיין אויסנאהמע, נאָר גראָד פערקעהרט, זיין לעבען איז אזוי איינגעוויקעלט אין א וואָלקען פון בבא מעשיות און פון וואונ־דערליכע, צויבערהאפטע ערצעהלונגען, אז ער ווייזט עפּעס אין גאַנצען אויס וויא א פאבעלהאפטע פערזאָן.

איבערהויפּט זיינען דאָ זעהר ווייניג ביאָגראַפישע ידיעות מכח זיינע קינדער־יאָהרען. וויא מען קען ארויסנעהמען פון דיא פערשיע־דענע שריפטען וואס זיינע אנהייגער האָבען פערשפּרייט א צייט נאָך זיין טויט, איז ער געווען א קינד פון אָרעמע, פּראָסטע עלטערן. זיין פאָטער ר׳ אליעזר איז געווען א פרומער איד פון׳ם איינפאַכען פאָלק, פון׳ם המון עם. קיין פרנסה, ווייזט אויס, האָט ער אליין ניט געהאַט. ער האָט געלעבט אויפ׳ן חשבון פון זיין פרוי שרה, דעם בעל שם׳ס מוטער, וועלכע איז געווען א הייבאַמע. ישראל איז געווען א בן יחיד ביי זיינע עלטערן.

וועגען זיין געבורט דערצעהלען דיא חסידים א וואונדערבארע מעשה׳לע. אָהן דעם פאנגט זיך גאָר ניט אָן. דיא פאנטאזיע פון דעם בעל שם׳ס אנהייגער וואָלט ווירקליך געבליבען באַנקראָט, ווען זיא וואָלט ניט אויסגעטראכט עטוואס וואונדערבאַרעס וויא אזוי זייער געטליכער רבי איז געקומען אויף דער וועלט.

„איינמאָל — דערצעהלט דיא לעגענדע — זיינען דיא ווילדע טאטארען בעפאַלען דאס שטעטעל, וואו ר׳ אליעזר, דעם בעל שם׳ס פאָטער, האָט געלעבט. וויא זייער שטייגער איז געווען, האָבען זיי אויסגעליידיגט דיא הייזער פון׳ם גאנצען שטעטעל, גענומען דיא איינ־וואוינער געפאַנגען און זיי דערנאָך פערקויפט פאר קנעכט און דיענ־סטען. צווישען דיא געפאַנגענע איז אויך געווען דער פאָטער פון דעם גרינדער פון „חסידיזמוס״. דיא מוטער זיינע האָט זיך אויסגעדרעהט פון דיא טאטארישע הענד און איז אנטלאָפען ערגעץ־וואו.

„דיא טאטארען האָבען אליעזר׳ן אוועקגעפיהרט אין א וויטער מדינה, וואו קיין אידען זיינען ניט געווען. דאָרט האָבען זיי איהם פערקויפט פאר א שקלאַף. נאָר ער האָט נושא חן געווען ביי זיין

בעל הבית, וועלכער האט איהם געמאכט פאר דעם פערוואלטער פון זיין הויז.

„און עס פליהען דיא טעג, א טאָג נאָך א טאָג. אליעזר מאכט ביי זיך אָב צו אנטלויפען פון זיין בעל הבית. נאָר פון הימעל גיט מען איהם א וואונק צו בלייבען —

„מען דארף איהם נאָך האָבען דאָ, אין דער מדינה...

„און ווייל ער איז געוועזען אזוי טהייער ביי זיין הערה, האָט ער איהם א מאָל אוועקגעשיינקט צו דעם שני למלך, דיא רעכטע האנד פון סולטאן.

„איינמאָל האט זיך געמאכט, אז דער שני למלך איז געוועזען שטארק צוטראָגען. דער סולטאן האט זיך געפונען אין א שרעקליכער צרה, און ער האָט בעדארפט אן עצה,

„און אליעזר האָט דיא עצה געגעבען. פון הימעל האט מען זיא איהם מגלה געוועזען...

„וואָס נאָכדעם איז געוועזען פערשטעהט זיך שוין פון זיך אליין. אלץ האָט ער געקראָגען, אי גדולה, אי כבוד, אי עשירות, און דערצו נאָך א פרוי אויך!

„און דיא פרוי איז א שעהנע געוועזען, דיא שעהנסטע טאָכטער פון לאנד. נאָר אליעזר האט זיך ניט צוגעריהרט צו איהר...

„אז זיא פלעגט איהם פרעגען פאר וואָס ער בעהאַנדעלט איהר אזוי, און אז זיא פלעגט איהם זאָגען, וויא ליעב זיא האָט איהם — פלעגט ער זיך אויסדרעהען יעדעס מאָל מיט אן אנדער תירוץ.

„נאָר איינמאָל האָט זיא איהם שטארק דערקוטשעט, ער זאָל איהר זאָגען וואָס מיט איהם איז, דערצעהלט ער איהר מיט טרעהרען אין דיא אויגען, אז ער איז א איד...

„האָט זיא איהם אָבגעלאָזען, און גאָלד האָט זיא איהם מיטגעגעבען, און זילבער און אלערליי גוטע זאכען.

„נאָר אויפ'ן וועג זיינען איהם בעפאלען גזלנים און האָבען אוועקגערויבט זיין גאנצען פערמעגען.

„דאן האָט זיך אליהו הנביא צו איהם בעוויזען אויפ'ן וועג און האָט איהם אָנגעזאָגט, אז פאר דיא אלע צרות וואָס ער האָט איבער-

געליטען, וועט איהם גאָט בענשען אויף דער עלטער מיט א זוהן, וואָס וועט אויפעפענען די אויגען פון אידישען פאָלק.

„און אזוי — ענדיגט דיא לעגענדע — איז געבאָרען געוואָרען ר' ישראל בעל שם טוב."

לאַנג, ווייזט אויס, האָט דער אינגעל ניט זוכה געווען צו זיין מיט זיינע עלטערן צוזאמען. זיין פאָטער אליעזר איז געווען זעהר אלט און שוואך. ער איז געשטאָרבען, ווען זיין זוהן ישראל איז אלט געווען עטליכע יאָהר. פאר'ן טויט,—אזוי דערצעהלט זיך אין דיא „שבחי בעש"ט" — האָט ער ישראל'ן גענומען אויף דיא הענד און האָט איהם געזאָגט: „וויא דו זעהסט, מיין קינד, איז געקומען מיין צייט זיך אָבצוזעגענען מיט דער וועלט. איך בין זיכער, אז דו וועסט זיין א גרויסער, געטליכער מאַן. געדענק זשע, מיין זוהן, אז גאָט ברוך הוא וועט זיין שטענדיג מיט דיר, און דוא דארפסט פאר קיינעם קיין מורא ניט האָבען."

אָט דיא לעצטע ווערטער פון זיין שטערבענדען פאָטער זיינען איינגעקריצט געוואָרען אין זיין קינדעריש הערצעל; ער האָט זיי, ווייזט אויס, קיינמאָל פון זינען ניט ארויסגעלאָזען.

אָבער דאס איז ניט געווען אלעס. נאָך דעם פאָטער איז דיא מוטער, הפנים, אויך באַלד געשטאָרבען, און ישראל איז געבליבען א פאלשטענדיגער יתום, עלענד און אליין; זיין ערציהונג איז איצט געווע אין דיא הענט פון פרעמדע מענשען, וועלכע האָבען פון איהם געוואָלט מאכען א לערנער, א בן תורה.

וויא דער שטייגער איז, האָבען איהם זיינע פערזאָרגער אריינ־געגעבען אין א „חדר". עס זיינען איצט דאָ זעהר ווייניג פלעצער, וואו מען קען נאָך זעהן א פארצייטיגען חדר. דאס איז געווען א מורא'דיגער פלאַץ, א מין גיהנום פאר דיא קליינע חברה. דער אידי־שער פילאָזאָף שלמה מיימון, וועלכער האָט געלעבט אין יענער צייט, דערצעהלט זיך אָן שוידערליכעס וועגען דעם. „דער חדר—זאָגט ער—דאס איז אן ענגער, שמוציגער צימער, פול מיט רויך. אטהייל פון דיא קינדער זיצען אויף ביינק און א טהייל אויף דער ערד. דער מלמד, אין א שמוציגע העמד, זיצט ביים טיש מיט א גראָבען

שטעקען אין דער האנד. דיזער שטעקען דיענט אויף צוויי זאכען ער צורייבט דערמיט דעם טאבאק אין דער שיסעל וואס שטעהט אויף דער ערד, לעבען איהם; און אז מען דארף הויבט זיך דערזעל־בער שטעקען אויף איבער די פלייצעס און איבער די קעפ פון די קינדער..."

נאר אויסער דעם „מלמד" איז דא א „בעהעלפער" אין חדר. דאס איז א ווילדע חיה, פאר וועמען די קינדער ציטערן וויא פאר פייער. דער בעהעלפער שלאגט זיי נאך מעהר פון דעם רבי'ן. ער עסט אויף דעם גרעסטען טהייל פון די „וואָרמעסען," וואס אָרעמע מאמעס גיבען מיט די קינדער אין חדר. מיט איין וואָרט, דער „בעהעלפער" איז געוועזען דער שד פון די קליינע חברה; זיי האָבען געציטערט פאר איהם און זיי האָבען איהם אין הארצען געהאסט וויא דעם טויט.

וואָס פלעגט מען אין די „הדרים" לערנען? דאווענען, חומש מיט רש"י און מיט די עלטערע קינדער אויך גמרא. אָבער אלצ־דינג פלעגט געלערנט ווערן אָהן א ברעקעל סיסטעמע, אָהן געשמאק. דער אינגעל האָט ניט געקענט האָבען קיין שום אינטערעסע אין דעם.

און אין אזא מין „חדר" האָט זיך געפונען דער יתום ישראל. ער האָט ניט געקענט איינזיצען דאָרט. זיין קאָפּ איז ניט געלעגען ביים לערנען. בשעת דער מלמד האָט איהם איינגעטייטשט א פסוק פון חומש, האָט ער געטראכט וועגען עפּעס אנדערש. איהם האָט זיך געוואָלט זיין אין דרויסען, ווייט, העט ווייט אין וואלד, וואו עס איז ניטאָ ניט קיין „מלמד", ניט קיין „בעהעלפער," ניט קיין שמור־ציגער חדר און ניט קיין פערוויינטע, פערטרויערטע פּנים'לאך פון קליינע קינדער... שוין אַלס קינד האָט זיך אין איהם ארויסגעצייגט די ליעבע צו דער נאטור, די פערגעטערונג פון דאָס שעהנע און ערהאבענע. דעם וואלד האָט ער געליעבט דאָס לעבען, און מעהר וויא איינמאָל פלעגט ער פערשוואונדען ווערען אויף עטליכע טעג. מען פלעגט איהם ארומזוכען און ענדליך געפינען אליין אין וואלד, פערטראכט, פער'חלום'ט. די בוימער און די בערגלאך האָבען אין זיך געהאט א בעזונדערן צויבער פאר איהם. עס ווייזט אויס, אז ער

האָט אויך שטאַרק ליעב געהאַט צו הערען דעם געזאַנג פון פויגעל. זיינע נאָכפאָלגער דערצעהלען, אַז ער איז געווען זעהר מוזיקאַליש. מוזיק איז געווען זיין לעבען. און אַזוי בעהאַווענט איז ער געווע אין מוזיק, אַז ער האָט געקענט דערקענען פון דעם ניגון וואָס דער „בליזמר“ האָט געשפּיעלט, וואָס פאַר אַ סאָרט מענש ער איז, וואָס ער האָט אין זיין לעבען געטהאָן.

אין דעם בעל שם׳ס מנין — אַזוי דערצעהלט דיא לעגענדע — איז געווען אַן אַרענדאַר וואָס האָט געהאַט אַ אינגעל מיט זעהר שלעכטע פעהיגקייטען. דאָס איז געווען אַן איינפאַכער „גולם“ וואָס האָט זיך ניט געקענט אויסלערנען קיין „אלף בית“ אפילו. ימים נוראים אָדער יום טוב, אַז דער פאָטער פלעגט געהן אין שטאָדט דאַוונען, פלעגט ער דעם אינגעל לאָזען אין דערהיים. אַזוי האָט ער זיך געפיהרט ביז זיין זוהן איז געוואָרען „בר מצוה.“ איינמאָל, ערב יום כפור, האָט דער אַרענדאַר מורא געהאַט צו לאָזען זיין אינגעל אין דערהיים; ער קען נאָך מחלל זיין דעם הייליגען טאָג; ער ווייס דאָך ניט, אַז מען דאַרף פאַסטען...

דער אינגעל האָט געהאַט אַ פייפעלע. בשעת ער פלעגט ליגען אויף׳ן פעלד, מיט דיא שאָף און דיא רינדער, פלעגט ער דערויף אויספייפען פערשיעדענע, שעהנע ניגונים. דיזע פייפעלע האָט ער מיטגענומען מיט זיך אין שוהל אריין. דער פאָטער האָט דערפון ניט געוואוסט.

דעם גאַנצען טאָג איז דער אינגעל געזעסען אין קלויז און געקוקט מיט אַן אָפענעם מויל אויף דיא אידען וואָס האָבען געדאַווענט. אַ געפיהל פון קנאה האָט דורכגעדרונגען זיין הארץ. אַלע דאַוונען, אַלע שרייען, אַלע וויינען און ער שווייגט, ער טהוט גאָר ניט. אַ פאָר מאָל האָט ער זיך גענומען צום פייפעל און געוואָלט ווייזען וואָס ער קען... נאָר דער אַרענדאַר האָט עס דערזעהן און האָט איהם ניט געלאָזען. ער בעט זיך ביים פאָטער ער זאָל איהם לאָזען כאָטש איין פייף טהאָן—אונמעגליך! דער אינגעל האָט געהאַלטען דאָס פייפעלע אונטערן קאַפּטען, און כדי צו זיין זיכער, אַז ער זאָל ניט פייפען, האָט עס דער פאָטער צוגעהאַלטען ביי איין ברעג...

דער עולם האָט שוין אָבגעדאווענט מוסף, מנחה; מען האלט שוין ביי „נעילה". דער איינגעל בעט זיך ביים פאָטער, ער זאָל איהם לאָזען אַ פייף טהאָן, אָבער דער ארענדאר ענטפערט מיט אַ בייזער, אז ער זאָל זיצען שטיל.

מיט אמאָל האט ביים איינגעל געפּלאצט דיא געדולד...

ער האָט ארויסגעריסען דאס פייפעלע פון דעם פאָטער'ס האנד, און אין קלויז האט זיך דערהערט אַ מורא'דיגער פייף...

דיא חסידים זיינען פערציטערט געוואָרען און האבען זיך אומ־געקוקט אין אלע זייטען.

און דער „בעל שם" האָט מפסיק געווען אין מיטען דאווענען און האט געזאָגט:

— אָט דער איינגעל האט מיט זיין פייף ארויפגעשיקט אלע אונזערע תפילות צום הימעל... דער וואס קען דאווענען, רעדט צו גאָט דורך דיא תפלות... אָבער דער איינגעל קען נאָר פייפען, ניט מעהר, און דאָס איז ביי גאָט אָנגענומען וויא אונזערע תפלות...

פון דעם פייף — אזוי האבען זיינע נאכפאָלגער געדרונגען — האט ער דערקענט וואס פאר אַ איינגעל דעם ארענדאר'ס זוהן איז געווען; ער האט אין איהם ענטדעקט אַ פערבאָרגענעם צדיק.

אָבער ישראל'ס אויפפיהרונג, זיין אנטלויפען איינמאָל נאָך'ן אנדערן פון חדר אין וואלד אריין, האָט איהם פערמאאוס'ט אין דיא אויגען פון זיינע פערוואָרגער און זיי האבען זיך אָבגעטרייסעלט פון איהם. דער איינגעל האָט אלזאָ גאנץ פריה געמוזט אָנהויבען זאָרגען פאר זיך אליין.

אין אַ קורצע צייט ארום געפינען מיר איהם ווידער אין „חדר"; אָבער ניט אלס „תלמיד," נאָר אלס „בעהעלפער".

און אלס בעהעלפער איז ער געווען אַן אויסנאהמע פון זיינע חברים. ער האָט באלד געוואונען דיא הערצכאָך פון דיא קליינע קינדער. זיי האבען איהם זעהר ליעב געהאט. ער פלעגט זיי ניט נאָר פיהרען אין חדר און צוריק, נאָר ער פלעגט אויך מוזען געהן מיט זיי אין שול אריין און זאָגען מיט זיי „אמן" און „קדושה". דיזע ארבייט

פלעגט ער טהאָן מיט דעם גרעסטען פערגניגען. ער איז געווען צופריע־
דען מיט זיין בעהעלפערשען לעבען.

נאָר לאנג האט ער זיך דערביי ניט געהאלטען.

מען קען ניט וויסען אויף ריכטיג פאר וואס, נאָר אין א צייט
ארום האָט ער געביטען זיין בעשעפטיגונג און איז געוואָרען דער שמש
פון דער שוהל. מעגליך, אז דאָס איז געווען דערפאר, ווייל אלס שמש
האט ער געקענט זיין אונאבהיינגיגער, מעהר פאר זיך. דער דאמאלס־
דיגער שמש איז געווען א מין שומר וואס פלעגט היטען דיא שוהל,
און דער יופער ישראל האט געטהאָן זיין ארבייט וויא עס דארף צו
זיין. זיינע בעלי בתים, דיא גבירים פון שוהל, זיינען געווען צופרידען
מיט איהם, נאָר זיי האָבען איהם בעטראכט פאר א שטיקעל משוגע'נעם,
מחמת ער פלעגט אויף זיין דיא גאנצע נאכט, און ביי טאָג, בשעת
דער עולם האָט זיך ארומגעדרעהט און שוהל, איז ער געשלאָפען.

דיא גאנצע נאכט, ביז טאָג, פלעגט ער זיצען אין שוהל און
לערנען.

צווייטער קאפיטעל

זיין ענטוויקלונג און זיינע למודים.

וואס ער האט געלערנט. — ר׳ אדם און דיא געהיימע כתבים. — זיין חבר ר׳ אדם׳ס זוהן און זיין סוף. — דער בעש״ט ווערט א מלמד. — זיין שידוך מיט דעם בראָדער רב׳ס שוועסטער און זיינע צרות.

וואס האט ער געלערנט? פון וועלכע ספרים האט דער שפּעטערדיגער גרינדער פון׳ם חסידיזמוס געשעפּט זיינע קענטניסע? וואס פלעגט ער לערנען אין דיא נעבט וואס ער איז אויף געוועזען אין שוהל?

א גענויען ענטפער דערויף קען קיינער פון זיינע ביאָגראפען ניט געבען. נאר פון דיא בעקאנטע פאקטען וועגען זיינע קינדערשע יאָהרען, פון דעם וואס דערצעהלט זיך וועגען זיין פאנטאסטישע נאטור און זיין ליעבע צום וואלד, קען מען פערשטעהן, אז ער האט זיך ניט געבלענדעט דיא אויגען און ניט געבראָכען דעם מוח איבער דער גמרא און איבער דיא „פוסקים". דיזע ספרים זיינען, אהן צווייפעל, געוועזען פאר איהם צו טרוקען. עס איז גיכער צו גלויבען, אז ער האט זיך שוין אין דער יוגענד אָבגעגעבען מיט קבלה־ספרים, מיט׳ן „זוהר", דיא ביבעל פון דיא קבלה־לייט, און אנדערע ווערקע פון אלטע און נייע קאבאליסטען וואס האבען אין יענער צייט געהאט אן אָבגאנג אין פוילען.

אז דער „זוהר" איז שפּעטער ניט אַרויס פון זיינע הענד, פערגעסען זיינע פּערעהרער ניט צו דערצעהלען אויף יעדען שריט און טריט. דיזער ספר, פול מיט ווינקען און סודות, מיט לעגענדען און טיעפזיניגע געדאַנקען, געשריבען אין אַ צוויבערהאַפטען סטיל, האָט געמוזט מאַכען אַ טיעפען רושם אויף דער צאַרטער, פיהלענדער זעעלע פון דעם יונגען אינגעל. און מען דערצעהלט, אַז ווער עס איז שפּע־טער געקומען צו איהם, האָט איהם געפונען ביים „זוהר". דאָס איז געווען זיין טרייעסטער חבר אין לעבען. „אין דיזען ספר", פלעגט ער אַליין זאָגען, „האָט גאָט ברוך הוא בעהאַלטען פאַר דיא צדיקים דאָס ליכט וואָס ער האָט בעשאַפען אין דיא ששת ימי בראשית."

אויסער דיא קבלה־ספרים, דערצעהלט מען, האָט ער אויך ליעב געהאַט דעם „עין יעקב", יענעם טהייל פון תלמוד, וועלכע גיט זיך ניט אָב מיט טרוקענע דינים און מיט פּלפּולים; דעם טהייל פון דיא אגדתות, דיא לעגענדען פון דער גמרא. ער פלעגט ליעב האָבען, אימיצער זאָל זיצען לעבען איהם און איהם פאָרלעזען שטיקער פו „עין יעקב".

נאָר אַחוץ דיא ספרים איז אויך דאָ אַ לעגענדע וועגען געהיימע כתבים, מאַנוסקריפּטען, וואָס דער יונגער ישראל האָט „על פי נס" געקראָגען אין יענער צייט, ווען ער איז געווען שמש פון שוהל.

אין אַ געוויסער מדינה — דערצעהלט דיא לעגענדע — האָט אין יענער צייט געלעבט אַ הייליגער מאַן, אַ מקובל מיט'ן נאָמען ר' אדם. דיזער מאַן האָט אַמאָל אין אַ מערה געפונען אַ פּאַק מיט הייליגע כתבים, דורך וועלכע ער פלעגט בעווייזען וואונדער. פיעלע נסים האָט ר' אדם געצייגט. ער איז געווען אַ גרויסער אביון. איינמאָל האָט זיך אַ גרויסען קעניג פערגלוסט אַראָבצוקומען צו איהם צו גאַסט מיט אַ גאַנצע מחנה פון גענעראַלען און אָפּעצירען און סאָלדאַטען. און דער הייליגער מאַן האָט דורך דיא הייליגע מאַנוסקריפּטען פאַר איהם אויפגעשטעלט אַ פּראַכטפאָלען פּאַלאַץ אין איין מינוט; און אַ סעודה האָט ער פאַר זיי געמאַכט כיד המלך, מיט געבראָטענע קאַטשקעס און מיט וויין און מיט אַלערליי זיסע און געשמאַקע מאכלים — אַלץ דורך דיא הייליגע כתבים...

פאר'ן טויט האָט מען איהם פון הימעל מגלה געווען, אז דיא כתבים געהערן צו ר' ישראל דעם זוהן פון אליעזר, וועלכער געפינט זיך אין דער שטאָדט אָקופּ. ר' אדם האָט געהאַט אָן איין איינציגען זוהן, האָט ער איהם אָנגעזאָגט, אז נאָך זיין טויט זאָל ער פאָהרען נאָך אָקופּ און איבערגעבען דיא שריפטען צו דעם, וועמען זיי געהערן. דער זוהן האָט געפאָלגט און איז אוועקגעפאָהרען קיין אָקופּ. דאָרט איז ער אריינגעפאָהרען צום „פרנס חודש" און האָט איהם דערצעהלט, אַז זיין פאָטער האָט איהם פאַר'ן טויט אָנגעזאָגט חתונה צו האָבען אין דער שטאָדט.

האָט מען איהם גלייך געקראָגען א כלה. מען האָט איהם חתונה געמאַכט מיט א גביר'ס א טאָכטער.

נאָך דער חתונה האָט ער גענומען זוכען דעם, וואָס ער דאַרף, נאָר ער האָט ניט געקענט געפינען קיינעם, אויסער דעם 14 יעהריגען איינגעל ישראל, דער זוהן פון אליעזר, וועלכער האָט געדיענט אלס שמש פון שוהל. דער יונגער בעל הבית'ל האָט אַלזאָ גענומען נאָכ־שפּירען דעם איינגעל. ער האָט איהם א פּאָר מאָל אונטערגעוואָרפען א פּאָר כתבים און האָט געזעהן, וויא דער איינגעל האָט זיי מיט ציטערנדע הענט א כאַפּ געטהאָן, זיי דורכגעקוקט און זיי בעהאַלטען אין קעשענע. ער איז אַלזאָ געווען איבערצייגט, אז דאס איז דער, וועמען ער זוכט...

דער סוף איז געווען אז דיא צוויי יונגע לייט האָבען זיך בעקענט איינע מיט דיא אַנדערע. דער בעל הבית'ל האָט דעם איינגעל איבערגעגעבען דיא איבעריגע מאַנוסקריפּטען און האָט איהם געבעטען, ער זאָל זיין זיין חבר און לערנען מיט איהם צוזאַמען. ישראל האָט איינגעווילינט דערויף, נאָר מיט א בעדינגונג קיינער זאָל דערפון ניט וויסען; פאַר'ן עולם איז ער געווען דעם בעל הבית'ל'ס משרת.

דער יונגער מאַן האָט געהאַט א רייכען שווער, האָט ער ביי איהם גע'פּועל'ט, ער זאָל איהם אויסבויען א שטיבעל ערגעץ וואו, הינטער דער שטאָדט. דאָרט איז ער מיט ישראל'ן געזעסען און געלערנט. זיי האָבען אויך דאָרט געמאַכט פּראָבעס מיט דיא הייליגע כתבים; זיי האָבען פּרובירט בעוויזען וואונדער, וויא דער הייליגער

מאַן ר׳ אדם האָט געטהאָן. נאָר דיא פּראָבעס זיינען ניט געלונגען. איינמאָל האָבען זיי דורך דעם אָנגעמאַכט א גרויסע שרפה, א צוויי־טען מאָל האָט זיך דאָס געענדיגט מיט נאָך א גרעסערן אונגליק: דער בעל הבית׳ל איז דער׳הרג׳עט געוואָרען, און ישראל איז געבליבען אליין, אָהן א חבר...

עס דערצעהלט זיך אויך אז בשעת ישראל איז געוועזן שמש פון שוהל, האָט מען איהם חתונה געמאַכט, נאָר זיין ווייב האָט גע־מוזט שטאַרבען אין איין צייט מיט זיין חבר. דער יונגער מאַן איז אַלזאָ געבליבען אליין, אָהן אירגענד וועלכע שטיצע, און ער האָט זיך ווידער געמוזט אַוועקלאָזען „איבער דער וועלט“ זוכען פּרנסה.

און ווידער אַמאָל געפינען מיר איהם ביי זיין אַמאָליגער בעשעפ־טיגונג אלס „בעהעלפער“ אין פערשיעדענע „חדרים“, ארומפאָהרענ־דיג פון איין שטעטעל אין דער אַנדערער. קיין גליקען, פערשטעהט זיך, האָט ער דערפון ניט געמאַכט; ער האָט קוים געהאַט א שטיקעל ברויט. ער פלעגט געהן אָבגעריסען, אָבגעשליסען, וויא א בעטלער: אפילו אויף א שבת׳דיגע קאַפּאָטע האָט איהם זיין פּרנסה ניט גע־סטייעט

און אַזוי וויא פריהער איז איהם דיא „בעהעלפעריי“ גיך נמאס געוואָרען. זיין ליעבע צו איינזאַמקייט, זיין חשק צו וועלדער און פעלדער, צו דער נאַטור, האָבען איהם געטריבען אַוועקצואַוואַרפען דיא בע־העלפער־שטעלע און צו ווערן א מלמד ביי אַן אַרענדאַר.

דער אַרענדאַר אָדער „ישוביניק“, וויא מען האָט איהם גערופען און מען רופט איהם נאָך יעצט ביי אידען, איז געוועזן א מערקוויר־דיגער טיפּ. מאָדנע זאַכען דערצעהלט מען זיך אָן פון ישוביניקעס. זייער לעבען איז געוועזן קלעגליך און טרויעריג. „אָרימקייט און אונ־וויסענהייט האָבען געהערשט אין הויז פון יעדען אַרענדאַר,“ דערצעהלט דער פילאָזאָף שלמה מיימון אין זיין אייגענע לעבענס־בעשרייבונג. „דער בעל הבית איז געוועזן גראָב און שמוציג, א פאָלשטענדיגער „עם הארץ“ וואָס האָט ניט נאָר ניט געקענט קיין איין לשון קדש׳דיגען וואָרט, נאָר אפילו זשאַרגאָן האָט ער ניט געקענט ריידען. זיין שפּראַכע איז געוועזן א פערדאָרבענעס, צובראָכענעס רוסיש. וועגען

זיין פרוי און קינדער איז שוין גאָר ניטאָ וואָס צו ריידען; זיי זיינען געשטאַנען נאָך נידעריגער פון איהם. זיין הויז איז געווען אַ פּויערישע כאַטקע וואָס האָט געהאַלטען ביים איינפאַלען, שוואַרץ פון רויך. קיין קוימען איז ניט געווען אין שטוב, און דער רויך פלעגט אַרויסגעהן דורך אַ גרויסען לאָך וואָס איז געווען אין דאַך. אזוי גיך וויא דער אויווען פלעגט זיך אויסהייצען, פלעגט מען פערשטאָפּען דיא לאָך, כדי דיא וואַרימקייט זאָל ניט אַרויס פון שטוב. דיא גאַנצע וואוינונג איז בעשטאַנען פון איין צימער וואָס האָט געדיענט פאַר אַלצדינג: אַ שלאָף־צימער, אַ שיינק, אַן עסס־שטוב, און אַ „חדר" פאַר דיא קינדער צום לערנען. אין דיעזען צימער איז שטענדיג געווען הייס צום דערשטיקט ווערן, און מען פלעגט זיך דאָרט באָדען אין שמוץ. אַלעס איז געווען אויסגעמישט, דיא ריינע וואַסער און דיא פּאַמוניעצע, דיא שמוציגע קליידער און דיא אויסגעוואַשענע. דאָרט וואו מען פלעגט באַקען און קאָכען, האָט מען אויך געמוזט מעלקען דיא קוה... און אַלע, אַלע אין איין און דעמזעלבען צימער: דיא שבור׳ע פּויערים, דער אַרענדאַר, זיין פרוי און קינדער און — דער מלמד..."

צו אַזאַ לעבען האָט זיך דער בעל שם טוב בשום אופן ניט געקענט צוגעוואוינען. איינע פון זיינע בעדינגונגען, בשעת ער האָט אָנגענומען דיא שטעלע ביים אַרענדאַר, איז געווען, מען זאָל איהם אויפשטעלען אַ בעזונדער שטיבעל הינטער׳ן דאָרף. דאָרט פלעגט ער לערנען מיט דעם אַרענדאַר׳ס קינדער און אויך פערברייננגען זיין גאַנצע צייט. נאָר עסען פלעגט ער געהן צום „ישוב׳ניק" אין הויז.

מיט דער צייט האָט ער שטאַרק נושא חן געווען ביי דיא אַרומיגע אַרענדאַרען און ביי דיא „פּריצים", מחמת ער האָט געקענט פּויליש, און ער פלעגט זעהר אָפט דיענען אַלס דאָלמעטשער צווישען דיא אַרענדאַרען און זייערע פּריצים.

אין עטליכע יאָהר אַרום געפינען מיר איהם אין דער שטעטעל טלאָסט, ניט וויט פון בראָד. ער איז שוין זעלבסטשטענדיג און האַלט אַ „חדר" פאַר זיך. זיינע פעהיגקייטען און זיינע קענטניסע אין לעבען האָבען איהם געמאַכט אַ גוטען נאָמען ניט נאָר אין יענער שטעטעל אַליין, נאָר אויך אין אַלע אַרומיגע פּלעצער. ער איז געוואָרען בעליעבט

ביי אַלעמען. מען פלעגט אָפט קומען צו איהם האָבען א דין תּורה. אז עס האָט זיך געמאַכט א „בוררות“, א מין שיעדס־געריכט. האָט מען איהם גענומען פאר א „שליש“. מען האָט געהאַט צו איהם פולען צוטרויען.

צווישען דיא גרויסע לייט, מיט וועמען ער איז דאָן געקומען אין בעריהרונג, איז אויך געווען א געוויסער איד מיט'ן נאָמען ר' אפרים פון דער שטאָד קאָטעוו. ער איז געווען דער פאָטער פון דעם בעריהמ־טען רב, ר' אברהם גרשון קאָטעווער, וועלכער האָט געוואוינט אין בראָד. ר' אפרים האָט געהאַט א שטיקעל סכסוך מיט זיינעם א בעקאַנטען און האָט זיך געקליבען צו פאָהרען קיין בראָד האָבען דאָרט א דין תּורה. אָבער אַזוי וויא זיין בעל דין האָט איהם שטאַרק אָבגע־לויבט דעם מלמד ישראל פון זיין שטעטעל, האָט זיך ר' אפרים מיישב געווען און איז צוגעפאָהרען קיין טלאָסט, אום פאָרצולייגען דאָרט זיינע טענות. דעם בעל שם'ס פסק האָט אַזוי אויסגענומען ביי ר' אפר'ם'ן, אז ער האָט געזוכט זיך מיט איהם בעסער צו בעקענען; און ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אז דער מלמד איז אַן אלמן, האָט ער איהם אָנ־געבאָטען זיין טאָכטער, א גרושה, פאר א ווייב. ישראל האָט מסכים געווען דערצו, נאָר מיט א בעדינגונג, אז דיא חתונה זאָל ניט אָב־געלעגט ווערן אויף א בעשטימטע צייט און אז קיינער זאָל ניט וויסען דערפון ביז דאַן.

אויף'ן וועג, צוריק פאָהרענדיג אַהיים, איז ר' אפרים געשטאָרבען.

צווישען דיא פאַפּירען וואָס דער פערשטאָרבענער האָט איבער־געלאָזען, האָט זיין זוהן, ר' אברהם גרשון, געפונען דיא „תּנאים“, דורך וועלכע זיין שוועסטער איז געוואָרען א כלה פאר א געוויסען אלמן מיט'ן נאָמען ישראל דער זון פון אליעזר. ער איז ערשטוינט געוואָ־רען און האָט ניט געקענט פערשטעהן וויא אַזוי זיין פאָטער האָט געקענט פער'קנס'ן זיין טאָכטער אָהן איהר וויסען. ר' אברהם גרשון'ס שוועסטער האָט עס אויך ניט געקענט בעגרייפען. זיא האָט געצויגען מיט דיא פּלייצעס און האָט געשוויגען. עס איז געבליבען צו שווייגען דערווייל און אָבצוואַרטען, אום צו זעהן וואָס דאָ וועט ווערן.

אז דער „זמן״ פון דיא מלמדות איז אריבער, האָט ישראל פער־לאָזען טלאַסט און איז אוועק קיין בראָד צו ר׳ אברהם גרשון׳ען אין הויז. אָנגעטהאָן אין פראַסטע, פויערשע קליידער האָט ער זיך אוועק־געשטעלט ביים טהיר. דער רב האָט געמיינט, אז דאָס איז עפּעס אַן אָרעמאַן און האָט איהם געוואָלט געבען א נדבה. אָבער וויא ערשטוינט איז ער געוואָרען, אז אָנשטאָט צוצונעהמען דיא נדבה, האָט איהם דער אָבגעריסענער „שלעפּער״ דערלאַנגט דיא „תנאים״ און האָט איהם ערקלערט, אז ער איז געקומען חתונה האָבען.

ר׳ אברהם גרשון איז געבליבען א צוטומעלטער. אין זיין לע־בענס־טאָג וואָלט ער זיך ניט געגלויבט, אז זיין פאָטער וועט אויס־קלויבען פאַר זיין שוועסטער אזא פּראַסטאַק, אזא „גאָרנישט״ פאַר א מאַן. ער האָט אַלזאָ געשיקט רופען זיין שוועסטער און האָט איהר דערצעהלט דיא גאַנצע געשיכטע. זיא האָט ניט געוואָלט געהן געגען דעם ווילען פון איהר פערשטאָרבענעם פאָטער און עס איז געבליבען צו מאַכען דיא חתונה.

פאַר דער חופּה האָט דער חתן זיך דורכגעשמועסט מיט דער כלה. ער האָט איהר אויסגעזאָגט דעם אמת, ווער און וואָס ער איז, נאָר ער האָט איהר בעשוואָרען, זיא זאָל עס קיינעם ניט ענטדעקען, וויל ער וויל זיך נאָך אזוי פערשטעלען ביז א געוויסע צייט. דיא כלה האָט איינגעווילינגט.

לאָזען אז זיין שוואָגער זאָל בלייבען אזא „עם הארץ״, האָט ר׳ אברהם גרשון בשום אופן ניט געקענט, ער האָט דארום געזוכט איהם אויסצובילדען, מיט איהם צו לערנען. אבער זיין מיה איז געווען אַרויסגע־וואָרפען. ישראל האָט זיך געהאַלטען ביי זיין אָבמאַך, זיך ניט אויסצוגעבען מיט זיינע קענטניסע און מיט זיינע פעהיגקייטען פאַר קיינעם. ער האָט עס געהאַלטען פאַר אַן ערנידערונג, פאַר א פּחיתת הכבוד, צו ווערן בעעהרט פאַר עטליכע בלאַט גמרא וואָס מען קען. זיין כלל איז געווען, אז מען דאַרף אָבשאַצען דעם מענשען׳ס מעשים זיינע מדות, זיין כאַראַקטער, און ניט זיינע קענטניסע. עס איז קיין ספק ניט, אז ער האָט זיך געקענט אויסגלייכען מיט דיא דאַמאָלסדיגע רבנים אין למדנות אויך, נאָר ער האָט זיך ניט געוואָלט גרויס האַלטען דערמיט.

איהם איז געוועזן אלץ איינס וואָס פאַר א מיינונג מען וועט האָבען וועגען זיינע קענטניסע. ער האָט געקוקט מיט גלייכגילטיקקייט אויף דיעזע מיינונגען. דיזע מדה איז ביי איהם געבליבען לאַנג, זאָגאַר דאַן, ווען ער איז אַרויס פאַר דער וועלט, ווען מען האָט שוין געוואוסט ווער ער איז. „עס דאַרף זיין אַלץ איינס פאַר דעם מענשען", זאָגט ער אין זיין צוואה, „צו מען לויבט איהם, צו מען טאַדעלט איהם; צו מען האָט איהם ליעב אָדער פיינט, צו מען האַלט איהם פאַר א גרויסען קענער אָדער פאַר א פשוט'ן „עם הארץ"...

נאָר פאַר ר' אברהם גרשון'ען איז דאָס קיין תירוץ ניט געווען. ער האָט געוואָלט אז זיין שוואָגער זאָל ווערן א למדן, און ווען ער האָט געזעהן אז ער קען מיט איהם גאָר ניט מאַכען, האָט ער געשיקט רופען זיין שוועסטער און האָט איהר פאָרגעלייגט: ענטוועדער זיא זאָל זיך גט'ן מיט איהר מאַן, דעם „עם הארץ", אָדער זיי זאָלען זיך אוועקפאָהרען פון בראָד, וואו זיי ווילען. ער וויל זיי מעהר ניט קענען.

זיא האָט אויסגעקליבען דיא צווייטע בעדינגונג.

ישראל האט אַלזאָ געמוזט נעהמען זיין פרוי און פערלאָזען בראָד. דער האַרטנעקיגער רב, וועמען דער יחוס און דער שטאָלץ פון זיין למדנות האט געמאַכט פאַר אן אכזר, האָט זיך ניט געלאָזט בויגען. ער האָט דיא פאָר פאָלק געקויפט א פערד און וואָגען און האט זיי אַרויסגעשיקט פון שטאָדט.

דריטער קאפיטעל.

זיין „ענטפלעקונג“ און טהעטיגקייט אלס „בעל שם“.

זיין לעבען אויף דיא בערג. — צוריק אין בראָד. — ווערט אַ שוחט און שפּעטער אַ בעל־הבית פון אַ קרעטשמע. — זיין „ענטפלעקונג“ — זיין טהעטיגקייט אלס „בעל שם“ און זיינע וואונדער.

וואו זיינען זיי אהינגעקומען ? א צייט לאנג זיינען זיי ארומגעפאָהרען פון איין אָרט צום אנדערן ביז וואנען זיי האָבען זיך בעזעצט אין א דאָרף צווישען דיא שטעדט קאָטעוו און קאָסעוו. עס ווייזט אויס, אז נאָר זיא, דיא פרוי האָט געוואוינט אין דאָרף. ער פלעגט, וויא געוועהנליך, פערברייגגען דיא צייט אליין, צווישען דיא הויכע בערג, ארום יענעם דאָרף. זיי האָבען געפיהרט אן אָרעמען, קיעגליכען לעבען. דיא איינציגע שטיקעל שטיצע זייערע איז געוועזען דאָס פערד און וועגעלע וואָס ר׳ אברהם גרשון האָט זיי געקויפט פאַר זייער אָבפאָהרען פון בראָד. א פּאָר מאָל אין דער וואָך, דערצעהלט מען, פלעגט דיא פרוי קומען מיט'ן פערד און וואָגען צו איהר מאַן אויף דיא בערג. ער פלעגט אָנלאָדען דעם וואָגען מיט ליים און זיא פלעגט עס פיהרען אין דיא ארומיגע שטעטלעך פערקויפען. דערפון האָבען זיי געלעבט.

אָבער לאנג האָט עס ניט אָנגעהאלטען. מען קען ניט וויסען וואָס דאָרט איז געשעהן. אפשר איז דאָס פערדיל, דיא איינציגע שטיצע זייערע, אוועקגעפאלען. עס איז זיי געוואָרען זעהר ביטער און

זיי האָבען זיך געמוזט אומקעהרען קיין בראָד, צו ר' אברהם גרשון'ען אין הויז.

און דאָ האָט זיך ווידער א מאָל אָנגעפאַנגען דער אַלטער קאַמפּף. דער לַמדן ר' אברהם גרשון האָט געזוכט אַלערליי מיטלען צו מאַכען זיין שוואָגער דעם „עם הארץ", פאַר א „לייט". אָבער אומזיסט! ער האָט צו קיין זאַך ניט געטויגט; א לא יוצלח, און גענוג! ער האָט איהם געמאַכט פאַר זיין משרת. איינמאָל האָט ער איהם מיטגענומען מיט זיך אויף דער רייזע. ר' אברהם גרשון האָט איינגע־דרעמעלט, און ער, ישראל, איז געווען אזוי פערטיעפט אין זיינע מחשבות, אז דיא פערד האבען אריינגעשלעפּט דעם וואָגען אין א טיעפען זומפּ און מען האָט ניט געקענט ארויסקריכען פון דאָרט. דער רב האָט זיך געמוזט אַליין מטריח זיין און צוגעהן אין דאָרף רופען אייניגע פּויערים ארויסצושלעפּען דעם וואָגען מיט דיא פערד. ישראל'ן האָט ער שוין מורא געהאט צו שיקען, ער זאָל ניט פער־בלאָנדזשעט ווערן...

דעם מאָל האָט ישראל אַליין שוין ניט געקענט בלייבען לאַנג ביים שוואָגער. ער האָט זיך אויסגעלערנט „הלכות שחיטה" און איז געוואָרען א שוחט. אזוי פלעגט ער ארומפאָהרען אין דיא ארומיגע דערפער וואו ער האָט געדיענט אלס שטענדיגער שוחט. שפּעטער האָט זיך איהם געמאַכט אָנצונעהמען א קליינע קרעטשמע. ער האָט זיא אָבגעדונגען ניט ביים „פּריץ" אַליין נאָר ביי א אידישען ארענדאר, וועלכער האָט געהאט אונטער זיין האנד עטליכע קרעטשמעס און האָט איהם אָבגעלאָזען איינע. קיין גליקען האָט ישראל דערביי ניט געקענט מאַכען. עס האָט איהם זאָגאר ניט געסטייעט צום לעבען, מחמת ער פלעגט מוזען קויפען שנאַפּס און וויין ביים ארענדאר און פלעגט מוזען צאָהלען וויפיעל יענער האָט פערלאַנגט. ער האָט אַלזאָ געמוזט זעהר אָפט ארויספאָהרען איבער דיא דערפער און צומאַכען א ביסעל געלד פון דער שחיטה.

אין דער קרעטשמע האָט ער זיך געפיהרט וויא געוועהנ־ליך. זיין ווייב און זיינע קינדער האָבען געוואוינט דאָרט, און ער פלעגט זיין אונגעשטערט און האָט געקענט זיך פערטיעפען אין זיינע

גערדאַנקען ווי פיעל ער האָט געוואָלט. אהיים פלעגט ער נאָר קומען שבת און יום טוב, אָדער דאַן ווען זיין פרוי האָט איהם געשיקט רופען צו בעדיענען דיא אורחים.

און אין דיעזער קרעטשמע, הייסט עס, איז געקומען זיין צייט זיך צו „ענטפלעקען", ארויסצוצייגען פאר דער וועלט זיין גרויסקייט און זיין „ליכט". ער איז דאַן געווען אונגעפעהר 36 יאהר אַלט. מען האָט איהם, וויא זיינע נאָכפאָלגער דערצעהלען, פון הימעל גע־הייסען אראָבוואַרפען פון זיך דיא מאַסקע פון דעם פּראָסטען, איינ־פאַכען מענשען.

וויא אַזוי איז דאָס צוגעגאַנגען ? וויא אַזוי האָט דיא וועלט דערזעהן זיין היילינקייט ? דערויף זיינען דאָ עטליכע לעגענדעס, און איינע פון זיי דערצעהלט זיך אויף אַזאַ אופן:

איינמאָל איז צו איהם אין קרעטשמע אריינגעפאָהרען אַן אורח, אַ רב, זיין שוואָגער ר' אברהם גרשון'ס אַ תּלמיד. ישראל האָט איהם אַליין בעדיענט. ארום דיענסטאָג רופט זיך אָב דער אורח צו איהם: „ישראל, זיי אַזוי גוט און גרייט צו דעם פערד און וואָגען, מחמת איך מוז באַלד אָבפאָהרען". בעט איהם דער „בעש"ט" ער זאָל בלייבען ביי איהם אויף שבת. דער רב קוקט איהם אָן וויא אַ משוגע'נעם. אָבער דיא השגחה האָט זיך געטהאָן איהרס. וויפיעל דער אורח האָט זיך ניט געאיילט צו פאָהרען, האָט זיך כסדר געמאַכט עפּעס וואָס האָט איהם פערהאַלטען, און ער האָט געמוזט בלייבען ביז איבער שבת אין קרעטשמע.

שבת, ביים טיש, האָט דער אורח דערקענט דעם בעל הבית פון דער ארענדע. ער האָט דערזעהן זיין גרויסקייט... אָבער דער „בעל שם טוב" האָט אויף איהם גוזר געווען ער זאָל עס ניט דערצעהלען זיין שוואָגער, נאָר ער זאָל אריבער געהן צו דיא פרומע אידען פון שטאָדט און זאָל זיי זאָגען בזה הלשון: „אַ גרויסער שטערן געפינט זיך ארום אייך. עס איז אַ יושר איהר זאָלט איהם אריינגעהמען אין שטאָדט אריין".

פון דאַן אָן האָט ער זיך שוין מעהר ניט בעהאַלטען. דיא וועלט האָט איהם דערקענט...

* * *

פאר דעם גרויסען עולם האט זיך דער גרינדער פון חסידיזמוס צוערשט בעוויזען אלס "בעל שם". דאס האט איהם געגעבען זיין גרויסען נאמען, דאס האט איהם געבראכט אין בעריהרונג מיט טויזענדע און טויזענדע מענשען, אידען און קריסטען, וועלכע האבען גענומען גלויבען אין זיין גרויסקייט, אין זיין היילינקייט.

ער איז ניט געווען דער ערשטער און ניט דער איינציגער „בעל שם". אין יענער צייט איז גאנץ פאדאליען, גאליציען און בוקאווינא געווען פול מיט געשיכטען פון דיא וואונדער, וואס דיא „בעלי שמות" האבען געוויזען. דער גייסטיגער צושטאנד פון דיא אידען אין יענע מקומות איז געווען וויא צוגעמאסטען דערצו. דער אידישער המון עם האט געלעבט אין א מורא׳דיגער פינסטערניס, אונטערדריקט און פערפאלגט פון דיא בייזע „פריצים". וואס פאר א ווערדע האט א איד געהאט ביים פריץ אין דיא אויגען? אויף דער קריסטליכער פויער איז דאן געווען גענוג אונטערדריקט; נאר פאר איהם האט דער פריץ כאטש אמאל געהאט א שטיקעל אבשיי; ער האט פשוט געציטערט פאר איהם, ער זאל ניט רעוואלטירען. פאר דעם אידישען ארענדאר האט ער קיין שום מורא ניט געהאט. אז ער פלעגט האבען א כעס אויף א אידען, פלעגט ער איהם אבטשטאטשעווען אויף׳ן וועג, איהם צו׳הרג׳ענען און איבערלאזען זיין טויטען קערפער פאר דיא ווילדע חיות. ווען עס האט זיך איהם פערגלוסט, האט ער געלאזט אונטערצינדען דעם אידען׳ס הויז, און אין דער מהומה פלעגט ער דער׳הרג׳ענען דעם אידען קיינער זאל ניט וויסען ווער דאס האט געטהאן. דיא „שאלות ותשובות" פון דיא דאמאלסדיגע רבנים זיינען פול מיט פראגען און אנטווארטען וועגען דיא מאסען עגונות וואס זיינען דאן געבליבען דורך דעם וואס מען האט ניט געקענט געפינען דיא קערפערס פון זייערע ערמארדעטע מענער.

און פונקט אזוי קלעגליך וויא דיא עפאנאמישע לאגע איז אויך געווען דער גייסטיגער צושטאנד פון יענער צייט. ניט נאר דיא מוחות פון׳ם המון עם זיינען געווען פערפינסטערט, נאר דיא דאמאלסדיגע רבנים, מישטיינס געזאגט, זיינען אויך ניט געווען בעסער. אין יענער צייט האט זיך געקענט געפינען א רב וואס האט געפרעגט דעם אנדערן אזא שאלה: „א פאטער וואס האט א נדר געטהאן ניט צו לערנען

זיין זוהן דיא פוילישע שריפט, צו האט ער עובר געווען אויף זיין שבועה דורך דעם וואס ער האט איהם אויסגעלערנט דעם פוילישען „אלף בית" אויסענווייניג, ניט צייגענדיג איהם דיא בוכשטאבען, נאָר דער זוהן איז אזא חכם און האט עס דערנאָך אליין אויסגעפונען?"... דיזע און עהנליכע שאלות צייגען אויף וואס פאר א נידריגע גייסטיגע מדרגה דיא אידען זיינען דאן געשטאנען אין יענע געגענדען.

וואָס זשע איז דער וואונדער, אז דיא „בעלי שמות" האָבען דאן געפונען אזא אויפנאהמע? ניט נאָר אין פאָדאָליע און אין גאליציען אליין האבען זיי געפונען א פעלד פאר זייער טהעטיגקייט; זיי האבען זיך פערשפרייט איבער דער לייננ און דער ברייט פון אייראָפּא. זייערע „קליענטען" זיינען געווען ניט בלויז אידען, נאָר אויך קריסטען, בעזאנדערס רייכע דאמען וואס זיינען געקומען צוא דיא „הייליגע מענער" זוכען א רפואה צו זייערע געבראָכענע הערצער, צו זייערע דערשלאָגענע געמיטהען און אָפטמאָל צו זייערע קערפערליכע קראנקהייטען. כמעט אין יענער צייט איז צווישען דיא קריסטען גופא, אין ענגלאנד און אין נאָרטה אמעריקא, ארויסגעוואקסען דיא סעקטע פון „תפלה־דאָקטוירים", אזוי וויא דיא זאָ־גענאנטע קריסטשיאן סייענטיסטס" אין אמעריקא, וועלכע האָבען געוואָלט הייקען גייסטיגע און קערפערליכע קראנקהייטען דורך געבעט

עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אז צווישען דיא פערשיעדענע „בעלי שמות" פון יענער צייט האָבען זיך געפונען גענוג שווינדלער, וועלכע האָבען געזוכט צו מאכען געלד פון זייערע „שוואַרצע קונצען". אויף דעם „בעל שם טוב" קען דאס אבער קיינער ניט זאָגען, אפילו זיינע ביטערסטע געגנער ניט. „צו זיין עהרע", זאָגט גרעטץ, „מוז מען צוגעבען, אז ער האט קיינמאָל ניט מיסברויכט זיינע פעהיגקייטען. ער האָט ניט געמאכט קיין מסחר דערמיט; ער האָט אפילו ניט געזוכט דערפון א לעבען צו מאכען."

אויף וויא ווייט מען קען ארויסנעהמען פון זיינע אייגענע ווערטער ביי פיעלע געלעגענהייטען, איז ער געווען איבערצייגט אין זיין כח אלס „בעל שם". עס איז געלעגען אין זיין טהעאָריע, אין זיין תורה. „דיא גאָטהייט געפינט זיך איבעראל, אין אלע בּרואים"—דאָס איז געווען זיין

פרינציפּ. דאָס איבריגע פערשטעהט זיך שוין פון זיך אליין. וויא באלד דיא שכינה איז איבעראל, דאָקענען דיא וואָס זיינען מסוגל דערצו ווירקען אויף איהר ווילען, איהר בוינגען וואו זיי ווילען, דאָס הייסט בעווייזען וואונדער...

האָט ער זיך אימער בענוצט מיט דיזער „געטליכער" קראפט זיי־נער, אין וועלכער ער האָט אליין געגלויבט? זיינע נאכפאָלגער זאָגען, אז ניט. נור דאן ווען עס איז קיין אנדער ברירה ניט געווען, האָט ער נעברויכט איבער־נאטירליכע מיטלען. געוועהנליך האָט ער אלס „בעל שם" אנגעווענדעט נאטירליכע מיטלען, באבסקע רפואות און סגולות, וועלכע ער האָט זיכער געלערנט אין דער יוגענד, ארומפאָהרענדיג אין דיא דערפער און פערברייננענדיג מאָנאטען און יאָהרען אין דיא וועלדער און אויף די בערג. קראנקהייטען פלעגט ער מייסטענס היילען מיט קרייטיכער און גראָזען. ער פלעגט אויך געבען „קמיעות", אָבער דאָס נאָר זעלטען, ווען ער האָט זיך ניט געקענט העלפען. אָפטמאָל, ווען זיין פּאציענט איז געשטאָרבען, האָט ער געהאט אַ פארטיגען תירוץ: ער האָט ניט געקענט העלפען דערצו; ער האָט געהערט וויא מען האט אויף'ן הימעל אויסגערופען, אז דער חולה מוז שטארבען; אָדער אז ער האָט געזעהן וויא דער מלאך המות שטעהט שוין הינטער דעם טויטען און עס איז געווען פערפאלען!...

דאָס וואָס ווערט אָנדערצעהלט פון זיינע וואונדער אלס „בעל שם", קען אָנפילען גאנצע ביכער. נאָך דיא שילדערונגען פון דיא חסידים האָט ער געצייגט זיין כח אין פערשיעדענע פעלע. דיא גע־פעהרליכסטע קראנקהייטען האט ער געהיילט, וואהנזיניגע האָט ער קלאָר געמאכט. נאָר דאס איז ניט אלעס. ער איז אויך געווען אַ „רואה ואינו נראה". אז ער האט געוואָלט, האָט ער געקענט שטעהן לעבען אייך, און איהר זאָלט איהם ניט זעהן. דערצו האָט ער זיך אויסגעצייכענט אלס „נביא". זיינע פערעהרער וויסען פון צעהנדליגע מעשה'לאך וועגען זיין וויטען בליק אין דער צוקונפט. פיעלע זאכען וואָס ער האט נביאות געזאָגט, דערצעהלען זיי, זיינען מקוים געוואָרען.

אין דער גאנצער צייט וואָס דער גרינדער פון חסידיזמוס איז געווען טהעטיג אלס „בעל שם" איז ער ארומגעפאָהרען איבער'ן לאנד.

מען געפינט איהם אלע ווילע אין אן אנדער שטאדט. דיזע טהעטיג־
קייט זיינע האט אנגעהאלטען עטליכע יאהר און האט איהם פער־
שאפט א גרויסען נאמען. ער איז געווארען בעריהמט איבעראל. יעדער
איינער האט גערעדט פון איהם. מען האט זיך ניט געקענט אבלויבען
געגוג פון זיינע וואונדער וואס ער האט געציינט. ארום איהם האבען
זיך ארומגעקליעבען הונדערטער מענשען פון אלע קלאסען, וואס זיינען
איהם נאכגעגאנגען דיא טריט און האבען געשלונגען זיינע רייד. דאן,
ווייזט אויס, איז איהם שוין נמאס געווארען דער וואנדערענדער לעבען,
און ער האט בעשלאסען זיך צו בעזעצען אין א שטאדט און פארט־
זעצען פון דארט זיין טהעטיגקייט ניט נאר אלס „בעל שם״, אלס
וואונדער־היילער, נאר אויך אלס פיהרער פון א נייער כתה, פון א
נייע ריכטונג אין יודענטהום.

פערטער קאפיטעל.

זיין טהעטיקקייט אלס „צדיק״ און זיין פילאָזאָפיע.

דער בעש״ט אלס „צדיק״ אין מעזביז. — אן אייגענע הויז. — זיין לוסט צו זיצען אין דערהיים. — דיא נייע תורה. — זיין בעגריעף וועגען גאט. — געגען דיא קאבאליסטען און דיא רבנים,

פון דיא פיעלע שטעדט, וואו דער בעש״ט איז ארומגעפאָהרען, האָט ער אויסגעקליבען דיא קליינע שטעטעל מעזביז און האָט זיך דאָרט בעזעצט מיט זיין פאמיליע. פאר וואָס איז דער גורל גראָד געפאלען אויף מעזביז? מחמת דיא קליינע שטעטעלע האָט געהאט אין זיך פיעלע זאכען וואָס האָבען איהם צוגעצויגען. זיא האָט ערשטענס געהאט א היסטאָרישען ווערטה: אין איהר פנקס זיינען פערשריבען פיעלע פאסירונגען פון דיא „גזרות ת״ח״. אויסער דעם צייכענט זיא זיך אויך אוים מיט איהר געאָגראפישער לאגע; זיא ליגט אויף א זעהר שעהנעם פלאץ, און דאָס לאנד ארום איהר איז זעהר בעוואקסען. דאס איז געוועזען גענוג צו געווינען דעם בעש״ט׳ס הארץ.

און עס האָבען זיך אָנגעהויבען קלייבען אין מעזביז הונדערטער און טויזענדער אידען. אויסער דעם פראָסטען עולם, דעם המון עם זיינען אויך געוועזען פיעלע געלעהרנטע יונגע לייט, תלמידי חכמים וואָס זיינען געקומען הערען תורה פון דעם גרויסען און בעריהמטען מאן.

דיא ערש״ע צייט, באַלד וויא ער האָט זיך בעזעצט אין מעזביז, האָט דער בעש ט געוואוינט אין א דירה וואס ער האָט געדונגען פון פרעמדע. זיין פרוי אָבער האָט געוואָלט האָבען אַן אייגענע הויז, און זיא האט שטילערהייט אָבגעשפּאָרט פון איהרע הוצאות, אָנגעקליבען א „קניפּעל" און אויסגעפיהרט איהר פּלאַן. דיא גאנצע צייט וואָס דאָס הויז האָט זיך געבויט, האט דער בעש״ט גאָר ניט געוואוסט דערפון. איינמאָל, דערצעהלט מען, איז ער דורכגעגאַנגען מיט זיינע תלמידים דורך יענער גאַס, און מען האט איהם אויסגעזאָגט אז דאס נייע הויז איז זיינס; אז זיין ווייב האט עס אויסגעבויט פאר זיי אויף צו וואוינען, האט ער זיך זעהר געפרייט דערמיט.

ארויספאָהרען פלעגט ער אין יענער צייט זעלטען פון מעזביז. מען דערצעהלט, אז זיין פרוי פלעגט איהם כסדר ציטראָגען דעם חשבון פון איהרע חובות וואס זיא איז שולדיג, פאַר מעהל, פאַר פלייש און אנדערע נייטיגע שטוב־זאכען, און ער פלעגט אַלץ אָבלייגען דיא רייזע, ביז וואנען דער חוב איז געוואָרען זעהר גרויס, אז מען האט שוין מעהר ניט געקענט אָבלייגען. דאַן פלעגט ער ערשט פאָהרען.

איבערהויפּט איז איהם געוועזען אונאַנגענעהם ארומצופאָהרען אין דיא לעצטע צוואַנציג יאהר פון זיין לעבען, ווען ער האט געוואָלט ווירקען אויף'ן פאָלק אלס גייסטיגער פיהרער און לעהרער און ניט אַלס „בעל שם" און „וואונדער־דאָקטאָר". דיא „בעל־שם'עריי" האט איהם זעהר פיעל געשטערט דערצו. דיא רבנים און למדנים פון יענע געגענדען האבען איהם שטענדיג אויפגעוואָרפען זיינע וואונדער און זיינע „קונצען", אין וועלכע זיי האבען ניט געגלויבט. איהם האט זיך געוואָלט ווירקען אויף זיי מיט זיין נייע לעהרע, מיט זיין פילאָזאָפיע. און דאס האט ער אַם בעסטען געקענט טהאָן, זיצענדיג אין דערהיים אין דער סביבה פון זיינע געלעהרנטע תלמידים.

נאָר אין וואס איז בעשטאַנען זיין נייע לעהרע? וואס איז אַזוינס געוועזען זיין „אני מאמין", וועלכער האט זיך דערנאָך ענטוויקעלט צו דער פילאָזאָפיע פון דעם מאדערנעם חסידיזמוס?

צוערשט קומט זיין בעגריף וועגען גאָט. דאס איז ניט געוועזען דער אלגעמיינער אידישער בעגריף, אז „השמים שמים לה' והארץ נתן לבני

אדם", אז גאָט זיצט אויבען אין הימעל און קוקט אראָב אויף דיא מעשים פון דעם מענשען אונטען אויף דער ערד. נאָך זיין בעגריף נאָך איז דיא גאָטהייט דאָ איבעראל; ניטאָ קיין ליידיגער פּלאַץ, וואו זיא געפינט זיך ניט. דיא שכינה רוהט אין דער גאַנצער שעפּפונג, אין אלע וועזענס, אין דער גאַנצער נאַטור.

צו דיזען בעגריף איז ער זיכער געקומען נאָך אין דער יוגענד. זיך ארומטראָגענדיג שטענדיג מיט'ן געדאַנק, אז גאָט איז אימער מיט איהם, אז ער געהט שטענדיג ביי זיין זייט, וויא זיין פאָטער האָט איהם אָנגעזאָגט פאַר'ן טויט; זיך געפינענדיג שפּעטער אַזוי נאָהענט צו דער נאַטור, אימער צווישען דיא בערג, אימער אין דיא פעלדער און דיא וועלדער, האָט ער גאָר אַנדערש ניט געקענט גלויבען נאָר אז דער כח פון גאָט בעלעבט דאָס אַלעס וואָס ער זעהט. זאָל דיזער כח אָבגע־טהאָן ווערן פון דער נאַטור, זאָל גאָט פערלאָזען דיא בערג, דיא בוי־מער און דיא פעלדער, און אַלעס וועט מוזען אָבשטאַרבען, ווערן צו גאָרנישט!

דיזען געדאַנק, וועלכער ווערט אין דער געשיכטע פון פילאָזאָפיע בעצייכענט אלס פּאַנטהעאיזמוס (אַל גאָטטהייט), האָט ער אָם בעס־טען ערקלעהרט מיט פאָלגענדען משל:

„אַ מעכטיגער קעניג האָט אַמאָל אויסגעבויט אַ זעהר גרויסען פּאַ־לאַץ. און אין פּאַלאַץ זיינען געווען הונדערטער חדרים איינע אין דיא אַנדערע, ארומגערינגעלט מיט פיעלע ווענט און מחיצות. נאָר איין טויער איז געווען אָפען; און אַנטקעגען דיזען טויער זיינען געווען מאַסען טהירען, דורך וועלכע מען האָט געקענט אריינקוקען און זעהן וואָס טוט זיך אינוויינינג אין פּאַלאַץ, דיא גאַנצע שיינקייט, דעם גאַנצען פּראַכט פון פּאַלאַץ. און הינטען, אין דעם לעצטען חדר איז געזעסען דער קעניג, וויים, וויים פון דיא צושויער. אז דער פּאַלאַץ איז גע־ווען פאַרטיג, האָט מען געשיקט רופען אַלע מיניסטאָרען און אַלע גרויסע לייט פון דער מדינה אָנצוקוקען דעם שעהנעם בנין און צו בעגריסען דעם קעניג. נאָר ווען זיי זיינען צוגעקומען צום טויער, האָט ער זיך פערשלאָסען און מיט איהם האָבען זיך אויך צוגעמאַכט אַלע טהירען אינעווייניג.

„שטעהען זיי אזוי און וואונדערן זיך וויא געהט מען דאס אריין אין פאלאץ, אז עס זיינען דא אזוי פיעל מחיצות, אזוי פיעל ווענט, אזוי פיעל פערשלאסענע טהירען. מיט אמאל קומט אן דעם קעניג'ס זוהן און זאגט: איהר קענט דאך מיין פאטער, וואס פאר א חכם ער איז. ער האט אייך פשוט פערבלענדעט דיא אויגען. אט דאס אלעס וואס איהר זעהט, דיא ווענט, דיא מחיצות, דיא פערשלאסענע טהי־רען זיינען גאר ניט; זיי זיינען גאר ניטא. דאס דוכט זיך אייך נאר אויס אזוי... אט זיצט ער דארט, מיין פאטער... דער וועג איז ליידיג פאר אייך, געהט!—

„פונקט אזוי איז מיט אלע וועלטען, און מיט אלעס וואס גע־פינט זיך אין זיי. אונז ווייזט זיך אויס, אז זיי זיינען אבגעטהיילט פון איהם, כביכול, נאר אין דער אמת'ן איז ער און זיי אלץ איין זאך; נאר ער האט זיך בעהאלטען, פערשטעלט און ארומ־געצאמט מיט טויזענדער זאכען, כדי זיך צו פערהוילען פון דיא אויגען פון זיינע ברואים, וועלכע זעהען אין יעדער מין מחיצה צווישע זיי און זייער בורא—".

צוויי גרונד־פרינציפען האט דער גרינדער פון חסידיזמוס געזוכט צו בעקעמפפען מיט זיין פילאזאפיע: דיא גזירות, דיא זעלבסטלאזיג־קייט פון דיא דאמאלסדיגע רבנים. דיא קבלה־לייט האבען געפרעדיגט דיא דערווייטערונג פון „עולם הזה", דיא פייניגונג פון'ם גוף, פאסטען תעניתים, זיין טרויעריג און וואס וויינינער הנאה האבען פון דער וועלט. דער „בעל־שם" האט אדרבה געהייסען הנאה האבען פון דער וועלט. דיא „חיי העולם הזה", דאס לעבען אויף דער וועלט,—דאס איז א תכלית, א צוועק אן און פאר זיך. דער מענש וואס לעבט אין פרייד טהוט דערמיט גאט'ס ווילען. דאס איז דיא הויפט אויפגאבע פון דעם מענשען, וועלכער איז נור א רינגעלע פון דער גרויסער, אלגע־מיינער קייט פון דער שעפפונג. עס איז אמת, אז ער איז דער בעס־טער רינג, מחמת ער צייכענט זיך אויס מיט זיין שכל, מיט זיין פער־נונפט; דארום דארף מאקי זיין לעבען האבען א העכערן ציעל. אבער ער איז ניט דער איינציגער וואס דיענט זיין שעפפער.

„אלע, אלע דיענען איהם, כביכול", זאגט ער אין זיין צוואה, „נאך זייער שכל נאך; אפילו דאס ווערעמעל אויך".

„ווער עס בעהויפטעט, אז דיא וועלט האט אין זיך קיין ממשות ניט", זאגט ער ווייטער, „האט א גרויסען טעות. עס איז א גרויסע, א וויכטיגע וועלט פאר דעם וואס ווייס וויא זיך מיט איהר צו בענוצען".

איבערהויפט האט ער זעהר שטארק אגיטירט געגען דיא תעניתים.

„אז א מענש פאסט אפילו פון שבת צו שבת", זאגט ער אין זיין צוואה, „און מיינט, אז ער טהוט דערמיט אויף ווער וויים וואס, ווערט דער תענית ניט אנגענומען. דיא נשמה קען נור דאן ווערן אויסגעלייטערט, ווען דער מענש האט קיין שום פניה ניט און טראכט זיך ביי זיך וואס פאר א בעטרעף האט דער מענש און אלע זיינע מעשים אנטקעגען זיין ליעבען נאמען".—

אין דער צייט פון דעם בעש"ט, דערצעהלט מען, איז געווען א מאן וואס האט זיך געפייניגט דעם קערפער דורך תעניתים און אלערליי אנדערע פייניגונגען, כדי צו קריגען דעם „רוח הקדש", האט דער בעש"ט וועגען איהם געזאגט: „אויבען לאכט מען פון איהם"...

געגען דיא טרוקענע רעליגיאן פון דיא אידישע רבנים האט דער בעש"ט ארויסגעשטעלט א טערמין, וועלכען ער רופט: „עבודה בדבקות", דיענען גאט מיט הארץ, מיט פייער.

דיא רבנים האבען געהאלטען פון לערנען. דאס איז ביי זיי געשטאנען זעהר הויך. לערנען גמרא און פוסקים און אבהיטען פינקט־ליך אלע מצוות — אויף אזא אופן געהט צו דיא גאטעס־דיענסט ביי זיי. געפיהל, כונה—דאס איז ביי זיי א גאר נישט. ווער זשע קען לערנען? געצעהלטע מענשען, למדנים און רבנים. אויף אזא אופן האט זיך אויסגעבילדעט א „הויכע" קלאסע, א רעליגיעזע אריסטא־קראטיע ביי אידען פון איין זייט, און פון דער אנדערער זייט א קלאסע פון „גראבע יונגען", פון „עם הארצים".

נעגען דיעזע אבטהיילונג, געגען דיזען גייסטיגען מאנאפאל וואס דיא רבנים האבען געהאט, איז דער גרינדער פון'ם חסידיזמוס ארויס

מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין טהעטיגקייט און האט פּראַקלאַמירט די „עבודה בדבקות", גאָטעס־דיענסט פון הארצען, מיט כונה.

„די „דבקות", די פערטיעפטקייט איז דאס שטארקע געפיהל, די בייגקענעש פון דער נשמה צו דעם בורא, די אומארמונג פון דער גאנצער נאַטור און די בעהעפטונג אין זיין ליעבען נאָמען—דאס איז דער עיקר אין דעם גייסטיגען לעבען פון׳ם מענשען".

געגען די פּינקטליכקייט פון די דינים און די מצוות, געגען די „חומרות", אויף וועלכע די רבנים האָבען געלייגט אזא גרויסע געוויכט האט ער געזאָגט:

„דער מענש דארף ניט צו שטארק מדקדק זיין אין דעם וואס ער טהוט, מחמת דאס איז אויך פון די תחבולות פון דעם יצר הרע, איהם איבערצושרעקען, ווארפען אויף איהם א מורא. און אפילו ווען ער טהוט, חס ושלום, אן עבירה, דארף ער זיך ניט שטארק מצער זיין נאָר חרטה האָבען אויף דעם וואס ער האָט געטהאָן און זיך געהמען ווידער צו דיענען גאָט פון שמחה"—

די „קבלה" האט געלערנט פיעלע זאכען, וועלכע זיינען פּשוט געווען אונמעגליך צו ערפילען, מחמת זיי זיינען געווען געגען דעם אירדישען לעבען. די מקובלים האָבען געוואָלט, אז דער מענש זאָל זיך וואָס ווייניגער אָבגעבען מיט משא ומתן, מיט מסחר. וויינען איז געווען איינע פון זייערע וויכטיגע מיטלען צו לייטערן די נשמה. „אז איינער קען ניט בעגרייפען וואס עס איז"—לערנט דיזע תורה— „דארף ער תשובה טהאָן מיט אלע כחות, פּערניסען אויף יעדע זאך בימערע טרעהרען און שלאָפען כאָטש איין שעה בייגאכט אויף דער ערד מיט א שטיין צוקאָפּענס."

היינט תעניתים אויף יעדען שריט און טריט. קיין פליייש טאָר מען ניט עסען און קיין וויין ניט טרינקען א גאנצע וואָך; ניט ריידען, ניט לאַכען — נאָר וויינען און קלאָגען.

געגען דעם איז דער גרינדער פון חסידיזמוס ארויס מיט אלע כחות. דער צוזאמענקומען זיך פון מענשען, דער ריידען און דער פערברייגגען פריילאך—דאָס איז געווען איינער פון זיינע הויפּט פּרינציפּען:

„גאָט ברוך הוא‟, פּלעגט ער שטענדיג זאָגען, „וויל מען זאָל איהם דיענען אויף פערשיעדענע ערליי אופנים: אמאָל אזוי און אמאָל אנדערש. דערפאר אז איינער געהט, למשל, און רעדט מיט א מענשען, און דאן קען ער דאָך ניט לערנען; אָדער אז ער איז אין וועג און ער קען ניט דאווענען וויא עס דארף צו זיין, — זאָל ער עס זיך ניט נעהמען צום הארצען; מחמת גאָט ברוך הוא וויל מען זאָל איהם דיענען אויף אלע אופנים: אמאָל אויף דעם אופ'ן און א מאָל אויף אן אנדערן. דערפאר האָט ער געמאכט, אז ער זאָל איצט זיין אין וועג אָדער ריידען מיט א מענשען, כדי ער זאָל איהם קענען דיענען אויף אזא וועג‟.

„וויינען‟, פלעגט דער בעש״ט שטענדיג ווידערהאָלען, „איז זעהר שלעכט, ווייל דער מענש דארף דיענען גאָט פון שמחה. נאָר אויב טרערען קומען פון פרייד, דאן איז עס זעהר גוט!‟

פינפטער קאפיטעל.

זיינע לעצטע יאהרען.

זיין לוסט צו פאהרען קיין פאלעסטינא. — דיא רייזע און דער אונגליק אויפ'ן וועג. — דיא „עלילת דם" אין זאסלאוו און זיין „חלום". — ר' בער מעזריטשער. — זיין גייסטיגער יורש. — זיינע אנהייגער און געגנער. — דיא „פראנקיסטען" און זיין אנטהייל אין קאמפף געגען זיי. — זיין קראנקהייט און טויט — זיינע נאכפאלגער.

אין דיא לעצטע 10, 15 יאהר פון זיין לעבען האט זיך אין דעם בעש"ט ערוועקט א גרויסער חשק צו פאהרען קיין ארץ ישראל. געקומען איז עס דורך דעם וואס אין יענער צייט האבען זיך כמעט אלע קאבאליסטישע גדולים אריבערגעקליבען קיין פאלעסטינא. דאס „הייליגע לאנד" איז געווען דער קוואל, פון וואנען דיא גאנצע קדושה איז ארויס. דאס איז געווען דער מיטעל־פונקט פון דער קאבאליסטישער אויטאריטעט. און דעם גרינדער פון חסידיזמוס האט זיך הפנים געוואלט, אז זיין נייע תורה זאל זיך אויך פערשפרייטען פון דארט. עס וואלט איהם לייכטער געווען אויף דיא עלטערע יאהרען צו ווירקען פון דעם פלאץ, וואו עס האבען זיך געפונען אזוי פיעל קדושים, אזוי פיעל גרויסע און הייליגע מענשען. אויסער דעם האט עס איהם געמוזט ציהען צו דער ערד, וואס האט בעהאלטען אין זיך דיא גרעסטע, דיא הייליגסטע מענשען, דיא זיילען פון יודענטהום; צו דיא שטיינער וואס דערמאנען אן דער אמאליגער אידישער גדולה.

זיין שוואָגער, ר׳ אברהם גרשון, וועלכער האט זיך ענדליך איבערגעבעטען מיט איהם, אַבוואָהל ער האָט נאָך ניט נעהאַלטען פאַלשטענדיג פון זיין שטה, מחמת ער האָט בעלאנגט צו דער אַלטער קבלה־וועלט, איז געווען אין ארץ ישראל. ער האט דאָרט געוואוינט עטליכע יאָהר און איז געקומען צוריק אויף אַ קורצע צייט קיין חוץ־לאָרץ, חתונה צו מאַכען זיינע קינדער. דער בעש״ט האָט איהם ניט אָבגעלאָזען. דער שוואָגער האָט איהם געמוזט דערצעהלען אַלעס, וואָס דאָרט טהוט זיך, וויא אַזוי עס לעבט זיך און פיהלט זיך דאָרט; און יענעמ׳ס מעשה׳לאַך האבען געוואונען זיין הארץ און האָבען בעצויבערט זיין נשמה. עס האט איהם געצויגען, געריסען אַהין, אין דאָס הייליגע לאַנד. נאָר דיא אומשטענדען האָבען ניט געלאָזען. ער האט ניט געקענט איבערלאָזען זיין פרוי און קינדער, וויא זיין שוואָגער האָט געטהאָן. יענער איז געווען אַ מקובל פון דער אַלטער שוהלע. זיך פייניגען, זיין אַ נזיר איז געווען זיין פרינציפ. דער פרינציפ פון דעם בעש״ט איז אבער געווען פונקט דער היפוך דערפון: לעבען אין פרייד־דען און געניסען אַזוי פיעל פון לעבען, וויפיעל עס איז נור מעגליך, דיענענדיג דערמיט דעם בורא. ער האָט אַלזאָ ניט געקענט כאַפּען און פאָהרען.

האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז זיין פרוי איז געשטאָרבען. זיין איין איינציגער זוהן, וויזט אויס, איז דאַן ניט געווען ביי איהם, און ער האָט בעשלאָסען צו פאָהרען מיט זיין טאָכטער און מיט זיין שרייבער קיין ארץ ישראל. מען קען ניט וויסען אויף ריכטיג, וואָס דאָרט איז געשעהן. נאָר אויפ׳ן וועג האָט זיי געטראָפען אַ גרויסער אונגליק. מאַנכע זאָגען, אַז עס איז געווען אַ גרויסער שטורם אויפ׳ן שוואַרצען מעער, און דיא שיף האָט געהאַלטען ביים אונטערגעהן. זיי האבען אַלזאָ פערלאָרען זייער גאַנצען פערמעגען און האָבען זיך ענדליך געמוזט אומקעהרען פון קאָנסטאַנטינאָפּעל צוריק נאָך מעזביז.

אַ שווידערליכע פּאַסירונג האָט אין יענער צייט געטראָפען אַרום מעזביז, וועלכע האָט, וויזט אויס, שטאַרק געווירקט אויף דעם גע־דאַנקען־גאַנג פון דעם בעש״ט.

ניט ווייט פון דער שטאָדט זאסלאוו האט מען געפונען דעם טויטען קערפער פון א קריסט אונטערן שנעע. טויטע אידישע קערפערס פלעגט מען דאן געפינען אין דיא צעהנדליגע; מען פלעגט זיי ערמאָרדען אויף יעדען שריט און טריט און קיינער האט זיך פאר זיי ניט אָנגענומען. נאָר אז מען האט געפונען דעם טויטען קריסט וועלכער האט וואהרשיינליך פערבלאָנדזשעט און איז פערשאָטען געוואָרען פון שנעע, איז געוואָרען א מורא דיגער טומעל. עס איז גלייך געוואָרען דערפון אַן עלילת דם. עס האט זיך שוין געפונען א פויער, וואס האט געזעהן וויא א וואָגען מיט אידען זיינען צוגעפאָהרען צו דער אידישער קרעטשמע און האבען דאָרט געמאכט א „שמחה“. דאס איז געווען נענוג. מן הסתם האבען זיי דאס גע׳הרג׳עט דעם קריסט און אויסגעצאפט דיא בלוט פון זיין קערפער אויף פסח. אומזיסט האבען דיא דארטיגע אידען זיך פערטהיידיגט און ערקלערט, אז דיא „שמחה“ איז געווען דערפאר, ווייל אין דער קרעטשמע איז געווען א ברית. עס האט ניט געהאָלפען, מען האט ארעסטירט 5 אידען און מען האט זיי געמארטערט און געפייניגט, זיי זאָלען זיך מודה זיין. ענדליך האט מען זיי אָלעמען הינגעריכטעט. דיא לעגענדע געהט, אז צוויי אָדער דריי פון זיי האבען זיך פאר׳ן טויט געלאָזט איבעררײדען פון דיא גלחים און האבען זיך געשמד׳ט. זיי האבען געמיינט, אז דערמיט וועלען זיי רעטען זייער לעבען. נאָר אז זיי האבען געזעהן, אז מען פיהרט זיי דאָך צו דער תליה, האבען זיי ביי דער לעצטער מינוט חרטה געהאט און זיינען געשטאָרבען מיט דיא ווערטער: „שמע ישראל“ אויף זייערע ליפען...

דיזע שוידערליכע געשיכטע, הייסט עס, האט געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק אויף דעם גרינדער פון חסידיזמוס. צו יענער צייט נעהערט זיין בעריהמטער „חלום“ וואס ער האט בעשריבען אין א בריעף צו זיין שוואָגער, ווען ער האט געהאט „עלית נשמה“, ווען ער איז ארויף אויפ׳ן הימעל און האט זיך דאָרט געזעהן מיט דער גאנצער פמליא און גערעדט מיט זיי וועגען דיא מורא׳דיגע פאסירונג...

דערווייל האָט זיך דיא צייט גערוקט, און דיא אלטקייט און שוואכקייט האבען דעם גרינדער פון חסידיזמוס דערמאָנט, אז עס איז צייט צו

זארגען פאַר נאָך'ן טויט, צו געפינען אַ מאַן וואס זאָל איבערנעהמען זיין לעהרע און זיא פערשפּרייטען אין אַלע אידישע קרייזען. לאַנג האט ער ניט געדאַרפט זוכען. ער האט געפונען דעם פּאַסענדסטען מאַן אין ר' בער מעזעריטשער, וועלכער האט זיך גערופען דער „מגיד פון מעזעריטש".

ר' בער איז געוועזן זיינער אַ גענגער. אלס אַ שטאַרקער אנהייני־גער פון דער קבלה, האָט ער פערבראַכט יאהרען אין פאַסטען תעניתים און פּייניגען זיין גוף, ביז וואַנען ער איז געוואָרען שטאַרק קראַנק. דעם בעש"ט'ס אַ מקורב האט איהם צוגערעדט צו פאָהרען צו דעם גרויסען וואונדער־מאַן, וועלכער וועט איהם זיכער אויסהיילען. עס וועט אויך ניט שאַדען זיך מיט איהם צו בעקענען. ר' בער האט זיך אין אָנ־פאַנג געלאַזט בעטען; דערנאָך איז ער אריינגעפאָהרען קיין מעזביז, וואו דער בעש"ט האט איהם געדונגען אַ דירה און האט איהם גענומען היילען. זיי פלעגען אויך פערברייננגען שטונדען לאַנג אין ויכוחים, און ענדליך איז ר' בער געווארען אַ פאָלשטענדיגער אנהייננגער פון דעם בעש"ט — זיין רעכטע האנד.

ער האט אַלזאָ שוין געהאַט אַ גייסטיגען יורש, אַ מאַן וואס זאָל פארטזעצען זיין אַרבייט נאָך זיין טויט. אנהענגער האבען אויך ניט געפעהלט. ער האט געהאַט צעהנדליגע תלמידים, וואס האבען ניט געוואלט אָבטרעטען פון זיין הויז, הונדערטער וואס האבען איהם אויפ־געזוכט ביי יעדע געלעגענהייט און טויזענדער וואס האבען געגאַרט איהם צו זעהן און צו הערען זיין תורה. אבער צוזאַמען מיט זיינע אנהענגער האבען זיך גענומען אָברופען געגנער אויך. דאס זיינען, אמת, נאָך ניט געווען אַזעלכע שרעקליכע געגנער, וויא זיין סעקטע האט ארויסגערופען שפּעטער. ער איז מיט זיי פאַרטיג געווארען אויף אַ קורצען אופן. איינמאָל האט מען איהם גערופען פאַר דעם „ועד פון דיא פיער לענדער". דאס איז געוועזן אַ מין קאָמיטע פון פערשיעדענע רבנים, וועלכע האבען געוואָלט וויסען וואס פאַר אַ מענש דער בעש"ט איז. זיי האָבען געהערט זיין גרויסען נאָמען, זיינע מופתים; אַ טהייל האבען אויף איהם געזאָגט, אז ער איז אַן „עם הארץ", האבען זיי איהם געוואָלט פערהערן. איינער פון דיא רבנים ווענדעט

זיך צו איהם און פרעגט איהם א „דין“. עס איז געווען ראש חדש, האט איהם דער רב געפרעגט: וואס איז דער דין, אויב מען פערגעסט זאָגען „יעלה ויבא“? גאַנץ קאַלטבליטיג און מיט א זיסען שמייכעל אויף די ליפּען ענטפערט דער גרינדער פון חסידיזמוס:

— דיזער דין איז ניט נייטיג ניט פאַר אייך און ניט פאַר מיר; מחמת איהר, ווען איהר זאָלט אפילו נאָך אמאָל איבערדאַווענען, וועט איהר א צווייטען מאָל פערגעסען, און איך וועל זיכער דעם ערשטען מאָל אויך ניט פערגעסען...

דאָס איז געוועזי גענוג; מעהר האט מען איהם שוין ניט געפרעגט.

אין די לעצטע עטליכע יאָהרען פאַר זיין טויט האט ער גענו־מען א גרויסען אנטהייל אין דעם קאַמפּף געגען די „פראַנקיסטען“, וועלכע האבען אָנגעטהאָן די פּוילישע אידען גרויסע צרות און האבען אויף זיי געמאַכט איין בלבול נאָך'ן אנדערן. י ע ק ב פ ר א נ ק איז געווען א פּוילישער איד, א נאָכפאָלגער פון דעם „פאַלשען משיח“ שבתי צבי. ער האט געוואָלט אליין שפּיעלען די ראָלע פון א „משיח“. נאָך א שרעקליכע נידערלאַגע אין דער טירקיי, וואו ער האט פערבראַכט א היבשע צייט, איז ער אין 1755 געקומען צוריק קיין פּוילען. דאָרט האבען זיך ארום איהם ארומגעקליבען א קליינע צאָהל אנהענגער און האבען זיך געמאַכט א „קלייזעל“. די פרומע אידען האבען עס ניט געקענט דערלאָזען און האבען גענומען פערפאָלגען די „שבתי צבי'ניקעס“. יענע האבען אויך ניט געשוויגען און ענדליך האט זיך ענטוויקעלט צווי־שען זיי א ביטערער קאַמפּף. די „פראַנקיסטען“ האבען זיך צוגעשאַרט צו די קאַטוילישע גלחים, וועלכע האבען זיך אָנגענומען פאַר זיי. מען האט גענומען פערפאָלגען די אידישע רעליגיאָן און פערברענען די אידישע ספרים. דער סוף איז געווען, אז די אידען האבען געזיעגט, און פראַנק מיט זיינע אנהענגער האבען געמוזט אריבערגעהן צום קריס־טענטהום.

דיעזער קאַמפּף, אין וועלכען דער בעש"ט האט אריינגעלייגט אלע כחות, האט איהם געקאָסט געזונד. ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט אויף די רבנים פאַר זייער שטרענגקייט, דורך וועלכער זיי האבען אריינ־געטריבען די „פראַנקיסטען“ אין די אָרעמס פון קריסטענטהום.

דאס האט איהם ענדליך אזוי צוגעדריקט, אז ער האט זיך אנידערגעלייגט אין בעט א קראנקער און איז שוין מעהר ניט אויפגעשטאנען...

זיין טויט, דערצעהלט מען, איז געוועזן זעהר ריהרענד. וואכען לאנג האבען זיינע טרייע תּלמידים ניט אבגעטראטען פון זיין בעט. ער האט ניט געקענט צוזעהן זייער צער. „פאר מיר," פלעגט ער כסדר זאגען, „דאגה איך ניט; מחמת איך וועל ארויסגעהן פון דער טהיר און גלייך אריינגעהן אין אן אנדערער."

עס איז געוועזן דעם ערשטען טאג שבועות 1760. נאכמיטאג האבען זיך פערזאמעלט אין זיין הויז דיא נכבדים פון דער שטאדט. א קורצע ווילע האט ער פערבראכט מיט זיי, זאגענדיג תּורה. מיט א מאל איז ער געבליעבען ליגען אהן כחות... צוויי זיינערס, דערצעהלט דיא לעגענדע, זיינען געוועזן אין שטוב. און „אזביידע זייגערס וועלען זיך אבשטעלען", האט דער קראנקער געזאגט, „דאן וועל איך מעהר ניט זיין צווישען אייך..."

און כך הוה. דיא זייגערס זיינען געבליעבען שטיל און מיט זיי אויך דאס הארץ פון דעם גוסס...

* * *

וואס מען זאל זיך ניט דיינקען וועגען זיין לעהרע, וועגען דיא בבא מעשיות, דיא לעגענדען וואס וויקלען ארום זיין לעבען און זיין טהעטיגקייט — איין זאך איז זיכער, אז ר' ישראל בעל שם טוב איז געוועזן א ריינע פערזאן מיט אן עהרליכע, אויפריכטיגע נאטור. דיא ריכטונג, וועלכע ער האט אריינגעבראכט אין יודענטהום, איז אהן צווייפעל געוועזן א פארטשריט. זיא האט אריינגעבלאזען לעבען אין דיא טרוקענע אידישעביינער; זיא האט זאפטיג געמאכט דיא פער־טריקענטע, איינגעדארטע אידישע נשמות. יעדעם ווארט זיינס הויכט מיט לעבען, מיט פייער, מיט הארץ. יעדענפאלס האט ער געמיינט גוט. וואס איז ער שולדיג, אז א גרויסער טהייל פון זיינע פערטרע־טער האבען דערנאך פערקריפעלט זיינע לעהרען און האבען זיין תּורה געמאכט פאר א מיטעל אויסצוליידיגען דיא קעשענעס פון דעם פאלק?

ער האט געהאט דעם שיקזאל פון אלע רעפארמער. פון אלע רעליגיאנס־גרינדער, וועמעס לעהרען ווערן דאס רוב צודרעהט און

פערטייטשט אזוי, אז זיי וואָלטען זיי פּאָזיטיוו אליין ניט געקענט דערקענען. און מען דערצעהלט, אז דער גרינדער פון חסידיזמוס האָט עס געזעהן בנבואה נאָך ביי זיין לעבען... עס איז געווען א נאָכמיטאָג אין פריהלינג. דער בעש״ט איז געגאַנגען שפּאַצירען מיט זיינע תלמידים. אין מיטעי וועג איז אָנגעקומען דיא צייט פון מנחה, האָבען זיי זיך געשטעלט אונטער א בוים דאַוונען. מיט אמאָל האָט ער אויפגעהויבען דיא אויגען צום בוים און האט זיך פערטראַכט. דיא געבורט פון דער נאַטור האט איהם וואהרשיינליך ארויפגעפיהרט צו דיינקעז וועגען דיא ענטוויקלונג פון זיין ריכטונג, פון זיין פהילאָזאָפיע. און ער האט הפנים געמוזט אריינקוקען וויט, וויט אין דער צוקונפט; ווייל זיך אומקוקענדיג צו זיינע תלמידים, האט זיך ארויסגעריסען א טיעפער זיפץ פון זיין הארצען, און ער האט געזאָגט:

— איך וויים, אז וויפיעל בלעטער אָט דער בוים האָט, אזוי פיעל „צדיקים״ וועלען אויפשטעהן נאָך מיר, מיט זייערע שיטות, מיט זייערע ריכטונגען; און יעדער איינער וועט מיינען, אז ער געהט אין מיין וועג...

אָרעמער מענש! ער האט געזעהן עטוואס, אָבער זיכער ניט אלעס. ער וואָלט ניט געקענט שטאַרבען אזוי רוהיג, אזוי צופריעדען, ווען ער וואָלט געוואוסט וואס פון דעם חסידיזמוס וועט ווערן אין דער ווירקליכקייט...

אין דיזער ביאָגראַפיע האָב איך זיך בענוצט מיט אברהם כהנא, „ר׳ ישראל בעל שם טוב״; פּראָפ. גרעטץ, „געשיכטע דער יודען״; „מעשה צדיקים״; „דברי צדיקים״; „סדר הדורות החדש״; „שבחי בעש״ט״ און אנדערע קוועלען.

א. פ.